STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02807

SHRIFTEN

Hersh David Nomberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. ד. נאָמבערג.

שריפטען.

ערשטער באנד

צווישען טאטע און מאמע. – דאס שפיעל און ליעבע. – און א פוילישע ישובה. – פליעגעלמאן. – דער רב און דעם רב'ס זוהן.

פערלאג „ביכער־פאר־אלע“, ווארשע, דלוגע 11.

ווארשע. — תרס"ח.

דרוק פון „האור“, דלוגע 11.

СОЧИНЕНІЯ

Г. Д. Наумберга.

Томъ первый.

Изданіе „Бихеръ-фаръ-алэ“, Долгая 11.

Типографія М. Кринскаго, Варшава, Долгая 11.

1908.

צווישען טאַטע־מאַמע.

I.

יצחק, אַ יינגעל פֿון עלף יאָהר, האָט געהאַלטען אין מיטען זאָגען דעם שיעור. ער האָט זיך אַ סך מאָל פֿערהאַקט, און איהם איז אַ חידוש געווען, פֿאַרוואָס דער רבי בייזערט זיך נישט און העלפֿט איהם אַלץ אונטער. דעם רבי'נס קול, אַז ער האָט גערעדט צו איהם, איז געווען ווייך, גאָרנישט ווי געוועהנליך. נאָך מעהר פֿערוואונדערט האָט איהם, וואָס די בייזע רבי'צין, געהענדיג אַריין און אַרויס פֿון דער שטוב, האָט זיך יעדעס מאָל אָבגעשטעלט, געקוקט אויף איהם און געזיפֿצט:

— ער איז שוין מיעד, נעבעך, — האָט זי געזאָגט.

דער רבי האָט אויף דעם געענטפֿערט יצחק'ן:

— זעה צו קענען דעם שיעור, דו פֿאָהרסט היינט קיין וואַרשע, דער טאַטע וועט דיך פֿערהערען...

און ביי דעם וואָרט „טאַטע״ גיעט דעם קינדס האַרץ אַ פֿעסטען קלאַפּ. ווייל זייט די מאַמע האָט זיך געגט מיט'ן טאַטען, האָט ער דאָס דאָזיגע וואָרט נאָך נישט אַרויסגערעדט; דערפֿאַר אָבער ביי די לעצטע ווערטער „פֿאָהרען קיין וואַרשע״ ווערט איהם פֿרעהליכער אויפֿ'ן האַרצען. ער פֿיהלט זיך אָנגעטהון אין שבת'דיגען פֿאַלטאָנדעל, ריין און פֿריש; עס שטעלען זיך איהם פֿאָר אַ בעל עגלה, פֿעלדער און וועלדער; דערנאָך ערשט די באַהן; עס פֿייפֿט און מע' פֿאָהרט...

ער האָט דערווייל פֿערגעסען, וואו ער האַלט, דער רבי ווייזט איהם און טרייבט איהם:

— זײַ נִישׁט פֿערקנײַטשט, יִצחק, אִין וואַרשע זעֶנען דאָ גוטע מלַמְדִים, גוטע... און דער טאַטע וועט אַיִיף דִיר אַלטונג געֶבען, נו זאָג...

נאָר דעם קִינד זאָגט זִיך נִישׁט. דאָס האַרץ קלעֶמט עֶפּעֶס, און דִי שׂינַאַ פֿון דער זון, וואָס לִיעגט אויף אַ האַלבע גמרא, רופֿט אויף דער גאַס אַרויס.

דער זײַגער ווײַזט אַ פֿערטעל אויף צעֶהן. אָנבײַסען געהט מען נאָך צעֶהן, און דער ווײַזער שלעֶפּט זִיך גאָר פּאַמעלעך.

— דִי מאַמע האָט מִיך געֶהײסען פֿרִיה אַ היימקומען — שטאַמעלט דאָס קִינד אַרויס אַ לִיגען.

דִי מאַמע האָט אִיהם, אײגענטלִיך, גאָרנִישׁט געֶזאָגט. אִין דער פֿרִיה, זײגער אַכט, אַז ער האָט זִיך אויפֿגעֶהויבען און האָט דערזעֶהן אִין קִיך אַן אַלטע יִידענע האַקט פֿיש, האָט ער זִיך פֿערוואונדערט, און געֶפֿרעֶגט, וואָס דאָס אִיז; דִי יִידִינע האָט אִיהם אָנגעֶקוקט עֶפּעֶס קרום, דערנאָך גערעֶדט מִיט דער מאַמען עֶפּעֶס אויף פּויליש, כּדי ער זאָל נִישׁט פֿערשטעֶהן; דִי מאַמע האָט באַלד געֶשִׁיקט דִי דִינסט צו מעֶנדיל סוחר פֿרעֶגען, ווען ער פֿאָהרט, און אַז דִי דִינסט האָט געֶבראַכט דעם עֶנטפֿער, אַז ער פֿאָהרט אַרויס צו דער פִֿינפֿער באַהן, האָט דִי מאַמע צו אִיהם געֶזאָגט:

— ס'אִיז נאָך צײַט; געֶה אִין חדר.

ער אִיז אַוועקגעֶגאַנגען זעהר טרויעֶרִיג. ער האָט זִיך משער געֶוועֶן, אַז דִי מאַמע האָט חתונה, נאָר געֶוואוסט אויף זִיכער האָט ער נִישׁט. אַ גאַנצע צײַט זִיצט ער דעֶרִיבּער אויפֿגערעֶגט און אומרוהִיג, און דִי שָׁעה'ן אִין חדר שלעֶפּען זִיך גאָר אָהן אַן־אויפֿהער. דער רבּי גלויבּט אִיהם, ער הײסט אִיהם נאָר זאָגען בִּיז צו'ם ענין... יִצחק נעֶהמט צוזאַמען דִי גאַנצע עֶנערגיע, שטרעֶנגט אָן דעם קאָפּ, עֶס געֶלִינגט אִיהם, ער פֿערטהוט זִיך און פֿערגעֶסט זִיך אִין דער גמרא און אִיז צופֿרִיעדען. נאָר דער רבּי האַקט אִיהם אִיבּער אינמִיטען:

— יצחק, זאָלסט זאָגען דער מאַמען, זי זאָל מיר בעצאָהלען פאַר'ן חודש; וויפיעל מאָג האָבען מיר אין חודש? חנה, וויז דעם לוח.

די רבי'צין געהט צו צו'ם טיש, רוקט אַוועק דאָס טיכעל פון איבער די אויגען און זאָגט בעז:

— זעהסט דו! חוה'טשע: ווער ס'קען זי נישט?! זי לויפט דיר שוין בעצאָהלען! נאַ דיר, האָרעוועָ מיט די שקצים בחנם! בחנם ברויך מען נאָך מיט זיי צו לערנען! אַ נייע זיידען חופה-קלייד ברויך זי צו דער חתונה! זי לויפט דיר שוין בעצאָהלען ...— זי רעדט און שעלט נאָך אַ סך, און וואַרפט מיט די הענד, אַ שטייגער, ווי זי וואָלט די קללות אַרויסשיטען פון פאַרטוך אַרויס אויף יצחק'ס קאָפּ. יצחק זיצט זעהר אונרוהיג: די מאַמע'ס חתונה, דאָס פּאָה-רען צו'ם טאַטען, די רבי'צין און איהר זידלען די מאַמע, האָבען אין איהם דערוועקט אַ פערמישונג פון פערשיעדענע געפיהלען, און ער וואָלט גערן, זעהר גערן, שוין אַרויס פון חדר. ער זיצט שוין מיט איין פוס איבער דער באַנק און קוקט אויפ'ן רבי'ן מיט אַ פראַגע און מיט אַ געבעט, נאָר דער רבי וויל פטור ווערען פון דער רבי'צין, און הייסט איהם ווייטער זאָגען ביז צו'ם ענין.

יצחק מאַטערט זיך ווידער צו פערשטעהן דעם ענין, אַריינ-טהון זיך, נאָר דער מוח פאָלגט נישט און דאָס האַרץ זיינס הויבט אָן נאָר פעסט צו קלאַפען, ער פערוויינט זיך פּלוצלונג, אויפ'ן קול.

די יינגלעך קוקען זיך אָן איינער דעם אַנדערען פערוואונ-דערט, אין שטוב ווערט שטיל, עס הערט זיך דער „טיק-טאַק" פון זייגער, די רבי'צין האָט זיך אָבגעשטעלט אין מיטען אַ קללה.

— וויין נישט יצחק,— זאָגט דער רבי,— וויין נישט, אין וואַרשע זענען דאָ גוטע מלמדים, וועסט דיך אָרענטליך אויפפיהרען ... נו נעה, געדענק צו זאָגען דער מאַמען, ס'קומט מיר פאַר אַ חודש ...

די רבי'צין מורמעלט עפּעס נאָך שטיל, נאָר יצחק הערט

נִישט, און לױפט שנעל גרױס פון דער טהיר, ווישענדיג מיט׳ן ארבעל די אויגען.

אין דרויסען איז אַ שענער זומער־מאָרגען, די פיס דערהױבען זיך צו לויפען, און דאָס פולע הארץ וויל לויז ווערען פון אַ משׂא.

ער דערזעהט פון וויַטען שמואל׳קען, אַ דרײַצעהן יאָהריגער בית־המדרש־לאָבּוס, ער לויפט איהם נאָך און שרייַט מיט׳ן גאַנ־צען כח:

— שמואל׳קע, שמואל׳קע! ווייסט — מיין מאַמע האָט חתונה!

נאָר ער דערשרעקט זיך פאַר זײַנע אײגענע ווערטער און שעמט זיך. שמואל׳קע פרעגט זיך, צי מען באַקט לעקיך, יצחק ענטפערט, אַז ער ווייסט נישט, און שמואל׳קע זאָגט מיט אַ זי־בער קול:

— מען באַקט, אוודאַי באַקט מען! ברענג, יצחק, וואַרט, איך וועל דיר שוין עפּעס געבען!

— איך פאָהר קײן וואַרשע, ענטפערט יצחק מיט אַביסעל גאוה. ער וויל שוין פּטור ווערען פון שמואל׳קען און לויפען אַהײם, נאָר שמואל׳קע לאָזט איהם נישט.

— לאָמיך געמאַכט, — זאָגט יצחק, — ער מײנט, כ׳בין אַ גנב, פונקט אַזוי ווי ער!

שמואל׳קע גיט איהם אַ קאָפּע מיט׳ן פוס און ענטלויפט.

אונטערהינקענדיג אויף אַ פוס קומט דאָס קינד אַהײם.

II.

אין דער קיך טראָגט זיך אַ ריח פון פערשיעדענע שבת'דיגע מאכלים, אויפ'ן קוימען שטעהען גרויסע טעפּ, אויף דער פאַן פיש הויבען זיך גרויסע בלאָזען, דאָס פייער קנאַקט.

די מאַמע אָנגעטהון אין וואָכענעם קלייד, אין שבת'דיגען פאַריק און אין אַ נייער ווייסער שירץ, שטעהט ביי דער טהיר און רעדט מיט דער יידענע וועגען עפּעל, דערזעהענדיג יצחק'ן, פרעגט זי:

— וואָס עפּעס אַזוי פריה?

יצחק דערמאַנט זיך, אַז ער האָט ליגען געזאָגט, און ווייסט נישט, וואָס צו ענטפערען. צוגעהן און קושען דער מאַמעס האַנד און זאָגען „גוט מאָרגען" קאָן ער עפּעס נישט. די יידענע קוקט אויף איהם און רעדט צו דער מאַמען עפּעס אויף פויליש, די מאַמע ענטפערט, ביידע קוקען אויף איהם, די יידענע פערקרימט איהר געריגצעלט פּנים, און יצחק ווייסט נישט, צי זי וויל שמייכלען, אָדער עפּעס אַנדערש טהון. ער שטעהט אַלץ נאָך אויף איין אָרט און האָט זיך מורא צו צורירהען צו עפּעס, אַ שטייגער, ווי ער וואָלט זיך געפינען ביי'ם פעטער ירוחם אין דער גרויסער סאַרע, וואו אַלץ איז שען און רייך, און דאָך קען ער קיין טריט נישט מאַכען אָהן דעם פעטערס ווינגלעך.

דאָס אָנבייסען, אַ פּראָסט וואָכענדיג אָנבייסען, עסט ער אין דער אַנדערער שטוב און איז זעהר אונרוהיג, ער לאָזט קיין איינ נישט אַראָב פון דער טהיר און האָט מורא, די מאַמע זאָל נישט אַריינקומען אין מיטען עסען: ער וועט פונקט האָבען אַ פּול בייי

און וועט איהר נישט קענען ענטפערען; . ער מאַכט דעריבער קליינע ביסען. עפּעס איז דאָס אָנבייסען קיין אָנבייסען נישט, די שטוב קיין שטוב נישט, און די מאַמע קיין מאַמע נישט!

די מאַמע קומט אַריין, און יצחק'ן ווערט דער אָטהעם פערהאַלטען. די מאַמע גערהט=צו, זעצט זיך אַנידער און וואַלגעט קליידער נעבען איהם אויף אַ בענקיל. יצחק ווערט צומישט, פאַר די אויגען שווינדעלט איהם, און די זעמעל 'פאַלט איהם אַרויס פון דער האַנד; ער וויל זי חאַפּען, נאָר ער גיט זיך עפּעס אַ מאָרנעם ריהר און קעהרט אום דאָס בענקעל; ער אַליין פאַלט אויך, אַביסעל אונגערן, אַביסעל גערן, ווייליג, ווייל ער פיהלט, אַז צו בלייבען שטעהן אויף איין אָרט טויג עפּעס נישט פאַר איהם.

די מאַמע שרייט:

— דו ווילדע בריה! ער ווייסט דען, וואָס מיט איהם טהוט זיך!

יצחק הויבט אויף דאָס בענקיל און טראַכט, אַז די מאַמע איז גערעכט: ער ווייסט טאַקי נישט, וואָס מיט איהם טהוט זיך, נאָר דאָס איז ער נישט שולדיג, נאָר די מאַמע אַליין: צו וואָס האָט זי דען חתונה?

—אין אמת אַריין—פילאָזאָפירט ער, בלייבענדיג אַליין אין שטוב— צו וואָס טויג דאָס דער מאַמען חתונה האָבען און אָנמאַכען אַזאַ פערמישונג? ער דערמאָהנט זיך, אַז אין דער לעצטער צייט האָט זיך די מאַמע געקלאָגט פאַר'ן פעטער ירוחם אויף פרנסה, אַז דאָס נוי'שע געוועלב האָט צונעמען דאָס גאַנצע לייזעכטץ, און דער פעטער ירוחם האָט זעהר שווער אָבגעזיפצט און געזאָגט: „ס'איז ביטערע צייטען, גאָט זאָל זיך דערבאַרמען", און יצחק איז זיך יעצט משער, אַז די מאַמע האָט חתונה, כדי צו האָבען פרנסה. אַ וואונדער איז אַפילו, ווי אַזוי פון דער חתונה וועט אַרויסקומען פרנסה, און די צייט וועט שוין נישט זיין ביטער—נאָר אַז נישט, וואָלט דאָך די מאַמע נישט חתונה געהאַט, צו וואָס?

די מאַמע קומט ווידער אַריין פון קיך מיט אַ פּלאַטע פיש אין ביידע הענד, און יצחק פיהלט עפּעס אַנ׳אַרט רחמנות אויף דער מוטער, וואָס דאָס גוי׳שע געוועלב נעהמט איהר צו דאָס גאַנצע לייזעלטע, וואָס זי האָט אַזעלכע ביטערע צייטען און מוז חתונה האָבען... און די אויגען שטעלען זיך איהם טרעהרען.

די מאַמע זעצט זיך און רופט איהם צו:

— יצחק!

דער מאַמעס קול איז, ווי אַלץ אַרום, גאָרנישט ווי אַלע מאָל, עס קלינגט אין דעם קינדס אויערען פרעמד, ווי אַ ווידער־קול. יצחק מאַכט זיך צו׳ם ערשטען מאָל נישט הערענדיג און חאַפּט פליגען אויף דער שויב.

— יצחק! די מאַמע רופט איהם, און ער שטעט! וואָס איז דאָס? — זאָגט די מאַמע מיט פאַרוואורף.

יצחק געהט צו, שטעלט זיך אַניעדער און ווייסט נישט, וואָס ער האָט צו טהון מיט די הענד זיינע: וואו מען האַלט זיי.

— דו ווייסט, וואוהין דו פאָהרסט?

יצחק ענטפערט נישט.

— איך פרעג דאָך דיר! פאַרוואָס ענטפערסט דו נישט? ווייסט וואוהין דו פאָהרסט.

יצחק לאָזט טיעפער אַראָב די אויגען. די מוטער ווערט בייז:

— איך פרעג דאָך דיר, שקץ! האָסט דו געזעהן! פאַר וואָס ענטפערסט דו נישט?!

יצחק פערווייגט זיך ווידער, די מאַמע געהט בייז אַרויס פון שטוב מיט אַ שטילען, צאָרניגען: „וואַרט!"

יצחק בלייבט אַליין און האָט נישט וואָס צו טהון. פליעגען איז ווי אויף צו להכעיס נישט דאָ קיין איינע אויף די שויבען, אין קיך האָט ער מורא אַריין צו געהן, די לעצטע שטוב, וואו די בעטען שטעהען, איז פערמאַכט, די מאַמע האָט נישט געהייסען

דארט ארײַנגעהן, און ער פֿיהלט זיך פֿערשפּארט פֿון אלע זײַטען. — װען װעט שױן מענדיל סוחר קומען?

ער נעהמט אלײן ארױס דאס נײַע פּאַרטאָנדעל, טהוט עס אָן, געהט — צו צו'ם שפּיעגעל, ער פֿערקרימט דאס פּנים און זאָגט, טײַטענדיג מיט'ן פֿינגער אין שפּיעגעל ארײַן:

— דו װילדע בריה! דו װילדע בריה! ער װײסט דען, װאס מיט איהם טהוט זיך! כ'האב דיר באלד געזאָגט, מע—ע!

די דיענסט, א מעדעל א גיכּס, װאס קאן זינגען גאר שײנע ליעדלעך, געהט דורך. יצחק װאָלט זי געבעטען, זי זאָל איהם זינגען א ליעדעל, נאר זי אײַלט זיך. דאס מעדעל, דורכגעהענדיג, דערזעהט אויפ'ן נײַ-אויסגעפּוצטען שפּיעגעל פּרעקען פֿון יצחק'ס פֿינגער, זי גיט איהם א שלײַדער און זאָגט:

— צו אלדע שװארץ יאָהר! װען װעט מען שױן דײַנער פּטור װערען!

יצחק װערט בײז און ענטפֿערט:

— דו שיקסע דו! זי מײנט, איך װײס נישט, אז...

נאר ער װײסט, אײגענטליך, נישט, װאס אזױנס די דיענסט האט געטהון, מיט װאס מען זאָל זי קאָנען זידלען, און קוקט נאר צאָרניג אויף איהר.

די דיענסט גיט איהם נאך אמאָל א שטופּ, יצחק לױפֿט צו, חאפּט איהר האנד צװישען זײַנע צײהן און בײַסט לאנג און פֿעסט. די דיענסט שרײַט, אין שטוב װערט א גערודער, די מאמע קומט ארײַן, די יידענע שטעהט בײַ דער טהיר מיט א האלב אנגעהױבע-נעם מעהר אין דער האנד.

די מאמע זאָגט שטיל, נאר מיט צאָרן:

— אז מען זאָל אזעלכע קינדער נישט קענען, רבונו של עולם!

און דער „רבונו של עולם" לעגט זיך אויפ'ן קינדס הארץ שװער װי א שטײן, ער װערט טרױריג און זעצט זיך שטיל בײַ'ן טיש.

III.

פון דער קיך דערהערט זיך אפעסטער עפען די טהיר, און מענדיל סוחר'ס ברייט קול צערעגט זיך אין ביידע שטובען:

— נו וואו איז ער? גיכער!

— דא! חאפט זיך יצחק אויף פון ארט, און וויל עפעס טהון.

נאר קיינער הערט איהם נישט, מענדיל סוחר איילט זיך זעהר, די מאמע רופט איהם אוועק אין א זייט און רעדט צו איהם שטיל. מענדיל שאקעלט איילענדיג צו מיט'ן קאפ אויף „יא", און זיין שווארצע בארד קנייטשט זיך אויף זיין ברוסט ביי יעדען שאקעל.

„פונקט אזוי ווי דער טאטע",— טראכט יצחק, „נאר אין טאטענס בארד איז דא אסך גרויע האר".

די „מאמע דערלאנגט מענדלען א קליין פעקעל וועש, יצחק'ן רעגט זי אין ביידע קעשענעס אריין צוויי שטיקלעך לעקיך און זי בייגט זיך איין איהם צו קושען... יצחק'ן געהט־דורך דורכ'ן גוף א שוידער, ביי'ם הארץ האט זיך עפעס אקעהר געגעבען, ער חאפט פעסט ביידע הענד צוריק צו זיך, ווי צום שיצען זיך פאר עפעס; די מאמע קוקט אויף איהם בייז, א שלעכטקייט שפראצט פון איהרע אויגען...

— נו, פאהר געזונדערהייד...

ביי יצחק'ן גיט זיך ווידער עפעס א קעהר ביי'ם הארץ, ער לויפט־צו צו דער מאמעס האנד, מאכט צו די אויגען און קושט לאנג און מיט'ן גאנצען כח.

— בלייב געזונד, מאמישי!

ביי דער טהיר וויל ער זיך נאָך אַמאָל אויסדרעהען און וואַרפען אַ בליק אויף דער מאַטען, נאָר ער האָט מורא. דערזעהענדיג דעם בעל=עגלה אויף דער גאַס, זיפצט ער אָב, און עטהעמט איין אַ פולע ברוסט.

אין מיטען אויפזועצען זיך האָט שוין דער בעל=עגלה אַ שמיץ געגעבען דאָס פערד, און די הייזער האָבען זיך אָנגעהויבען צורוקען. יצחק, וואָס זיצט נעבען מענדיל סוחר מיט'ן פנים צו'ם פערד, קעהרט זיך נאָך אַמאָל אום, דערזעהט חיים שמש געהט אַריין אין זייער הויז, און איז זיך משער צו וואָס באַלד ענדיגט זיך די גאַס, און עס הויבט זיך אָן דער שאָסיי; די פעלדער מיט די קורצע, אָבגעשניטענע שטרויען דרעהען זיך, און דער בית=עלמין רוקט זיך אַלץ צו נעהנטער.

יצחק זוכט מיט'ן אויג און וויל געפינען דאָס אָרט, וואו זיין יונג ברודעריל, חיים, ליעגט, אָנגעטהון אין ווייסע תכריכים צוגעשאָטען מיט ערד. זוכענדיג, שטעלען זיך איהם פאָר גאַנצע שורות בערגליך ערד, און אויפ'ן האַרץ לעגט זיך אַ שטילער טרויער. די אויגען פאַלען איהם צו, און מוח וועבט זיך אויס ביסלעכווייז אַ בילד: אויף אַ ווייט, ברייט פעלד ליגען אויסגעסדר'ט מענשען, ש״ענגעסווייז ליגען זיי אויף דער ערד, ווי סאָלדאַטען רוהיג; זיי האַלטען די הענד ביי די פיס גלייך „סמירנאָפ״; ער, יצחק, איז אַנ'אָפיציער, און שרייט הויך—הויך אויפ'ן קול, אַלע הענד דערהויבען זיך, אַרום און זעהט מען נאָר אויסגעשטעלטע הענד, וואָס שטעהען גלייך ווי אַ ליניע... דערנאָך קומט אַ גוי'ע מיט אַ קאָסע און שניידט און מאַכט בינדליך. עפענדיג די אויגען, דערזעהט ער זיינע הענד און האָט הנאה צו קוקען אויף זיי. דער בית=עלמין ליגט שוין הינטער איהם, דער שאָסיי ציהט זיך גלייך, באַפלאַנצט פון ביידע זייטען מיט בוימער, איבער'ן הימעל ציהען זיך שטיקער וואָלקען, און איבער'ן שאָסיי לויפט אַלע ווייַלע אַריבער דער שאָטען, און ער לויפט אַ סך גיכער, ווי דער וואָגען, האָטש

דער בעל-עגלה אײַלט צו דער באַהן, און אַלע האָבען מורא, מען זאָל נישט פערשפּעטיגען.

די באַהן געהט אַוועק פון דער סטאַציע אום פינף; פאַר יצחק'ן האָט מענדיל סוחר נאָר אַ האַלבען בילעט גענומען, און אָנגעזאָגט איהם, אַז ער זאָל זאָגען דעם קאָנדוקטאָר „אָשיעם ליאָט" און זאָל זיך מאַכען קליין; ער זיצט אין וואַגאָן אין ווינקעלע און שרעקט זיך זעהר.

עס הויבט אָן טונקעל צו ווערען, זײַנע האַלב-פערמאַכטע אויגען זעהען נאָר אַרויך, וואָס טראָגט זיך אין דער לופט פון וואַגאָן און קעהרט זיך אין אַלע זײַטען פערלאָזט און עלענד, אַ שטײַנער ווי ער וואָלט קײַן טאַטע-מאַמע נישט געהאַט. פון רויך קוקט נאָר אַרויס אין אַ זײַט דאָס פּעקיל וועש, מענדיל'ס רײַזע-קעסטיל. דער וואַגאָן קלאַפּט, און פון געשפּרעך דערהערט יצחק נאָר אָבגעהאַקטע ווערטער. עפּעס אַ ייד פרעגט „ווער איז דאָס יינגעל?" און טײַט מיט'ן פינגער, יצחק האָט מורא צו הערען דעם ענטפער, און רוקט זיך פּעסטער-צו צו דער וואַנד, עס הערט זיך אַ זיפץ, עפּעס אַ קול קרעכצט און זאָגט: „ביטערע צײַטען". מען רעדט וועגען „באַנקראָטען". יצחק פערשטעהט נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס, נאָר משער איז ער זיך, אַז דאָס מוז זײַן עפּעס גאָר-גאָר שרעקליכעס, וואָס טרעפט זיך נאָר אין ביטערע צײַטען. אַנ'אַנדער קול קרעכצט אויך און זאָגט. אַז ס'מוז זײַן משיח'ס צײַטען, אַז קאָן פרנסה איז נישטאָ, נישטאָ... נײַע גזרות קומען אויף... און יצחק'ן ווערט זעהר, זעהר טרויריג אויף דער נשמה. עס שטעלט זיך איהם פאָר, אַז די ביטערע צײַטען וועלען לאַנג דויערען, אַלע געוועלבער וועלען ווערען לעדיג, אַלע יינגליך וועלען געהן אָהן קאַפּאָטלעך, אַלע מיידליך—באָרפוס, אָהן שיך, און וועלען שרײַען: „עס הונגערט מיך", און די מאַמעס און די טאַטעס וועלען זיפצען: „ס'איז נישטאָ קײַן פרנסה, גאָט זאָל זיך דערבאַרמען".

ער עפענט אויף די אויגען און קוקט זיך אום, די אַלע פּנים'ער

אַרום זעהען איהם אוים זעהר פֿערביטערט, און איהם ווערט אַ רחמנות אויף אַלע, אויף מענדיל סוחר אויך. ער איז איהם יעצט שוין מוחל, וואָס ער האָט פֿאַר איהם גענומען נאָר אַ האַלבען בילעט און פֿאַר זיך — אַ גאַנצען.

דער צוג שטעלט זיך, מען געהט אַריין און אַרוים פֿון וואַגאָן, מען שלעפּט פּעקלעך, עפּעס אַ קול פֿרעגט הויך:

— אַ! וואָס מאַכט מען, העניך?

— געלויבט השם יתברך! ענטפֿערט אַן׳אַנדער קול.

— האָסט פּרנסה? ווי געהט עס דיר?

— נישט קשה, געלויבט השם יתברך!

און די פּאָר בלאָהע אויגען יצחק׳ס קוקען אויף דעם ייד מיט ליעבשאַפֿט, וואָלט ער זיך נישט געשעמט, וואָלט ער דעם ייד געזאָגט: „איהר זייט אַ גוטער ייד, ר׳ ייד; איהר האָט פּרנסה, געלויבט השם יתברך, געלויבט השם יתברך"...

דער צוג האָט ווייטער גערירט, און יצחק איז צוגעגאַנגען צו׳ם פֿענסטער׳ל און גענומען אַרויסקוקען. עס האָט אָנגעהויבען אַלץ טונקלער צו ווערען, און אין דער טונקעלהייט האָבען זיך ביסלעכווייז פֿערלאָרען די געשטאַלטען פֿון די בוימער און פֿון די פֿעלדער; די טעלעגראַף־דראָטען האָט מען שוין נישט אַרויסגעזעהן. נאָר די סלופּעס זענען אַוועקגעשפּרונגען איינער נאָכ׳ן אַנדער׳ן און האָבען זיך בעהאַלטען. איבער׳ן הימעל האָבען זיך געשלעפּט נאָך אַ ביסעל רויטליכע וואָלקען, פֿון דער ווייטען האָט צייטענווייז אַ פֿינקעל געגעבען אַ פֿייער, עס האָט געציטערט און געשפּרונגען, און וואָס פֿינסטערער עס איז געוואָרען, אַלץ מעהר פֿייערלעך האָבען געציטערט. די סלופּעס האָט מען שוין קוים דערזעהן, הימעל און ערד האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען אין איין שוואַרצער מאַסע, און דער וואַגאָן איז אַריין צווישען צוויי מויערען ערד. פֿאַר די אויגען איז געוואָרען שוואַרץ, נאָר שוואַרץ, און אין דער שוואַרצקייט האָט זיך עפּעס גערודערט, געקאָפּען, ווער ווייסט וואוהין!

יִצחק דרעהט זיך אוים צו מענדיל סוחר און רעדט נאָך שטיל:

— ר׳ מענדיל?

נאָר ר׳ מענדיל דרעמעלט.

— ר׳ מענדיל? — זאָגט ער נאָך אַמאָל און ציהט איהם ביים אַרבעל.

— וואָס?

— וואָס איז, אַז די „קאָליע” פֿאַלט אום?

ר׳ מענדיל ענטפֿערט נישט און לעהנט זיך צוריק אָן אויף דער באַנק.

— געהט די וועלט אונטער? יאָ? — פֿרעגט דאָס קינד, ווי זיך זעלבסט. —

ר׳ מענדיל שנאָרכט.

IV.

ארום עלף איז מען ארויס פון וואגזאל. יצחק'ס פערשלאפענע אויגען האבען זיך אלץ נאך נישט געקאנט אין גאנצען עפענען. די ליכט האט געבלענדעט די אויגען. פון אלע זייטען זענען געשטאנען זעהר הויכע הייזער, און דראשקעס איז געווען גאר א סך; ערשט זיצענדיג אויף דער דראזשקע, האט זיך יצחק דערמאהנט, אז ער פאהרט צו'ם טאטען, און זיין הארץ האט אנגעהויבען צו קלעמען אנ'אונרוהיגקייט, עפעס א שווערע ערווארטונג. מען איז דורכגעפאהרען א סך גאסען, און יעדעס מאל, אז דער פוהרמאן האט גענומען אין אנ'אנדער גאס אריין, איז יצחק צופריעדען געווען, אז ס'וועט געדויערען נאך אביסעל לענגער, ער האט זיך געמאכט שלאפען און פערמאכט די אויגען.

ביי'ם טהויער ציהט מען ביי'ם מעשיל, עס קלינגט, דער רענען קאפעט דערוייל אויפ'ן פנים, א קאלטער ווינד בלאזט אויף דאס נייעס פאלטאנדיל, און דאס פעקיל וועש ווערט פייכט. עס דערהערען זיך פון אינוועניג טריט און א געקלאנג פון שליסלען. דאס טהויער עפענט זיך, און יצחק'ן פערהאלט זיך דער אטהעם:

„יעצט"!

א גוי מיט א מעשענעם דאשיק פערהאקט דאס טהויער, עס הילכט ארום און ארום. זיי געהען ארויף אויף די טרעפ, יצחק שלעפט קיים נאך די פיס און זעהט נישט, וואס ס'טהוט זיך ארום, ער פיהלט נאר מענדיל'ס שווערע גרויסע האנד ארום זיינע, און דאס געפיהל איז זעהר א שווערע. ביי דער טהיר קלאפט מענדיל א פאר מאל, עס הערען זיך טריט פון בארפיסע פיס, מען פרעגט:

„קטאָ טאַם״? יצחק דערקענט דעם פאָטערס קול און זיפצט אָב לייכטער.

נאָר מענדיל, דערהערענדיג די טריט, לויפט שנעל אראָב פון די טרעפ אויף די שפיץ פינגער און זאָגט יצחק׳ן: „בלייב דאָ״! יצחק בלייבט שטעהן שטיל, האָט מורא צו אָטהעמען, אַרום איז פינסטער.

— קטאָ טאַם? — דערהערט זיך נאָך אַמאָל אונטער דער טהיר.

אַנ׳אַנדער קול, אַ ווייבערשער, רופט ווייט פון דער טהיר.

— עפען, שלימזול, וואָס שטעהסט דו?

די טהיר עפענט זיך, יצחק דערזעהט אַ פּאָר ווייסע גאַטקעס, דער טאַטע בויגט זיך איין, שטעלט זיך צוריק אויף, און פרעגט מיט אַ דערשראָקענעם קול:

— יצחק, דו?

— צו אַלדע שווארצע יאָהר! מאַך צו די טהיר, וואָס איז דאָס? — הערט זיך פון דער אַנדערער שטוב. יצחק געהט אַריין, די טהיר פערמאַכט זיך, דער קול פון דער אַנדערער שטוב פרעגט נאָך אַמאָל שוין בייז; דער פאָטער ענטפערט נישט, קראַצט זיך איבער׳ן קאַפּעל און אָטהעמט שווער.

יצחק בלייבט שטעהן אין דער ערשטער שטוב, דער פאָטער געהט אַריין אין דער צווייטער, פון וואַנען עס שלאָגט אַ טונקעלע ליכט.

באַלד דערהערען זיך פון דאָרט געשרייען:

— דיינע ממזרים ברויך איך נאָך! זאָל ער געהן ברעכען הענד און פיס... נאָכדעם שיטען זיך ווידער קללות, געשרייען, און אין מיטען שווימט אַרויס דעם טאַטענס קול: „ביילע, ביילע״, און דעם טאַטענס קול איז אַזוי ווייך, ער בעט זיך אַזוי, ס׳איז אַ רחמנות.

די געשרייען געדויערען לאַנג, יצחק שטעהט ביי׳ם קאַסטען און האָט זיך מורא צו ריהרען פון אָרט, ער קלערט נישט אוי טראַכט נישט און וויל נישט קלערען און טראַכטען... און די גע=

שרייען און די קללות פון דער אַנדערער שטוב שלאָגען איהם אין קאָפּ אַריין דורך די אויערען, ווי אַ פאַליע דראָבנע שטיינדלעך, וואָס שיט זיך און שיט זיך און הערט גאָר נישט אויף... ער ווערט מיעד, לעהנט אָן דעם קאָפּ אויפ׳ן קאַסטען, און פערשטאָפּט זיך מיט ביידע הענד די אויערען.

די געשרייען ווערען שטילער, ווי דונערן צו׳ם סוף רעגען, עס הויבען זיך אָן שטילע, אָבגעהאַקטע קללות, קרעכצען און זיפצען, דער טאַטע קומט אַריין. נעהמט אָן יצחק׳ן פאַר די האַנד, און פיהרט איהם אין דער שטוב אַריין, אַ קאָפּ אין אַ ווייסער הויב דערהויבט זיך פון קישען און פרעגט:

— וואו וועסט דו איהם לעגען, אז ס׳זאָל דיך...

יצחק וויל וויינען, ער קאָן נישט, דער טאַטע רעדט אַליין:

— ביילע, ביילע, כ׳בעט דיך, ביילע, כ׳וועל איהם לעגען צו רבקה׳ן אין בעטעל אַריין, ביילע, כ׳בעט דיך...

— לעג דיר איהם אויפ׳ן קאָפּ...— און דער קאָפּ אין דער הויב דרעהט זיך אום צו דער וואַנד.

דער פאָטער טהוט יצחק׳ן אויס, לעגט איהם אין בעטעל אַריין, און געהט אַליין צוריק אין זיין בעט.

אין דער שטוב איז שטיל, טיילמאָל נאָר גיט דער טאַטע אַ קרעכץ, אַ קליין לעמפעל ברענט, און די ווענד און די פאָדלאָגע זענען פול מיט מורא׳דיגע שאָטענס, יצחק ליגט רוהיג, ריהרט זיך נישט פון אַ לאַנגע ווייל.

ערשט ווען ער איז זיך משער, אז אַלע שלאָפען שוין, דער־לויבט ער זיך צו בעוועגען די האַנד און טרעפט אויף זיינס אַ פוס. עפּעס דאַכט זיך איהם, אז ער האָט געפונען אין זיין גוף גאָר אַ נייע זאַך, ער ריהרט זיך צו מיט דער האַנד צו׳ם אַנדערען פוס, און ביידע פיס זעהען איהם יעצט אויס גאָר לגמרי איבריג, איהם דאַכט זיך, אז ס׳וואָלט נענוג געווען, ער זאָל קליין זיין, גאָר קליין, ווי אַנ׳עפּעלע, וואָס מען קען בעהאַלטען, וואו מען וויל.

נאָך אין אַ ווײַלע אַרום דרעהט ער אויס דעם קאָפּ און דערזעהט אַ פֿול קישען שוואַרצע האָהר, און אַ קינדיש פּנים מיט גאָר רויטע ליפּען, דאָס קינד שטהעהט רוהיג פּאַמעליך, איהם ווערט גאָר פֿרעהליך און לײַכט אויפ'ן האַרצען.

איהם דערמאָנט זיך זײַן ברודעריל, וואָס איז געשטאָרבען און ליעגט בעגראָבען אין דער ערד. אַז ער איז געשלאָפען מיט איהם, האָט זיך אויך די קאָלדרע אַזוי געריהרט אַרויף און אַראָב, אַרויף און אַראָב... ער רוקט זיך צו נעהנטער, ריהרט אָן די האָהר, ריהרט זיך צו צום שטערן, ער וויל בעסער אָנקוקען דעם פּנים, קניעט אַנידער אין בעט און בויגט זיך צו, און דאָס קלײנע פּנימיל שלאָפט און שלאָפט, עטהעמט און עטהעמט. ער בויגט צו זײַנע ליפּען, קושט דאָס פּנימ'יל, וואָס אַמאָל שטאַרקער און חזר'ט:

— כ'האָב דיך אַזוי ליעב, כ'האָב דיך אַזוי ליעב, אַזוי ליעב...

נאָר דאָס מעדעלע האַפּט זיך אויף מיט אַ הויך געוויין, אין שטוב ווערט אַ גערודער, דער טאַטע פֿרעגט זיך וואָס דאָס איז? די הויב שרײַט און שילט, און דאָס מעדעל הויבט נאָך העכער אָן צו וויינען, זי שרײַט און ווײַזט אָן מיט'ן פֿינגער אויף יצחק'ן:

— ער... ער... מאַמישי...

— וואָס האָט ער דיר געטהון? — פֿרעגט דער קאָפּ אין די הויב.

— דאָ, דאָ... — ווײַזט דאָס מעדעל אָן מיט דער האַנד אויף דער באַק.

די מוטער געהט אַראָב, נעהמט דאָס מעדעל צו זיך אין בעט אַרײַן, אַ פּאָר בײזע אויגען קוקען אָן יצחק'ן, ער בלײַבט אַלײן, איהם ווערט זעהר בראָוויג, ער האָט מורא צו וויינען, אָבצוזיפּצען. ערשט, אַז ער ווערט אַנשלאָפען רײַסען זיך די זיפּצען אַרויס פֿון דער ברוסט.

גע'חלומ'ט האָט זיך איהם, אַז ער האָט אונטער דער שאַנק געפֿונען אַ סך געלד, ער נעהמט און עס ווערט אַלץ מעהר, ער האָט שוין אָנגעלעגט פֿולע קעשענעס, אײַנגעטײלט דער מאַמען און דעם טאַטען אַ סך, און בײדע האָבען זיך געפֿרעהט

אז ס'וועט שוין ניט זיין קיין ביטערע צייטען, און זיי וועלען זיך שוין קיינמאל, קיינמאל נישט גט'ן. זיי זענען געזעסען ביי'ם טיש און געצעהלט דאס געלד, יצחק האט דערלאנגט און דערלאנגט... די מאמע האט געשמייכעלט, דער טאטע אויך, און יצחק האט געפאטשט אין די הענד: „אט אזוי, גוט אזוי"...

ער שמייכעלט אין חלום.

V.

באַלד אין דער פריה האָט איהם דער טאַטע אַראָבגעפיהרט צו דער באַהן און האָט איהם איבערגעגעבען אַ מענשען, אַז ער זאָל איהם אַראָבלאָזען ביי דער סטאַציע. אַ גאַנצען וועג האָט ער געשלאָפען, און איז געקומען קיין יאַלטאָוו פאַרנאַכט מיט אַ בעל־עגלה. ער איז נישט באַלד אַהיים געגאַנגען און געוואָלט געהן אין חדר אַריין, נאָר אויפ'ן וועג האָט איהם בעגעגענט מענדיל סוחר'ס ווייב און האָט אַהיים געשיקט אָנזאָגען דער מאַמען, אַז יצחק איז געקומען. געוואַרט האָט ער ביי מענדלען אין געוועלב, באַלד איז די דינסט געקומען און האָט איהם אַהיים געפיהרט ביי דער האַנד; ביי דער טהיר האָט איהם בעגעגענט די מאַמע, און אַ ייד אין אַ סאַמעטען היטעל מיט אַ שוואַרצער באָרד האָט אַריינגעבויגען דעם קאָפּ פון דער אַנדער שטוב. דערזעהענדיג די מאַמען, איז יצחק צוגעפאַלען צו איהר, איינגעטולעט דעם קאָפּ אין איהר שויס און האָט אָנגעהויבען הויך צו וויינען. די מאַמע האָט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צום ייד און האָט אויך אָנגעהויבען צו וויינען, דער ייד איז אַוועק פון דער טהיר און האָט אָנגעהויבען צו שפּרייזען אַרויף און אַראָב אין דער אַנדערער שטוב, און יעדער טריט זיינער האָט ווי מיט אַ האַמער אָבגעשלאָגען אין קינדס האַרצען.

דאָס שפּיעל אין ליעבּע.

שוין צוויי שעה ווי ער געהט מיט איהר שפּאַציערען גאַס־איין גאַס־אויס, און פיהלט זיך גליקליך נעבען איהר.

ניט גליקליך, נאָר כמעט גליקליך. עס דוכט זיך איהם, אַז אָט אָט, נאָך אַ מינוט, נאָך פינף מינוט, וועט געשעהען עפּעס וויכטיגעס, ווי אַ נס, און דאָס לעצטע דינע ווענדטעל, וואָס שטעהט צווישען האַרץ און האַרץ, וועט פערשוואונדען ווערען. עס וועט שלאָגען די ליכטיגע שעה, אויף וועלכער ער האָט אַזוי לאַנג געוואַרט, אַזוי לאַנג געהאָפט, אַזוי לאַנג געבענקט.

איין מאָמענט נאָר, און אַלץ, אַלץ וועט זיין גאָר אַנדערש ווי געווען. אַנשטאָט קליינליכע, ניעדריגע געדאַנקען, אַנשטאָט גאַרישע ספקות און האַלבליכקייטען, אַנשטאָט אָרימע צובראָכענע געפיהלען, אָהן נוצען, אָהן שענהייט, אָהן קראַפט, — וועט איין איינציג געפיהל בעוועלטיגען זיין האַרץ, און איין איינציגער שעהנער, קלאָרער געדאַנק וועט זיך צוגיסען אין איהם, ווי אַ העלע ליכטיגקייט, וואָס דערקוויקט און דערפרישט און וועקט צו לעבען און מוטה: דער געדאַנק, אַז אָט דאָס שטאָלצע פרישע בעשעפעניש איז פעראייניגט מיט איהם, איינס מיט איהם.

נאָך אַ מינוט, נאָך פינף מינוט, וועט מעהר ניט זיין קיין „ער“, וואָס בענקט נאָך איהר און געהט איהר נאָך ווי אַ שאָטען, און „זי“, וואָס דערנעהנטערט זיך אויף איין טריט און דערווייטערט זיך אויף צוויי, וואָס שטויסט איהם אָב און לאַסטשעט איהם ווידער צוריק, נאָר איין גאַנצקייט וועט זיין, אַ האַרמאָניע פון צוויי הערצער־ליעבע!

אויף די גאַסען איז שטיל; די קראָמען זענען שוין געשלאָסען. דער שײַן פון דער לבנה גיסט זיך צוזאַמען מיט דער ליכט פון די לאַמטערנעס אין אײן בעזונדערער העלקײַט, מיט וועלכער עס צײכענען זיך אויס די זומער־נעכט אין אַ גרויסער שטאָדט. די לבנה, אַ העלע און אַ גאַנצע, קוקט אַרויס פון דאַן און פון דאָרט: פון דאַך אַראָב, פון אונטער'ן קוימען, פון אַ ווינקעל גאַס, זי באַהאַלט זיך און בעווײַזט זיך ווידער, בשעת זײ געהען. די נאַכטוועכטער געהען פערבײַ, קלאַפּענדיג מיט די שטעקענס. פון צײַט צו צײַט הערט מען ווי ערגיץ אין טויער קלינגט אַ גלאָק; אײנצעלנע מענשען געהען פאָראיבער; אַ שכור'ער געהט דורך, וואַקלענדיג זיך; אַ דראָשקע קלאַפּט מיט די רעדער אויפ'ן האַרטען ברוק און פליהט פערבײַ. אָט איז די קירכע מיט איהר הויכען שפּיץ; איבער איהם לויערט אַ בלײַך וואָלקענדעל, אַזוי רוהיג און שטיל, אַז ס'דוכט זיך, עס האָט פערגעסען ריהרען זיך פון אָרט, און רוהט און שווײַגט און טיקט זיך אין אײגענעם נחת. און אָט שײדען זיך די גאַסען: אײנע, די, אויף וועלכע זײ געהען יעצט, איז אַ לאַנגע און אַ ברײטע; די אַנדערע, וואו מאַניע וואוינט — אַ קרום און שמאָל געסעל. בענדער האָט זיך אָבגעשטעלט און געזאָגט:

— מיר ווילט זיך יעצט ניט אַרײַנגעהן אין דעם שמאָלען געסעל, — עס איז לאַנגווײַליג. קומט, מאַניע; מיר וועלען נאָך אַ ביסעל שפּאַצירען.

— נײן, בענדער; ס'איז שפּעט.

און דאָך האָט זי זיך ניט גערירט פון אָרט. זי האָט אַרויסגענומען פון בלוזע אַ זײגערל צו זעהן ווי שפּעט ס'איז. בענדער האָט עס גענומען פון איהר און האָט עס געהאַלטען אַ ווײַלע מיט אַ בעזונדער פערגניגען. דאָס קלײנע שוואַרצע זײגערל איז איהם פאָרגעקומען ווי אַ טײל פון מאַניען, און האַלטען עס אין דער האַנד האָט איהם פערשאַפט פערגניגען, האָט גערײצט זײַן פערליעבט האַרץ.

— א פיערטעל אויף איינס — האט ער געזאגט נאך א ווייל שווייגען.

זי איז געשטאנען א ביסעל פערטראכט, דערנאך האט זי זיך אומגעקעהרט צו איהם מיט אנ׳ענערגישער בעוועגונג, האט צוריק איינגעשטעקט דאס זייגערל אין דער בלוזע און האט געזאגט:

— גוט, לאמיר נאך געהן. סיי ווי סיי שלאפט מען שוין דארט. וואו אהין?

— אלץ איינס.

און ווידער זענען זיי דורך פלעצער און גאסען; ווידער בעהאלט זיך די לבנה און בעווייזט זיך צוריק; ווידער א דראשקע, א שכורער... און דאס לאנגווייליגע געשפרעך וועגען זאכען, וואס אינטערעסירען איהם גאר ניט, וועגען טעאטער, וועגען בעקאנטע א. ז. וו. — דאס געשפרעך ציהט זיך אהן אנ׳ענדע. דאס גליק קומט נישט — בענדער האט שוין ווידער אנגעהויבען צו בונטעווען געגען זיך אליין.

דער אלטער גראהער געדאנק, וואס ער האט היינט כמעט געהאט ווי דערשטיקט אין זיך, האט ווידער גענומען עגבערען אין קאפ נאך שטארקער. צווישען אונז — האט ער געטראכט — איז קיין ליעבע, קיין הארמאניע, איז גארנישט דא, נאר פשוט: אנ׳אפמאך. זי, א קלוג מעדעל, וואס וויל לעבען, וויל טהון מיט מיר, מיט א יונגענמאן, וואס פערדיענט געלד, א גוטען שדוך פאר זיך... און איך בין א נאר, א יונגעל, פערשטעה קיינמאל ניט, וואס טהוט זיך ארום מיר.

ער האט געשוויגען און זיך פערטראכט. און דאס שטילשווייגען פון דעם דאזיגען מענש, וואס זי האט אלץ ניט געקאנט בעגרייפען; האט זי גערייצט און בעליידיגט. זי איז געגאנגען הארט נעבען איהם, האט איהם געקוקט אין די אויגען אריין, נאר ער האט געשוויגען, געשוויגען מיט א פערביסענער איינגעשפארטקייט, און נאר אין זיין אראבגעלאזטען קאפ, אין זיינע פעסט געשלאסענע ליפען,

האָט זי דערקענט, אַז ער איז פֿערטראַכט. אַ שטאַרקער פֿערלאַנג האָט זי פּלוצלונג בעוועלטיגט צו וויסען, וואָס ער טראַכט, צו גע־פֿינען דעם שליסעל צו זיין האַרץ:

— וואָס שווייגט איהר, בענדער? — האָט זי געפֿרעגט.

— מיר איז אַזוי אויך גוט, מאַניע — האָט ער געענטפֿערט, טראַכטענדיג דערביי, אַז ער זאָגט ליגען — מיר ווילט זיך ניט רעדען, פֿילאָזאָפֿירען, נאָר געהן נעבען אייך און זיין גליקליך.

— וואָס פֿאַר אַ שרעקליכער עגאָאיסט איהר זייט! שטענדיג טראַכט איהר נאָר וועגען זיך, און וועגען אַנדערע געדענקט איהר קיינמאָל ניט.

— דאָס איז וואָהר — האָט בענדער געענטפֿערט קורץ.

דער דאָזיגער ענטפֿער, וואָס זי האָט אָפֿטמאָל געהערט פֿון בענדער'ן, האָט זי שטענדיג דערביזערט און בעליידיגט. עס האָט אויסגעזעהן, ווי ער וואָלט בעהאַלטען זיין אינערליכעס פֿון איהר. זי האָט געענטפֿערט בייז:

— שטענדיג ענטפֿערט איהר אַזוי: „דאָס איז וואָהר, דאָס איז וואָהר"; דאָס ווייס איך אָהן אייך. איך וויל וויסען: פֿאַר וואָס איז דאָס ניט וואָהר. איהר האַלט מיך אַפֿילו ניט פֿעהיג צו פֿערשטעהן אייך? וואָס!

— איהר האָט רעכט, מאַניע.

דאָס געשפּרעך איז אָבגעהאַקט געוואָרען, און זי האָט גע־וואָלט געהן אַהיים. בענדער האָט זי מעהר ניט אויפֿגעהאַלטען. ער האָט זי בעגלייט ביז פֿאַר איהר טויער, און ביים געזעגענען האָט ער צוגעפּרעסט איהר האַנד צו זיינע ליפּען און האָט זי געקושט.

צו וואָס ער האָט דאָס געטהון — האָט ער ניט פֿערשטאַנען, און ער האָט געהאַט דאָס געפֿיהל, אַז דער קוש איז געוועזען אַ נאַ־רישע צופֿעליגע טהאַט, ווי אַלע זיינע טהאַטען, ווי אַלע זיינע גע־דאַנקען און ספֿקות.

אַמאָל איז ער געזעסען האַרט נעבען מאַניע׳ן אויף דער סאָפֿע בײַ איהר אין שטוב. ערשט פֿאַר עטליכע מינוט איז מאַניע געװען לוסטיג־לעבעדיג, פֿול בעװעגונג, פֿול געלעכטער און טראָטין. זי האָט זיך געזעצט און צוריק אויפֿגעשפּאַנען, האָט גערעדט, און געװיצעלט זיך, און יעדעס גליעד איהרס, יעדער צוג פֿון איהר געזיכט האָט װי גערופֿען: „איך בין אַ פֿרײַער פֿויגעל, פֿול לעבען, פֿריש און גליקליך״. יעצט איז זי פֿערשװיגען געװאָרען און זיך װי אונטערגעגעבען. איהרע האָהר זענען ניט געװען אין אָרדנונג, זײ האָבען זיך אַראָבגעלאָזט אויף איהרע אַקסלען, בעדעקט איהרע אויערען און האָבען ציטערענדיג געשפּיעלט אויף איהרע באַקען, אויף איהרע אויגען. איהר קלײן שװאַרצליך געזיכט האָט װי אײַנגעזאַפּט אין זיך די שענהײַט; עפּעס אַנ׳ערענסטקײַט איז יעצט געלעגען אויסגעגאָסען אויף דעם פּנים. איהרע אויגען זענען װי טיעפֿער געװאָרען, אַ לײַכטער שאָטען פֿון שמערץ און בענקשאַפֿט האָט זײ בעדעקט. זי איז געװען אָנגעטהון אין אַ לײַכטע בלוזע... ער האָט געגלעט איהרע האָהר, געקושט איהרע באַקען, איהרע אויגען, איהר שטערן, און זי האָט גערעדט װײך און בעטענדיג:

— צו װאָס דאָס בענדער? ניט שעהן פֿאַר איך... הערט אויף!

נאָר דאָס זענען געװען אומזיסטע װערטער, אָהנע בעדײַטונג װאָס האָבען געקלונגען װי אַ שװאַך װײַט װידער־קול פֿון עפּעס אַ װיסטעניש, װאָס ער איז שוין לאַנג דורכגעגאַנגען און װאָס ער האָט שוין פֿערגעסען. זי האָט יעצט איהם געהערט, געװען אין זײַן מאַכט: ער האָט צוגעבויגען איהר קאָפּ צו זיך, איהרע אַקסלען האָבען געציטערט אונטער זײַן אומאַרעמנדער האַנד, און איהרע פֿלינקע ריהרעװדיגע הענד זענען יעצט געלעגען אָהן ענערגיע, אָהן מאַכט, װילענלאָז; איהרע ליפּען נאָר האָבען ניט אויפֿגעהערט צו בעטען:

— לאָזט אָב, בענדער... בײַ גאָט... װאָס טהוט איהר!

בענדער האט זיך געבייזערט:

— שווייג! איך וויל ניט, דו זאָלסט יעצט רעדען!

און ער האָט זיך דערשראָקען פאַר זיין אייגענער שטימע. דאָס איז ניט געווען קיין שטימע פון אַ פערליעבטען, נאָר עפּעס אַ געשריי פאַר אַ גרויסען וועהטאָג. דער מאָמענט איז גענוג געווען, אַז ער זאָל זיך אויסניכטערען און זאָל ווידער קלאָר טראַכטען זיינע אַלטע פיינליכע געדאַנקען. ער האָט געקוקט מיט רחמנות אויף דעם שענעם בעשעפּעניש, וואָס איז געזעסען נעבען איהם דערשראָקען, ווילדעגלאָז און געפּייניגט.

— דו ליעבסט מיך ניט, מאַניע! זאָג די וואָהרהייט...

— איך ווייס ניט, בענדער; איך אַכט אייך זעהר—זעהר.

— און דיר איז ניט אַנגענעהם, אַז איך קוש דיך? קאָנסט ניט ליידען?

אַ קליינער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף איהרע ליפּען. זי האָט זיך ווידער אָנגעהויבען צו פיהלען פריי, שטאָלץ און טראָטציג. זי איז צוגעגאַנגען צו דעם קליינעם שפּיגעלע, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן טיש, האָט פערפלאָכטען איהרע האָאר און געזאָגט:

— וואָס פאַרע נאַרישקייטען איהר רעדט היינט! אַלץ ווילט איהר וויסען. גריבלען און גריבלען אָהן אויפהער...

„איך האָב זי אַרויסגעלאָזט פון מיין מאַכט, און זי, אַ בעפרייטע, האָט ווידער גענומען בייסען, קראַטצען ווי אַ קאַטץ" — האָט בענדער געטראַכט.

— ניין, מאַניע — האָט ער געזאָגט — איך ליעב ניט קיין אונקלאָהרהייטען, איך קאָן דאָס מעהר ניט איבערטראָגען. דו פּייניגסט מיך, דו האָסט מיין רוה גערויבט, איך בין צורייצט, אויפגערעגט טאָג ווי נאַכט. זאָג, איך בעט דיך: בין איך דיר צווידער? קאָנסט דו מיינע קושען ניט ליידען?

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגען, האָט געמאַכט אַן ערנסטע פערטרויערטע מינע און געזאָגט:

— מען דאַרף דאָך ניט זיין לייכטזיניג, און מען קאָן זיך דאָך ניט לאָזען קושען פון יעדען!

— און איך בין „יעדער"?

זי האָט ווידער געשמייכעלט, צופריעדען פון זיך און פון איהר טאָן, און האָט געענטפערט:

— איך אַכט אייך זעהר–זעהר.

און ווי איהם איבערצובעטען, האָט זי זיך געזעצט נעבען איהם אויף דער סאָפע. ער האָט גענומען איהר האַנד אין זיינע. זי האָט ניט געשטערט און האָט געוואַרט צו זעהן, וואָס פון דעם וועט אַרויס.

— זאָג, מ אַ נ י ע–האָט ער זאַנפט געפרעגט–קאָן מען קושען אַ מענשען, וועלכען מען אַכטעט?

— און צו וואָס פרעגט איהר דאָס?

— איך וויל, דו זאָלסט מיך קושען.

— נו, לאָזט אָב, ב ע נ ד ע ר, איך בעט אייך...

— ניין, איך לאָז דיך היינט ניט אָב–האָט ער געזאָגט מיט צוריקגעהאַלטענער אויפרעגונג–איך מוז וויסען, איך מוז זיך איבערצייגען, מ אַ נ י ע...

— זייט איהר היינט אַ מאָדנער מענש, ב ע נ ד ע ר! הערט אויף, איך בעט אייך...

נאָר ער האָט זי מעהר ניט געלאָזט רעדען, ער האָט אַרומגענומען איהר קאָפּ מיט זיינע ביידע הענד און האָט איהם צוגעפרעסט צו זיין קאָפּ:

— איך לאָז דיך ניט אָב, מ אַ נ י ע, ביז דו וועסט ענטפערען. איך מוז וויסען, מ אַ נ י ע, דו מוזט ענטפערען: יאָ צי ניט; יעצט, די מינוט!

איהרע ליפּען האָבען קוים בעריהרט זיין שטערן, און ער האָט געפיהלט אַ לייכטען ציטער פון די ליפּען, — אַ קורצען, אַיילענדיגען קוש.

באַלד דערנאָך האָט זי זיך געזעצט אויף אַ בענקעל בעלייִדיגט און מיעד. ער האָט נאָר בעמערקט איין בליק פון איהרע אויגען: דער בליק האָט אויסגעדריקט כעס און אַשטילען שמערץ פון אַ געפּייניגטער.

ער האָט זי געקושט אויפ׳ן שטערן און איז אַרויסגעגאַנגען בייז, אויפגערעגט, מיט אַ צורודערט געמיט.

ביי בענדער׳ן אין צימער איז געזעסען מאַניע און נאָך עטליכע בעקאַנטע. מען האָט פיעל גערעדט, פיעל געלאַכט און פיעל גערוישט. מאַניע, וואָס האָט געשפּיעלט די ערשטע פידעל אין דער קאָמפּאַניע, האָט געלאַכט און איז לוסטיג געוועזען נאָך מעהר ווי געוועהנליך. בענדער׳ן איז ווידריג געוועזען איהר לאַכען, איהרע בעוועגונגען; אַלץ וואָס זי האָט געטהון, איז געוועזען געמיינט קעגען איהם, אויסגערעכענט איהם צו ערגערען. ער איז געזעסען ביים טיש, אַריינגעקוקט אין אַבוך, שטיל און בייז. זי האָט ניט געקענט פערטראָגען זיין אויסערליכע רוה, און האָט זיך אַלע ווייַלע געווענדעט צו איהם דאָ מיט אַוויטץ, דאָ מיט אַפראַגע, ער האָט קורץ געענטפערט און האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. אין די לעצטע צייט האָט מאַניע אָנגעהויבען צו פיהלען, אַז בענדער רוקט זיך פון איהר אָב, און דעם געדאַנק האָט זי גלייכגילטיג ניט געקענט פערטראָגען.

פלוצלונג נאָר איז איהר איינגעפאַלען צו געהן אַהיים, און זי האָט גערופען מיט איהר קלינגענדער שטימע:

— ווער בעגלייט מיך היינט אַהיים? שנעל!

דער ערשטער האָט זיך אָבגערופען מאירזאָהן, דאָס איז געוועזען די דריטע פערזאָן, וואָס איז געשטאַנען צווישען זיי. ער איז געוועזען יונג, שען, געזונד און זעהר פויל. געלעבט האָט ער פון דעם וואָס ער האָט געבאָרגט ביי בעקאַנטע, און איז דעריבער גע־

זוען זעהר ווייך, און אויף זיין פנים איז שטענדיג געלעגען אַן'אויסדרוק, ווי ער וואָלט זיך ענטשולדיגען און בעטען, מען זאָל איהם מוחל זיין. מערלעך האָבען איהם ליעב געהאַט, אויסער מאַניע, וואָס האָט צו איהם ניט געפיהלט קיין גרויסע סימפּאַטיע, און נאָר בּדי צורייצען בּענדער'ן, האָט זי זיך צו איהם טיילמאָל גוט פערהאַלטען. יעצט האָט זי ניט געוואָלט, ער זאָל זי בעגלייטען, און האָט געזאָגט:

— נו, ליעגט אייך, מאַ רזאָהן, ווייטער אויף דער סאָפע, איהר זייט מיר שוין דערעסען גע״אָרען. מיינע העררען, ווער וויל מיך בעגלייטען?

בּענדער איז געזעסען און ניט גערירט זיך פון אָרט. ער איז געווען פול אָנגעלאָדען מיט כעס. אַלע איהרע רעד האָבען איהם געערגערט. „קיין איין ערליך וואָרט, קיין איינציג וואָרט אָהן אַ זייטיגען מיין רעדט זי ניט”! האָט ער געטראַכט. אַרץ אין איהר האָט איהם אויסגעזעהן געפעלשט, ניעדריג, ניט ווירדיג. ער האָט זי יעצט טיעף געהאַסט און געפיהלט דאָס בעדערפעניש, זיך נוקם צו זיין אָן איהר.

נאָר פּלוצלונג איז זי צוגעגאַנגען צו איהם, אַרויפגעלעגט איהר האַנד אויף זיין אַקסעל ענערגיש און געזאָגט:

— בּענדער, בעגלייט מיך אַהיים.

און די קליינע בעריהרונג פון איהר האַנד האָט געמאַכט אַן'איבערקעהרעניש אין זיינע געפיהלען. מיט איינמאָל איז דער גאַנצער האַס פערשוואונדען, ער האָט נאָר געשפּיערט יענע צערייצטקייט פון זיין גאַנצען וועזען, וואָס אַ בעריהרונג פון איהר האָט שטענדיג אַריינגעבראַכט אין איהם. די צערייצטקייט, וואָס ער האָט אין דער לעצטער צייט לאַנג ניט געפיהלט, וואָס האָט איהם געפעהלט, וואָס די בענקשאַפט נאָך איהר האָט איהם געקוועלט. נאָך אַ ווייַלע האָט ער זיך געראַנגעלט מיט דער דעה, געהן אָדער ניט. נאָר נאָך איין ווייכער בענקעדיגער בליק פון איהרע אויגען האָט

איבערגעוואויגען די שאָל. ער האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט, אָנגעטהון דעם אויבערמאַנטעל און איז געגאַנגען מיט איהר.

— ווי פערבלענדעט איך בין געוועזען, מאַניע — האָט בענדער געזאָגט, געהענדיג מיט איהר אויף דער גאַס — אָט שוין עטליכע חדשים, ווי מיר דוכט זיך אַלץ, אַז איך שטעה נעבען דער שוועל פון מיין גליק. און יעדען טאָג האָב איך געהאָפט, אַז איך וועל ווערען אַ נייער מענש, ווי איבערגעבאָרען; אַז אַלץ אין מיר וועט זיך בערוהיגען, אַז מיין צוריסענע צוהאַקטע זעלע וועט פריי אויפעטהמען; אַז איהר, איהר וועט מיר געבען דאָס גרויסע גליק, פון וועלכען איך האָב נאָר געהערט אַנדערע רעדען, און וואָס איך אַליין האָב קיין איינציגע מינוט אין מיין לעבען ניט געפיהלט. און אייך האָב איך געהאָפט צו געפינען די ערלעזונג פון דעם גאַנצען פערוויערטען לעבען, פון די אַלע מענשען, טהאַטען, געדאַנקען און געפיהלען, וואָס זענען מיר דערעסען געוואָרען ביז צו'ם דערשטיקען. וואָס פאַר אַ טעות איך האָב געהאַט! אַנשטאָט גליק האָט איהר מיר געגעבען שטענדיגע ליידען, האָס...

מאַניע האָט איהם איבערגעהאַקט:

— אייך, בענדער, דאַרף מען נאָר געבען און געבען. איהר שטעהט שטענדיג מיט אָפענע הענד און וואַרט, מען זאָל אייך געבען. און שטענדיג קלאָגט איהר אייך, און שטענדיג בלייבט איהר נערעכט. פאַרוואָס נעהמט איהר ניט דאָס גליק, אויב איהר ווילט עס. גליק דאַרף מען נעהמען, דאַרף מען נאָכיאָגען, ניט שטעהן ווי אַ בן־יחיד און וואַרטען, ביז מען וועט געבען. פאַרוואָס זאָל מען אייך געבען? מיט וואָס האָט איהר דאָס פערדיענט?

זי האָט איהם איבערראַשט מיט איהר ענערגישען ענטפער. ער האָט אויף אַזעלכע רייד ניט געוואַרט, און האָט געענטפערט מיט אַ געקינסטעלטער רוהיגקייט:

— ווי עס זעהט אויס, האָבען מיר זיך ביידע שוין גענוג פיינד. אפשר וועלען מיר מאַכען אַ סוף, מאַניע?

— דאָס הייסט?

— מיר וועלען זיך שיידען, ווי פריינד אָדער פיינד?

מ א נ י ע האָט איהם געקוקט אין די אויגען אריין און האָט געענטפערט שמייכלענדיג:

— נו, דאָס רעדט איהר דאָך נאָר אַזוי; שיידען זיך וועט איהר אייך ניט אונטערשטעהן. איך וויל דאָס ניט.

— נאָר איך וויל, מאַניע.

— איהר ווילט ניט, ב ע נ ד ע ר; ניט וואָהר?

— גלויבט, מאַניע, איך וויל. איך האָב קיין כח מעהר.

אַז זיי זענען צוגעקומען צו איהר טהיר, האָט זי געזאָגט:

— נו, גיט די האַנד, ב ע נ ד ע ר, אַז איהר ווילט... אַח, וואָס פאַרע קאַלטע האַנד איהר האָט! — זי האָט לענגער געהאַלטען זיין האַנד אין איהרע, זי האָט זיך אַביסעל צוגעבויגען צו איהם ווי זי וואָלט געוואָלט נעהנטער מאַכען איהר פרישען יוגענדליכען קערפער צו איהם. ער האָט דעם רייץ ניט געקאָנט וויעדערשטעהן, האָט זי אַרומגענומען, זי העפטיג געקושט, און זי איז אַוועק מיט אַ פּרעטענזיע:

— וואָס איז מיט אייך, ב ע נ ד ע ר? דאָס איז גראָב.

אַ גאַנצע נאַכט דערנאָך איז ב ע נ ד ע ר ניט געשלאָפען, איהרע לעצטע ווערטער זענען איהם ניט אַרויס פון זין, און דרעהענדיג זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער, האָט ער זיך געפרעגט און איבערגעפרעגט: צו וואָס, צו וואָס איז דאָס געשעהן?

צו מאָרגענס האָט ב ע נ ד ע ר געקויפט בילעטען אויף אַ קאָנצערט און האָט מ א נ י ע ׳ן געשריבען, אַז ווייל ער וועט ערשט שפעט פריי ווערען פון זיין אַרבייט, דעריבער זאָל זי וואַרטען ביי זיך אויף איהם. און ווי נאָר ער וועט קומען, וועלען זיי צוזאַמען אַהרען. ער האָט אַביסעל פערשפעטיגט, האָט זי'הר נגאַיילט און

אריינקומענדיג צו איהר אין צימער, האָט ער געטראָפען מאירזאָהן'ן זיצען.

„די אַלטע פּאָליטיק הייבט זיך אָן” — האָט ער געטראַכט.

— איהר פאָהרט אויך אויפ'ן קאָנצערט? — האָט ער געפרעגט מאירזאָהן'ן.

— אַ שאלה דאָס איז! איהר האָט דען אַ בעגריף וואָס פאַרע זאַכען היינט ווערען געשפּיעלט! איהר ווייסט, מאַניע, איך וואָלט ניט געגעסען און געטרונקען, אַבי צו הערען מוזיק. צוויי גוטע זאַכען זאָג איך, זענען פאַרהאַן אויף דער וועלט: צו ליעגען אויף דער סאָפאַ און צו הערען מוזיק, און אויסער דעם איז אַלץ נאַרנישט, גאַרנישט. ניט וואָהר?

— אָריגינעל — האָט מאַניע געענטפערט — און איהר ווי מיינט, בענדער?

— איך מיין גאַרנישט; לאָמיר געהן.

זיי זענען איינגעשטיגען אין טראַמוויי. מאַניע, אַריינגעהענדיג אין וואַגאָן, האָט זיך געזעצט נעבען מאירזאָהן'ן, ווייטער פון בענדער'ן. די גאַנצע צייט האָט זי זיך עפּעס געס'וד'עט מיט מאירזאָהן'ן, אין מיטען האָט זי זיך הויך צולאַכט, און בענדער'ן ווי גאָר ניט בעמערקט. ער איז געזעסען ווי אויף גליהענדע קויהלען. איהם האָט זיך געוואָלט אַראָבשפּרינגען פון טראַמוויי און געהן, און ער וואָלט דאָס געטהון, ווען ער וואָלט זיך ניט שעהמען פאַר מאירזאָהן'ן. ביי'ם אַריינגאַנג צו'ם קאָנצערט, האָט זיך מאַניע געווענדעט צו איהם:

— וויפיעל בילעטען האָט איהר געקויפט, בענדער?

— צוויי.

— און פאַר מאירזאָהן'ן? איהר האָט פערגעסען, אָדער וואָס? מען דאַרף קויפען נאָך איין בילעט.

געגען זיין ווילען האָט בענדער געמוזט קויפען נאָך אַ בילעט, חאָטש ער האָט גוט געוואוסט, אַז מאירזאָהנען האָט זי

עקסטרא מיטגענומען, כּדי איהם צו ערגערען און צו שטערען זיין רוה.

„ווי מאָדנע דאָס קומט אויס! — האָט ער געטראַכט מיט פערביסענהייט — זי צווינגט מיך, אַז איך אַליין זאָל העלפען מיך פּייניגען״!

אַז זיי זענען אַריינגעקומען אין אָפענעם גאָרטען, האָט דער אָרקעסטער שוין געשפּיעלט. קוים האָט מ א י ר ז א ה ן דערהערט עטליכע טאַקטען, האָט ער זיך שוין ענטציקט:

— ווי שען, ווי גראָבאַרטיג! קיין ערהאַבענערע זאַך, זאָג איך, איז ניט פאַרהאַן אויף דער וועלט, ווי מוזיק. הערט! הערט! שרעקליך!

דאָס האָט נאָך מעהר אויפגערעגט ב ע נ ד ע ר׳ן, און אויך דאָ, אין גאָרטען, איז מ אַ נ י ע געזעסען אויף דער זייט פון מ א י ר ז אָ ה ן׳ן. אַלץ איז געווען עקסטרא געמיינט געגען איהם. ער האָט זיך געפיהלט בעליידיגט, געקוועלט. און די מוזיק האָט איהם געריהרט ביז טרעהרען. די טענער זענען אַריינגעדרונגען אין זיין פערביטערט האַרץ, האָבען איהם געלאַסטשעט און געטרייסט און איבערגעבעטען. עס איז געווען אַ מאָמענט, ווען ער האָט פערגעסען מ אַ נ י ע׳ן און מ א י ר ז אָ ה ן׳ן און די גאַנצע וועלט, און האָט נאָר געדענקט זיין איינציג גרויס אונגליק, אַז ער איז איינזאַם און עלענד, און קיין מענש און קיין זאַך עקזיסטירט ניט אויף דער וועלט, וואָס ער זאָל דערויף קאָנען זאָגען: „אָט דאָס האָב איך ליעב, אָט דאָס האָב איך מיר אויסגעוועהלט, אָט דאָס געהערט מיר״. טיילמאָל ווידער איז אין זיין האַרץ ענטשטאַנען אַ שרעקליכער האַס צו דער דאָזיגער אונבאַרמהערציגער, אונגערעכטער מ אַ נ י ע, און ער האָט געפיהלט, אַז ער דאַרף זיך נוקם זיין אָן איהר, אַריינלאָזען איהר אַ קויל אין דער ברוסט און טויטען זי אויפ׳ן אָרט. און ווידער אַ מאָמענט האָט זיך זיין גייסט בערוהיגט, און דער געדאַנק וועגען טויט האָט זיך אָבגערופען פון אַ ווינקעל מח.

„ווי אַ הונד, ווי אַ הונד וועל איך שטאַרבען!״ האָט זיין האַרץ

געוויינט צוזאַמען מיט'ן אָרקעסטער, און די אויגען זיינע זענען פול געוואָרען מיט טרעהרען.

עס האָט זיך געענדיגט דער ערשטער טהייל, ער האָט געעפענט די אויגען און געזעהן, אַז מאַריראָזאַ מיט מאַניע'ן הייבען זיך אויף און געהען זיך איבערשפּאַצירען.

ער האָט זיך אויך אויפגעהויבען און געגאַנגען אַהיים, ניט געזעגענדיג זיך מיט זיי.

צו מאָרגענס איז בענדער געגאַנגען אויף דער גאַס. ער האָט זיך געפיהלט מיעד און מאַט. אַ גאַנצע נאַכט איז ער נישט געשלאָפען, אין געשעפט אַריין איז ער ניט געגאַנגען, און ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט אויף די גאַסען אָהן ציעל. פּלוצלונג האָט ער דערזעהן פאַר זיך מאַניע'ן, וואָס האָט זיך דערנעהנטערט מיט גיכע טריט:

— וואו זייט איהר נעכטען אַהינגעקומען? — האָט זי געפרעגט, זערלאַנגענדיג איהם די האַנד.

גאָר ער האָט איהר ניט געגעבען זיין האַנד; — ער איז געבליבען שטעהן אויפ'ן אָרט מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען בליק. זי איז בלייך געוואָרען און האָט פאַמעליך אָבגעטראָטען פון איהם.

בענדער האָט איהר נאָך נאָכגעקוקט, ביז זי איז אַריין אין אַנ'אַנדערער גאַס און ער איז וויטער געגאַנגען זיין וועג.

אין אַ פּוילישער ישיבה.

I.

עס איז שוין געווען אין אָנהויב ווינטער, ווען די ישיבה־בחורים פאָהרען זיך ערשט צוזאַמען. די „טעג־בחורים”, די אָרימע, וואָס צאָהלען דעם רב גאָרנישט און וואָס לערנען דעריבער נאָר איין שעור, קומען פריהער, כדי צושאַפען זיך בּייצייטענס טעג; די „קעסט־בחורים”, וואָס עסען און שלאָפען בּיי'ם רב און לערנען צוויי שעורים, זענען נאָך נישט אַלע דאָ. דער רב האָט נאָך נישט אָנגעהויבען דעם נייעם שעור, ער וואַרט אויפ'ן „קאָמפּלעט”, און די בחורים, יונגע קינדער פון 14 ביז 19 יאָהר, האָבען פרייע צייט צו שטיפען, צו לאַכען, צו זינגען, מעשיות צו דערצעהלען, „נבול־פה”*) צו רעדען און צו רויכערען. דאָס גאַנצע בית־המדרש איז פערצויגען מיט אַ וואָלקען רויך.

אין דרויסען איז אַ טריבער טאָג, עס קאַפּעט אַ רעגען, איבער'ן הימעל ציהען וואָלקען, די בלאָטע אין דעם קליינעם שטעטעל איז גרויס, און די צוויי בוימער, וואָס שטעהן פאַר'ן בית־המדרש, שאָקלען טרויעריג מיט די נאַקעטע צווייגען.

צו ווייַלען ווערט דאָס רעדען איבערגעהאַקט, בּיי'ם טיש ווערט פלוצלונג שטיל. דער עולם וואַרט עפּעס, עס דערמאָנט זיך די היים, וואָס מען האָט ערשט פערלאָזט, טאַטע מאַמע, וואָס מען וועט אַ גאַנצען זמן נישט זעהן; די אָרימע דערמאָנען זיך, אַז נאָכ'ן ערשטען חודש בלייבען זיי אָהן אַ גראָשען געלד, און אַז מען מוז קאַרגען פּאַפּיראָסען. דער סטאַשיוּוער, אַ קליין יונגעל מיט אַ געזונד, פריש קינדערליך פנים, זיפצט אָב און האַקט איבער די שטילקייט:

---

*) ביזנישע רייד.

— איך פאָהר אַהיים אויף שבת־חנוכּה: מיין שוועסטער האָט התונה...

— איך האָב מאָרגען התונה, אויף מיין נאמנות, איך זאָל אזוי לעבען — וויצעלט זיך דער בענדינער, אַ יונגעל מיט אַ שמאָר פּנים'על, מיט שמייכעלדיגע אויגען און געשיקטע, פלינקע בעוועגונגען.

דער עולם ווערט וויעדער לעבעדיג, פון דעם וואָרט „חתונה" קומט מען אַרויס אויף מאָס'ע רעד. די יונגע געשריפּענע קעפּלעך קריגען עפּעס אַנ'ארבייט, וואָס ווירקט אויפ'ן געפיהל; די אויגען פינקלען; די ליפּען פערקרימען זיך עפּעס מאָדנע, און דאָס געלעכ־טער, וואָס שיט זיך אַרויס פון אַלע מיילער צוזאַמען נאָך יעדען געלונגענעם ווערטעל, ווערט אַלץ געדיכטער, נערוועזער און אָבּ־געהאַקטער. דער פּיעטראָקאָווער אַפילו, זעהר אַ געלאַסענער בחור, וואָס איז ביז איצט געווען בעשעפטיגט מיט צושניידען פּאַ־פּיראָסען־פּאַפּיער אויף לאַנגע שלענגליך און מיט עפּעס אַ חשבון, ווי לאַנג עס וועט געניגען די 12 גילדען, וואָס ער האָט ביי זיך, — דרעהט זיך איצט אוים, הויבט אויף די אויגען און פרעגט דעם סטאַשיווער:

— האַ־האַ? וואָס האָט ער געזאָגט?

דער סטאַשיווער פערהאַקט זיך און ווערט רויט. ער האָט אַ מאָדנע הנאה צו הערען אַנדערע רעדען די רעד, נאָר איבּער'חזר'ן קאָן ער נישט. דער טשעקאָטשינער, דער רייכסטער בחור, וואָס צאָהלט דעם רב גאַנצע 150 רובל אַ זמן; אַ דערוואַקסענער און אַ פולער מיט אַ סך בלעזלעך אויפ'ן פּנים, בלאָזט אָן די באַקען און נעהמט זיך איבּערצודערצעהלען מיט אַנ'ערנסטען טאָן, ווי ער וואָלט אַ בר־מצוה־דרשה געזאָגט. נאָר דערפיהלענדיג, אַז די ווער־טער זיינע מאַכען נישט קיין איינדרוק, אַז דער עולם קוקט אויף איהם און לאַכט נישט, נעהמט ער אַרויס מיט אַ ברייטקייט דעם גאָלדענעם זייגער פון וועסטיל־קעשענע, קוקט און זאָגט:

— האַלב צוויי, נאָך אַנדערהאַלבען שעה צו'ם מיטאָג.

II.

ביי'ם אויווען, אָבגעזונדערט פון אַלע, שטעהט דער קראַ-קעווער, אַ הויכער דאַרער טעג בחור, מיט אַ קרענקליך פּנים און מיט קליינע געקרייזעלטע פּאות, דער בעסטער בחור אין דער ישיבה. ער האַלט די הענד אונטער זיך און רייבט די קאַלטע קאָפּ-לעם צייטענווייז הוסט ער, שפּייט אויס, פערבייסט די הינטערשטע ליפּ און קוקט אויף'ן דאַבענדיגען עולם בייז, מיט פעראַכטונג.

אַז עס ווערט אַביסעל שטילער, און אַז ביי'ם אויווען קאָן ער נישט דערהערען, וועגען וואָס מען רעדט, ריהרט ער זיך אוועק פון זיין אָרט, געהט זיך איבער פאַמעליך איבער'ן בית-המדרש, אויף קיינעם נישט קוקענדיג. און קומענדיג צו'ם טיש, וואו די בחורים רוישען, בייגט ער צו אַנ'אויער און ווערט בייז:

„חמורים" — טראַכט ער — „זיי קאָנען נישט רעדען צו דער זאַך"!

דער בענדיגער מאַכט איהם נאָך אַ נאָז מיט ביידע הענד און זאָגט מיט אַ גמרא-ניגון:

— אַ הויכער דראָנג, וואָס איז אומגעפאַלען...

„אַ הויכער דראָנג" איז דעם קראָקעווערס צונאָמען.

— ווער איז דאָס דער שקץ דער?! — פרעגט דער קראָקע-ווער בייז און שטרענג. ער הוסט אָב און בלייבט שטעהן אויף'ן אָרט.

דער טשעקאַטשינער ווייזט אָן מיט'ן פינגער. ער פיהלט זיך אויך שטענדיג בעליידיגט פון די חברים. ער איז שטאָלץ מיט זיין טאַטענס עשירות, מיט זיין גאָלדענעם זייגער, און די בחורים שרייען אויף איהם „פערשטאָפּטער קאָפּ". לערנען קאָן ער גאָר נישט.

— ער, דער קליינשיקער, גיב איהם... זאָגט ער.

— ווער? איך? האָפּט זיך דער בענדינער אויף פון שלאָף און ציהט דעם קאָפּ צווישען די פּלייצעס. און שמייכעלט מיט די אויגען צו חברה, וואָס זיצען ביי׳ם טיש. דער טשעקאָטשינער לאָזט אראָב דעם קאָפּ און שפּיעלט זיך מיט׳ן קעטעלע. דער קראָקעווער געהט צו צו׳ם אויווען.

ער האָט אַ שווערע זאָרג:

דער רב האָט נעכטען דערצעהלט, אז היינט וועט קומען א דרייצעהניעהריגער עלוי פון וואָלין, „דאָס איז אַ כּלי — האָט ער געזאָגט. — כ׳האָב נאָך קיינמאָל אַזאַ תּלמיד נישט געהאַט״. און זאָגענדיג דאָס, האָט ער געקוקט דעם קראָקעווער אין די אויגען אריין. בשעת מעשה האָט זיך דער קראָקעווער גאָר ווייניג דערפון געמאַכט. „דער געקער במאי — האָט ער געטראַכט קוקענדיג אויפ׳ן רב׳ם געלע באָרד — איך ווייס דו ברוילסט א פּאָר קערבלעך פון מיר״.

ער האַלט דעם רב פאַר אַ פּלוידערער און האָט איהם נישט ליעב. ביי נאַכט אָבער, אויפ׳ן געלעגער, האָט ער לאַנג נישט געקאָנט אַנטשלאָפען ווערען. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט א קליין יונגעל פון דרייצעהן יאָהר, וואָס קאָן בעסער לערנען פאַר איהם, וואָס זיצט די ערשטע האַנד פון רב, פאַר איהם, און דאָס האָט איהם נישט געלאָזט שלאָפען. איצט וואַרט ער אונגעדולדיג אויף דעם קליינעם. וואָס זיצט שוין ביי׳ם רב צוויי שעה אין צימער און ווייזט זיך אָלץ נישט.

ער רופט־צו מיט׳ן פינגער דעם טשעקאָטשינער. ער געהט־צו. דער קראָקעווער וויל זיך בערוהיגען און שפּיעלט זיך מיט׳ן טשעקאָטשינערס קעטעלע.

— האָסט איהם געזעהן? — פרעגט ער.

— וועמען? — פרעגט דער טשקאָטשינער פערוואונדערט.

— איהם. נו... דעם וואָלינער, וואָס איז היינט געקומען.

— אַ! אַזאַ קליינטשיקער, ער האָט געגעסען מיט׳ן רב אָנבייסען אין דער שלאָפשטוב...

— ווי זעהט ער אוים?

— פע! ער געהט נישט שען אָנגעטהון. אזא קליין לאָבוסל.

„חמורים”! ברומט דער קראָקעווער און דרעהט זיך אוועק ביז. דער טשעקאָטשינער בלאָזט אָן די באַקען און מאַכט עפּעם א מאָדנע תנועה מיט דער האַנד.

III.

עס עפּענט זיך די טהיר, און עס בעווייזט זיך א קליין יונגעל, א שווארצער מיט צופּלאָסענע פאות. ער שטעהט ביי דער טהיר א ווייַלע, און זיינע אויגען, שווארצע און לעבעדיגע, לויפען ארום אויף די בחורים, אויף די ווענד, אויפ'ן אויווען און אויפ'ן קראָקעווער. אין בית־המדרש איז שטיל געוואָרען, אלע אויגען קוקען אויפ'ן נייעם חבר.

דער זוואָלינער!...

— דער עלוי... רוימט איין איינער דעם אנדערן.

דער זוואָלינער געהט צו צום טיש, אביסעל אָבגערוקט פון די בחורים, זעצט זיך אנידער. דער עולם רוקט זיך איינציגווייז צו און דערלאַנגט „שלום־עליכם”.

— שלום־עליכם, א בחור... — זאָגט דער קראָקעווער, זייענדיג נאָך א טריט אָבגערוקט פון זוואָלינער. די ווערטער האָט ער אָנגעגרייט נאָך ביי'ם אויווען שטעהענדיג, און האָט זיי ארויסגערעדט אביסעל צו פריה. ער דערלאַנגט די האַנד, פערבייסט די ליפּ און געהט צוריק צום אויווען.

— רעד „תיקון”! *) — שטופּט דער פעטראָקאָווער דעם טשעקאָטשינער.

---

*) תיקון — אן ארט איינקויפגעלד.

— וואָס שטופּסט דו דיך, דו? — בייזערט זיך דער טשעקאָ־טשינער — אויך מיר אַ מענש!

דעם טשעקאָטשינער'ס הויך קול רייסט איבער די געקרעמטע שטילקייט. דער בענדינער שפּרינגט אַריבער איבער דער באַנק, מאַכט זיך מ'בלומר'שט פּאַלען און וויינט... אַרע לאַכען. דער קראָקעווער געהט־צו צו דער שאַנק ספרים. דער פּעטראָקאָווער מאַכט אַנ'ערנסטע מינע, לעגט איין האַנד אין דער טאַש אַריין, מיט דער אַנדערער שאָקעלט ער צו און זאָגט:

— חאָטש דו ביזט אַנ'עלוי, נאָר תיקון מוזט דו געבען. דאָס קומט נישט איינם צום אַנדערן.

— איך בין גאָר נישט... — זאָגט דער וואָלינער פערשעמט.

— למאי נפקא מינה? — מישט זיך אַריין פּייוויל, אַ היימי־שער בחור, זעהר אַגעזונדטער, מיט אַ קליין, קיים אַרויסשפּראָצענ־דיג בערדיל. — גיעב תיקון. האָסט עפּעס אַ סך געלד?

דער וואָלינער פּרובט אַרויסנעהמען עטליכע מטבעות, וואָס קלינגען שטאַרק אין דער גרויסער טאַש.

— ווי פיעל האָסט דו? פרעגט פּייוויל און קוקט מיט גיעריגע אויגען אויף די עטליכע ווייסע און געלע מטבעות, וואָס דער וואָ־לינער האַלט אין דער האַנד, — האָסט שוין אַלץ אַרויסגענומען? זוך נאָך.

— נישטאָ מעהר — זאָגט דער וואָלינער, אַניעדערלעגענדיג דאָס געלד אויפ'ן טיש און אויסשאַרענדיג די טאַש. פּייוויל נעהמט צעהלען. דער איבריגער עולם גלאָצט מיט די אויגען אויפ'ן געלד, אויף פּייוויל'ס האַנד.

— 12 גילדען מיט 20 גראָשען — זאָגט פּייוויל — אַ פיערטעל אויף תיקון; אַזוי איז דער דין. פרעג אַלע, וויפיעל מאַכט אוים?

— 3 מיט 5 — ענטפערט דער וואָלינער גיך.

דער סטאַשיווער, וואָס איז געשטאַנען אַ גאַנצע צייט מיט אָנ־געשטרענגטע אויגען אויפ'ן וואָלינער, קאָן זיך נישט איינהאַלטען.

ער האָט רחמנות אויף איהם, וואָס מען נעהמט איהם צו דאָס געלד. און די אויגען שטעהען איהם טרעהרען.

— גיעב זיי נישט! — רעדט ער אַרויס און פּערוויינט זיך שיער נישט.

פּייוויל גלאָצט אויס אויפ'ן סטאַשיווער אַפּאַר בייזע אויגען, דער סטאַשיוויער דערשרעקט זיך און בעהאַלט זיך אונטער אַנ'אַנדערענס קאָפּ.

— מילאָ, אַז דו ווילסט נישט — זאָגט פּייוויל צום וואָלינער — מייסט אפשר, מען וועט דיר עפּעס טהון? גאָר נישט. האָסט די ברירה, גיב נישט, אַדרבא, איך בעט דיך עפּעס? גלייך ווי איך וואָלט איהם געבעטען! האָסט דו געהערט! דער דין איז אַפּיערטעל, עס מאַכט אויס 3 גילדען מיט 5 גראָשען, היינט וויפיעל קומט דיר צוריק?

— 9 מיט 15 — חאַפּט דער וואָלינער אַרויס, — איך וויל געבען תיקון. אַלע געבען? — לעגט ער צו מיט אַ בעטענדיגען טאָן און קוקט זיך אַרום.

IV.

די מהיר האָט זיך געעפנט, און עס האָט זיך געזעהן אַ גרויסע רויכעריגע לולקע און אַ געל בעוואַקסען פּנים, — דער רב איז אַריינגעקומען. דער עולם האָט זיך אַביסעל צורוקט, דער קראַקעווער, וואָס איז ווידער געשטאַנען ביים אויווען און האָט געקוקט אויפ'ן רעדעל בחורים, — האָט אויסגעשפּיגען.

— „וואָלינער! — האָט דער רב צוגערופען מיט דער לולקע ביינענדיג — די קשיא איז קיין קשיא נים! עס איז אַ טעות תוך כדי דבור. אַז דו ווייסט נישט, וואָס דער טעות איז געווען"... און דער רב האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ טיעפען שמועס מיט'ן וואָלינער. זיי זענען געגאַנגען אַרויף און אַראָב איבער'ן בית-המדרש. דער רב

האָט אַראָבגעבויגען זײַן קאָפּ מיט דער לאַנגער באָרד צום וואָלי־נער, דער קאַפּעליוש זײַנער איז געווען פֿעררוקט אויף אַ זײַט; ער האָט געצויגען די לאַנגע לוקע, וואָס האָט שוין נישט געראָוכערט, און האָט געוואָרפֿען מיט דער אַנדערער האַנד. די באָרד האָט זיך געשאָקעלט, און די שנירען פֿון שלאָפֿראָק האָבען זיך געוואָרפֿען אין דער לופֿט. דער וואָלינער האָט זיך נישט געראָזט, זײַן סאַ־מעט־היטעל איז געווען פֿעררוקט, און די יאַרמעלקע האָט אַרויס־געקוקט פֿון פֿאָרענט. ער איז נאָכגעלאָפֿען דעם רב, און ווען דער רב האָט צו לאַנג גערעדט, און ער האָט איהם נישט געקאָנט איבערשרײַען, האָט ער זיך אײַנגאַנצען אַ וואָרף געגעבען און געמאַכט אַ תנו״ה מיט די הענד, ווי אַ מענש, וואָס טרינקט זיך. מען איז צוגעגאַנגען צו דער שאַנק, אָנגעלעגט אויפ׳ן טיש אַ גאַנצען שטויס ספרים. דער רב האָט אַרויפֿגעלעגט איין פֿוס אויף דער באַנק, גע־ביסען דעם ציבוך; דעם וואָלינער׳ס פאות זענען געווען צעוואָרפֿען איבער׳ן גאַנצען פּנים, ער האָט זיך אַרײַנגעבויגען אין אַן אָפֿען ספר און לאַנג געקוקט. „נײַן“! האָט ער אַרויסגעשריען.

און געפֿינענדיג עפּעס אַ נײַע סברה אָבצוווענדען דעם רב, האָט ער זיך ווײַטער אָנגעהויבען צו שפּאַרען. זיי זענען ווידער געגאַנגען אַרויף און אַראָב איבער׳ן בית־המדרש, פֿערטיעפֿט און פֿערקאָכט אין פּלפּול. דער עולם איז געזעסען בײַ די טישען איבער די אָפֿענע גמרות און געגלאָצט און נעוואונדערט זיך, פֿײַוועל האָט שעור נישט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט גענומען תּיקון.

— אַ קלײַנער! — האָט ער געזאָגט און געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ — או—וואַ! אַ קלײַנער...

— וואָס האָסט דו איהם געהאַט אויסצונאַרען געלד? — האָט זיך דער סטאַשיווער אָנגערופֿען.

— דו פּיציל דו! — פֿײַוועל האָט איהם געגעבען אַ זעץ מיט דער האַנד אויפ׳ן פֿוס. דער סטאַשיווער האָט זיך פֿערקרימט און האָט נישט געענטפֿערט.

דער קראָקעווער איז די גאַנצע צייט געזעסען איבער אַנ'אָפּגעצער גמרא, נאָר אַריינגעקוקט האָט ער נישט. איהם האָט זיך אַלץ געדאַכט און ער האָט אַלץ געוואַרט, אַז דער רב וועט איהם צורופען און אַריינמישען זיך אין שמועס. און יעדעס מאָל, ווען דער רב האָט זיך אויסגעדרעהט האָט ער געמאַכט אַ תנועה מיט'ן גאַנצען גוף. מעהר פאַר אַלעס האָט איהם דערקוטשעט דעם וואָלינער'ס פאות, די צעוואָרפענע. „דאָס מאַכט ער עקסטראַ, אַזאַ קליינער לאָבוס!” האָט ער געטראַכט. און וואָס לענגער דער שמועס האָט געדויערט, וואָס היציגער זיי האָבען זיך געשפּאַרט, האָט דעם קראָקעווער אַלץ מעהר פערדראָסען. וועגען וואָלינער האָט ער גאָר נישט געוואָלט טראַכטען. איהם איז עפּיס מאָדנע אויסגעקומען, אַז ער, דער קראָקעווער, דער מתמיד, וואָס איז אַזוי פיעל נעכט אויפגעוועזען און געלערנט, וואָס לערנט שוין דאָ דריי יאָהר און וואָס דער רב אַליין מוז איהם צונעהמען צום אַנדערען שעור, חאָטש ער צאָהלט איהם קיין גראָשען נישט, — אַז ער זאָל ברויכען מורא צו האָבען פאַר עפּיס אַ יונגעל אַ קליינס פון וואָלין ערגיץ, וואָס צעוואַרפט די פאות און מאַכט תנועות מיט די הענד. נאָר אין רב האָט ער זיך געוואָלט נוקם זיין. און פיהלענדיג, ווי שוואַך ער איז דעם רב עפּיס שלעכטס צו טהון, האָט ער שטאַרק פערביסען די ליפּען און געשאָלטען איהם אין געדאַנק: „געלער רמאי! וואַרט דו! איך ווייס! ער מיינט, איך ווייס נישט!”...

— נאָר זיי רויבערען! — האָט ער זיך געבייזערט אויפ'ן בענדינער, וואָס איז געזעסען דערביי און האָט געצויגען אַ פּאַפּיראָס. דעם קראָקעווער האָט דער רויך געשטיקט.

דער בענדינער האָט בעהאַלטען דעם פּאַפּיראָס, אָנגעהויבען זיך שטאַרק צו שאָקלען איבער די גמרא. אין מיטען אָבער האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ פול מויל רויך גלייך אויפ'ן קראָקעווער. דער קראָקעווער האָט זיך צערבייזערט און האָט איהם געוואָלט אָנהאַפּען ביי'ם אויער, נאָר אין מיטען האָט ער זיך שטאַרק פערהוסט און

אָנגענומען זיך מיט ביידע הענד פאַר דער ברוסט. די אויגען זענען איהם פול געוואָרען מיט טרעהרען, ער איז צוגעגאַנגען צום עמוד, אָנגעלעהנט דעם קאָפּ אויף ביידע הענד, האָט שווער נעאָטהעמט און געברומט.

„פּושעים, עוכרים! פּושעים, עוכרים!״... ער האָט געוואָלט אַרויסגעהן, נאָר דער רב האָט איהם צוגערופען און געזאָגט צום וואָלינער:

— האָסט שוין עפּיס מיט איהם גערעדט אין לערנען? — ער האָט געטייט אויפ'ן קראָקעווער מיט דער לולקע און געקוקט אויפ'ן וואָלינער, — קאָנסט מיט איהם שמועסען אין לערנען.

דער וואָלינער מיט'ן קראָקעווער האָבען זיך אָנגעקוקט.

— ווען וועט דער רב אָנהייבען דעם שעור? — האָט דער קראָקעווער געפרעגט.

— מאָרגען. „חצי דבר״ וועלען מיר לערנען. האָסט שוין געלערענט אַמאָל? — האָט ער געפרעגט דעם וואָלינער, — אַ טיפע סוגיא; ביי מיר אין דערהיים איז אָנגעשריבען תּלי־תּלים *), גאָר עפּיס נייעס, לא קדמני אָדם *)... דו האָסט געלערנט ביי מיר, דאַכט זיך פאַר צוויי יאָהרען? — האָט ער זיך געווענדעט צום קראָקעווער — געדענקסט עפּיס? ס'איז פאַרהאַן הדושים גוזמאות, אַז גאָר נישט! אַז איך בין אַלט געוועזן ווי דו, האָב איך געקאָנט נאָכזאָגען יעדעס וואָרט, וואָס איך האָב געהערט; וואָס טייטש עפּעס פאַרגעסען? געשעפטען האָסט דו?

דער קראָקעווער האָט גאָרנישט געענטפערט און האָט נאָר איבערגעפרעגט:

— חֲצִי דָבָר? — ווי צו להכעיס האָט ער גאָר נישט געדענקט, און ביי איהם איז געבליבען, אַז מען מוז די סוגיא איבער'חזר'ן.

דעם רב'ס טאָכטער, אַ מעדיל פון 15 יאָהר אין אַ בלויע בלוזע,

*) זעהר פיעל. **) פאַר מיר האָט דאָס קיינער נישט געזאָגט.

מיט אנ'אבגעוואשען פנים אויף ריין, גלייך פערקעמטע האר און א שמאל, עדעל פנימ'יל, איז אריינגעקומען רופען אויף מיטאג. זי איז צוגעגאנגען צום רב, אנגענומען איהם ביי דער שנור פון שלאפראק און האט געזאגט:

— טאטישי, די מאמישי האט געהייסען אהיים קומען אויף מיטאג.

זי איז אביסעל רויט געווארען, בעגעגענדיג דעם וואלינערס בליק, און די שנור איז איהר ארויסגעפאלען פון דער האנד. דער וואלינער האט איצט געקוקט אויף איהר ברוזע, ער איז קורצזיכטיג געוועזען, און האט זיך דאס ערשטע מאל געפונען אזוי נאהענט פון א מעדעל. ער איז געווארהר געווארען א נייעס: אז נישט נאר א ווייבער, נאר אויך א מעדעל האט ברוסטען. און מח ביי איהם איז עפעס א קשיא פערענטפערט געווארען:

— אויב אזוי — האט ער געטראכט — וואס איז ווידער די קשיא?

V.

די קעסט-בחורים זענען געגאנגען אויף מיטאג, אין בית-המדרש זענען געבליבען די טעג-בחורים. דער פיעטערקאווער, דער מטאשיווער און פייוועל זענען געזעסען צוזאמען, דערביי איז געשטאנען דער קראקעווער. אין אנ'אנדער זייט זענען געזעסען נאך צוויי טעג-בחורים, וואס האבען צווישען זיך גערעדט און שטארק געמאכט מיט די הענד.

— וואס מיינסט דו, האט מען היינט געקאנט קאכען ביי'ם רב? — האט דער פיעטערקאווער געפרעגט פייוולען. פייוועל האט איבערגעווישט דאס בערדיל און האט געענטפערט:

— קליסקעלעך מיט באב.

— מהיכא-תיתא קליסקעליך מיט באב? פון וואנען ווייסט דו דאס?

פייוועל האט געקלערט און האט געזאגט:

— ס'איז אַ שטאַרק מזל. דו ווייסט, אַז מען קאָלט אין דער־היים קליסקעלעך מיט באָב, בין איך גאָר אַן אַנדער מענש, בפֿרוש, זאָג איך דיר, אַז איך וואָלט חתונה־געהאַט, וואָלט איך אַלע טאָג געהייסען קאָכען קליסקעלעך מיט באָב. דו מיינסט ס'איז עפּעס טהייער? האָסט אַ טעות, ס'איז גאָר נישט אַזוי טהייער. — ער האָט געמאַכט אַ תנועה מיט דער אָפֿענער האַנד אין דער לופֿט, ווי אַוועקשאַרענדיג פֿון זיך עפּעס פֿאַמעליך.

— אַ שטייגער, ווי פֿיעל קאָן קאָסטען אַ טאָפּ באָב? לאָמיר אויסרעכענען — דער פּיעטראָקאָווער האָט שטאַרק ליעב פֿערוויקעלטע חשבונות, וואו מען ברויך צו בענוצען קרייד.

פֿייוועל האָט זיך אויפֿגעהויבען און אהיים נעגאַנגען אויף מיטאָג. דער פּיעטראָקאָווער האָט איהם נאָכגעשריען:

— קום נאָר! איך ברויך דיר עפּעס צו זאָגען! אויף מיין נאמנות!

פֿייוועל איז צוגעגאַנגען.

— וויפֿיעל קאָן קאָסטען אַ טאָפּ באָב? וואָס שאַדט דאָס דיר אַז דו וועסט זאָגען?

— פֿערדרעה דיר דיין קאָפּ — האָט זיך פֿייוועל אָנגעבייזערט — איך דאַרף אהיים גען.

— ער אַנטלויפֿט — שרייט איהם נאָך דער פּיעטראָקאָווער — וואָס אַנטלויפֿסט דו? דעם תקון האָסט דו! דריי גילדען מיט פֿינף גראָשען! לויפֿט ער!

פֿייוועל מאַכט עפּיס אַ תנועה מיט די הענד, ענטפֿערט נישט און געהט אַרויס.

— זעהסט דו? — זאָגט דער סטאַשיווער — פֿייוועל וועט זיך צו־נעהמען דעם תקון. וואָס האָט איהר איהם געהאַט צו צונעהמען דאָס געלד?

— זעהסט דו, דעם בעל־רחמנות! — בייזערט זיך דער פּיעט־ראָקאָווער — ער וועט זיך נישט אָנלייגען דעם בויך ביי'ם רבי?

דער סטאַשיווער קריכט זיך און זאָגט:

— וואָס רעדסטו אַזוי? ער איז דאָך אַנ'עלוי...

— אַנ'עלוי! אויך מיר אַנ'עלוי! אַז איך וואָלט געהאַט געלד, וואָלט איך אויך געווען אַנ'עלוי, אַי וואָס דען? איך האָב נישט קיין געלד? היינט מילא... אַ קונץ דאָס איז צו זיין אַנ'עלוי! אַ שפּאַס, דער בעל־רחמנות דער! ער קאָן נישט צוקוקען... האָסט היינט אַ מיטאָג? אַ מכה האָסטו! זאָרג נישט, וואָלסט געהאַט געלד, וואָלסטו איצט געקריגען ביי'ם רב אַ פולע שיסעל, ווי אַלע.

דער סטאַשיווער ענטפערט נישט. דער קראָקעווער, וואָס האָט צוגעבויגען אַנ'אויג אויף וואָס דעם פּיעטראָקאָווערס ווערטער האָבען איהם שטאַרק געפעלען, מישט זיך אַריין:

— וויפיעל האָט מען ביי איהם גענומען תקון? ער האָט אַ ידאַ' נישט געוואָלט געבען? האַ, ער איז דאָך אַ מיוחס..

— וואָס טייטש ער האָט נישט געוואָלט געבען? — זאָגט דער פּיעטראָקאָווער און שאָקעלט מיט ביידע הענד און מיט'ן קאָפּ — איך האָב איהם געזאָגט, האָט ער געמוזט געבען.

— פּונקט דער עיקר דו! — רופט זיך אָן דער סטאַשיווער — פייוועל...

— פייוועל, איך... וואָס איז די נפקא מינה? אָבער ער האָט געגעבען, ער האָט געמוזט געבען, ער מעג זיין אַנ'עלוי, וואָס גערט דאָס מיך אָן?

ביי דעם וואָרט „עלוי” גיט זיך דער קראָקעווער אַ קריים און זאָגט איראָניש:

— אַנ'עלוי, ער קאָן טוודאי דריי תוספות'ן... ער האַקט אָב, ווייל איהם דאַכט זיך, אַז ביידע קוקען איהם עפּעס מאָדנע אָן. ער געהט צו צום אויווען און שטעהט דאָרט.

עס עפענט זיך די טהיר מיט אַ ליאַרם; די קעסט־בחורים. זאַט און פרעהליך, שטופּען איינער דעם אַנדערען דורכגעהענדיג די טהיר. דער זוואָלינער דערצעהלט עפּיס מיט היץ, וואַרפט מיט די

הענד, אַלע שטופּען זיך געהנטער צו איהם און לאַכען.

— איך בין געלאָפען! — שרייט ער — אַזוי גיך! און דער שקץ מיט'ן הונד נאָך! אַזוי קאָן איך לויפען...

אויפ'ן קראָקעווערס ליפען שפּיעלט אַ שמייכעל. „מ'שטייטס געזאָגט אַנ'עלוי" — טראַכט ער — „וואָרום איך האָב נישט געוואוסט!" ער ווערט דרייסטער געהט־צו צום וואָלינער און זאָגט:

— פון דעסטוועגען, בחור, האָסט דו געקאָנט צומאַכען די טהיר; דאָס איז נישט קיין חדר.

— דו האָרך איהם נישט! ער קאָן זיך נישט אַליין צומאַכען די טהיר, דער טשעלע—מעלע—מע! — זאָגט דער בענדינער.

מען לאַכט.

— מרים־לעב, נעה מיר צו אַ קנעפּיל — זאָגט דער בענדינער ווייטער מיט אַ וויינענדיג־בעטענדיג קול און שמייכעלט מיט די אויגען צום קראָקעווער.

מרים איז דעם פעלדשערס טאָכטער, אַ דערוואַקסענע, געזונדטע מויד, מיט וועלכער דער קראָקעווער זאָל תנאים שרייבען. און דער רב, וואָס איהם איז עפּיס נישט ניחא דער קראָקעווער זאָל בלייבען אין שטעדטעל נאָך דער חתונה, לאָזט שטילערהייט נישט צו צו דעם שדוך. ביי'ם פעלדשער עסט דער קראָקעווער שבת און האָט דאָרט אַ געדענגער. עפּיס אַ בחור, שערענדיג זיך אַמאָל פרייטאָג, האָט געהערט, ווי דער קראָקעווער האָט געבעטען מרים'ן, זי זאָל איהם אָננעהען אַ קנעפּיל, און האָט עס דערצעהלט אין בית־המדרש.

דער קראָקעווער לויפט צו בייז, חאַפּט אָן דעם בענדינער ביי ביידע אויערען און ציהט.

— וואַרט! — שרייט ער בייז; נאָר בעגעגענדיג דעם וואָלינערס בליק, לאָזט ער אָב די הענד. דער בענדינער חאַפּט זיך מיט ביידע הענד פאַר די אויסגעצויגענע רויטע אויערען און מאַכט זיך וויינענדיג.

— מרים=לעב, מרים=לעב, איך וועל שוין נישט, נעה מיר צו א קנעפיל ...

דער עולם צוגעהט זיך; די טעג=בחורים געהען עסען, דער וואלינער נעהמט זיך צו א גמרא; פיווועל וויזט זיך נישט א גאנצען טאג, און דער קראקעווער איז פערזארגט.

.VI

עס איז שוין לאנג נאך האלבענאכט. אין בית=המדרש פאר דער אפענער גמרא איז געזעסען דער קראקעווער און האט אלץ אויפ׳ס נייע אנגעהויבען די סוגיא, וואס זיין מח האט עפיס נישט געקאנט קלאר אויפנעהמען. איהם האט געשלעפערט, די אויגען האבען איהם געבראכען, און די קראנקע זייט האט זיך געבעטען אויפ׳ן געלעגער. נאר ער האט זיך אלץ נישט מיאש געווען די סוגיא דורכצוגעהן און אויסצוויזען מארגען דעם רב, וואס ער איז. ער האט זיך אלע ווייל איבערגעווישט מיט די הענד דאס פנים און אנגעהויבען אויף א העכערען טאן, נאר אין מיטען האט זיך אלץ פערמישט אין מח, די שורות האבען אנגעהויבען צו טאנצען... ער האט געווישט די אויגען, זיך אבגערוהט און פערריכט די לאמפ וואס איז געהאנגען אויף א שנירעל און איז געווען נידעריג אראב=געראזט פאר די אויגען. די לאמפ האט זיך אנגעהויבען צו שאקלען, און אין מח זיינעם איז פארגעקומען מרים, ווי זי שטעהט און געהט, א געזונדטע און א פולע, און ער האט זי געפיהלט נעבען זיך ...

ער האט געעפענט די אויגען. דאס גאנצע בית״המדרש מיט די צוויי פענסטער, וואס געהען ארויס אויף דער גאס, האט זיך פערלארען אין דער טונקעלהייט. דער ארון קדש, דער אויווען אין דאס שטיק בעלייכטער באלקען האבען זיך געשאקעלט. און ער

האָט זיך דערמאָהנט מיט שרעק, אַז ער האָט די סוגיא נאָך נישט אָנגעהויבען, אַז מאָרגען וועט דער זוואָלינער זיצען פאַר איהם, ער וועט וואַרפען מיט די צולאָזטע פאות, שאָקלען מיט די הענד און קולות מאַכען... און איהם איז געוואָרען אַ רחמנות אויף זיך אַליין, אויף זיין פערשוואַרצט ווערען אַזוי לאַנג, אויף זיין אַזוי פיעל לערנען, אַזוי פיעל טעג אָהן עסען און אַזוי פיעל נעכט אָהן שלאָפען, וואָס האָט צו גאָרנישט געבראַכט, ווייל מענשען זענען שלעכט, ווייל דער רב האָט ליעב די, וואָס צאָהלען איהם, און פון איהם וויל ער פטור ווערען... ער איז געזעסען און געקניפּט מיט דער האַנד זיין דאַרע ברוסט, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט אָננעהמען, און האָט געשאָלטען:

— אַז ס'זאָל איהם דעם געלען במאי... אַ שוואַרץ יאָהר!

אָט וואָס ער וועט טהון! מאָרגען פּאַקט ער איין דאָס פּעקעל, אַ פּאַלטאָ אַ שווערען האָט ער, עס וועט גוט זיין אויף אַ גנעלענער... ער וועט אַוועקפאָהרען אויף להכעיס זיך נישט געזעגנענען מיט'ן רב, זאָל ער וויסען! צו אַלדע שוואַרץ יאָהר! נאָר דער געדאַנק געדויערט נישט לאַנג. ווידער קומט פאַר מרים, דאָס ווייכע געלענער ביי'ם פעלדשער, „שבת" און אַלע טעג זיינע, וואָס האָבען איהם אַזוי פיעל מיה געקאָסט... נייע ערענד עפּיס אין אַ ישיבה... שלעכטע בחורים, אַ שלעכטער רב ערגיץ אין אַ שטעדטיל...

„וואָס וויל מען פון איהם? ווען נישט דער רב וואָלט ער דאָך שוין חתונה געהאַט?!"

ער ווערט מיעד, לעהנט זיך אויף די הענד און דרעמעלט איין.

אין בית המדרש איז שטיל: די לאָמפּ גיט זיך קיין ריהר נישט, און אַ שווערער, אַטהעם ציטערט אין דער לופט.

ביי'ם רב אין דער בית-דין-שטוב זענען אויך אַלע געשלאָפען. דאָרט שטעהען דריי בעטען. און די אַראָבגעדרעהטע לאָמפּ ברענט טונקעל. עס שלאָפט דער טשעקאַטשינער אין איין בעט,

איינגאַנצען אײַנגעוויקעלט אין בעטגעוואַנד, עס זעהט זיך נאָר אַרויס אַ שטיק אַקסעל און אָרעם; אין צווייטען שלאָפען דער בענדינגער און דער אַלטשינער, וואָס איז ערשט פאַרנאַכט געקומען. ער איז מיעד, ליעגט מיט'ן פנים צו'ם וואַנד און חראָפּעט הויך. די קאָלדרע האָט ער זיך אין גאַנצען צוגענומען. דער בענדינער וואָלט זי מיט דער האַנד אין שלאָף. איהם חלומ'ט זיך, אַז ער איז אַרויסגעלאָפען נאַקעט אויף דער לאָנקע. און איהם איז קאַלט. ער קריכט זיך, און קאָן אַלץ נישט געפינען די קאָלדרע. אין דריטען בעט, געהענגטער צו דער הויכער שאַנק ספרים, שלאָפט דער וואָלינער, די יאַרמולקע האָט זיך איהם אַראָבגערוקט פון קאָפּ, און דער הויכער געבערגעלטער שטערן קוקט אַרויס שטאָלץ. איין פאה איז צוואָרפען, און עטליכע האָהר פון איהר ליגען אויף די ליפען, וואָס זענען האַלב אָפען, רויט און פריש. דער אָטהעם זיינער איז גלייך און רוהיג. ער שלאָפט געשמאַק, ווי עס שלאָפט זיך צווישען מענשען אַסך, געליעבט און געשוינט פון יעדען, און די פאַנטאַזיע זיינע וועבט גוטע לייכטע חלומות...

אין שטוב איז רוהיג. עס חראָפּעט דער אַלטשינער, עס קראַצט אַ מויז, און פון רב'ס שלאָף־שטוב הערט זיך דער טיק־טאַק פון זייגער. די ספרים, וואָס שטעהען אַ שורה איבער אַ שורה און דערגרייכען אַזש צום באַלקען, האָבען אויך ווי פערגעסען די גרויסע מחלוקות צווישען זיך און זענען ווי איינגעשלאָפען.

טהיילמאל נאָר, אַז די מויז גיט אַ העכערען קראַץ, אָדער עס שלאָגט דער זייגער, ריהרט זיך אַ קנייטש אויפ'ן וואָלינערס שטערן, עפּיס אין איהם איז וואַך, געדענקט, האַרבט און וואַרט, דער קנייטש גלייכט זיך אויס, ווען ער שלאָפט ווייטער רוהיג און שטיל.

נאָר אָט האָט דער זייגער פינף געשלאָגען. דער וואָלינער האָט די אויגען געעפענט, זיך אויפגעזעצט אין בעט און עפּיס געזאָגט ביי זיך אין מח...

„אַ! מען ברויך די סוגיא פון חצי דבר לערנען!"

ער האָט זיך שנעל אויפגעכאַפּט, זיך אָנגעטהון און מיט אַ האַלב צוגעקנעפּעלט וועסטעל איז ער געלאָפען אין בית־המדרש אַריין. ס'איז געווען פינסטער, אַ רעגען האָט געקאַפּעט, און דער ווינד האָט איהם דאָס פאַלטאָנדעל אויפגעבלאָזען. ער האָט גע־אײַלט און געעפענט די טהיר מיט אַ ליאַרעם.

דער קראָקעווער איז אויפגעשפּרונגען. ער האָט אַ ציטער גע־געבען און אָנגערירט מיט דער האַנד די לאָמפּ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען צו שאָקלען און צו בלענדען איהם די אויגען. זיי האָ־בען זיך אַ רגע שטום אָנגעקוקט.

— גוט מאָרגען! — האָט דער וואָלינער געזאָגט און איז גע־בליבען שטעהען אַביסעל אָבגערוקט פון טיש. דער קראָקעווער האָט אַלץ אויף איהם געקוקט מיט רויטע אויגען.

— ע־עם... האָט ער אָבגעהוסט — וואַ־אַס?

דער וואָלינער האָט זיך פּלוצלונג אָנגערופען:

— דו לערנסט „חצי־דבר"? לאָמיר לערנען צוזאַמען...

— אין חדר אַריין, יונגעל! — האָט זיך דער קראָקעווער גע־בייזערט — מיר האָבען צוזאַמען שאָף געפּאַשעט? הא?

דער וואָלינער איז בייז געוואָרען:

— זעה נאָר! — האָט ער געזאָגט און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אין דער הויך — איך קאָן בעסער לערנען פאַר דיר, דו ווייסט?

דער קראָקעווער האָט געוואָלט לאַכען, און האָט אָנגעהויבען צו הוסטען:

— דו יונגאַטש דו! דרך־ארץ! וואָס מיינסט דו דאָס?

— דער וואָלינער האָט עפּיס געברומט בייז און פערשעמט און איז געגאַנגען זוכען אַ גמרא, און גענומען זיך לערנען. ער האָט זיך אין אָנהויב אַסך אָבגערוקט פון קראָקעווער, נאָר ער האָט זיך אַלץ נעהנטער צוגערוקט צו דער ליכט. אין עטליכע מינוט איז ער דורכגעגאַנגען די גמרא, לערנענדיג פלינק און האַלבע ווײַטער דײַ־

דענדיג, און ער האָט זיך שוין געהאַט גענומען צום תוספות. דער קראָקעווער האָט אויף איהם געוואָרפען בגנבה בליקען, און זעהענדיג, אַז ער האַלט שוין ביי׳ם תוספות, האָט ער זיך משער געווען, אַז די גמרא האָט ער איבערגעהיפּט, כדי איהם אויסצונאַרען. דעם קראָקעווער האָט זיך געוואָלט חאַפּען איהם ביי אַ ליגען.

— אַ נו בחור, — האָט ער זיך געקרימט און צוגערוקט, אָנלעהנענדיג זיך מיט דער האַנד אויף די באַנק — דו לערנסט גיך... יאָ...

— אַוודאי! ער מיינט טאַקי...

— ווייסט פון דיינע הענד און פיס צוזאָגען, בחור? ווילסט מיך אויסנאַרען...

— זעה נאָר, — האָט דער זוואָלינער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און זיך געבייזערט — קאָן איך נישט! איך ווייס בעסער פאַר דיר!

דער קראָקעווער האָט פערביסען די ליפּען, אַרויפגעלעגט די האַנד אויף די גמרא צו פערשטעלען דעם תוספות, און געזאָגט:

אַ נו, זאָג־איבער, לאָמיך זעהן...

דער זוואָלינער האָט אָנגעהויבען איבערצוזאָגען געשיקט, ער האָט געמאַכט מיט די הענד, מיט׳ן קאָפּ און מיט׳ן גאַנצען קליינעם גוף. ער האָט בשעת־מעשה גאָר פערגעסען, אַז ער רעדט מיט׳ן קראָקעווער, און האָט איהם געטייט מיט׳ן פינגער אין די אויגען אַריין. דער קראָקעווער האָט אין אָנהויב זיך געמוטשעט צו פערשטעהן, נאָר אין מיטען האָט ער זיך דערמאַנט, אַז מאָרגען וועט ער זיצען די צווייטע האַנד פון דעם קליינעם יונגעל, און ער האָט פערלוירען דעם פאָדעם פון די געדאַנקען.

— „יאָ, יאָ — האָט ער מיטגעברומט — נו — נו...

— וועסט לערנען צוזאַמען? — האָט דער זוואָלינער געפרעגט דערפרעהט דערמיט, וואָס דער קראָקעווער האָט איהם אויסגעהערט. ער האָט צוגעמאַכט דעם קראָקעווער׳ס גמרא און צוגערוקט זיינע.

— אַ העזה דאָס איז! האָט דער קראָקעווער געזאָגט און צוריק געעפֿענט די גמרא זיינע — קאָנסט מיטלערנען, איך לאָז דיך עפּיס נישט? וואָס האָסט דו צו צומאַכען מיין גמרא?

דער זוואָלינער האָט זיך פֿערשעמט, ער האָט צוגעמאַכט זיין גמרא און זיך צוגערוקט צו׳ם קראָקעווער, און זיי האָבען אָנגעהויבען צוזאַמען צו לערנען דעם תוספות. דער זוואָלינער האָט זיך אַלץ מעהר צוקאָכט, ער האָט געלערנט, די פּאות זיינע האָבען זיך שנעל געוואָרפען, און האָבען אַ סך מאָל אָנגעקלאַפּט אין קראָקעווער׳ס באַקען. ער איז שוין אינגאַנצען פֿערטהון געווען אין דער סוגיא, געשריען, געבייזערט זיך און איבערגעבעטען מיט די אמוראים און תנאים. דער קראָקעווער האָט זיך נאָכגעשלעפּט, אַלע ווייל אַ בליק געוואָרפען אויפ׳ן זוואָלינער. דער זוואָלינער, זעהענדיג, אז יענער העלפט איהם נישט אַרויס, האָט אַ דרעה געגעבען מיט דער האַנד און געשריען:

— דו פֿערשטעהסט דאָך קיין וואָרט נישט! אז איין פּאָר עדות... האָט ער געזונגען.

נאָר דער קראָקעווער האָט שוין מעהר נישט געקאָנט איינזיצען, ער איז אַרויסגעגאַנגען, נישט רעדענדיג קיין וואָרט, אז אָפּען געלאָזט די טהיר.

דער זוואָלינער האָט געמיינט, אז ער וועט באַלד אַריינקומען און האָט געוואַרט. עס האָט לאַנג געדויערט, און איהם איז געוואָרען זעהר אומעטיג. ער האָט זיך דערמאָנט דעם קראָקעווערס בליק אויף איהם בשעת ער איז אַריינגעקומען אין בית המדרש אַריין, און ער האָט דערפֿיהלט די ליידען פֿון יענעם בליק. דאָס אַלץ וואָס עס איז פֿאָרגעקומען, וואָס ער האָט נישט קלאָר פֿערשטאַנען, האָט זיך איהם איצט שווער געלעגט אויפ׳ן האַרץ. ער איז צוגעגאַנגען צו׳ם פֿענסטער. צוגעדריקט דעם שטערען צו די שויבען, אויף וועלכע די נאַכט איז נאָך געלעגען האַרט. טראָפּען האָבען זיך געקויקעלט. און דער ווינד האָט געקלאַפּט מיט אַ שינדעל

אויף עפּעס אַ דאַך. מען האָט אָנגעהויבען צו קלינגען אין דער קירכע, עפּעס טריט האָבען זיך געהערט, אויף דער גאַס, העהנער האָבען געקרייהעט און זייער קול האָט ווי געריסען די פינסטערניש און געוועקט די נשמה. אין דרויסען האָט שוין אָנגעהויבען העלער צו ווערען, און ער איז אַלץ געשטאַנען מיט אַ צוגעפּרעסטען שטע־רען צו די שויבען און האָט זיך שטאַרק פערטראַכט. ער האָט טיעף אָבגעזיפצט און גענומען זאָגען ערנסט, מיט אַ וויינענדיג קול: „שמע ישראל".

און אין מיטען קריאת־שמע, נישט וויסענדיג אליין פאַרוואָס, האָט ער זיך פערוויינט און געווישט מיט די אַרבעל די אויגען.

פליעגעלמאַן.

I.

ווער און וואָס איז פליעגעלמאַן, און וועגען זיינע בעקאַנטע.

פליעגעלמאַן איז אַ יונגערמאַן פון עטליכע און 30 יאָהר. ער האָט אַ קליינעם, אַ ביסל איינגעהויקערטען גוף; אַ גרויסען, קרומען שטערן און אַ קליין בלאָנד בערדיל. די אויגען זיינע זעהען אויס ווי פערלאָפען מיט פאַרע. עס דאַכט זיך, אַז מען דאַרף זיי נאָר מיט אַ טיכעל איבער צו ווישען, כדי זיי זאָלען העל גלאַנצען.

נישט זעלטען, געהענדיג פאַמעליך איבער דער רוישענדער גאַס אויף אַ לעקציע, איינגעבויגען, האַלטענדיג די הענד אין די טאַשען, טראַכט ער, אַז אויף דער וועלט האָבען געלעבט אַ סך גרויסע מענשען: בודהאַ, שפינאָזאַ, קאַנט און נאָך אַ סך אַנדערע, און ער, דעם קוניוועך שמש׳ס אַ זוהן, ווייסט זייערע פילאָזאָ=פישע סיסטעמען אויף קלאָר און קאָן נאָכזאָגען אַלץ, וואָס ער האָט געלעזען פון זיי, וואָרט ביי וואָרט.

און אַז אויף דער גאַס איז אַ שעהן וועטער, די דראָשקעס האַקען גראָד נישט אין די אויערען, און אויף דער לעקציע ברויך מען זיך נישט צו איילען, טראַכט ער נאָך מיט פערגניגען, אַז אין תוך אַריין זענען אַלע פילאָזאָפען נישט איבריג קלוג געווען; יעדער האָט זיך פערמאַכט אין זיין ווינקעלע, געטראָפען, דאָך אַביסעל נאָר געטראָפען; און ער, פליעגעלמאַן, ווייסט אַלץ, וואָס זיי האָבען אויפגעטהון, און נאָך ווייסט ער, אַז דער עיקר, דער תוך כל־התוכות איז דאָס לעבען, דאָס לעבען אַליין טאַקי.

און פון זיין לעבען איז פליעגעלמאַן צופריעדען. די ערשטע פינף יאָהר אין וואַרשאַ זענען אָנגעקומען אַביסעל שלעכט, נאָר

דעמאלט איז ער געווען א מענש אהן פעסטע איבערציינגונגען, אהן א וועלט-אנשויאונג, און פון יענעם לעבען האט פליעגעלמאן נישט ליעב צו טראכטען. זייט 8 יאהר אבער האט ער זיך בעסער איינגעריכט, בעקומען גוטע לעקציעס און האט אנגעהויבען לעבען רוהיג, לויט פעסטע פרינציפען, א ביסל אבגעזונדערט פון דער וועלט, אליין אין זיין צימער אויף דעם פינפטען שטאק.

זיין צימער איז שטענדיג אויפגעבעט אויף א בעזונדערן ארט, אויף פליעגעלמאן'ס אייגענעם ארט. מיט דער דיענסט בענוצט ער זיך נישט, זייענדיג איבערצייגט קעגען יעדער קנעכטשאפט. און אז מען ברויך די פאדלאגע צו וואשען, וואס ער קאן אליין נישט טהון, האט ער פרעטענסיעס צו זיך אליין און ווארפט זיך פאר, אז ער מאכט קאמפראמיסען, און ווערט איבערצייגט, אז אן ארענטליכען מענשען איז לעת-עתה זעהר שווער צו עקזיסטירען אויף דער וועלט.

בעקאנטע האט ער אסך, נאר נאהנטע מענשען — גאר ווייניג. צווישען זיינע בעקאנטע יונגעלייט האלט מען איהם פאר זעהר א געבילדעטען, פאר א פילאזאף און א עסטעטיק, נאר רעדען רעדט מען פון איהם נישט. גאנצע חדשים פערגעסט מען אן איהם גאר, ערשט אז מען ברויך געלד אויף עפיס א זאך, דערמאנט מען זיך אן איהם, דעמאלט רופט זיך איינער אן:

— א! אן פליעגעלמאנ'ען האט מען גאר פערגעסען!

— טאקי! — זאגט דער אנדערער, און אלע פערוואונדערען זיך, וואס פליעגעלמאן איז זיי נישט געקומען אין קאפ אריין.

און אז מען קומט צו איהם, איז פליעגעלמאן מכבד מיט טהיי, פרעגט זיך וועגען אלע בעקאנטע, גיעט געלד, נאר גלאט זיך שפארען אזוי, האט ער נישט ליעב און זעהט, אז דער שמועס זאל נישט צו נאהנט צו קומען, ער זאל נית בעריהרען, ווי ער דריקט זיך אוים, זיין וועלט-אנשויאונג. דער בעקאנטער געהט אוועק צופריעדען, פערצעהלט די חברים, און אלע ריהמען פליעגעלמאנ'ען

זעהר, און פערגעסען ווידער באלד פון איהם אויף עטליכע חדשים.

נעהנטער פאר אלע איז איהם לעוואנטקאווסקי, א לעהרער, א טאטע פון זעקס קינדער און א גרויסער ארימאן, נאר זעהר א פרעהליכער. בעקענט האבען זײ זיך אין א בוכהאנדלונג. לעוואנטקאווסקי האט עפּיס א מאדנע תאוה צו ביכער. קוים ערשײנט א נײ בוך, אויף העברעאיש אדער אויף יודיש, און ער קאן עם דערווײל נישט קויפען, ווערט ער זעהר טרויריג און אויפגערעגט, און זיצענדיג בײ פליגעלמאנען, וויל ער נישט טרינקען קײן טהײ. פליגעלמאן בארגט איהם אסך מאל געלד און האט דערפון עגמת־נפש, ווײל לעוואנטקאווסקי'ס ווײב האלט איהם פאר, צו וואס ער בארגט איהם געלד.

מיט לעוואנטקאווסקי'ן איז פליגעלמאן אפענהארציג און רעדט מיט איהם א סך מאל פון זיך אלײן:

— די פאעטען מײנען, אז נאר זײ אלײן פיהלען די שענהײט פון דער נאטור. ס'איז א ליגענד. דער אונטערשיעד איז נאר, וואס זײ קענען דאס געפיהל ארויסגעבען אין א פאעטישער פארם, און איך קאן נישט: איך בעשעפטיג זיך נישט דערמיט. צו'ם בײשפיעל: איך צאהל א רובעל טײערער פאר מײן צימער, נאר ווײל בײנאכט שײנט ארײן די לבנה. איך בין אן אפענער מענש, איך האב מיך אויסגערעדט מיט דער ווירטהין, אז איך צאהל א רובעל טײערער נאר מיט דער בעדינגונג, אז אין צימער איז דא די לבנה. איהר ווײסט, לעוואנטקאווסקי, דער המון, דאס פראסטע פאלק, איז, פערשטעהט איהר, גראב. שטעלט אײך פאר, מײן ווירטהין האט געשמײכעלט, אז איך האב זי געפרעגט צי בײנאכט שײנט די לבנה אין צימער, און, פערשטעהט איהר, זי איז איבערצײגט, אז איך בין א נאר... מיט אײן ווארט, איך זאג אײך, לעוואנטקאווסקי, אז אן ארענטליכען, קלוגען מענש איז שווער צו לעבען אויף דער וועלט. יא!

פליעגעלמאַן רעדט רוסיש, לעוואַנטקאָווסקי פערשטעהט נישט די שווערע ווערטער, נאָר מודה איז ער, און לעזט איהם פאַר אַ שיר וועגען דער טבע.

— אַ גוטער שיר — ענטפערט פליעגעלמאַן — איהר וואָלט נאָר געברויכט צו האָבען אַ טיעפערען פילאָזאָפישען בליק. אַ שטייגער, איהר זאָגט: „מַה יָפָה הַטֶּבַע, עַל כָּל הַר וָגֶבַע“. אַנ׳אמת׳ער פאָעט פיהלט, אַז דער בארג און דער הימעל און די ערד און די גאַנצע נאַטור איז פונקט דאָס אייגענע, וואָס מיר אַליין...

— ווי הייסט? — פרעגט לעוואַנטקאָווסקי, און דאָס פנים זיינס ווערט וויינענדיג־ערנסט, אין אָפענעם מויל זעהען זיך לאַנגע צוויי שורות ציינער, און זיין האַנד ציטערט אין דער לופט.

— עס איז אַזוי. איך, צו׳ם ביישפיעל, פיהל עס גאַנץ גוט. עס טרעפט אַ סך מאָל, וואָס איך פיהל, אַז איך און דער הימעל און די לבנה איז אַלץ איינס, איין אַבסאָלוט, פערשטעהט איהר, נאָר אין פערשיעדענע פאָרמען...

— הערסט דו?! אין פערשיעדענע פאָרמען! דאָס האָב איך דאָך באַלד געזאָגט, הײנט מילא, וואָס ווילט איהר? איז דאָך ווידער גוט!

און לעוואַנטקאָווסקי וואַרפט אַזוי מיט דער האַנד, אַז פליעגעלמאַן ווערט אָן דעם מוטה: ער האָט פיינד, אַז מען צעקאַלט זיך.

— יאָ, דער שיר איז גוט. — זאָגט ער. — מיר וועלען נאָך רעדען דערפון, אַ גוטע נאַכט.

טהיילמאָל, אַז ער געהט אַרויס, געגט איהם נאָך לעוואַנטקאָווסקי׳ס ווייב, אַ יודענע מיט אַ געלבליך פנים און מיט איינגעפאַלענע ברוסטען, און שטעלט איהם אָב:

— פאַני פליעגעלמאַן, טאָמיר קאָנט איהר בארגען 50 קאָפעקעס?

פליעגעלמאַן באָרגט און האַלט זיך אָביסעל אויף אין הויז.

ווייל באַלד דערהערט זיך פֿון שטוב געשרייען פֿון מאַן און ווייב. לעוואַנטקאָווסקי וויל 15 קאָפּעקעס אויף טאַבאַק, דאָס ווייב וויל ניט געבען; לעוואַנטקאָווסקי זאָגט, אַז ווען נישט ער, וואָלט פֿליעגעלמאַן איהר נישט געבאָרגט. דאָס ווייב ענטפֿערט:

— דו ביזט נישט ווערט מיט איהם צו רעדען! —

לעוואַנטקאָווסקי ווערט שטיל, עס הערט זיך נאָר, ווי ער געהט אַרום אין שטוב, און אויף פֿליעגעלמאַן'ס פּנים צוגיעסט זיך אַ צופֿריעדענער שמייכעל, וואָס ליעגט שוין אַזוי אויפ'ן פּנים, ביז ער קומט אַ היים און זעצט זיך לעזען.

לעזען לעזט ער לאַנג, פּאַמעליך, שטענדיג אין דער אייגענער פּאָזע, זיצענדיג, און מיט דעם אייגענעם, ערנסטען, רוהיגען אויסדרוק אויפ'ן פּנים. טרעפֿט זיך אַ מערקווירדיגער אָרט, שטעלט ער זיך אָב, לעזט ער נאָך אַמאָל דורך, און קען עס פֿון אויסענווייניג, ציהט די וואָנסע און לעזט ווייטער, אַלץ ווייטער, און עס דאַכט זיך, אַז זיין מוח וואָלט גאָר קיינמאָל נישט מיעד געוואָרען צו שלינגען די זייטלעך, ווי די לונגען — לופֿט. עס געהט דורך אַ צייט, ער נעהמט אַרויס דאָס זייגערעל, און אויב ס'איז שוין 11, מאַכט ער צו דאָס בוך, ציהט נאָך אַמאָל די וואָנסע, און אויף זיין פּנים צוגיעסט זיך אַ מאָדנע זיסקייט.

און אַז די לבנה איז דאָ אויפ'ן שטיק הימעל, וואָס זעהט זיך דורכ'ן פֿענסטער, לעשט ער אויס די לאָמפּ, רוקט צו די שטוהל צום פֿענסטער און קוקט אויף דער לבנה. ער רויכערט אַ פּאַפּיראָס, ציהט זי לאַנגזאַם, אַ רויך צולעגט זיך אין דער בלאָהליכער לופֿט, און אין דעם נעבעל שווימט די לבנה, פּאַמעליך, פֿרום און ערנסט... אַנ'אַלטען חסיד'ישען טרויעריגען נגון, די איינציגע מעלאָדיע, וואָס פֿליעגעלמאַן'ס אויערען האָבען אויפֿגעכאַפּט אין זיין לעבען — ברומט ער צו דערביי; דער נעבעל צוטראָגט זיך, דער טונקעלער הימעל מיט דער לבנה ווערען העכער, און פֿליעגעלמאַן האַלט דעם קאָפּ געהויבען אין דער הויך, קוקט לאַנג און פֿיהלט, אַז ער און דער

הימעל און די לְבָנָה און די גאַנצע וועלט זענען איינס, איין אבּ־סאָלוט אין פערשידענע פאָרמען, און אַז דאָס לעבען איז אַלץ. ליעגענדיג דערנאָך אויף׳ן בעטיל, ווערט ער אַנשלאָפען מיט דעם געדאַנק, אַז דאָס עהרליכסטע, קלינסטע לעבען איז דערביי אויך דאָס בעסטע און דאָס שענסטע, אַז זיין לעבען איז רייך אויך מיט פּאָעזיע.

אָט אַזאַ מענש איז פליעגעלמאַן.

II.

וועגען פליעגעלמאַן׳ס ערשטער ליעבע.

פון ליעבע האַלט פליעגעלמאַן זעהר.

— ליעבע — פלעגט ער זאָגען — איז דער הויפּט פּרינציפּ פון לעבען. דאָס לעבען אָהן ליעבע האָט נישט קיין זין און פערליערט איהר פערטהיידיגונג. אַמענש, וואָס איז נישט געניינט פון דער נאַטור צו ליעבע, האָט ווייניגער ווערט, ווי אַמענש, וואָס קען נישט לעזען און שרייבען.

און פליעגעלמאַן איז פון דער נאַטור זעהר געניינט געווען צו ליעבע. נאָר אַז מען לעבט אַ פערשטענדיג, קלוג לעבען, דאַרף מען זיך ריכטען צו זיין אַבגעזונדערט און עלענד.

— „איך קאָן נישט ליגענד זאָגען, איך קאָן נישט חנפ׳נען“ — פלעגט ער זיך טרייסטען פאַר זיין אונשיקליכקייט ביי פרויען.

און געהאָפט האָט ער שטענדיג, אַז עס וועט זיך טרעפען אַזאַ נשמה, וואָס וועט זיין נשמה פיהלען, אַז דייטליך רעדענדיג, קאָן קיין פאַלשע נשמה איהם נישט ליעב האָבען.

אַמאָל, נאָך דעם, ווי ער האָט זיך איבערגעצויגען אויף אַ נייער דירה, האָט ער בעמערקט אין אַ קעגען־איבערדיגען פענסטער

אַ בלייכליך געשטאַלט מיט שוואַרצע האָר, אין אַ העלער בלוזע און מיט אַ שניי-ווייסען שטייפען קאָלנער. אויגען, גרויסע און שוואַרצע, האָבען געקוקט גלייך צו זיין פענסטער. עס איז געווען אין דער פריה. אין דרויסען איז געווען ליכטיג, אַ העלע שיין איז געלעגען אויף אַ האַלבער, קענען איבערדיגער מויער. די פענסטער זענען געווען אָפען, און דאָס מעדעל האָט געהאַלטען די האַנד איבער די אויגען און האָט געקוקט. פליעגעלמאַן האָט אויך געקוקט. דאָס מעדעל האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען פערשעמט, איהר ברוסט האָט זיך בעוועגט, עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט אָבגעזיפצט. פליעגעלמאַן האָט אַלין געקוקט אויף איהר מיט ענטציקונג. נאָר דאָס מעדעל האָט ווידער אויפגעהויבען די אויגען און ווידער זיי אַראָבגעלאָזט פערשעמט, און די ברוסט האָט זיך ווידער בעוועגט... פליעגעלמאַן האָט אַ קלאַפּ געגעבען מיט צוויי פינגער אויפ'ן פענסטער און געזאָגט צו זיך:

— גענוג!

און איז אַוועקגעגאַנגען פון פענסטער צופריעדען, וואָס ער האָט זיך אַליין בעזיעגט, וואָס ער האָט ווייטער נישט געקוקט, האָטש דאָס האָט זיך איהם אַזוי געוואָלט.

„דער גרעסטער נצחון פון אַ מענש איז, אַז מען איז זיך אַליין מנצח" האָט ער געטראַכט דערנאָך, געהענדיג איבער דער גאַס אויף דער לעקציע. נאָר זיצענדיג אויף דער לעקציע האָט ער געפיהלט, אַז ער איז עפּעס אונרוהיג, אין דער זייט ביי'ם האַרץ האָט זיך עפּעס אַלע ווייל צוגערוקט, עפּעס אַ נאָג געגעבען און ווידער זיך אָבגערוקט; די שוואַרצע האָר און די העלע בלוזע מיט'ן ווייסען קאָלנער האָבען געציטערט אין מוח, און בכלל איז ער געווען אויפגערוימט, עפּעס הייטער, ווי ער פלעגט אַ מאָל זיין ערב פסח אין די אַלטע, אַלטע יאָהרען.

„הם... יאָ"... האָט ער געטראַכט פאַר זיך אַ גאַנצען טאָג, געווישט מיט די הענד די וואָנסעס און האָט כמעט קיין איבריג

ווארט נישט ארויסגערעדט, בעהאלטענדיג פון זיך עפעס א סוד. זיין פנים האט א גאנצען טאג געשמייכעלט.

ביינאכט, ליעגענדיג אין בעט, קוים האט ער די אויגען צוגעמאכט, האט זיך דאס בעטיל אויסגעדרעהט, און ער איז אויסגעקומען מיט די אויגען צו'ם פענסטער, ער האט ארין געטראכט וועגען דער געשטאלט, און אין פינסטערען פאן זעגען געראפען פיער פיעל פייערדיגע פינטעלעך און עפעס וויסעס האט זיך נאכגעשלעפט, ווי א לייכטער נעבעל. געדאכט האט זיך, אז די פינטעלעך, פליהענדיג, מאכען א גלייכע געאמעטרישע ליניע פון יענעם פענסטער צו זיינעם. אין מיטען האט ער זיך דערמאנט, אז ער ליעגט גאר מיט'ן קאפ צו'ם פענסטער, און האט זיך אנגעהויבען צו אריענטירען אין בעט. קוים האט ער דערטאפט די וואנד און האט געעפענט די אויגען, איז דאס בעטעל אויסגעדרעהט געווארען, און ער האט געקוקט גלייך אויפ'ן וויסען אויבען. ער האט זיך אויפגעזעצט, אויסגעדרעהט דעם קאפ. א קעגען-איבער איז געווען פינסטער. ער האט זיך צוריקגעלעגט, און אין א פאר מינוט ארום איז דאס בעטעל ווידער אויסגעקומען פערקעהרט.

— הם... האט ער געשמייכעלט צו זיך אין געדאנק און איז איינגעשלאפען מיט עפעס א פרישען חלום.

צו'ם מארגענס איז דאס מעדעל ווידער געזעסען ביי'ם פענסטער. זי האט געלעזען א בוך, און פליעגעלמאן האט געקאנט קוקען, וויפיעל ער האט געוואלט, נאר דאס מעדעל האט פלוצלונג אויפגעהויבען די אויגען און געקוקט אויף איהם, גלייך אויף איהם, און אין דעם בליק איז עפעס געווען.

„די נשמה פון א מענש שפיעגעלט זיך אב אין בליק און אין געלעכטער" האט ער גע'חזר'ט פאר זיך עפעס א פראזע פון לאנג, נאר לאנג שוין דורכגעלעזענעם בוך. „מערקווירדיג, ווי גוט געזאגט".

ער איז צוגעגאנגען צו זיין קליין שפיגעלע, איינגעקוקט זיך

אין זיין פּנים און האָט געפונען, אַז זיין בּליק איז גאָר אין גאַנצען אַנ׳עהנליכער צו איהר בּליק. עס איז קיין ספק נישט געווען, אַז ער געפעלט איהר: „אַ נשמה אַ נשמה פיהלט“.

אַזוי האָט עס זיך געפיהרט צוויי וואָכען. דאָס מעדעל איז געזעסען ביי׳ם פענסטער, און פליעגעלמאַן האָט געקוקט. אַמאָל, אַז ער האָט געקוקט אויף איהר, האָט זי פּלוצלונג, ווי געוועהנליך, אויפגעהויבען די אויגען, נאָר נישט ווי געוועהנליך — האָט זי זיי אַראָבּגעלאָזט און געקוקט איהם מיט שטאָלץ אין די אויגען אַריין אַזוי לאַנג, בּיז ער, פליעגעלמאַן, האָט אַראָבּגעלאָזען די אויגען פערשעמט! דערנאָך, אַז ער האָט בּגנבה נאָך געוואָרפען אויף איהר אַ בּליק, איז אויף איהר פּנים געלעגען אַ שמייכעל, און איהר בּרוסט האָט זיך אַזוי פריי בּעוועגט... פליעגעלמאַן האָט זיך געפיהלט בּעזיעגט דורך אַ מעדעל.

— אַ שטאַרק פאָלק — האָט ער דעם זעלבען טאָג גערעדט מיט לעוואַנטקאָווסקי׳ן, זיצענדיג בּיי זיך אין צימער און טרינקענדיג טהע — אַ שטאַרק פאָלק זענען די פרויען...

— אָהאָ: — האָט לעוואַנטקאָווסקי געענטפערט און האָט אָנגע־הויבען צו דערצעהלען עפּעס פון זיין ווייב.

— וואַרט, לעוואַנטקאָווסקי, פערשטעהט איהר, איהר פערשטעהט מיך שלעכט — איך געה נישט אַרויס פון דעם שטאַנד־פּונקט. איך רעד וועגען דעם, אַז שטרייטענדיג, האָבּען זיי אַ סך מעהר טאַקט און זיכערהייט, ווי מאַנסלייט, ווייל זיי זענען זיכער אין זייער קראַפט, אין זייער שענהייט, אייגענטליך איז דאָך שענהייט אַלץ; די עסטעטישע איז דאָך די העכסטע וועלטאַנשויאונג, צייטליך רעדענדיג.

לעוואַנטקאָווסקי האָט, ווי געוועהנליך, ווען זיין חבר האָט זיך אַריינגעלאָזט אין עפּעס אַ הויכען שמועס, געשוויגען, געזופּט טהע און אָנגעשטעלט עפּעס אַ מין ערנסטע מינע, ווי אַ קינד, בּשעת אַ זיידע בּענטשט איהם. מהיילמאָל נאָר האָט ער אָנגעקוקט פליע־

געדמאנ'ען, א זיפין געגעבען און צוריק אנגענומען די ערשטע פאזע. פליעגעלמאן האט ווייטער גערעדט:

— דעם אמת רעדענדיג, ווייסען מיר דאך גארנישט. די פסיכאלאגישע עלעמענטען זענען אזוי פערווירט, אז עס איז זעהר גרינג צו ווערען א מיסטיקער. צו'ם ביישפיעל: איהר טרעפט עמיצ'ן אויף דער גאס, לאמיר אננעהמען צו'ם ביישפיעל, א מעדעל; איהר קוקט זי אן, זי — אייך, און די צוויי בליקען האבען צווישען זיך געהאלטען א וכוח, געקעמפפט, איינער האט געזיעגט... און ווי אזוי איז דאס צוגעגאנגען?... אט הייבט זיך אן ספיריטואליזם. נאר, פערשטעהט איהר, דער ריינער פערשטאנד הייסט אויף אלץ זוכען בעשייד, אלץ בינדען לויט דעם געזעץ פון אורזאכליכקייט, און וואו מען ווייסט נישט, שטעלען א פראגע צייכען, נישט פערלאזען זיך אויף סודות... איך ווייס אויף זיכער פון אייגענער פראקטיק, אז ווען נישט מיין פערשטאנד, וואלט איך שוין לאנג געווען א מיסטיקער. יא!

— איהר האט א סך געלעזען... האט לעוואנטאווסקי אבגעזיפצט.

— לעזען איז נישט דער עיקר — פליעגעלמאן איז געווארען זעהר ערנסט — פערשטעהט איהר, די פילאזאפיע וויל פון דער טהעאריע מאכען דאס לעבען, נאר דאס לעבען איז א סך ברייטער, א סך... מען ברויך פון לעבען, פון פראקטיק, זוכען די וואהרהייט... פערשטעהט עס, קלערט וועגען דעם.

ביינאכט האט געשיינט א קיילעכדיגע, ריינע לבנה. זי איז ארויס פונקט פון אונטער'ן קוימען פון א קעגען־איבער'דיגען דאך; איבער'ן הימעל האבען זיך געטראגען לייכטע, נידריגע וואלקענדליך, און די לבנה צווישען זיי איז געלאפען, געלאפען און אלץ אויף איין ארט געשטאנען; איפ'ן הויף איז אלץ געווען בעגאסען מיט א בלאהליכע לופט, אין א קעגענאיבערדיגען פענסטער האט זיך נאך געלייכט, נאר די ראליעט איז געווען אראבגעלאזט, און פליעגעל־

מאַן איז געזעסען בײַ'ם פֿענסטער, און זײַן בליק האָט זיך געװאָרפֿען צװישען הימעל און פֿענסטער.

די ראַליעט האָט זיך אױפֿגערוקט, און אַרױסגעקוקט האָט אַ בעקאַנטער קאָפּ. די אָרמען, צװײ נאַקעטע אָרמען פֿון אַ יונג מײדעל, האָבען זיך געזעהן, די האָהר זענען געװען צװאָרפֿען... און פֿליעגעלמאַנ'ס אױגען האָבען זיך געשװינד אױפֿגעהױבען צו דער לבנה.

„אַ חיטרע פּאָרק". האָט ער געטראַכט און איז אײַנגעשלאָפֿען אױפֿגערעגט.

אַ מאָל, פֿאַרנאַכט איז פֿליעגעלמאַן געזעסען איבער'ן בוך און האָט געלעזען. אין דרױסען איז געװען אַ שטאַרקער רעגען, בליצען האָבען געבליצט, און דונערען האָבען געשלאָגען מיט אַזאַ אימפּעט, אַז נאָך יעדער'ן קלאַפּ איז פֿליעגעלמאַן צוגעלאָפֿען צו'ם פֿענסטער איבערצײַגען זיך, צי אַלץ אַרום איהם איז גאַנץ, און האָט געזעהן, אַז אַקעגענאיבער קוקט אַרױס זי. געדאַכט האָט זיך, אַז זי האָט איהם נישט בעמערקט, זי איז געזעסען אָנגעלעהנט מיט'ן קאָפּ אױף דער האַנד, און די אױגען זענען געװען מורא'דיג: געקוקט האָבען זײ אױף דעם שװאַרצען װאָלקען, און אין זײ איז געלעגען אַ טרױער, אַ סך אַ שװערערער, װי דער װאָלקען אױבען... פֿליעגעלמאַן איז אונגעדולדיג אַרומגעגאַנגען איבער'ן צימער.

דאָס געװיטער האָט זיך געענדיגט, אין דרױסען האָט זיך בעװיזען אַ שײַן פֿון דער זון, אַלץ איז געװען אָבגעװאַשען און פֿריש. פֿליעגעלמאַן איז געשטאַנען בײַ'ם פֿענסטער און געקוקט. דאָס מײדעל האָט אױך אַ סך מאָל אױפֿגעהױבען די אױגען, און איהר בליק איז געװען דרײסט. פֿליעגעלמאַן אין אָנהײב אַביסעל פֿערשעמט, דערנאָך אַלץ דרײסטער און דרײסטער, האָט געקוקט אױף איהר אָהן אױפֿהער, און דאָס פּנים זײַנס האָט זיך צוגעגרײט צו אַ שמײכעל. דאָס מײדעל האָט װידער אױפֿגעהױבען די אױגען און איז עפּעס פּלוצלונג אַװעקגעגאַנגען, צוריקגעקומען עטליכע

מאָל, און זי האָט אויסגעזעהן זעהר אונרוהיג.

„די ריכטיגע צייט", האָט פליעגעלמאַן געטראַכט און האָט זיך אונטערגעגעבען מוטה... ער האָט אַ שאָקער געגעבען מיט'ן קאָפּ, און אַ זיסער שמייכעל האָט זיך צוגאָסען אויף זיין פּנים — — —

נאָר דאָס מעדעל האָט זיך ראַש אויפגעשטעלט, אַ גרויסע רויטע צונג האָט זיך בעוויזען, און די ראָליעט איז ראַש אַראָבגעפאַלען...

עטליכע סעקונדען האָט געדויערט, ביז פליעגעלמאַן איז געקומען צו זיך, און אַז ער האָט זיך אומגעקוקט, איז די ראָליעט געווען אַראָבגעלאָזט, און אין דער זייט האָט זיך געזעהן דער רעגענבויגען.

ביינאַכט, ליעגענדיג אין בעט, האָט ער שטאַרק געביסען די ליפּען, און ער האָט נישט געקאָנט געפינען דעם ריכטיגען אויסדרוק פאַר דעם געפיהל, וואָס ער האָט יעצט געטראָגען אין האַרץ צו דעם מעדעל: פערראַכטונג אָדער כעס? פינטעלעך זענען ווידער געלאָפען, ווי דעמאָלסט אין יענער נאַכט, נאָר יעצט זענען זיי געלאָפען עפּעס גאָר אָהן שום אָרדנונג, האָבען זיך צוטראָגען אין אַלע זייטען, און פאַר די אויגען איז געבליבען נאָר די שוואַרצקייט, און פאַר'ן שלאָף האָט זיך דאָס בעטעל עפּעס געדרעהט און געקוילעט אין אַ לערען רוים.

אויפגעשטאַנען איז ער מיט דעם געדאַנק, אַז ער ברויך אָנצושטרענגען זיין ווילען, אום צו קעמפּפען קעגען דעם אונגליק, אַז ביי אַ קלוגען פערשטענדיגען מענש ברויך קיינמאָל דער מוטה נישט צו פאַלען, און רעדענדיג מיט לעוואַנטקאָווסקי'ן, האָט ער געזאָגט:

— אַ מענש ברויך צו זיין פאָרזיכטיג. מען מוז זיך שטענדיג אָנגרייטען קרעפטען, כּדי צו זיין גרייט קעגען יעדען אונגעריכטען אונגליק, וואָס ערוואַרט אונז אומעטום. איך קאָן זאָגען, אַז ווען נישט, וואָס איך בין שטענדיג פאָרגעברייט קעגען יעדען אונגעריכ־

טען צופאל, פערשטעהט איהר, לעוואנטקאווסקי, וואלט שלעכט געווען, יא שלעכט וואלט געווען!

.III

וועגען פליעגעלמאנ׳ס פערשוואכטע נערווען, וועגען זיין וועלכן התונה האבען און ווי אזוי ער איז משוגע געווארען.

עס זענען דורכגעגאנגען צוויי יאהר, און פליעגעלמאנ׳ס לעבען האט זיך ווייניג געענדערט. עס איז נאר געוואקסען דאס בענקשאפט אין זיין הארץ נאך א ווייב, א בענקשאפט האט איהם א סך מאל וועהר צורודערט, און אין דער לעצטער צייט אויפגערעגט די נערווען און געשטערט פון לעזען. עס האט זיך געטראפען, אז ער האט פלוצלונג פערגעסען גאר א בעקאנט ווארט. פאר די אויגען האט איהם א סך מאל געשווינדעלט, און אין קאפ איז עפיס אלין שיטער געווארען און ווי צעשרויפט.

עפיס האט זיך איהם עפטער דערמאהנט זיין קינדהייט. ער האט געדענקט דעם פאטער, א קליין, דאר יודעל, וואס האט שטענדיג געהוסט. עפיס א קאלטע נאכט האט זיך געדענקט. דער פאטער איז אראבגעקראכען פון בעט מיט א הוסט, און איהם איז געווארען וועהר קאלט, בלייבענדיג אליין אויפ׳ן געלעגער. ער האט געדענקט דעם פאטער׳ס טויט: ליעגענדיג אויף דער ערד האט ער אויסגעזעהן אזוי קליין, אז ס׳האט זיך געדאכט, ער האט זיך איינגעקארטשעט און איינגעשלאפען. די איינציגע עלטערע שוועסטער פליעגעלמאנ׳ס האט שטארק געוויינט און געווישט מיט דער שירץ די נאז. און אהיים קומענדיג צוריק פון דער לויה, האבען זיי זיך ביידע געשלאגען און געריסען איבער א האלבען פאמעראנץ, וואס איז געבליעבען אויפ׳ן פענסטער... דערנאך האט ער געגעסען טעג...

די שוועסטער איז היינט א מלמד'תע, ווייל אודאי זיין נאמען ניט הערען, ווייל ער איז אנ'אפיקורס. זי האט אודאי אסך קינדער, וואס געהען אזוי אבגעריסען און פערשמאלט, ווי לעוואנטקאווקי'ס קינדער, און ער, פליעגעלמאן, געהער זיי אן א פעטער. עפיס מאדנע איז דאס אלץ אויסגעקומען.

אין נייעם פאספארט, וואס פליעגעלמאן האט בעקומען איינגעשיקט פון זיין געבורטס־שטעדטיל, איז ער געשטאנען איינגעשריבען 36 יאהר, און דרעהענדיג דעם פאספארט אין דער האנד האט ער זיך שטארק פערטראכט. איהם האט געשראקען דער געדאנק, אז ער האט שוין פערשפעטיגט חתונה צו האבען. ער האט גענומען זוכען בעקאנטשאפט. דאס אבער איז איהם אנגעקומען זעהר שווער.

אין דער לעצטער צייט האט ער זיך בעקאנט מיט עפיס א מעדעל, א דאנטיסטקע. זי איז געווען נישט זעהר שען, אביסעל א דיקע, מיט א פול פנים, נאר זי האט הויך געלאכט, אזוי אז עס איז שווער געווען צו הערען, וואס זי רעדט, און האט ליעב געהאט אויפצופלעכטען און צוצופלעכטען אלע ווייל די האר. פליעגעלמאן האט אנגעהויבען אפט ארייננצוגעהן צו איהר, און אין הארץ איז געוואקסען א האפנונג.

גערעדט מיט איהר האט ער שטענדיג וועגען ביכער, שרייבער און פילאזאפען. זי איז געזעסען שטיל און האט אלץ אויסגעהערט, אויסגעהערט, אין מיטען נאר פרעגט זי איבערהאקען:

— איהר ווילט טהיי?

עס האט געדויערט א גאנצען חודש. אמאל איז זי ארייננגעגאנגען אין דער ערשטער שטוב ברענגען טהיי, פליעגעלמאן איז געבליעבען אליין, ער האט זיך אומגעקוקט אין דער שטוב, און האט נישט געוואוסט, וואס ער טהוט דא. ער האט אראבגענומען דאס שפיעגעלע פון טיש און האט עס געדרעהט פאר זיין פנים אין מיטען איז זי ארייננגעשמעטן מיט'ן טהיי.

— איהר שפּיגעלט אייך אויך? אבי איהר, מאַנסלייט, רעדט אויף אונז פרייען, אַז מיר קאָקעטירען! עהרליך, ס'איז אַ געלעכטער.

— יאָ — האָט פליעגעלמאַן געצויגען די ווערטער — מיר ווילען אייך געפעלען, ווי דען? איבערהויפּט, איך — אייך.

די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגערעדט שטיל מיט נישט קיין זיכער קול, דאָס מעדעל האָט נאָר געפרעגט עפּעס ווי פערוואונדערט:

— אַזוי? — און איז שטיל געבליבען. פליעגעלמאַן האָט אויך נישט גערעדט, עס איז געווען עפּעס זעהר שווער אין שטוב. דאָס מעדעל האָט געעפענט אַ בוך, ער האָט לאַנג געקוקט אויפ'ן אויבען.

— וויפיעל, צו'ם ביישפּיעל, קאָן קאָסטען אזא אויבען? — אַ שענער אויבען... ער האָט גערעדט שטיל און געפיהלט, אַז ער רעדט נאַריש און האָט אַ הייב געגעבען די אַקסלען.

זי איז לאַנג געזעסען שטיל, דאָס בוך איז געלעגען אָפען פאַר איהר, און זי האָט זיך עפּעס פרוצלונג צולאַכט.

— לעכערליך... לעכערליך... האָט זי קוים אַרויסגערעדט און אָנגעגייזען מיט'ן פינגער אויפ'ן בוך, וואָס זי האָט אָבער באַלד צוגעמאַכט. און פליעגעלמאַן האָט נישט געוואוסט, ציי זי האָט געלאַכט פון איהם, אָדער אין בוך איז אזעלכעס געווען. אין שטוב איז ווייטער געווען שווער און ענג. עס איז אַריינגעקומען אַ בעקאַנטער. זי האָט נאָר אויפגעלעבט, און פליעגעלמאַן איז אַרויסגעגאַנגען און שוין נישט מעהר אַריינגעגאַנגען צו איהר.

די צייט איז געגאַנגען שנעל איהר וועג, אַ טאָג נאָך אַ טאָג איז אַוועק. פליעגעלמאַן האָט געלעבט זיין איינזאַם לעבען. די נערווען זענען אַלץ מעהר אונרוהיג געווען, אין פּאַספּאָרט איז ער שוין געשטאַנען איינגעשריבען 38 יאָהר...

עס איז אנגעקומען א נאסער, ווינדיגער אסיען, וואס האט אויף פליעגעלמאן שלעכט געווירקט. קויפענדיג זיך א פאר קאלאשען האט ער פערגעסען דעם נומער, און האט געקויפט מיט א נומער גרעסער, און געהענדיג אויף דער גאס, האט ער א מינוט נישט געקענט פערגעסען זיין טעות: די קאלאשען האבען זיך אראבגערוקט פון די פיס און האבען שטארק דערקוטשעט. ער איז אין דער לעצטער צייט מעהר געגאנגען איבער דער גאס אהן שום ציעל און האט כמעט גאר נישט געלעזען. דער טראטואר אויף דער גאס איז שטענדיג געווען נאס, די דראזשקעס האבען געשפריצט מיט בלאטע; לויות האבען זיך געצויגען יידישע און קריסטליכע. עפעס מעדלעך מיט ביכער אונטער'ן ארעם זענען אלע ווייַלע דורכגעגאנגען, דאס קלייד אין דער האנד האלטענדיג, און די ווייסע ספאדניצע איז געווען בעשפריצט מיט בלאטע, און זיי האבען געאיילט, געאיילט. אויף דער נאכט איז עפעס א טרעגער געשטאנען אויפ'ן טראטואר, מיט א שטריק אומגעגארטעלט, און האט זיך געשווארען, — אז ער האט א גאנצען טאג קיין גראשען נישט פערדינט... פליעגעלמאן האט זיך געפיהלט מיעד, אין מוח איז אלץ עפטער שיטער געווארען, פאר די אויגען האט אלץ געשווינדעלט און איבער'ן רוקען האט געבראכען... ער איז אריינגעגאנגען צו א דאקטאר. דער דאקטאר האט איהם לאנג רעווידירט, געפרעגט צי ער איז א בעווייבטער, פליעגעלמאן האט געלייקענט, געזאגט „יא". דערנאך האט איהם זעהר פערדראסען, וואס ער האט ליגענד געזאגט.

— איך פיהל — האט ער גערעדט מיט לעוואנטקאווסקי'ן — אז איך ווער א פעסימיסט. אייגענטליך, איז דאך דער פעסימיזם דאס לעצטע ווארט פון דער פילאזאפיע...

ער האט עפעס דערמאנט וועגען שאפענהויער, נאר ער האט אין מיטען א בליק געווארפען אויף לעוואנטקאווסקי'ן, וואס איז געזעסען און געמאכט זיך פאמעלעך א פאפיראס און האט זיך בעמיהט

אַלץ מעהר טאַבאַק אַנצושטופּען. דאָס האָט עפּעס פליִעגעלמאַן'ן פערדראָסען, און נאָך מעהר דערבּיִזערט האָט איהם, וואָס לעַ-וואַנטקאָווסקי האָט גאָרנישט בעמערקט, אַז ער האָט זיך אָבגעשטעלט אין מיטען רעדען.

— איהר ווייסט, וואָס, לעוואַנטקאָווסקי — האָט ער זיך פּלוצ-לונג אַרויסגעחאַפּט — איהר זייט אַ נאַר.

לעוואַנטקאָווסקי האָט נישט בעמערקט, ער האָט רוהיג געצויגען דעם פּאַפּיראָס און האָט אַנגעמאַכט אַ שטאַרקען רויך. פליִעגעלמאַן האָט איהם לאַנג אָנגעקוקט און געזאָגט:

— דייטליך רעדענדיג, וואָס טויג אייך אַזוי פיעל קינדער, לעוואַנטקאָווסקי? איהר זייט דייטלוזניג, כ'רעבען.

לעוואַנטקאָווסקי האָט געשמייכעלט און געזאָגט:

— איך האָב גראָד זעקס. איהר — גאָרנישט, איז גוט! לאָז אייך דאַכטען, אַז יעדער האָט דריי. איז נישט גוט? זאָגט אַליין.

לעוואַנטקאָווסקי האָט געקוואָלען פון זיין ווערטיל, ער האָט זיך צולאַכט, און פליִעגעלמאַן האָט דאָס געלעכטער נאָך מעהר אויפגערעגט.

— הערט, לעוואַנטקאָווסקי, איהר זייט אַ נאַר, אַ נאַר, איך זאָג אייך, אַ נאַר, הערט, וואָס איך זאָג אייך, אַ נאַר...

פליִעגעלמאַן האָט דערפיהלט, אַז ער ווערט אויפגערעגט און האָט אָבגעהאַקט, לעוואַנטקאָווסקי האָט געמאַכט זעהר אַ זויערע מינע, עפּיס האָט איהם דאָס אַלץ זעהר פערוואונדערט, ער האָט זיך געזעגענט מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטע נאָז און איז אַרויסגעגאַנגען.

פליִעגעלמאַן איז געבליבען אַליין אין שטוב, ער האָט גענומען קלעהרען וועגען פּעסימיזם, נאָר די געדאַנקען האָבען פערלוירען זייער שטייפקייט, און ער האָט פערגעסען אַגאַנצען זאַטץ, וואָס ער האָט אַמאָל געדענקט פון אויסענווייניג.

ער איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב און געחזר'ט פאַר זיך: „ער איז אַ נאַר, אַ ריינער נאַר, אַ נאַר... אַ נאַר... אַ נאַר..."

און עפּים האָט זיך געוואָלט דאָס וואָרט אסך מאָל איבער'חזר'ן.

עטליכע טעג האָט ער זיך געפיהלט שטאַרק צורודערט, ביינאַכט איז ער מיט דעם בעטיל געפאַלען עפּים אין טיעפע אָבגרונדען. ער האָט שטאַרק געזיפצט אין שלאָף. בייטאָג איז אויף דער גאַס געווען גאָר אַשלעכט וועטער, פליעגעלמאַן האָט געפּרובט זיצען אין דערהיים. און הויז, וואו ער האָט געוואָהנט איז עמיץ געשטאָרבען, און אויפ'ן הויף האָט מען שרעקליך געוויינט און געמאַכט קולות, ביז דער שוואַרצער וואָגען איז געקומען און האָט דעם טויטען אַוועקגעפיהרט, און אויפ'ן הויף איז שטילער געוואָרען. ער האָט געפּרובט לעזען, נאָר אָבלייענענדיג אַביסעל, האָט ער זיך אָבגעשטעלט, געגעניצט און פאַר די אויגען האָט געשווינדעלט, ער האָט זיך געלעגט, קוים איז ער איינגעשלאָפען, האָט איהם געחלומ'ט אַשלעכטער חלום:

ער האָט געטראָגען אַלאַנגען, שטייפען טויטען גוף איינגעוויקעלט אין אַשוואַרצער קאָלדרע. די קאָלדרע האָט ער געהאַלטען אין ביידע הענד און איז געגאַנגען איינגעבויגען. געקומען איז ער פון אונטער דער שטאָדט, און געטראָגען דעם טויטען בעגראָבען. עס איז געווען פינסטער. מיט איהם זענען געגאַנגען צוויי שַמָשִים און האָבען גערעדט צווישען זיך. פון שמועס איז ער געוואָהר געוואָרען, אַז ער טראָגט זיין טויטע שוועסטער. ער איז געווען זעהר מיעד. ביי אַשוועל פון אַגעוועלב האָט ער זיך אויסגעגליטשט, דער טויטער איז אַרויסגעפאַלען און האָט זיך אָנגעשלאָגען מיט'ן קאָפּ אויף דער שוועל. און פון דער קאָלדרע האָט זיך געהערט אַגעוויין, ווי אַקינד פּישצשעט. איין שמש האָט געזאָגט:

— טראָגט, פליעגעלמאַן, זי איז טויט, דאָס איז נאָר אַרעפלעקסיע, טראָגט!

ער האָט ווייטער געטראָגען. דאָס קול איז געוואָרען אַלץ ציטריגער, און ער איז געווען מיעד. זעהר מיעד, די שמשים האָ-

בען איהם צוגעשטופט, געקראַפט אין די אַקסלען און צוגעאײַלט ער זאָל געהן גיכער. פּליעגעלמאַן האָט געוואָלט וויינען און האָט מורא געהאַט, אַז דאָס וועט זיין אַ רעפּלעקסיע, אַז ער איז טויט... איהם איז געוואָרען זעהר שלעכט, און איז זיפּצענדיג אויפגעשטאַנען פון שלאָף.

אין קאָפּ, איבער'ן רוקען האָט זעהר געבראָכען; אין צימער איז געווען אַזוי פינסטער, אַז אַפילו דער פערוואָלקענטער הימעל האָט אַריינגעשיקט אַ קלאָרען אָבגלאַנץ, און דער אָבגלאַנץ איז שרעקליכער געווען פאַר דער פינסטערניש. אויפ'ן הויף האָט אַ קאַץ יעמערליך געשריען, אויפגעהערט און ווידער אָנגעהויבען, דאָס געשריי האָט געריסען ביים האַרץ, און עס איז ניט מעגליך געווען צו פערשטעהן, וואָס איהר פעהלט, וואָס זי קלאָגט זיך אין דער טונקעלער נאַכט אַזוי שפּעט. פּליעגעלמאַן האָט זיך איינגעוויקעלט אין דער קאָלדרע, די קאַץ האָט אַרין געיאָמערט.

די גאַנצע נאַכט איז ער ניט געשלאָפען. בייטאָג אויף דער לעקציע זיצענדיג, האָט איהם דער תּלמיד זעהר איפגערעגט: ער האָט איבערגעזעצט אַנשטאַט: „די גרינע לאָמפּען פון אייערע שכנים"— „די לאָמפּען פון אייערע גרינע שכנים", פּליעגעלמאַן האָט איהם געהייסען פערריכטען, און דער שילער האָט איבערגעזעצט: „די לאָמפּען פון אונזערע גרינע שכנים", ער איז בייז געוואָרען און האָט געחאַפּט דאָס יונגער פאַר'ן אַקסעל, איהם געטרייסעלט און געשריען ניט מיט זיין קול:

— גרינע שכנים! ווי קאָן דאָס זיין גרינע שכנים! ווי קאָן דאָס זיין!

אין מיטען האָט ער זיך דערמאַנט, און האָט אָנגעהויבען צו בעדען ווייך:

— נו, זאָג אַליין! איז דאָס מעגליך? ווי?

נאָר דאָס קול זיינס האָט געציטערט, דאָס האַרץ האָט גע-

קראַפט, ער האָט זעהר שווער געאָטהעמט, און דאָס יונגעל האָט זיך פערוויינט:

— פערשטעה דאָך... פערשטעה דאָך, דאָס איז דאָך אונ-מעגליך... דאָס יונגעל האָט זיך אויפגעהויבען און איז אריין צו דער מוטער מיט א געוויין.

די מוטער איז אריינגעקומען, און פליעגעלמאַן האָט געפיהלט, אז ער ברויך איהר פערשטעהן צו געבען, אז די „גרינע שלנים" איז אונמעגליך, און ער האָט נישט געוואוסט, ווי אזוי מען טהוט דאָס. די מוטער האָט געפרעגט:

— וואָס איז דאָס פאָרגעקומען צווישען אייך?

פליעגעלמאַן האָט א ווײַלע נישט געענטפערט, נאָר די מוטער איז אליין געשטאַנען און געוואַרט. פליעגעלמאַן האָט זיך עפּיס אַרויסגעכאַפּט:

— גאָר נישט. איך בין היינט צורודערט, מיין שוועסטער איז געשטאָרבען...

די מוטער האָט זיך פעראינטערעסירט מיט דער שוועסטער, פליעגעלמאַן האָט אָנדערצעהלט ליגענד, וואָס ער האָט אליין נישט געוואוסט, פון וואַנען זיי זענען איהם געקומען אין קאָפּ אריין, און אַרויסגעהענדיג האָט ער גע'חזר'ט: „איך בין קראַנק, איך בין קראַנק, קראַנק, קראַנק, קראַנק..." און פון דעם איבער'חזר'ן איז איהם ווײַטער לייכטער געוואָרען. אויף דער רעשט לעקציעס איז ער ניט געגאַנגען. פאַר נאַכט איז ער א היים געקומען, איהם האָט זיין שטוב זעהר אָבגעשראָקען, און ער האָט זיך געלעגט אויפ'ן בעטיל און איז איינגעשלאָפען.

ער איז אויפגעשטאַנען זיפצענדיג, דערשוויצט, אין שטוב איז געווען פינסטער, דאָס ווייסע האַנדטוך האָט איהם אָבגעשראָ-קען, ער האָט גיך געהאַפּט דעם פאַלטאָ אויף זיך, און נישט בע-מערקענדיג, וואו אהין ער געהט, איז ער אריין צו לעוואַנטקאָווסקין.

לעוואַנטקאָווסקי האָט איהם שטאַרק געשאָקעלט מיט דער

האַנד אַזוי, אַז אין מוח האָט זיך דערביי געוואָרפען. אַרום האָט זיך געזעהן בעטגעוואַנד, קינדישע פּניםער. אין איין בעט האָט געזיפּצט לעוואַנטקאָווסקי'ס ווייב, פליעגעלמאַן האָט זיך געזעצט אויף אַ שטוהל, און האָט איינגעדרעמעלט. אין דרימעל האָט ער אויף זיך דערפיהלט לעוואַנטקאָווסקי'ס האַנד, ער האָט אויפגעעפענט די אויגען, לעוואַנטקאָווסקי, האַלב אויסגעטהון, האָט איהם געשמייכעלט אין פּנים אַריין, עפּיס גערעדט, אַז ער איז שכור... פליעגעלמאַנ'ן האָט זעהר געאַרט דער שמייכעל, און ער האָט געוואָלט זאָגען עפּיס זעהר שטאַרק'ס, כּדי ער זאָל אויפהערען צו שמייכלען.

— איך געה צו דער ווייסעל... האָט ער קוים אַרויסגערעדט.

— געהט שלאָפען, ס'איז קאַלט...

פליעגעלמאַן האָט דערפיהלט, אַז איהם איז קאַלט, אין שטוב האָט זיך געזעהן אַ פּאַרע, לעוואַנטקאָווסקי האָט געשמייכעלט, און פליעגעלמאַן איז אַרויסגעגאַנגען.

ער איז דורכגעגאַנגען אַסך גאַסען און האָט נאָר בעמערקט, אַז ער רוקט זיך אָב פון איין לאַמטערען צו דער אַנדערער, אַז זיין שאָטען ווערט קירצער און קירצער און וואַקסט ווידער אַרויס... אויף איין גאַס האָט איהם אָבגעשטעלט עפּיס אַ מעדעל, זי האָט געשמייכעלט און געדרעהט מיט'ן קאָפּ לוסטיג, און אַז ער איז אוועקגעגאַנגען האָט זיך געהערט אַ פויליער הוסט, וואָס האָט לאַנג געציטערט אין דער לופט... און דאָס אַלץ איז שווער געווען צו פערשטעהן.

אָבגעשטעלט האָט ער זיך אויף דער בריק פון דער ווייסעל, און האָט זיך אומגעקוקט. אַ פּאָליציאַנט האָט איהם נאָכגעקוקט: „איך האָב אַ פּאַספּאָרט" האָט ער זיך געטראַכט און געהאַלטען די האַנד פאַר'ן בוזעם.

אויף דער בריק איז ער געשטאַנען לאַנג. פון דער ווייטען האָבען זיך געזעהן צוויי שורות לאַמטערען, וואָס האָבען געבילדעט אַ פיערדיגע בלית. און וואַסער האָבען זיך געוויגט זייערע שטראַ=

רען, אויפ'ן הימעל האָבען זיך געריהרט פערשיעדענע שטיקער וואָלקען, שוואַרצע און העלערע. זיי האָבען זיך עפּיס ווי געדרעהט, און איין עק דאָרטען זיך אויסגעמישט מיט'ן וואַסער. אויף דער בריק איז מען דורכגעפאָהרען, און אַלץ אַרום האָט געציטערט... די פינסטערניש פון דער וויַיטען איז אַלץ נעהנטער געוואָרען, די וואָלקען האָבען זיך אַראָבגעלאָזט, און פאַר די אויגען האָט זיך געריעדערט, געריעדערט אָהן אַנ'אויפהער...

פליעגעלמאַן האָט דערפיהלט, אַז זיין גאַנצער קערפער שאָקעלט זיך, און האָט זיך משער געווען, אַז ער האָט זיך אַריינגעוואָרפען אין וואַסער, נאָר דאָס שאָקלען האָט לאַנג געדויערט, עס האָט זיך געהערט אַ געקלאַפּ פון רעדער אויף אַ האַרטען בריק. עפּיס האָט מען גערעדט צו איהם אויף רוסיש, און ער האָט נישט פערשטאַנען.

ער איז איינגעשלאָפען אין פּאָליצייסקען צירקעל, אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געפיהלט, אַז ער ליעגט אין וואַסער; איבער די אויגען האָט זיך געצויגען, געצויגען אַ בראָההיכער שטראָם, און איהם איז געווען לייכט און גרינג, נאָר אונטער'ן קאָפּ האָט וועה געטהון, און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז געפאַלען אויף אַ שטיין.

אין דער פריה, אַז דער פּאָליציאַנט האָט איהם מיט געוואַלד אויפגעשטעלט אויף די פיס, האָט ער זיך בשום אופן נישט געקענט דערמאַנען, וואָס ער טהוט דאָ, און ער האָט געקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגען אַרום זיך, נאָר אַז ער האָט פאַר זיך דערזעהן אַ פּאָר שליפעס מיט אַ שווערד און האָט דערהערט אַ שטרענג קול, האָט עפּיס אַ געדאַנק אויפגעבליצט אין זיין קאָפּ. ער האָט אַריינגעשטעקט פּאַמעליך די האַנד אין דער בוזעם-טאַש און גערעדט:

— איך האָב די עהרע אונטערטהעניגליך צו בעטען... בעגראָבט מיך. איך האָב אַ פּאַספּאָרט, אָט!

דֶער רָב אוּן דֶעם רָבְ׳ס זוּהן.

די שבת'דיגע סעודה ענדיגט זיך, און דער סאַקענער רב ווישט איבער מיט די הענד זיין פרום, צופריעדען פנים, ציהט אויס ביידע פאות, מאַכט גלייך דעם ספּאָדיק אויפ'ן קאָפּ, און גרייט זיך אָן צו זאָגען אַ שטיקעל תורה, מיט וועלכער גאָט ברוך הוא האָט איהם געבענטשט. ביי'ם טיש זיצען נאָך: פון איין זייט אַנ'אורח, אַ ליבאַוויטשער חסיד, ווי דער רב, אַ ייד מיט אַ געלער באָרד און פאות און מיט זעהר אַ ברודיגען קאָלנער פון העמד, וואָס שטעקט אַרויס פון אונטער אַ געל, ברודיג טיכעל, וואָס איז אַרומגעוויקעלט איבער'ן האַלז; פון דער אַנדערער זייט זיצט דעם רב'ס זוהן שלום, אַנ'אַכצעהן יעהריגער בחור מיט אַ לאַנג בלייכליך פנים, מיעפע, אַביסעל פערטראַכטע אויגען, אין אַ סאַמעטען היטעל, נאָר אָבגעשוירענע פאות — אַ בעהאַלטענער משכיל, וואָס שרייבט לשון־קודש'ע שירים און קלערט אויסצוּוואַקסען אַמאָל אַ גרויסער יידי־שער משורר. די רביצין איז קראַנק אויף רעוומאַטיזם שוין אַ פּאָר חדשים און ליעגט אין דער אַנדערער שטיב.

דער רב איז בטבע אַנ'ענו, און תורה צו זאָגען קומט איהם אָן זעהר נישט גרינג: גלאַט אַזוי נעמען אַ פסוק פון דער הייליגער תורה און זאָגען: „דער פשט איז אַזוי און אַזוי", האָט ער ניט די העזה און שעמט זיך עפּעס פאַר אַנדערע; אַ שטייגער ווי ער וואָלט ליגענד געזאָגט. ביז פינף און צוואַנציג יאָהר איז ער געוועזען אַ מתנגד, נאָר מיט'ן סאַקענער רבנות איז ער ביסלעכווייז געוואָרען אַ חסיד; היינט איז ער שוין איבער 50 יאָהר, פאָהרט צו'ם רבי'ן און קומט אַהיים יעדעס מאָל מיט אַ גאַנץ אַ געשטאַרקטע־רער אמונה. און יעדעס מאָל נאָך דער נסיעה קריעגט ער שטאַרק חשק אַליין צו זאָגען אַ שטיקעל תורה; און קוים קומט איהם אָן

קאפ אריין עפעס אנ'איינפאל, דריקט עס איהם אויפ'ן הארץ, ווייל ער איז נישט דרייסט צו זאגען.

דער עיקר קומט איהם אן שווער דער ערשטער ארויספאהר. ער וואלט געקאנט מאכען, ווי דער רבי מאכט: „ער זאל לעבען" גיט א רוק דאס בענקיל, קוקט אן אלע, וואס זיצען ביי'ם טיש, מיט א שטרענגען, אביסעל בייזען בליק... דערנאך — א קרעכץ... נאר נאכמאכען שעמט זיך דער סאקענער רב: צי האט ער מורא, מען זאל איהם נישט חאפען דערביי.

ער לאזט אראב די אויגען, האלט מיט איין האנד צו דעם שטערן, מיט דער אנדערער שפיעלט ער זיך מיט א מעסער אויפ'ן טיש, און הייבט אן שטיל, קוים וואס מען הערט:

— כי תצא למלחמה על אויבך — אויבך — דער יצר הרע, אוי-אוי-א... ער שאקעלט צו מיט'ן קאפ, ווערט אביסל דרייסטיגער, טייטשט ווייטער דעם פסוק און קומט אלץ מעהר אריין אין דער ראלע. ער קוקט שוין יעצט דרייסט דעם אורח אין פנים אריין. דער אורח פערקרימט זיך אויך, גיט א שאקעל מיט'ן קאפ, נאר די אויגען זיינע קענען זיך באין אופן נישט אוועקרייסען פונ'ם פלעשיל בראנפען, וואס שטעהט אויפ'ן טיש, און ער קען זיך ניט אויסוואונדערען, ווי אזוי איז דאס עפיס מעגליך, אז ס'זאל בלייבען אזוי פיעל בראנפען נאכ'ן עסען. און אז דער רב קומט צו צו'ם ענין, אז „בשביה" — אין געפענגעניש, — מיינט מען די „מדות רעות" און „אשה יפת תואר" מיינט מען, אז יעדע שלעכטע מדה האט איהר גוטען צד, — דא קען זיך דער אורח שוין נישט איינהאלטען, האפט עפיס אונגעלומפערט, מיט א מין איילעניש, דאס פלעשעל, גיעסט זיך איין א גלעזיל בראנפען, פערגיעסט אוש א שטיק טישטוך, און טרינקט מיט א צוריקגעלאזטען קאפ, מיט איין שלונג, ווי א'נ'עלטער שכור, זאגענדיג פריהער א פערשלאפענעם, היזעריגען „לחיים". אויפ'ן רב'ס בעגייסטערונג ווירקט עס שלעכט, „עס צומישט איהם די מוחות", און ער קעהרט זיך איבער צו'ם זוהן.

אין אמת אַריין, האָט דער רב אין דעם ענין פֿון תורה נים קיין סך צוטרויען צו׳ם זוהן, האָטש ליעב האָט ער איהם זעהר, ווייל ער איז דאָס איינציגע קינד זיינס, פֿון וועלכע ער רעכענט מיט גאָט׳ס הילף צו האָבען נחת, און וואָס וועט נאָך הונדערט יאָהר איבערנעמען דאָס סאַקענער רבנות. דער עלטערער זוהן איז ריין, נאָר אַ פּראָצענטניק, און דער אַלטער איז פֿון זיינע עשירות אין גאַנצען נים צופֿריעדען: אַ טאָכטער האָט ער געהאַט, איז זי געשטאָרבען און איבערגעלאָזט קליינע יתומים... געבליבען איז איהר נאָר ש ל ו ם. אַ גוטען קאָפּ האָט ער, לערנען קען ער וואויל, אַ שטיל קינד, אַ ציכטיגער... אַ שטיקעל עקשן איז ער אַפֿילו, איינגעשפּאַרט אַביסל — נאָר דאָס קען נים שאַדען פֿאַר אַ יונגעל, טראַכט דער אַלטער. אמת אויך, אַז יענע וואָך האָט מען איהם „לשון הרע” דערצעהלט אויף שלום׳ן: ער לעזט אַפּיקורסישע ביכלעך, און שבת האָט מען איהם געזעהן טראָגען... נאָר דער אַלטער גלויבט נישט. ער וויל נים און קען נים גלויבען, און גראַט, — האָט ער אַוודאי שוין תשובה געטהון... „אַז אַ תלמיד חכם זינדיגט ב י ט א ג טאָר מען ב י נ א כ ט שוין נים קלעהרען וועגען דעם”, ווייל אַ תלמיד חכם טהוט תשובה, אַזוי שטעהט אין דער גמרא.

פֿון דעסטוועגען זיין איינענע תורה איהם צו זאָגען שעמט זיך עפּיס דער אַלטער: אַז שלום וויל נים פֿאָהרען צו׳ם רבי׳ן, דאָס ווייסט ער זיכער.

נאָר דער אורח מיט זיין בראַנפֿען טרינקען האָט איהם אַזוי צערודערט, אַז ער קוקט יעצט אויף׳ן זוהן עפּיס מיט אַ ווייכהייט, ער בעט רחמנות ביי איהם: „הער מיך אויס, שלום, וואָס שאַדט עס דיר?” רעדט זיין בליק.

שלום דרעהט זיך אויס און רוקט זיך צו, שפּאַרט אונטער מיט דער האַנד דעם קאָפּ און קוקט דעם אַלטען אין די אויגען אַריין — פֿאַר כבוד וועגען. ער האָט דעם אַלטען אויך ליעב, נאָר אין תוך איז ער פֿערוואונדערט: ער רעכענט, אַז דער אַלטער

ברויך שוין מעהר צו וויסען וועגען זיין אפיקורסות, — עס וואלט שוין צייט געווען... ער קוקט שטום, פערוואונדערט, אביסעל מיט רחמנות און הערט ארגע ניט אויף צו טראכטען: „אויף מיינע נאמנות, טאטע, ביזט א גרויסער בטלן!"

נאר ווען דער רב איז צוגעקומען אין מיטען שמועס צו׳ם ענין פאן „מיתת נשיקה", ווי אזוי די צדיקים פאר גרויס דבקות שטארבען דורך גאט־ברוך־הוא׳ס קוש, — האט אין שלום׳ס אויגען פלוצלונג אויפגעלויכטען עפיס א פייערל, און ער האט זיך איבערגערוקט אויפ׳ן ארט. דא האט זיך געטראפען איינער פון יענע וואונדער, וואס טרעפען זיך זעהר אפט, נאר מען בעמערקט זיי זעלטען: פון דער חסיד׳ישער תורה איז ביי שלום׳ן אין קאפ געבוירען געווארען א וואוילער געדאנק אויף א ראמאנס. עס איז דאך אן אלטער כלל, אז מענשען פערשטעהען פון דעם אלעם, וואס זיי זעהען און הערען, נאר דאס וואס גלוסט זיך זיי. שלום איז גאר ענטציקט געווארען: שטארבען וויל ער דאך, איז דאך גאנץ וואויל און גאנץ געראטען, אז זיין געליעבטע זאל איהם אויפ׳ן טויטען בעט קושען, און דעמאלט טאקי, אין דער איינענער רגע, וועט זיין נשמה אויסגעהן.

די אידעע איז איהם אזוי געפעלען, אז באלד נאכ׳ן בענשען, ווען דער אורח איז אוועקגעגאנגען, און דער רב האט זיך געלעגט שלאפען אין דער אנדערער שטוב, האט ער זיך גענומען שרייבען. ער האט געהאט גרויס הארצקלאפעניש ביי׳ם צוגרייטען זיך צו׳ם אויפשרייבען, נאר די מעשה גופא, אויפצושרייבען שבת נאכ׳ן עסען א שיר ביי׳ם פאטער אין דער בית־דין שטוב, איז ביי איהם געווען עפיס אגבורה־שטיק, אזא מין זאך, וואס לוינט דערפאר זיך איינצושטעלען. פון זיין פערשלאסען קעסטיל האט ער ארויס גענומען דאס שרייב־געצייג, און מיט א טינטארען־פעדער אין איין האנד און מיט א העפט שירים אין דער צווייטער איז ער צוגענאנגען אויף די שפיץ פינגער צום טיש.

ער האט פערלעגט דאס טישטוך, אניעדערגעשטעלט דאס

שרייב=געציינג אויפ׳ן טיש, און האָט זיך נאָך אמאָל אומגעקוקט, צי קיינער איז נישטאָ אין דער שטוב. געטראַכט האָט ער וועגען דעם, אז דער רב, ווען ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, הוסט ער; און אז ער געהט, שלעפּט ער אַזוי נאָך די פיס און קלאַפּט אַזוי מיט די לאַנגע לאַטשען, אז מען קען אפילו אין דער דריטער שטוב הערען. דאָס הייסט, אז ער קען זיין רוהיג.

ער ווערט רוהיגער, לעזט די אָנגעשריבענע שירים, און דאָס פּנים זיינס זאָגט, אז ער איז צופריעדען פון די שירים. ער וויל שוין צוזאַמענגעהמען די געדאַנקען צו׳ם נייעם שיר, נאָר עפּיס אַ זאַך לאָזט איהם נישט: ער כאַפּט די גאַרטעל, מיט וועלכער ער איז צוגעגאַרטעלט, וויקעלט זי אויף און וואַרפט זי אַוועק צוואָרפען אויפ׳ן רב׳ס אויסגעבעטע שטוהל.

און יעצט, אז קיין שום זאַך שטערט שוין נישט, ברויך צו געשעהן נאָך אַ וואונדער: דעם רב׳ס תורה, וואָס איז אין שלום׳ס מח איבערגעקעהרט געוואָרען אויף אַ ראָמאַנטישע אידעע, ברויך איבער צו געהן בימלעכווייז פון מח אין האַרץ אַריין, פון דאַנען ברויך זי זיך צוריק אויסצוגיסען אויפ׳ן פּאַפּיר און איבערגעטראָגען צו ווערען אין אַנדערע מחות אַריין פון שלום׳ס בעקאַנטע, וואָס לעזען זיינע ראָמאַנסען מיט התלהבות און האָבען פון זיי גאַנץ שלעכטע געדאַנקען בייגאַכט.

און ער הויבט זיך אָן צו פיהלען, ווי ער וואָלט געלעגען אויפ׳ן טויטען בעט, קראַנק, שוואַך, אָהן לשון, מיט פערגלאָצטע אויגען... זעהן זעהט ער גאָר נישט, נאָר ער דערפיהלט אויף זיין באַק אַ קוש אַ ליילכטען, אַ דינעם... עפּיס הערט זיין נשמה אַזאַ זיס קול... ער וויל אַרויסנעהמען די הענד פון אונטער דער קאָלדרע און קען נישט—ער שטאַרבט—— טונקעל ווערט———

און אין שלום׳ס אויגען בעווייזט זיך עפּיס גאָר אַ ליכטיגער, אונגעוועהנליכער גלאַנץ; דאָס האַרץ איז אָנגעלאָדען מיט גרויס געפיהל, וואָס וויל זיך אַרויסרייסען; אין מח געהט אַ גיכע, רוי=

פֿענדיגע ארבייט: דער גאנצער לעקסיקאָן ווערטער, דער גאנצער אוצר פֿון בעגריפֿען און פֿאָרשטעלונגען ווערט איבערגעוואָרפֿען אַזוי שנעל, אַז די ערקענטניס בעמערקט גאָר נישט פֿון דער אַר־בייט, — די נשמה זוכט, וואָס זי ברויך... די האַנד בעוועגט זיך פֿאַ־מעליך, צייכענדיג אַנ'אות נאָך אַנ'אות, אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט... צייטענווייז נאָר רייסט שלום אַוועק די אויגען פֿון פּאַפּיער, קוקט זיך אום. און ביי איהם אין הארץ איז אַזאַ געפֿיהל, ווי די פֿייער ווענד און די שטילקייט זאָלען טראַכטען:

— שאַ־שאַ! שטערט נישט דעם דיכטער ביי זיין שאַפֿען! שטערט נישט דעם כהן, ווען ער איז מקריב אַ קרבן צו זיין גאָט!

— — — — — — — — — — — — — —

דעם רבֿ אין דער אַנדערער שטוב איז דערוויל אַ נייע תורה איינגעפֿאַלען, און ער האָט געברויכט עפּיס נאָכצוזעהן אין אַ ספֿר... די טהיר האָט זיך געעפֿענט, דער רבֿ איז אַריינגעקומען, און שלום האָט גאָר נישט בעמערקט...

און אַ רחמנות איז געווען צו קוקען אויפֿ'ן רב'ס פּנים, וואָס איז עפּיס אויסטערליש אויסגעקרימט געוואָרען און אַ רחמנות איז אויך געווען אויף שלום'ן, ווען ער האָט דערזעהן דעם רבֿ, וואָס איז גאָר צומישט געוואָרען, און אַנידערגעזעצט זיך עפּיס אויף אַ בענ־קיל, פּונקט קעגענאיבער שלום'ן, און האָט אַרויסגעלאָזט עפּיס אַ קול: אַ קרעכץ, צי אַ געשריי?...

געזעסען איז ער אָבער נישט לאַנג, ער האָט נישט געוואוסט, וואָס מען טהוט, וואָס מען זאָגט דעם זוהן זיינעם; דאָס הארץ און די אויגען האָבען זיך געבעטען וויינען, — און ער איז צוריק צו זיך אין שטוב אַריין. שלום איז געבליבען אַליין אין דער שטוב, איהם איז געוואָרען ביטער אויפֿ'ן הארץ, ענג אויף דער נשמה און ער האָט צוריק געשטעלט דאָס שרייב־געצייג אין קעסטיל, אַרויסגע־גאַנגען און מיטגענומען מיט זיך דאָס העפֿט שירים אונטער'ן אַרבע־כנפֿות.

געגאַנגען איז ער אין בית־המדרש אַריין, נאָר דאָרט איז געווען גאָר מורא'דיג: די בענק זענען געווען צורוקט אָהן שום אָרדנונג, מען האָט דערקענט, אַז די בעלי־בתים האָבען זיך נאָכ'ן דאַווענען זעהר געאײַלט אַהיים געהן עסען. אויף אַ באַנק ערגעץ האָט געשנאָרכט דער שמש אַזוי הויך און אַזוי גיך, אַז מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז ער וויל מיט די נאָזלעכער די גאַנצע לופט אויסשעפּען, כדי צו דערשטיקען די גאַנצע וועלט... דאָס טישטוך אויף דער בימה איז געווען צוואָרפען; די פּאָדלאָגע איז געווען זעהר ברודיג און אַלץ איז געווען עפּעס אַזוי טויט, אַ שטיינער ס'זאָל ענטשלאָפען ווערען שבת נאָכ'ן עסען און נישט ברעה האָבען אַפילו תחית־המתים אויפצושטעהן.

ער איז אַרויסגעגאַנגען פון בית־המדרש און שפּאַצירט צו'ם רב'ס שטוב און צוריק, אַרויף און אַראָב, אַראָב און אַרויף אַ לאַנגע צייט. די זאַך איז אַלץ קלאָרער געוואָרען אין זיין קאָפּ, געוואָלט האָט זיך פערריכטען, חאָטש יוצא זיין מיט אַ וואָרט קענען פאָטערצוריק וויעדער האָט ער געפיהלט, אַז ער ברויך איינמאָל אויף אַלעמאָל מאַכען אַן עק, אַרויסגעהן פון פאָטער'ס רשות, און ווער'ען אַ יידישער משורר... נאָר ווי עס איז, אויפ'ן פאָטער איז איהם אַ רחמנות געווען, און ער האָט גערן געוואָלט טהון עפּיס אַזוינס, וואָס זאָל דעם אַלטען טרייסטען, נאָר־וואָס? קושען, האַלזען איהם? גוט אויסוויינען זיך פאַר איהם און זאָגען: „טאַטישי, איך און דו, מיר זענען ביידע גאָר נישט שולדיג?” נאָר ווי אַזוי זאָגט מען דאָס, אַז דער אַלטער זאָל עס פערשטעהן?...

און דער רב ביי זיך אין דער שטוב איז געזעסען געבויגען איבער אַ ספר, ער האָט זיך דוקא געוואָלט אין דעם ספר פערגעסען. ער האָט געריבען דעם שטערן מיט ביידע הענד, נאָר אויפ'ן האַרץ איז איהם געלעגען אַ שטיין, אַ שווערער שטיין. אין די אויגען זענען געשטאַנען טרעהרען, און ער האָט זיך שיער־נישט צעוויינט. ער האָט איצט געברויכט אַ לעבעדיג בעשעפעניש אויסצוגיסען פאַר

איהם זיין ביטער הארץ, און ער האָט זיך שוין געוואָלט ווענדען צו דער רביצין:

— זעלדע! — האָט ער גערופען שטיל.

— אַ־אַ! נישט גוט איז מיר! דער פּוס ברעכט, רבונו של עולם! — האָט די רביצין געזיפצט פון איהר בעט. — וואָס ווילסטו דו?

— גאָר נישט, זעלדע, וואָס מאַכסט דו? האַ?

און ער האָט מעהר נישט געקענט רעדען מיט דער רביצין, ער האָט שוין אַפילו אין די געדאַנקען תשובה געטהון אויף דעם, וואָס ער האָט געוואָלט מצער זיין אַ קראַנק, צובראָכען מענש...

ערשט אין עטליכע שעה אַרום איז דער רב צו זיך געקומען, געקענט עפּיס טראַכטען וועגען דעם, וואָס איז היינט געשעהן. עפּיס האָט ער אַלץ נישט געגלויבט, נישט געוואָלט גלויבען, אַז דער זוהן זיינער, שלום, האָט טאַקי מחלל שבת געווען אַזוי, אַז ער איז גאָר פּשוט „חַיב סקילה“, אַז מען ברויך איהם צו פערשטיינען. ער האָט געוואָלט פערענטפערען עפּיס און האָט נישט געקענט, און ער האָט זיך אָבגעשטעלט דערויף, אַז דאָס איז „מעשה שטן“, עפּיס אַן אָנשטער... דערצו האָט זיך ביי איהם אין קאָפּ אַרומגעוואַלגערט עפּיס אַ חסידי'שע מעשה וועגען אַ רבי'ן, וואָס אַ חסיד האָט איהם אַליין געזעהן רייכערען אום שבת די לולקע, נאָר דאָס איז געווען אַ ניט־גוטער... נאָר וואַרטענדיג אַ צייט און נישט זעהענדיג שלום'ן האָט זיין האַרץ אָנגעהויבען אַלץ פעסטער צו קלאַפּען, די ווירקליכ־קייט האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען אַריין, ער איז געוואָרען בייז, אַרויסגעלאָפען פון דער שטוב אויפזוכען דעם מחלל־שבת און עפּעס אַ מעשה טהון אין איהם.

נאָר קוים האָט ער דערזעהן זיין זוהן, וואָס איז געגאַנגען אַרויף און אַראָב פאַר'ן בית־המדרש פערטראַכט און פערזאָרגט, האָט ער זיך אָבגעשטעלט, — ער האָט מורא געהאַט צו צוגעהן צו איהם. נאָר שלום האָט זיך אויסגעדרעהט, זיי האָבען זיך דערזעהן און דער רב, ווילענדיג־נישט־ווילענדיג, איז צו איהם צוגעגאַנגען.

ווייסט אַביסעל געהן? — האָט דער רב געפרעגט, מיט אַ שטילער, ווייכער שטימע, און אַראָבגעלאָזט די אויגען רעדענדיג.

שלום האָט נישט געענטפערט און איז מיטגעגאַנגען מיט איהם.

זיי זענען צו געקומען פאַר'ן ערוב פון שטעדטיל, דער רב האָט זיך בעזוכט אין אַלע טאַשען, דאָס טאַשען־טוך אָנגעטהון אויפ'ן האַלז און געקוקט עפּעס מיט אַמין געבעט אויף שלום'ן. שלום האָט זיך אָנגעטהון זיין טיכעל אויפ'ן האַלז.

אַרויסגעהענדיג אונטער דער שטאָדט האָט דער אַלטער אַ פּאָר מאָל אָפּגעהוסט און געזאָגט:

וואָס איז דאָס?

נאָר שלום האָט זיך פעסט בעשלאָסען נישט צו ענטפערען קיין וואָרט, דער אַלטער האָט זיך בעמיהט צו קוראַזשען:

— וואָס איז דאָס?... אַזוי?... מחלל שבת צו זיין... עפּעס חלול שבת! עפּעס...

ער האָט געהוסט און זיך אָבגעשטעלט.

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען אויף אַ לאַנגע, ברייטע לאָנקע, שלום האָט זיך פערקוקט אויף אַ פערד, וואָס איז געשפּרונגען מיט די געבונדענע פיס, דער אַלטער האָט זיך פערשטעלט מיט דער האַנד דאָס פּנים פאַר די שטראַהלען פון דער זון, וואָס האָט זיך שוין אַראָבגעלאָזט צו מערב צו.

— ווי איז מען עפּעס מחלל שבת? נו, אַדרבא, — איז עס אַ יושר? איז עס אַ יושר אַזוי? גלאַט נעמען מחלל שבת זיין! איך האָב אויך אַ מאָל געקענט דקדוק — אָבער חלול שבת! זאָג אַליין, שלום! מילא, האָסט געהאַט „הרהורים רעים" — ווי קומט מען נישט צו אַ טאַטען? איך בין דאָך אַ טאַטע! הא? — האָט דער אַלטער פּלוצלונג אויפגעלעבט — איך בין דיין טאַטע? זאָג — ניין — אפשר נישט?

„זיין טאַטע, האָט ער געטראַכט מיט נצחון — „זיין טאַטע בין

איך דאָך זיכער, עס איז דאָך גאָר קיין שום ספק נישט פערהאַן דערינען! דאָס קען דאָך דער גרעסטער אפיקורס נישט אָבלייקענען"!

— קומט מען צוגעהן — האָט ער שוין גערעדט שאַרף מיט אַ גמרא-נגון — זאָגט מען אַ טאַטען. זאָגט מען, וואָס שאַדט עס? דאָס קען דאָך גאָרנישט שאַדען. איך האָב אויך געהאַט „הרהורים רעים"— האָב איך אָנגעהויבען צו פאָהרען קיין ליבאַוויטש. מען טאָר זיך גאָר נישט לאָזען פאַלען! פערשטעהסט, שלום, מען טאָר זיך גאָר נישט לאָזען!

די לעצטע ווערטער האָט דער אַלטער געצויגען, און צוגע-מאַכט מיט די הענד און געריזנצעלט דעם שטערן. ער האָט זיך אַרייַנגעלאָזט אין שמועס און איז שוין כמעט זיכער געוועזען, אַז שלום האָט נישט אָנגעהויבען צו זיין אַנ'אַפּיקורס...

— מילא, האָט ער אָנגעהויבען זעהר ווייך — ס'טרעפט זיך אַ מכשול, פון דעסטוועגען...

דערווייל אָבער האָט זיך דאָס העפט שירים אַרויסגעגליטשט פון אונטער שלום'ס אַרבע-כנפות און געפאַלען אויף דער ערד. דער רב איז געבליבען שטעהן מיט פערגאַפטע אויגען, ווי מען וואָלט איהם אין מיטען אַ זיסען חלום אויפגעוועקט מיט אַ געוואַלד „עס ברענט". ער האָט אַ ציטער געגעבען מיט'ן גאַנצען גוף און אָנגע-האַפט זיך מיט ביידע הענד פאַר די פאות. יעצט איז שוין קיין שום ספק נישט געוועזען, אַז שלום האָט נאָך אַ מאָל מחלל שבת געוועזען— געטראָגען אַ העפט אונטער דער שטאָדט. און נאָך ערגער: ער האָט איהם אויסגענאַרט מיט דעם, וואָס ער האָט זיך געמאַכט זו-כען אין די טאַשען פאַר'ן ערוב.

און שלום איז אויך דערשראָקען געוואָרען, אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ, און טרעהרען זענען איהם געקומען אין די אויגען אַריין.

דער אַלטער האָט געוואָלט עפּעס רעדען, דאַכט זיך, שוין אָנגע-הויבען צו פרעגען נאָך אַ מאָל „וואָס איז דאָס"? נאָר אין מיטען האָט ער זיך האַסטיג איינגעבויגען, אויפגעהאַפט פעסט מיט ביידע

יענד דאָס העפּט פון דער ערד, אַ שטייגער, ווי ער וואָלט מורא האָבען, מען זאָל עס איהם נישט אַרויסכאַפּען.

— האַ־האַ־אַזוי! — האָט ער אָנגעהויבען, שווער עטהעמדיג — אַזוי! אַן אַפּיקורס! אַ מין!...

נאָר איהם איז שווער געווען צו רעדען, אוועקריהרען זיך פון אָרט האָט ער נישט געטאָרט מיט'ן העפט אין דער האַנד אונטער'ן ערוב, די פיס האָבען איהם געבראָכען, און ער האָט זיך אָנידערגעזעצט און געוואָלט זעהן, וואָס דאָס איז אַזוינס:

— אַהאַ! געשרייבעכטס! האָט ער געזאָגט, בלעטערענדיג דאָס העפט, — קום נאָר אַהער! — האָט ער צוגערופען שלום'ן, וואָס איז אָבגעגאַנגען עטליכע טריט. שלום איז צוגעגאַנגען און געשטאַנען אונטערטהעניג.

— וואָס איז דאָס? — האָט דער אַלטער שטרענג געפרעגט.

— שירים.

— ווי הייסט שירים? צי וואָס טויג עס? ער האָט שוין ווייטער געפיהלט, אַז ער ווערט שוואַך ביי זיך און געוואָלט זיך שטאַרקען.

— צי וואָס טויג עס, אַפּיקורס איינער, זאָג מיר!

— אַזוי, צו לייענען, טאַטישי!

— ווי הייסט צו לייענען? אַ „מַחטִיא אֶת הָרַבִּים" ווילסט דו זיין! אַ יָרָבְעָם בֶּן נְבָט! אַנדערע נאָך מאַכען פאַר אַפּיקורסים — ניין! איך וויל נישט, בשום אופן — נישט! וואָס טייטש עפּעס — אַ ירבעם בן נ—בט!

די זון האָט זיך דערווייל אָנגעהויבען צו זעצען, ס'איז שפּעט געוואָרען אַהיים צו געהן; מיט'ן העפט האָט דער אַלטער נישט געהאַט וואָס צו טהון: איבערלאָזען עס אויף דער לאַנקע האָט ער מורא געהאַט, אַז שלום צי אַן אַנדערער זאָל עס נישט אויפהייבען, ער האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען דאַווענען מנחה. שלום איז

דערווײַל געשטאַנען אויפ'ן אָרט און זיך בעמיהט גאָרנישט צו טראַכטען און גאָרנישט צו טהון.

דער אַלטער האָט געענדיגט קרבנות, אַרײַנגעשטעקט דאָס העפט אין דער גאַרטעל. נישט גערירט זיך פון אָרט, שלום איז אַלץ געשטאַנען.

— דאַווען מנחה, שקץ! האָט דער אַלטער בעפוילען.

שלום האָט אָנגעהויבען צו מאַכען מיט די ליפען.

און דער אַלטער האָט געפיהלט אין מיטען דאַווענען, אַז דער כעס זײַנער ווערט אָבגעקיהלט. פאַר „שמונה עשרה" האָט ער אַ בליק געוואָרפען אויף שלום'ן און איהם האָט ווידער ווילד משונה אויסגעזעהן, אַז דאָס זאָל זײַן אַן אַפּיקורס, אַז מען זאָל שלום'ן מעגען אַרײַנוואַרפען אין אַ גרוב און הרג'נען אויף טודט.

שלום ווידער האָט דאָס ערשטע מאָל יעצט דערפיהלט דעם פאָטער'ס ווילען, און דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבען האָט ער זײַן פאָטער ניט נאָר ליעב געהאַט, נאָר אויך אונטערטהעניג געוועזען אונטער איהם.

די רויטע צערפלאַמטע זון האָט זיך רוהיג אַראָבגעלאָזט, צושפּרייט די לעצטע שטראַהלען ווי קיינמאָל גאָרנישט און נישט געהערט אַ פּנים, ווי דער אַלטער האָט זיך צעוויינט, אַז ער איז געקומען צו „אַתּה אחד", ווי ער האָט גענומען דעם פרײַען הימעל און די פרײַע ערד פאַר עדות, אַז „גאָט איז איינער, און זײַן נאָמען איז איינער און זײַן פאָלק ישראל איז איין פאָלק אויף דער ערד, און ער האָט זיי געגעבען דעם שבת פאַר אַ רוהיגקייט און אַן ערבּטהייל"... דער אַלטער האָט געוויינט און געשלונגען די טרעהרען, די אויגען זענען געווען פערמאַכט. שלום ווידער האָט ניט געקאָנט קיין אויג אַראָבלאָזען פון העפט, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון אַלטענס גאַרטעל, און ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטען די שירים נישט אַרויסצוחאַפּען און צו אַנטלויפען.

צוריק צוועגס, בײַ נאַכט שוין, האָבען זיי שוין צווישען זיך

גאָר ניט גערעדט. אַ שטייגער ווי זיי וואָלטען ערשט צוריקגעקומען פון אַ לויה... נאָר שלום׳ס האַרץ האָט געקלאַפּט, ער האָט זיך דער׳מאַנט, אַז דער פאָטער וועט וואַרפען די שירים אין פייער אַריין און זיי וועלען פערברענט ווערען... ערשט אַז זיי זענען געקומען פאַר דער מהיר פון דער שטוב, האָט שלום אָבגעשטעלט דעם פאָטער און געזאָגט מיט אַ שטימע, וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט טרערען.

— גיעב אָב, טאַטישי, איך בעט דיך, גיעב אָב!

און דער אַלטער האָט איהם דערלאַנגט דאָס העפט, נישט קוקענדיג אויף איהם און געזאָגט:

— זעה, פערצעהל גאָר נישט דער מאַמען! זיי זי נישט מצער! זי איז קראַנק לא עליכם ...

ליטעראטור-וויסענשאפט.

אין צוויי טייל

פערפאסט פון **א. ב. ראזענשטיין**, רעדאגירט דורך **מ. קרינסקי.**

די ליטעראטור-וויסענשאפט גיעט א פאלקאמענעם בעגריף וועגען די אלגעמיינע ליטעראטור בכלל און יידישע בפרט. זי בעטראכט יעדע ליטעראטור-פארם בעזונדער און ערקלערט איהר בעגריף און אינהאלט, לויט די פערשידענע מוסטערן פון די בעסטע יידישע שריפטשטעלער.

די ליטעראטור-וויסענשאפט איז דעריבער אונגעהויער נוציליך פאר יעדען, וואס וויל זיך בעקענען מיט דער שענער ליטעראטור אין אלע איהרע פארמען, בכדי צו זיין אימשטאנד זעלבסטשטענדיג אבצושעצען דעם ווערט פון יעדען ליטערארישען ווערק.

די ליטעראטור-וויסענשאפט איז געשריבען אין א לייכטער אנציהענדער שפראך און ענטהאלט א גאנצע זאמלונג ווערק פון די בעסטע יידישע שריפטשטעלער.

די ליטעראטור-וויסענשאפט קאן דעריבער דיענען אי אלס לעזע-בוך, אי אלס לעהר-בוך אין שוהל און הויז צום אויסלערנען שרייבען מיט א ריינעם, גוטען ליטערארישען סטיל.

פארלויפיג איז ארויס פון דרוק דער ערשטער טייל.

פרייז **40** קאפ. פארטע 8 קאפ.

☛ די אבאנענטען פון „ראמאנצייטונג”, וועלכע שרייבען אויס דירעקט פון רעדאקציע, האבען פריי פארטע.

עס דרוקט זיך און אין גיכען

ווערט ערשיינען דער צווייטער טייל.

פערלאג „ביכער-פאר-אלע” ווארשע, דלוגע 11.

טעלעפאן 87-90.

ה. ד. נאַמבערג.

שריפטען.

צווייטער באַנד

אין אַ חסידיש הויז. – אַ קורסיסטקע. – ברועף. –
זי און איך.

פערלאַג „ביכער־פאר־אלע”, וואַרשע, דלוגע 11.

וואַרשע. — תרס"ח.

דרוק „האור”, דלוגאַ 11.

СОЧИНЕНІЯ

Г. Д. Наумберга.

Томъ второй.

Изданіе „Бихеръ-фаръ-алэ“, Долгая 11.

Drukarnia M. Kryński, Warszawa, Długa 11.

אין אַ חֲסִידִישׁ הויז.

I.

נישט לאַנג נאָך מיין אָנקומען אין וואַרשא האָב איך בעקומען אַ שטעל ביי אַ ייד אַ חסיד. געאַרבייט האָב איך ביי מיין פּרינציפּאַל אין שטוב; איך האָב געשריבען דעקלאַראַציעס, געפֿיהרט די חשבונות און דערצו נאָך האָב איך געלערנט בוכהאַלטעריע מיין פּרינציפּאַלס זוהן, אַ חתן=בחור מיט אַ גאָלדענעם זייגער און אַ גרויסער בעל=גאוה. דער דאָזיגער בחור האָט מיך אויסגעהערט שטיל, קוקענדיג אין אַ זייט, מיט אַ מינע פֿון אַ גענעראַל, וואָס נעהמט אָן אַ ראַפּאָרט. און טאָמער האָב איך געזאָגט, אַז ער האָט זיך טועה געווען, האָט ער אויף מיר אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגען מיט כעס און איז זיך אַוועקגעגאַנגען אין מיטען דער לעקציע. רעדען גלאַט אַזוי פֿון נעבענזאַכען מיט אַ ליטוואַק, עפּיס אַ שרייבעריל, איז איהם נישט אָנגעשטאַנען. עס פֿערשטעהט זיך, אַז איך פֿון מיין זייט האָב איהם אויך נישט זעהר ליעב געהאַט און האָב געקוקט אויף איהם, ווי אויך אויף מיין פּרינציפּאַל, פֿון דער הויך, ווי אויף ווילדע, פֿאַנאַטישע מענשען. איך בין ערשט ניט לאַנג אָנגעקומען פֿון ליטאָ מיט אַ קאָפּ פֿול השכלה און אייראָפּעאישע געדאַנקען, און די וואַרשעווער חסידים מיט זייער גאַנג און לעבען מיט דער פֿערצויגענער אויסשפּראַך זייערער, דאָס ציהען די ווערטער עפּיס מיט אַ מין זינגערייַ, האָבען מיר אויסגעזעהען אַזוי ווילד און פֿרעמד, אַז איך האָב מיר גאָר נישט געקאָנט פֿאָרשטעלען מענשען נאָך ווילדערע פֿאַר זיי.

מיין פּרינציפּאַל, אַ פּאָדריאַטשיק ביי דער אייזענבאַהן, איז גאָר ווייניג געזעסען אין דערהיים. ער האָט שטענדיג געהאַלטען

אין איין אײלען זיך, קוים איז ער אַ היים געקומען אויף מיטאָג און האָט אוועקגעשטעלט דעם שטעקען אין דער זייט, האָט ער זיך שוין אָנגעהויבען צו בייזערען, פאַר וואָס דאָס מיטאָג איז נאָך נישט פערטיג, און דאָס געמורמעל זיינס, חאָטש איך האָב עס אַלע טאָג כמעט געהערט, האָב איך נישט געקענט קלאָר פערשטעהן. אָב־טהיילען די ווערטער איינס פון אַנדערן איז אונמעגליך געווען. איך האָב נאָר געזעהן, ווי זיין לאַנגע שוואַרצע באָרד שאָקעלט זיך, די וואָנסען ציטערען, און פון דעם שוואַרץ־בעוואַקסענעם מויל שיט זיך אַרויס עפּעס אַ מאָדנע ברומען, פון וועלכען איך האָב נאָר דערהערט די ווערטער: מיטאָ—מיטאָ—קיינמאָל נישט... און דער מאָ־נאָלאָג האָט זיך געענדיגט מיט אַ לאַנג־אויסגעצויגענער פראַזע:

כ׳האָ־נישט־ק׳צאַאאט!

אין מיטען מיטאָג, צווישען איין גערילכט און דעם צווייטען, האָט ער זיך פלוצלונג אויפגעחאַפּט פון אָרט, צוגעגאַנגען צו מיר, האָט אויסגעשאָקעלט די קעשענעס און האָט אָנגעוואָרפען אויפ׳ן טיש שטיקלעך פּאַפּיער, וואו ער האָט פערצייכענט דאָס געלד, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבען די אַרבייטער, דערצו פערשיעדענע קוויטלעך, טהיילמאָל וועקסלען א. ד. ג. און דאָס אַלץ איז געווען צוקנייטשט, צוקנוידערט, אַז איך האָב דערנאָך געהאַט אַ סך אַרבייט אויסצוגלייכען, איינאָרדנען און פערצייכענען אין די ביכער. וואָס מען ברויך צו טהון, האָב איך מיך געמוזט מעהר אַליין משער זיין, ווי איך האָב פערשטאַנען פון זיינע ווערטער. ער האָט גערעדט אַזוי גיך און פערצויגען און האָט אַזוי צוגעוואָרפען מיט די הענד, אַז איך האָב מעהר געקוקט אויף איהם, ווי איך האָב איהם געהערט.

— און יצחק׳ל, וואָ? האָט ער געפרעגט, שלינגענדיג די ווערטער: ר׳לערנט זיך יצחק׳ל? ר׳לערנט זיך, ר׳לערנט זיך?

נאָר ער האָט קיינמאָל נישט געוואַרט, וואָס איך וועל איהם דערצעהלען, ווי גוט זיין חתן־בחור לערנט זיך, און איז צוריק גע־גאַנגען צום טיש עסען.

פֿאַר'ן אַרויסגעהן האָט איהם זיין ווייב, אַ הויך-געוואַקסענע און נאָך זעהר אַ שענע פֿרוי אין די יאָהרען, מיט ממזר'יש-לאַכענדיגע אויגען און אַ מאָדנעם שמייכעל אויף די ליפּען, געוועהנליך צוריקגערופֿען, איהם אָבגעווישט מיט דער האַנד די לאָקשען אָדער שטיקלעך ברויט, וואָס האָבען זיך געפֿונען אויף זיין באָרד, און האָט געבעטען געלד. ער האָט זיך געבייזערט און אָנגעמורמעלט אַ מאָנאָלאָג, פֿון וועלכען מיינע אויערען האָבען נאָר אויפֿגעכאַפּט די ווערטער: „ווידער-ווידער, געלד-געלד" און דעם אויסגעצויגענעם סוף, וואָס האָט געקלונגען אַ ביסעל בעטענדיג, מיט אַ גמרא-ניגון, ווי עפּעס אַ שווערע קשיא: „וואָס טויג דיר געלד?" זיין ווייב האָט איהם אודאי יאָ פֿערשטאַנען, נאָר זי האָט זיך ווייניג דערפֿון געמאַכט, זי האָט איהם צוגעקנעפּעלט דאָס אונטערשטע קנעפּעל פֿון וועסטיל, געקוקט גלייך איהם אין די אויגען אַריין. און איהר לאַכעדיגער ממזר'ישער בליק האָט אויף איהם געמוזט האָבען אַ ווירקונג.

— מן הסתם ברויך איך, אָשר... האָט זי גערעדט געלאַסען, און ער האָט געגעבען. און דערביי האָט זיין האָריג פּנים און זיינע קליינע אונרוהיגע אויגען אויסגעדריקט אַזאַ מין הנאה און נחת, וואָס האָט גאָרנישט צוגעפּאַסט צו דעם אייליגען, גיכען בעשעפֿניש. חוץ געלד און געשעפֿטען האָט מיין פּרינציפּאַל ליעב געהאַט אויך זיין ווייב.

צי האָט זי איהם ליעב געהאַט צי ניין איז שווער צוזאָגען. עס איז מיר קיינמאָל נישט אויסגעקומען זי צופֿרעגען וועגען דעם, חאָטש מיר האָבען אַ סך גערעדט און געשמועסט וועגען פֿערשיעדענע זאַכען. ווען קיינער איז ניט געווען אין שטוב, האָט זי זיך צוגעזעצט צו דעם טישעל, ביי וועלכען איך האָב געאַרבייט, און האָט אָנגעהויבען דעם שמועס. גערעדט האָט זי פֿון אַלעם און אַלץ מיט איין גלייכען טאָן. זי האָט זיך אינטערעסירט מיט מיר, פֿאַר וואָס איך האָב נישט חתונה, צי איך האָב ליעב עפּעס אַ מעדעל-

אָדער איך קלער גאָר קיינמאָל נישט חתונה צו האָבען.

— עס זענען דאָ מענשען אַזעלכע, וואָס האָבען קיינמאָל נישט חתונה?— האָט זי זיך אינטערעסירט און געוואָלט הערען מיין מיינונג: איך האָב געהערט, אַז עס זענען דאָ אַלטע קאַוואַליערען; איך פערשטעה נישט... האָט זי געענדיגט מיט אַ שמייכעל.

געזאָגט האָט זי אויף פּויליש, זינגענדיג. נאָר דאָס זינגערייט און ציהען די ווערטער, וואָס קומט אַרויס ביי מאַנספּערשוינען אַזוי לעכערליך, פּאַסט זעהר צו דער שוואַכער ווייבערישער נאַטור. אַ שטימע האָט זי געהאַט זעהר אַנ׳אַנגענעהמע. און איהר קול האָט זיך געהערט פּוילקייט, אומעט און בענגעהרען.

איך האָב געענטפערט, אַז חתונה האָבען איז נישט אַזוי גרינג, אַז פערבינדען אויפ׳ן גאַנצען לעבען קאָן נאָר אַזאַ הויך, עדעל און מעכטיג געפיהל, ווי ליבע איז. איך האָב גערעדט בעגייסטערט, ווי נאָר אַ יונגער מאַן אין מיינע יאָהרען — איך בין דעמאָלט אַלט געווען 22 יאָהר — קאָן רעדען וועגען ליבע. זי האָט מיך אויסגעהערט מיט בונה, געקוקט מיר גלייך אין די אויגען אַריין, און מיר איז עפּעס שווער געוואָרען איבערצוטראָגען איהר קאַלטען, לאַכענדיגען בליק. אָט אַזוי הערט מען אויס אַ קינד, וואָס דערצעהלט אַלטע בעקאַנטע זאַכען, וואָס אַלע ווייסען, נאָר ווייל עס איז אַ קינד הערט מען איהם אויס. איך האָב געטראַכט, צי איז איהר, דער שענער, שלאַנקער פרוי אין דעם פּאַריק, דאָס געפיהל פון ליעבע נישט מעהר בעקאַנט, ווי מיר, וואָס איך האָב עס נאָר געלעזען אין ביכער און אין לעבען קיינמאָל נישט געקענט.

איך האָב אָבגעהאַקט און גענומען טהון מיין אַרבייט. נאָר מאָרגען און איבערמאָרגען איז זי ווידער צו געקומען און גענומען שמועסען. און ווי להכעיס, האָב איך בעמערקט, אַז זי רעדט נאָר פון אַזעלכע זאַכען... און זי רעדט גאָר נישט ווי אַ חסיד׳יש ווייבעל, נאָר קאַלטבלוטיג, מיט איראָניע, מיט יענער איראָניע פון זעהר שענע נישט־יונגע פרויען, וואָס זענען זיכער אין זיך, אין זייער

שענהייט. איך האָב זיך איינמאָל ניט איינגעהאַלטען און האָב זי געפרעגט:

— פאַר וואָס טראָגען זי א פּאַריק?

איך האָב מיך ניט טועה געווען. די פראַגע האָט זי אויפ־געבערגט און האָט איהר צוגענומען די רוהיגקייט און פאַרשענדע קאַלטבליטיגקייט, וואָס האָט מיך געערגערט. זי איז רויט געוואָרען ביז אונטער דעם פּאַריק.

— גלויבען זי מיר — האָט זי געבערדט ווייך און דערשראָקען: אַז ס'איז ניט אַזאַ זאַך, אַז מען טראָגט א שייטעל. וואָס איז דער מעהר? מען קען עפּעס ניט זיין קיין מענש אין א שייטעל. זי מיינען, איך טהו עס מיר צוליעב? וואָס קאָן מען טהון? מען האָט דאָך קינדער... א מאַן...

דאָס מאָל האָט זי איבערגעהאַקט דעם שמועס און האָט עטליכע טעג ניט גערעדט מיט מיר.

אין עטליכע טעג אַרום איז זי ווידער צוגעקומען. מיין פראַגע איז גאַר פערגעסען געוואָרען, און מיר האָבען טהייל־מאָל אויסגעפלוידערט אַ לאַנגע ווייל וועגען פערשיעדענע זאַכען. זי איז ניט געווען אַזוי פערוויילדעט, ווי איך האָב געמיינט. זי האָט ליעב געהאַט וועגען אַלץ צו רעדען, נאָר אינטערעסירט, דאַכט זיך, האָט זי קיין שום זאַך ניט, און זי האָט אַלץ אויסגעהערט גלייכגילטיג.

איינמאָל צו צוויי מאָל אין דער וואָך פלעגט נאָכ'ן מיטאָג אַריינקומען א יונגער מאַן פון א יאָהר 30, געקליידעט קורץ און מיט א געגאָלטער באָרד; ווי איך בין דערנאָך געוואָהר געוואָרען, איז דאָס געווען איהר'ס א שוועסטערקינד, א רייכער, מיט וועלכען מיין פּרינציפּאַל האָט געהאַט עפּעס געשעפטען. ער האָט יעדעס מאָל געפרעגט די זעלבע פראַגע: וואָס מאַכט מען עפּעס גוטס? אָשר איז ניט אין דערהיים? א שאָד! ער האָט ניט אויסגעטהון דעם קאַפּעלוש און געזעצט זיך ביים טיש. מאַדאַם פערנבערג — אַזוי איז

געווען מיין פרינציפּאלס פאמיליען־נאָמען – האָט זיך געזעצט אַנטקעגען איהם. מען האָט גערעדט שטיל, געטרונקען טהע און געוואָרפען בליקען מיט חשד אויף מיר. דערנאָך האָט זיך מיין מאדאם אַנגעכהון און זיי זענען צוזאמען ערגעץ געגאַנגען.

אויסער דעם איז אין שטוב אַלץ געפיהרט געוואָרען שטרענג חסידיש. דער בחור איז כמעט שטענדיג געגאַנגען ארומגעגארטעלט מיט אַ גארטעל און אין אַ יארמולקע אונטער'ן זיידענעם היטעל. ווען אַ פרעמדער מאַנספערשוין איז געווען אין שטוב, האָט זיך חנה'לע אויף די אויגען נישט געוויזען. מיט פליייש זאלצען און עפענען אַ הוהן האָט מען זיך נישט פערלאָזט אויף די קעכין. דער פרינציפּאַל איז אָפט געפאָהרען צו'ם רבין, און ווען דער חתן־בחור האָט זיך אַמאָל ערלויבט אָנצוטהון אַ העמד מיט אַ געפרעסטען קאָלנער, האָט ער געקריגען גוט אויסגעזידעלט פון פאָטער. אפילו די מוטער האָט אויף איהם געשריען, אמת, מיט אַ האַלב מויל, עפּעס נאָר אַזוי ווי יוצא צו זיין, נאָר מעהר ערלויבט האָט זיך דער חתן־בחור שוין נישט אזא זאַך.

II.

חנה'לע איז געווען נאָך אַ יונג מעדעל פון אַ יאָהר 17–18, זעהר אַ שענע, געראָטענע אין איהר מוטער, נאָר דאָס פּנים איהר'ס איז געווען אַ סך ווייכער און האָט געטראָגען אויף זיך דעם לייכטען פרישען קאָליר פון אַ שפּראָצענדיגער יוגענד. דער וואוקס איהרער, דער פעסט געבויטער קערפּער, די שווארצע, שארף אויסגעשניטענע ברעמען און די פולע, ליידענשאַפטליכע ליפּען האָבען דערמאָנט אָן די מוטער, נאָר אין די אויגען איהרע איז נישט געווען יענער שמייכעל, וואָס האָט געפינקעלט אין איהר מוטערס אויגען. איבריגענס, האָב איך אַ לאַנגע צייט נישט געוואוסט, ווי איהרע אויגען זעהען אויס. די גאַנצע דריי חדשים האָב איך מיט איהר קיין

וואָרט נישט גערעדט. אַז איך בין אַריינגעקומען אין שטוב, איז זי באַלד אַרויסגעגאַנגען אין דער אַנדער שטוב אַריין, און געזעהען האָב איך זי נאָר, ווען זי איז דורכגעגאַנגען. און על פּי רוב איז מיר אויסגעקומען צו זעהען איהר פּראָפיל, און איידער נאָך איך האָב די אויגען אויפגעהויבען זי אָנצוקוקען, איז זי שוין פערשוואונדען געוואָרען אין אַנדערען צימער. זי האָט מיך אינטערעסירט. געדאַכט האָט זיך מיר, אַז איך האָב רחמנות אויף איהר. אַ יונג מעדעל — האָב איך געטראַכט, וואָס בליהט און שפּראָצט פול לעבען און שענקייט, וואָס בעוועגט זיך אַזוי לייכט, אַזוי שען און ליעבליך, וואָס וואָלט געקאָנט פערשפּרייטען אַרום זיך גליק, פרישקייט און געזונדהייט אויף יעדען טריט און שריט, — אַזאַ יונג, בליהענדיג בעשעפעניש, וואָס געפינט זיך אַזוי וועניג צווישען מענשען, זיצט פערשפּאַרט אַ גאַנצען טאָג, זעהט קיין מענשען נישט פאַר די אויגען, בליהט אָב און וועלקט אין דער פינסטער — פאַר וואָס? צו וואָס? וואָס טהוט זי אַ גאַנצען טאָג? וואָס קלערט זיך און טראַכט זיך אין איהר יונגען קאָפּ?... זי פון איהר זייט האָט מיך אַפילו גאָרנישט בעמערקט, קיין בליק אויף מיר נישט געוואָרפען. מיט גלייכע מעסיגע טריט, נישט בייגענדיג דעם קאָפּ אָן אַ זייט, איז זי דורכגעגאַנגען, און איך האָב נאָר געזעהן, ווי דער שענער קערפּער רוקט זיך אָב, ווערט פערשוואונדען — און מעהר גאָרנישט. דאָס האָט מיך טהיילמאָל פערדראָסען. צי וויל איך בין אַ ליטוואַק, אַ שרייבעריל בין איך שוין נישט ווערט, מען זאָל אויף מיר אַפילו אַ בליק וואַרפען, בעמערקען, אַז איך געפין מיך אין שטוב? אָדער שעמט זי זיך אויף מיר צו קוקען? איהר שטאָלצער גאַנג, די רוהיגע, מעסיגע טריט, דער זיכערער בליק פאַר זיך, האָבען נישט צוגעלאָזט דעם געדאַנק, אַז זי איז אַ פערשעמט תמ׳עוואַט מעדעל, וואָס האָט מורא אַ בליק צו וואַרפען אין דער זייט, און זי איז געוועזן פאַר מיר אַ לעבעדיג רעטעניש.

יעדען טאָג פלעג איך קומען צו דער אַרבייט מיט אַ האָפ־

גנג, אַז היינט וועל איך עפּעס נייעס געוואָהר ווערען, איך וועל מיך מיט איהר בעקענען, און אַהיים געהן פּלעג איך זעהר אונצופֿריעדען, טראָגענדיג מיט זיך אין מוח דאָס רעטעניש, וואָס איז געבליבען רעטעניש, ווי נעכטען און איינערנעכטען.

איך געדענק, אַז זיצענדיג ביי מיין אַרבייט, פּלעג איך וואַרטען אויף איהר מיט אונגעדולד. געוואוסט האָב איך, אַז אין צוויי טען צימער געפֿינט זי זיך, און איך האָב געטראַכט, צי די טהיר עפֿענט זיך נישט. נאָר אָט אין מיטען שרייבען, אַז איך בין שוין מיעד געוואָרען וואַרטען, עפֿענט זיך די טהיר: זי איז דורכגעגאַנגען פֿאַמעליך, רוהיג און איז פֿערשוואונדען אין דער קיך. איך בין געבליבען זיצען אויף מיין אָרט עפּעס פֿערשעמט און אונצופֿריעדען, ווי מען וואָלט מיך אויסגעזידעלט, און איך זאָל נישט קענען ענטפֿערען... מיך האָט פֿערדראָסען און דאָך האָב איך געבענקט נאָך איהר און האָב געוואַרט, ביז זי וועט דורכגעהן. און יעדעס מינדסטע גערויש פֿון דער טהיר האָט געמאַכט קלאַפּען מיין האַרץ. איך האָב אַפֿילו איהר קול קיינמאָל נישט געהערט. ווי רעדט זי—הויך, שטיל, פֿאַמעליך אָדער געשווינד? איך האָב מיך געמאַטערט מיר פֿאָרצושטעלען איהר רעדען און שמייכלען, און צעהן מאָל אין טאָג האָב איך מיר איהר קול אַנדערש פֿאָרגעשטעלט: דאָ האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זי רעדט שטרענג, האַלב-בייז, ווי אַלע מענשען, וואָס זענען געניט זיך אַלע ווײַלע אָבצוזאָגען פֿון לעבען און פֿערגניגען, דאָ האָט מיר אויסגעוויזען, אַז איהר קול איז פֿול ווייכקייט, גוטסקייט און דערשטיקטע געפֿיהלען, אָדער גאָר, אַז זי רעדט שמייכעלדיג, לעבעדיג און געשווינד, און איך האָב מיר פֿאָרגעשטעלט, ווי איהרע ליפּען, איהרע שענע, רויטע, פֿולע ליפּען בעוועגען זיך דערביי... נאָר דאָס גאַנצע טראַכטען האָט וועניג געהאָלפֿען, און זי האָט מיך פֿון טאָג צו טאָג אַלץ מעהר אינטערעסירט, אַלץ מעהר צוגענומען מיינע געדאַנקען.

ערשט נאָך צוויי חדשים, וואָס איך האָב פֿערבראַכט אין דעם

הויז, האָב איך זי געטראָפען לאַכען צום ערשטען מאָל. איך בין אַרייַנגעקומען אין שטוב, האָב איך זי געטראָפען מיט נאָך אַ מעדעל, די לעצטע האָט איהר געמווט דערצעהלען עפּעס לעכערליכעס, און זי האָט געלאַכט הויך. פאַר לאַכען האָט זי געהאַלטען די האַנד אָנגעלעהנט אויף איהר חברטאָרינס אַקסעל, און איהרע ווייַסע צעהן האָבען געבלישטשעט. זי האָט אָבער באַלד מיך בעמערקט, און אין דער זעלבער סעקונדע האָט זי אויפגעהערט צו לאַכען; איהר פּנים איז געוואָרען רוהיג, אָהן שום אויסדרוק, און זי איז באַלד אַרייַנגעגאַנגען מיט דעם מעדעל אין דער צווייַטער שטוב. נאָך לאַנג נאָך איהר אַוועקגעהן האָט אין מייַנע אויערען געקלונגען איהר לאַכען, איך האָב שלעכט געאַרבייַט, אַלע ווייַלע זיך טועה געווען אין די ציפערן.

אַ גאַנצען טאָג דערנאָך האָב איך מיר געמאַטערט צו דער־מאָהנען זיך דעם שמייכעל מיט אַלע פּינקטליכקייַטען, איך האָב מיך געפיהלט ווי אַ סליעדאָוואַטעל, וואָס האָט אין דער האַנד עפּעס אַ זאַכליכען בעוויַיז און וויל דורכדעם דערגעהן דעם אמת. דאָס לאַכען איהרס, ווי איך האָב שוין דערמאָהנט, איז געווען אַ פרעהליך, לוסטיג געלעכטער, נישט קיין נערוועזעס, און בחנם האָב איך אין דעם געלעכטער געוואָלט געפינען חאָטש איין געקלעמטע נאָטע פון דער דערשטיקטער יוגענד פון אַ חסידישער טאָכטער.

אָט אַזוי איז דורכגעגאַנגען אַ חודש און נאָך אַ חודש; איך פלעג שלעכט אַרבייַטען; איך פלעג שטעהן בייַ דער וואַנד און גע־וואָרט אויפחאַפּען עפּיס אַ וואָרט, נאָר די וואַנד איז געווען צו דיק, אָדער חנה׳לע האָט עקסטראַ שטיל גערעדט — געהערט האָב איך גאָרנישט. איך האָב געפיהלט אַז די דאָזיגע חנה׳לע האָט מיר צוגענומען אַלע מייַנע געדאַנקען, אַז איך בין נישט אימשטאַנד צו טראַכטען וועגען עפּעס אַנדערעס. איך געה מיר קויפען אַ נייַעם הוט, אַ קראַוואַט, און טראַכט נאָר דערפון, צי אָט דער הוט און דער קראַוואַט וועלען איהר געפעלען, צי וועט עס מיר מאַכען

שענער, לייטישער... איך האב אבגעשפארט פון מיטאג, פון אנדערע נויטיגע זאכען, און געקויפט דא א שפיקע, דא א קראוואט, האטש איך האב אין מיין לעבען נישט ליעב געהאט זיך צו פראנטעווען, און אנגעטהון בין איך קיינמאל נישט געגאנגען פראנטיש. איך בין עפעס ווי אנ׳אנדער מענש געווארען. איך געדענק, אז איינמאל, אין שטוב זיצענדיג, האב איך בעמערקט, אז דער קראוואט מיינער ליעגט פעררוקט אין א זייט. אנ׳אנדער מאל וואלט מיר דאס אפשר גאר ניט ארען. איצט אבער האב איך מיך פלוצלונג אזוי דערשראקען און בין אזוי בייז געווארען אויף זיך, ווי איך וואלט בעגאנגען עפיס א שרעקליכע זאך. וואס טייטש?! חנה׳לע האט געקאנט פונקט דורכגעהן און זעהן מיך אין אזא צושטאנד, מיט א פעררוקטען קראוואט, און וואלט לאכען פון מיר! און אז איך פלעג בלייבען אליין פאר זיך, שפאצירענדיג אין די גאסען, פלעג איך מיך פערטראכטען. מיינע געדאנקען פלעגען מיך ווייט פערטראגען, און מיר איז געווארען לייכט, גוט און פריש אויפ׳ן הארץ. גאנצע מאנאלאגען האבען זיך אויסגע׳סדר׳ט אין מיין קאפ... גערעדט האב איך מיט חנה׳לען, האב זי אויפגעקלעהרט, וואס הייסט א פריי, ריכטיג לעבען, אז זי לעבט אין נארישקייט און איז פערבלענדט. איך האב זי אין געדאנק אנגערופען מיט אלע ליעבליכע ווערטער, און איך האב געזעהען, ווי איהר פנים ענדערט זיך, איהרע אויגען פינקלען, און זי הערט זיך איין אוןווארפט אויף מיר א פערשעמטען, נאר א ברענענדיגען בליק.

„גוטע, פרומע נשמה”, האב איך געמורמעלט פאר זיך.

עס האט אויך פאסירט, אז אין מיטען בעסטען טראכטען האט זיך מיר דערמאהנט איהר געלעכטער, וואס איך האב א מאל געהערט, און מיינע פאנטאזיען זענען פלוצלונג איבערגעהאקט געווארען. דאס געלעכטער האט איבערגעריסען מיינע געדאנקען, ווי עפיס א פאלשער טאן אין א שענעם מאטיוו, און איך בין געבליבען עפיס אונרוהיג.

אין שטוב האָט זיך אַלץ געפֿיהרט ווי פֿריהער. די מוטער
פֿלעגט אָפּט=מאָל מיט מיר רעדען, נאָר איך פֿלעג איהר ענטפֿערן
פֿויל און נישט ווילענדיג. וואָס זי האָט גערעדט, האָט מיך נישט
אינטערעסירט, און וואָס מיך האָט יאָ אינטערעסירט און וועגען
וואָס זי האָט מיר געקענט אַזוי פֿיעל דערצעהלען—וועגען דעם האָט
זי גאָר געשוויגען. אָנהויבען רעדען מיט איהר וועגען איהר טאָכ=
טער האָב איך מורא געהאַט. בעמערקט האָב איך, אַז צווישען
איהר און איהר טאָכטער איז פֿאַרהאַן עפּיס, וואָס איך ווייס עס
נישט. נאָך באַלד אין אָנהויב, אין ערשטען חודש פֿון מיין זיין אויף
דער שטעל, ווען חנה׳לע פֿלעגט זיך עפּטער געפֿינען אין שטוב,
וואו איך האָב געאַרבייט, האָב איך דאָס בעמערקט. איינמאָל,
געדענק איך, איז חנה׳לע געשטאַנען ביי׳ם קרעדענץ, עפּעס גע=
זוכט אָדער געמאַכט זיך זוכען. די מוטער איז אַריינגעקומען און
האָט געוואָרפֿען צוערשט אויף מיר אַ בליק, דערנאָך אויף חנה׳לען,
וואָס האָט זיך, ווי מיר האָט אויסגעזעהן, עקסטראַ נישט אומגע=
קעהרט; זי איז צוגעגאַנגען צום קרעדענץ און האָט געפֿרעגט איהר
טאָכטער, וואָס זי זוכט. חנה׳לע האָט עפּיס געענטפֿערט און איז
באַלד אַרויסגעגאַנגען, די מוטער — נאָך איהר. און פֿון דעמאָלט
אָן האָט זיך חנה׳לע פֿאַר מיר אַזוי געהיט.

נאָר אין דער לעצטער צייט האָט זי זיך ווידער עפּטער גע=
וויזען און האָט מיר נישט זעלטען געשענקט אַ בליק. אַזאַ בליק
האָט מיר געגעבען מאַטעריאַל צו טראַכטען אויף אַ גאַנצען טאָג,
האָט מיך געטרייסט און געגעבען האָפֿנונג—נאָר איך האָב מיר אַליין
צושטערט מיין צופֿריעדענהייט. איך האָב מיך אַ מאָל אַריינגעלאָזט
מיט דעם בחור אין אַ געשפּרעך. ער איז געוועזען גאָר גוט אויפֿגע=
רעגט, ווייל ער האָט ערשט געקראָגען אַריינגעשיקט פֿון זיין מחותן
אַ נייע מתנה—אַ זילבערנע ציגאַרען=טאַש. ער האָט זי געדרעהט אין
דער האַנד און געקוואָלען פֿאַר נחת. מיין בוכהאַלטעריע האָט ער
נישט אין זינען געהאַט צו הערען, און האָט אַלץ אין איינעם גע=

מאַכט נייע ענטדעקונגען אין דער ציגאַרען־טאַש: אַז דאָס בענידרעלץ איז גאָר אַן׳אַנדערעס, אַז דער שלאָס איז גאָר אַן׳אונגעוועהנליך שלאָס א. ד. ג.

— און אַ כלה האָט איהר עפּיס אַ שענע? — האָב איך געפרעגט.

די פראַגע איז געווען אַ ביסעל צו אומגעריכט. ער האָט אויף מיר אויסגעשטעלט אַ פּאָר פערוואונדערטע אויגען און האָט געענט־פערט:

— אַוודאי! וואָס דען? איך האָב נישט קיין שענע כלה? ער האָט זיך אומגעקוקט אין שטוב, צי קיינער הערט איהם נישט. ער האָט מיך בעשוואָרען, איך זאָל קיינעם נישט אויסזאָגען און האָט מיר דערצעהלט, ווי ער דרעהט זיך עקסטרא פאַר שבת עפּעס פאַר אַ הויז, וואו זיין כלה געהט געוועהנליך אריין, און זעהט זי.

— און וואָס רעדט ער מיט איהר?

— זי קען דאָך מיך נישט! האָט ער געענטפערט גלאַט — אַז זי געהט פאַרביי, נייג איך מיך־אָט אַזוי.

— און זי?

— הערסט דו! זי ווייסט דאָך נישט, ווער איך בין! אוי, איז זי אַמאָל רויט געוואָרען!

און ער האָט אָנגעהויבען צו לאַכען, נאָר אין מיטען האָט ער זיך דערשראָקען פאַר זיינע אייגענע ווערטער. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אין גאַנצען אַן׳אויסגעטראַכטע מעשה, אַז זיין כלה וואָלט ער זיך נישט איינגעשטעלט צו זעהן, און דאָס ריהמט ער זיך נאָר אַזוי פאַר מיר, כדי מיר צו ווייזען, וואָס פאַר אַ וואויילער יונג ער איז.

— איהר וועט נישט אויסזאָגען? זעהט איך בעט אייך. איהר וועט נישט אויסזאָגען! — האָט ער אויסגעשריען פעסט, און האָט זיך גענומען שפּיעלען מיט דער ציגאַרען־טאַש. איך האָב מיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט און האָב איהם אָנגעהויבען צו פרעגען וועגען זיין שוועסטער:

— איהר האָט אַ וואוילע שוועסטער — האָב איך איהם געוואָלט ח.פ׳ענען — אַ שען מעדעל, זעלטען...

— חנה׳לע? או-וואַ! סויך מיר אַ מענש! מיין כלה איז אַ סך שענער...

ווי נאַריש דאָס איז נישט, מוז איך מודה זיין, אַז דאָס האָט מיך פערדראָסען, און איך האָב מיך קוים איינגעהאַלטען, איך זאָל איהם נישט ענטפערען, אַז ער ווייסט נישט פון זיינע הענד און פיס צוזאָגען...

— וואָס טהוט זי אַ גאַנצען טאָג? — האָב איך געפאָרשט.

— מיין כלה?

— ניין, אייער שוועסטער, חנה׳לע...

דער טאָן מיינער האָט געמוזט וועקען עפּיס אַ חשד, צי ער איז געוועזען בעליידיגט, וואָס איך רעד פון חנה׳לען, נישט פון זיין כלה, געענטפערט האָט ער אונגערן:

— וואָס זאָל זי טהון? אויך מיין דאגה! אַלץ מוזט איהר וויסען?!

דאָס געשפּרעך האָט דער חתן-בחור געמוזט אָנזאָגען, ווייל אַרום מיר איז אַלץ אַנדערש געוואָרען, חנה׳לע האָט זיך אין גאַנ-צען נישט געוויזען, די מאַדאַם האָט מיט מיר נישט גערעדט און דאָט געקוקט אויף מיר עפּיס קרום. פון מיין פּרינציפּאַל האָב איך געהאַט אַן אָנצוהערעניש, אַז איך זאָל מיר שאַפען אַ שטעל.

וואָס טהוט זי, חנה׳לע? — האָב איך געטראַכט — די אָרימע נשמה? איך האָב איהר אודאי עגמת-נפש פערשאַפט! צי וואָס, צי ווען? וואָלט איך האָטש געקאָנט מיט איהר אַ וואָרט רעדען און זיך ענטשולדיגען! נאָר ווי אַזוי?

איינמאָל, בין איך געקומען אין דער פריה צו דער אַרבייט, אין שטוב איז קיינער נישט געוועזען. איך בין געוועזען פערזאָרגט און נישט אויסגעשלאָפען, אין דער קיך איז געוועזען חנה׳לע, און אין מיין האַרץ איז געוועזען אַזאַ אונגעדולד, אַז די פעדער האָט געציט-

טערט אין מײַן האַנד. איך האָב געפֿיהלט איהר יונגענד און פֿרישקײַט, איהר שלאַנקען קערפּער און איהר װײַכען בליק דורך דער װאַנד. אַלץ אין מיר האָט זיך געריסען און געצױגען אין דער אַנדערער שטוב אַרײַן, און די קאַלטע שטומע װאַנד איז זיך געשטאַנען רוהיג, װי אַ שרעקליכע מאַכט... מײַן בליק איז געפֿאַלען אױפֿ'ן שפּיעגעל, מײַן פּנים איז געװען בלאַס און עפּיס אַ מאָדנע װײַכקײַט און אונבעהאָלפֿענהײַט איז דערױף געװען אױסגעגאָסען. איך האָב בעװאונדערט מײַן אײגען פּנים... פּלוצלונג האָט זיך די טהיר געעפֿענט, און הנה'לע האַלטענדיג עפּעס אַ שליסעלע אין דער האַנד, איז צוגעגאַנגען גלײַך צו מיר. איך האָב מיך אױפֿגעחאַפּט פֿון אָרט עפּיס װי דערשראָקען. זי איז צוגעגאַנגען רוהיג, גלײַך, האָט אַ נידערגעלײגט דאָס שליסעלע אױפֿ'ן טיש און האָט געזאָגט:

— דער טאַטישי האָט געהײסען איבערגעבען דאָרט צװײ װעקסלען אין דער באַנק...

איך האָב עפּעס געװאָלט ענטפֿערען, נאָר מײַן האַרץ הזיט פֿעסט געקלאַפּט, און זי איז זיך שטיל און רוהיג צוריק אַרױסגעגאַנגען.

„פֿאַר װאָס האָב איך נישט געמאַכט קײן שמועס מיט איהר"? האָב איך מיר אַלײן געזידעלט און געביסען די ליפּען פֿאַר בעס. נאָר מיר איז אַפֿילו אין דער פֿאָרשטעלונג שװער געװען אױסצוטראַכטען עפּעס אַ פֿראַגע אָדער אַנ'ענטפֿער, װאָס איך האָב געקאָנט איהר געבען; װאָס האָב איך איהר, דער חסידישער פֿרומער טאָכטער, געקאָנט זאָגען? װי האָט זיך אונזער שמועס געזאָלט אָנהױבען! ערשט פֿאַרנאַכט האָב איך מיך דערמאָהנט, אַז דאָס שליסעלע האָט זי אַנידערגעלעגט אױפֿ'ן טיש, נישט מיר דערלאַנגט אין האַנד אַרײַן. דאָס איז אודאי אַזאַ מנהג־חסידים... איך האָב זי דאָך געקענט פֿרעגען מיט אַ שמײכעל און מיט אַ װײך קול: פֿאַר װאָס האָבען זי דאָס שליסעלע אַנידערגעלעגט אױפֿ'ן טיש, נישט מיר דערלאַנגט אין דער האַנד? װאָס פֿאַר אַ געראָטענע פֿראַגע;

נאָר דער שכל איז אַ קריכלער. איצט, פאַר נאַכט אויף דער גאַס, איז מיר די פראַגע געקומען אין קאָפּ אַריין, און דאָרט, אין שטוב, בין איך געווען איבערגעשראָקען, איבערגעשראָקען און מעהר גאָר־נישט.

III.

אין עטליכע טעג אַרום האָט מיר דער בחור אָנגעזאָגט אַזאַ בשורה:

— איהר ווייסט, לעהרער? איהר וועט שוין מעהר דאָ נישט זיין, דער טאַטישי האָט צוגענומען אַן׳אַנדערען.

פאַר וואָס? — האָב איך געפרעגט, איינהאַלטענדיג אין זיך מיין כעס אויף דעם דאָזיגען קאַלטען נפש, וואָס איך האָב אין דער לעצטער צייט נישט געקאָנט ליידען, ווי אַ שפּין.

— איך ווייס? — האָט ער מיר געענטפערט זינגענדיג און האָט דערביי עפּעס מאָדנע פערקרימט די צורה זיינע — די מאַמישי זאָגט, אַז מען טאָר נישט האַלטען אין שטוב אַזאַ יונגען מאַן... איהר קאָנט איבערפיהרען דאָס גאַנצע הויז... איהר מיינט, איך ווייס נִיט? ע־הע! איך ווייס! ער מיינט טאַקי.

— וואָס ווייסט איהר? האָב איך געפרעגט בייז.

— דערצעהלט נישט קיין מעשיות, איך בעט אייך; איך בין קליגער פאַר אייך, כאָטש איהר זענט אַ ליטוואַק, איהר מעגט מיר גלויבען...

ווי אַלע בית־המדרש־בחורים, איז ביי איהם די גרעסטע חכמה געווען צו רעדען וועגען מעדלעך און גראָבע וויצען זאָגען, און ווייל ער האָט דאָס אודאי גוט געקענט, האָט ער זיך געהאַלטען פאַר זעהר קלוג, און ער האָט מיך פון לאַנג אָן פיינד געהאַט, פאַר וואָס איך לאָז מיך נישט אַריין מיט איהם אין אַ געשפּרעך וועגען אַזעלכע ענינים. איך האָב בחנם געפּרובט געוואָהר ווערען

פון דעם בחור, וואָס פאַר אַ בלבול מען האָט געמאַכט אויף מיר. ער האָט אַליין געענטפערט מיט אַ שמייכעל און נישט צו דער זאַך. איך האָב געזעהן, אַז די זאַך גופא אינטערעסירט איהם אין גאַנצען נישט, אַז ער ברויך נאָר מיר אַרויסצוווייזען זיין קלוגען קאָפּ מיט זיינע חכמות. איך בין בייז געוואָרען:

גערהט מיט אייערע חכמות, פראַים! האָב איך געשריען — דאָס איז גאָר קיין מענשען נישט! איהר ווילט לערנען, טאָ לערנט; נישט — טאָ שווייגט! שווייגט, און פערדרעהט מיר דעם קאָפּ נישט!

דער בחור האָט אויף מיר אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגען מיט כעס, מיך איינגעשלונגען:

— געב נאָר אַ קוק: אַ ליטוואַק קומט זיך אַריין שרייען! אויך מיר אַ פּריץ! אַ דרות זענט איהר, געהט אייך צו אַלדע שוואַרץ יאָהר! וואָס טהוט איהר דאָ? זעה נאָר! אויך מיר אַ דייטש, מיט אויסגעקריצטע שיך און מיט צוריסענע הויזען!...

איך געדענק, אַז מיין האַנד האָט זיך אויפגעהויבען, איך וואָלט איהם, ווער ווייסט וואָס געטהון; נאָר מיין בליק איז אונטערן געפאַלען אויף מיינע קאַמאַשען, — זיי זענען געווען אויסגעקריצט... איך האָב די האַנד אַראָבגעלאָזט, די אויגען מיינע זענען פול געוואָרען מיט טרערען, די שטוב און די זאַכען אַרום מיר האָבען זיך געשאָקעלט און געציטערט... מיעד און מאַט, מיט אַ שוואַכען אָטעם, האָב איך מיך געזעצט אויפ'ן בענקעל. דער בחור איז אַרויסגעגאַנגען. איך האָב מיך אויפגעשטעלט און האָב נאָך אַ מאָל בעטראַכט מיינע קאַמאַשען: אמת, אויסגעקריצט! האָב איך גערעדט צו מיר — נאָר וואָס האָט ער געוואָלט פון מיינע הויזען?? פון מיינע הויזען וואָס האָט ער געוואָלט?! האָב איך גע'חזר'ט, נישט וויסענדיג אַליין, וואָס איך רעד פאַר כעס, און האָב פעסט פערביסען די ליפּען. און מיין כעס האָב איך נאָר געהאַט איין פעסטען פערלאַנג: אַריינצושלעפּען דעם בחור פאַר די האָר און ווייזען איהם, אַז די הויזען מיינע זענען גאַנץ, האָבען קיין איין ריס,

קיין איין פּרעק נישט, אַז ער איז אַ ליגנער, פּשוט אַ ליגנער און האָט ניט דאָס רעכט אַזוי צו זאָגען. אין עטליכע מינוט אַרום איז די מאַדאַם אַריינגעקומען, און נישט קוקענדיג אויף מיר האָט זי געזאָגט:

— וואָס איז דאָס דאָ געווען מיט מיין ירמיה׳לען? איהר האָט אייך עפּעס געקריוועט? ער איז דאָך אַ קינד, וואָס ווילען זיי נע־בעך האָבען פון איהם?

דאָס קינד איהר׳ס האָט געהאַט אַ קאַרק און אַ פּאָר ברייטע געזונדטע אַקסלען ווי אַנ׳אַטלעט; איך האָב נישט געענטפערט.

— איך וועל איהן זאָגען די וואָרהייט — האָט זי ווידער אָנ־געהויבען עפּעס צו זאָגען, נאָר איך האָב מעהר שוין נישט געקאָנט איבערטראָגען איהר ליעבליכען טאָן מיט מיר. איהר רעדען און איהר מינע דערביי, איהר צומאַכען מיט דעם האַנד פאַמעליך און דאָס גאַנצע וועזען איהר׳ס — האָבען מיר יעצט אויסגעזעהן אַזוי מאָדנע פאַלש. אַזוי אוננאַטירליך, אַז איך האָב נישט פערשטאַנען, ווי אַזוי איך האָב ביז אַהער געקאָנט רוהיג רעדען.

— וואָס ווילען זי פון מיר?! וואָס פאַר אַ בלבולים האָט מען דאָ געמאַכט אויף מיר?! האָב איך געפרעגט שטרענג און בייז און האָב מיך אויפגעשטעלט, גרייט איהר אַ בענקיל צו וואַרפען אין קאָפּ אַריין.

— זעהען זי, זי בייזערען זיך! אַ ליטוואַק בלייבט אַ ליטוואַק; וואָס האָבען מיר אייך פאַר אַ שלעכטס געטהון? מען האָט דען גע־מאַכט אַ קאָנטראַקט אייך שטענדיג צוהאַלטען? איך בעט איהן זעהר, אַז מען האַנדעלט, ווי אָרענטליכע מענשען, ברויך מען זיך צו בייזערען? איך פרעג אייך, אדרבא! איהר זענט דאָך עפּעס אַ גע־בילדעטער יונגער מאַן...

איך האָב נישט אויסגעהאָרכט די ענדע, האָב אָנגעטהון מיין פאַלטאָ און געגומען געהן. ביי מיין אַרויסגעהן האָט זיך די טהיר פון דריטען צימער געעפענט, און חנה׳לע האָט אַריינגעקוקט...

אויב אײַך איז אַמאָל אויסגעקומען אויפֿצוואַכען פֿון אַ שווע־רען, שלעכטען, שרעקליכען חלום, וואָס האָט אײַך לאַנג געמאַ־טערט, און פּלוצלונג דערזעהט איהר, אַז איהר געפֿינט אײַך גאָר אין אײַער אייגען בעט אין שנע־ווײַסען בעטגעוואַנד, אין אײַער בע־קאַנטער וואָהנונג, נעבען אײַער טיש, אײַערע בענקליך; אַרום אײַך וואַכען אָדער שלאָפֿען אײַערע בעקאַנטע, נאָהנטע און געליעבסטע מענשען; אין דרויסען שײַנט די מאָרגען־זון פֿריש און הײַטער, און איהר פֿילט אײַך דאָפּעלט גליקליך נאָך דעם שווערען געפֿיהל פֿון פֿריהער — קאָנט איהר אײַך פֿאָרשטעלען, וואָס איך האָב געפֿיהלט אין דער דאָזיגער מינוט, ווען די טהיר האָט זיך געעפֿענט. מײַן גאַנצער כעס איז פּלוצלונג פֿערשוואונדען געוואָרען. איך בין גע־שטאַנען אויף מײַן אָרט און מיט ענטציקונג האָב איך געקוקט אויף דעם ווײַכען ליעבליכען געזיכט פֿון דער אַנדערער שטוב. איך געדענק נאָך ווי איצט די עטליכע האָר וואָס זענען אַראָבגעפֿאַלען אויף איהר אויג; אַפֿילו די בלאָע בלימלעך פֿון דער בלוזע מאָלען זיך מיר דײַטליך אויס אין מח. געקוקט האָט זי אויף מיר און איהרע אויגען האָבען אויסגעדריקט, גאָט ווייסט, ווי מען רופֿט דאָס אָן! עס זענען פֿאַרהאַן בליקען, אין וועלכע דײַן האַרץ, דײַנע געדאַנ־קען און דו אין גאַנצען פֿערליערען זיך ווי אין עפּעס אַנ׳אונענד־ליכקײַט. מײַן גאַנצע שנאָה צו דעם בחור, דאָס געפֿיהל פֿון פֿאַלשקײַט, וואָס האָט געוועהט פֿון דער מאַדאַם, מײַן בעליידיגונג, די צוריסענע קאַמאַשען — אַלץ האָט זיך אָבגעטראָגען און בעהאַל־טען. איך האָב פֿון איהר די אויגען נישט געקאָנט אָברײַסען און בין געשטאַנען און געקוקט. עס איז געווען אַ מאָדנע סצענע: איך בין געשטאַנען און געקוקט צו דער טהיר; הנה׳לע האָט געקוקט אויף מיר; די מאַדאַם — אויף אונז בײדען, און מיר אַלע האָבען גע־שוויגען און זיך נישט גערידהרט פֿון אָרט, גלײַך ווי מיר וואָלטען וואַרטען אויף עפּעס. נאָר אויף דער מאַדאַם׳ס פּנים האָב איך בע־מערקט אַ שמײכעל, יענעם קאַלטען איראָנישען שמײכעל, וואָס קאָן

אָפּקיהלען דאָס הײסעסטע הארץ. זי האָט געשמײכעלט! איך בין זיכער, אַז זי האָט מקנא געװען דער טאָכטער: די אינערליכע בעלײדיגונג איז איהר געלעגען אין די װינקלען פון די ליפּען.

— זי װאַרטען אויף געלד? האָט זי זיך אָנגערופען — זי װעלען אַזוי גוט זײן מאָרגען אַרײנקומען, װעלען זי קריגען בעצאָהלט פאר'ן חדש...

— מיך האָט איצט געקלעקט דאָס װאָרט געלד. איך האָב געזאָגט אַ גוטען טאָג און בין אַרױסגעגאַנגען. חנה'לע האָט אַ'ן נישט אַװעקגעטרעטען פון דער טהיר, איך האָב געפיהלט איהר בליק אויף מײנע אַקסלען. אַז איך האָב איבערגעטרעטען די שװעל, האָב איך געפיהלט, װי אין מײן הארץ האָט עפּיס אַ העפטיגען נאָג געגעבען. איך האָב הינטער מיר פערמאַכט די טהיר: „אויף עביג"! האָב איך געטראַכט — „חנה'לען װעל איך מעהר נישט זעהן, שוין קײנמאָל נישט"! אויפ'ן הויף האָב איך בעגעגענט דעם בחור. איך האָב די אויגען אַראָבגעלאָזט און מורא געהאַט זײ אויפצוהויבען אויף איהם, מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער װעט אויף מיר די צונג אַרױסשטעלען, װען איך זאָל איהם אָנקוקען... און אין אמת אַרײן, פאַר װאָס זאָל ער דאָס נישט טהון? איך בין דאָך אַ ליטװאַק, אַ שרײבערל, װאָס מען בענוצט איהם, װען מען װיל, און מען יאָגט איהם אַרױס פון שטוב, װען מען װיל, און ער איז דאָך עפּיס אַ נגידישער בחור, װאָס האָט אַ גאָלדענעם זײגער, אַ זילבערנע ציגאַרען-טאַש און אַ רײכען טאַטען, װאָס האָט שטענדיג אָפען פאַר זיך אַ רײכע הײם מיט אַ שענער, שענער שװעסטער!

דאָס לעצטע האָב איך איהם נישט פאַרגונען.

.IV

אַ שװערע צײט האָב איך דאַמאָלט דורכגעלעבט. די טעג, די נעכט האָבען זיך געצױגען אומגעהויער לאַנג, בײ נאַכט בין איך

שלעכט געשלאָפען, ביי טאָג האָב איך אַרומגעשפּאַצירט אין די גאַסען און געטראַכט, וועגען וואָס? איין גאָט ווייסט. סוף=כל=סוף האָבען זיך מיינע געדאַנקען פֿערקניפּט אָן חנה׳לעס געשטאַלט. מיין האַרץ האָט שטענדיג עפּיס געצויגען און גענאָגט, אַ מינוט נישט אויפגעהערט, עפּיס אַ מרה=שחורה איז אָנגעפאַלען אויף מיר, ווי אַ שווערער נעבעל, און אַלץ אַרום מיר האָב איך אויך געזעהן ווי דורך אַ נעבעל. איך בין געוואָרען פויל, נאַכלעסיג. דער קראַוואַט איז מיר שוין יעצט געלעגען פעררוקט אין אַ זייט און איך האָב נישט געקלערט וועגען דעם; קיין שטעל האָב איך נישט געזוכט און האָב אין גאַנצען נישט געוואוסט, וואו איך לעב אויף דער וועלט.

געוועזען איז עס אָסיען. עס קאַפּעט אַ רעגען, די גאַס איז נאַס, די לופט דונקעל, עס בלאָזט אַ קאַלטער ווינד. דער הימעל איז גראָה, זעהט אויס עפּיס, ווי פערשימעלט, אָבגעלעבט; אַפילו די הייזער, דאַכט זיך, טרויערען, דער ברוק וויינט, און אַליין האָב איך מיך געפיהלט אַזאַ שטיק ברוק, אַ שטיק הויז... אין דער גרויסער שטאָדט בין איך געוועזען עלענד.

איך בין געוואָרען אויפגערעגט; מיינע נערווען זענען געוועזען ווי אַנ׳אָנגעצויגענע סטרונע. אַ ליאַדע רויש, אַ ליאַדער בליק האָט מיך געמאַכט אונרוהיג אין גאַנצען. איך האָב נאָך געקאָנט אַריינגעהן צו מיין געוועזענעם פּרינציפּאַל מאָהנען פאַר אַ חודש, נאָר איך האָב דאָס אָבגעלעגט פון טאָג צו טאָג. דאָס וואָלט געוועזען דער לעצטער פּריב, דאָס לעצטע מאָל האָב איך געוואָלט אַריינגעהן אין דעם הויז, איך האָב מיך געשראָקען. ביינאַכט איז מיר שווער געוועזען איינצושלאָפען, אום די צייט צו פערטרייבען, האָב איך גענומען שרייבען איין אַרטיקעל מיט דער דעה עס אָבצודרוקען. מיין אַרטיקעל האָט געטראָגען דעם נאָמען: „די לאַגע פון די חסידישע טעכטער אין פוילען". דעם אינהאַלט פון דעם אַרטיקעל געדענק איך שוין נישט קלאָר, נאָר דאָס געדענק איך, אַז מיין אַרטיקעל איז געוועזען אָנגעשריבען אין טאָן פון איכה, — אַזוי פיעל

טרעהרען זענען דארט געווען. איך האב געשריעבען וועגען חסידישע טעלטער און אין זינען ביי מיר האט נאר געשוועבט די לאגע פון דער איינציגער טאכטער – חנה׳לע. איך האב געשילדערט איהר לעבען ווי זי פערוועלקט און פערבליהט אין דער בעסטער, שענסטער יוגענד, ווי אונגליקליך זי איז, איך האב געשריבען און האב גאר נישט בעמערקט, אז מיך אינטערעסירט גאר לגמרי נישט „די לאגע פון חסידישע טעלטער אין פוילען”, אז איך גיס דא יעצט אוים מיין איבערפולט הארץ אויף דעם גוטען פאפיער, וואס הארכט מיך אוים אזוי ליעבליך... נאר אין מיטען שרייבען האב איך דערפיהלט, אז עפים האט מיר א נאג געגעבען ביי׳ם הארץ, דערנאך איז מיר ענג געווארען אין האלז און איך האב פלוצלונג ארויסגעבראכען מיט א געוויין, וואס איז מיר גאר פרעמד געווען, וואס האט עפים גארנישט ווי פון מיר געשטאמט, איך האב געשלוכצט הויך אויפ׳ן קול און האב מיך בשום אופן נישט געקאנט איינהאלטען. איך האב אזוי הויך געוויינט, אז מיין ווירטהין, וואס האט געוואהנט אין פאדערשטען צימער, האט מיך דערהערט און איז אריינגעקומען, האלטענדיג דעם אויסגעטהונענעם פאריק אין האנד.

וואס איז אייך, יונגערמאן?! האט זי גענומען שרייען – אי וואוי איז דאס טוך? געהט נאכ׳ן דאקטאר... הערענדיג די געשרייען פון דער יודענע מיט׳ן פאריק אין האנד, האט זיך מיר עפעס געוואלט לאכען, נאר קענען מיין ווילען האב איך אנגעהויבען נאך העכער צו וויינען. עס איז געווארען א מהומה אין שטוב. עס איז אריינגעקומען אויך דער מאן איהרער, די דיענסט, און די צוויי קליינע קינדער האבען אנגעהויבען צו וויינען הויך אויפ׳ן קול. מיר איז געווען זעהר שלעכט. איך האב זיך מיט אלע כחות געמאטערט זיך איינצוהאלטען און צו שטילען דאס געוויין, נאר וואס מעהר איך האב מיך געוואלט איינהאלטען, אלץ מעהר האב איך געשלוכצט און געוויינט.

גארנישט... גארנישט... האב איך זיך געמאטערט ארויס-

צורעדען, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך שריי הויך אויפ'ן קול, בשעת מיין קול איז פערשלונגען געוואָרען אין מיינע שלופ-צען. קוים וואָס מיר איז געלונגען צו בערוהיגען מיך און מיינע בעלי-הבתים. זיי האָבען זיך נאָך לאַנג געדרעהט אַרום מיר, ביז איך האָב זיי געקענט איינרעדען, זיי זאָלען געהן שלאָפען. איך האָב גענומען איבערלעזען, וואָס איך האָב געשריבען, און אויך איצט האָב איך מיך נישט געקענט איינהאַלטען פון טרעהרען, נאָר דאָס מאָל האָב איך שוין גאָר אַנדערש געוויינט: שטיל, רוהיג, און מיר איז לייכטער געוואָרען אויפ'ן האַרץ פון די טרעהרען. איך האָב געלעזען וואָרט פאַר וואָרט. און מיר האָט זיך געדאַכט, ווי עפּיס איין אַנדערער רעדט דאָס צו מיר און פיהלט מיך. איך האָב מיך געשעמט פאַר זיך אַליין, וואָס איך האָב דעם אַרטיקעל געוואָלט אָבגעבען צו דרוקען, — מיין האַרץ, מיין געפיהל האָב איך געוואָלט עפענען פאַר אַלע, פאַר וועמען עס וויל נאָר, ער זאָל זיפצען אָדער גאָר לאַכען פון מיר.

אַ מאָל, פאַרנאַכט, האָב איך מיך אַרומגעדרעהט אין די גאַ-סען. מיר איז געווען אומעטיג, דערשטיקט צו ווערען. אין דערהיים, אין מיין קליין שטעדטיל, פלעגט מיך דער ערשטער שנעע פרעהען און דערוועקען אין האַרץ אַ גוט, וואַרים, שטיל און רוהיג געפיהל; דאָ אָבער, אין דער גרויסער שטאָדט, האָט ער נאָך מעהר מרה-שחורה אַנגעוואָרפען אויף מיר, דערמאָהנענדיג אָן דעם לאַנגען ווינטער אין אַ פרעמדע שטאָדט, צווישען פרעמדע מענשען און אַ פרעמד לעבען, דער שנעע איז געפאַלען און געפאַלען און איז באַלד צוטרעטען געוואָרען אונטער די פיס; איך האָב געשלעפּט די פיס מיינע אין דער נאַסער מאַסע און האָב נישט בעמערקט, וואו איך געה. די פאָריגע נאַכט האָב איך כמעט נישט געשלאָפען. יעצט קומט ווידער אַ נאַכט, אַ לאַנגע, קאַלטע און פינסטערע נאַכט, וואו מהוט מען זיך אַהין? וואו אַנטלויפט מען פון דעם אייגענעם האַרץ... ביי מיר האָט זיך נאָך געפונען עפּיס געלד. איך בין

צוגעגאַנגען צום טהעאַטער=פּלאַץ און האָב גענומען אַ בילעט, עס פֿערשטעהט זיך אַ ביליגען. אויפ׳ן פֿיערטען שטאָק. האָב איבערגעגעבען דעם שווייצאַר מיין פּאַלטאָ מיט מיין נאַסען=הוט, האָב גענומען אַ לאָרנעט און בין אַריין אויף מיין אָרט. פֿון דעם דאָזיגען אָרט מיינעם, אויפ׳ן פֿיערטען שטאָק און דער פֿיערטער שורה, איז שווער געווען צו זעהן, וואָס ס׳טהוט זיך אויף דער סצענע. אַנדערע האָבען זיך געשטופּט, זענען געקראָכען אויף די בענק, אָנגעהאַלטען זיך אָן די זיילען. איך בין געזעסען אויף מיין אָרט רוהיג און האָב אַפילו מיין לאָרנעט נישט בענוצט. מיך האָט געעקעלט צו קוקען אויף די הונדערטער מענשען אין די נידריגע גאָרען, אויסגעפּוצטע, ווי די קוקלעס, זאַטע, צופֿריעדענע, אָהן שום געפֿיהל אין האַרצען, וואָס זענען זיך געקומען ווייַלען, גלאָצען אויף דער סצענע, אום צו האָבען דערנאָך וועגען וואָס צו רעדען. מיר האָט זיך געוואָלט זעהן בלייכע, פֿערזאָרגטע פּנים׳ער, אונצופֿריעדענע בעוועגונגען, און דאָ איז אַלץ געווען גלאַט, פֿיין אויסגעפּוצט, גלייך ווי די גאַנצע וועלט זאָל אין אמת׳ן זיין אַ חתונה, און קיין בענקעניש און אונגליק זאָלען זיך אין איהר נישט געפֿינען... איך האַלט מיר נאָך ביז איצט ביי מיין מיינונג, אַז צו הערען מוזיק האָבען דאָס רעכט נאָר אַזעלכע מענשען, וואָס לייַדען אַ סך, וואָס זיי איז שווער דאָס לעבען אַריבערצוטראָגען און מוזען אויף אַ ווייַלע פֿערגעסען זיך און די וועלט. גלאַט אַזוי הערען מוזיק, אָנשטאָט קאָרטענשפּיעלען אָדער רכילות טרייבען — דאָס איז אַן׳עולה, אַ גראָבקייט. מענשען, וואָס האָבען נאָך אַ פֿונק האָפֿנונג אין לעבען, נאָך אַ ברעקעל ווילען, ברויכען קיין מוזיק נישט; און ווען די גרויסע, וועלט=בעריהמטע מוזיקער וואָלטען געפֿאָלגט זייער יושר, נישט זייער קעשענע, וואָלטען זיי קאָנצערט געבען נישט אין טעאַטר פֿאַר דער מענגע צופֿריעדענע, געזונדע מענשען, נאָר פֿאַר יעדעס בעט פֿון אַ גוסס, וואָס האָט צו זיין אונגליק נישט פֿערלאָרען דעם בעת און געהט אויס פֿאַר שרעק און טויט=

אַנגסט... איבּערינגענס, געהערט דאָס נישט צו דער זאַך.

דער אָרקעסטער, געדענק איך, האָט אָנגעהויבּען צו שפּיע־לען; אין טעאַטער איז נאָך ליכטיג געווען. דער עולם האָט זיך צו־זאַמען אַ ריהר געגעבּען, און מען האָט אָנגעהויבּען צו קריכען איי־בּער דעם אַנדערן אויף די קעפּ. איך בּין געזעסען אויפ'ן אָרט און געוואַרט. בּיסלעכווייז איז רוהיגער געוואָרען. די טענער פון הינ־טען האָבּען איצט אַרויסגעשוואוממען רייניער, זיי האָבּען איינגעשטילט דאָס געראויש און געמורמעל, און האָבּען אָנגעהויבּען אַליין צו גע־וועלטיגען. דער מאָטיוו איז געווען אַ געלאַסענער, האָט זיך אין אָנהייב געוויזען צו זיין גאָר לייכט און כמעט ווי צופריעדען; נאָר אָט האָט זיך געהערט עפּעס ווי אַ זיפץ, ווי ס'וואָלט אין אַ נשמה אַ שטרונע געפּלאַצט, און דער גאַנצער מאָטיוו איז געוואָרען אַנ־דערש: דערשטיקטע טרעהרען, איינגעהאַלטענע זיפצען האָבּען זיך געמאַטערט לויז צו רייסען, נאָר עפּעס אַ ווילדע קראַפט האָט זיי געשטערט, איינגעהאַלטען, זיי צוריקגעשטופּט, און הילפלאָז האָ־בּען זיי זיך ווידער אָנגעהויבּען צו רייסען פון אָרט, נאָר שטילער שוין, מיט ווייניגער האָפנונג, ווי פריהער... די טענער זענען גע־וואָרען אַלץ שטילער, שוואַכער – אין טעאַטער איז פינסטער גע־וואָרען, דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגערוקט.

וואָס אויף דער סצענע טהוט זיך, האָב איך נישט געוואוסט: מיר זענען די אויגען צוגעפאַלען, אויפ'ן מח איז אָנגעפאַלען עפּעס ווי אַ נעבּעל, דורך וועלכען עס האָבּען זיך נאָר געטראָגען צוריסע־נע געדאַנקען, אָבּגעהאַקטע בּילדער... איך האָב נישט אונטערשיי־דען, צי מען זינגט, צי מען שפּיעלט. די טענער, האָט זיך מיר געדאַכט, פליעסען איין אין מיר, ריהרען מיין האַרץ און שאַפען עס איבּער אויפ'ס ניי: פון אונגליק ווערט גליק, פון ליידען – נחת; אַלץ ווערט הייליג און געבּענטשט, און די פיהלסט, אַז די בּיסט געוואָרען גרינגער, לייכטער, און פריי, אונבּעגרענעצט פריי...

דער ערשטער אַקט האָט זיך געענדיגט. דאָס טעאַטער האָט גע־

הילכט פֿאַר קלאַפּען און שרייען בראַוואָ. די ליכטיגקייט האָט גע־בלענדט מיינע אויגען, איך האָב טיעף אָבגעזיפֿצט און האָב זיך אומגעקוקט. אַרום מיר איז געוואָרען גרוימער, דער עולם איז אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר, איך האָב מיך דערמאָהנט אָן מיין לאָרנעט און האָב גענומען בעטראַכטען דאָס פּובליקום. און דרע־הענדיג אַזוי מיט דעם לאָרנעט, האָב איך בעמערקט אין צווייטען שטאָק, קעגענאיבער מיר, אַ בעקאַנט פּנים פֿון אַ יונג פֿרויענצימער. זי איז געזעסען מיט אַ קאַוואַליער און זיי זענען געוועזען, ווי איך האָב מיך געקאָנט משער זיין, פֿערטהון אין אַ שמועס. איך האָב מיינע אויגען נישט געגלויבט: זי איז געוועזען זעהר עהנליך צו חנה׳לען: דער זעלבער שטערן, די זעלבע אויגען מיט די רונדיגע, ווי אויס־געשניצטע ברעמען, דער רעשט פּנים איז מיר שווער געוועזען צו בעטראַכטען; זי האָט גערעדט, געלאַכט און געבויגען זיך פֿון אָרט צו אָרט... ווי קומט זי אין טעאַטער אַריין, זי, די חסידישע טאָכ־טער, וואָס האָט מיט מיר, מיט אַ פֿרעמדען יונגען־מאַן, קיין וואָרט נישט געוואָלט רעדען, וואָס שעמט זיך אַפֿילו פֿאַר די אויגען צו ווייזען? און וואָס וואָלטען איהרע עלטערן געזאָגט?

נאָר אָט האָט זי בעמערקט אַז מען קוקט אויף איהר. איהר פּנים איז פּלוצלונג געוואָרען רוהיג, אונבעוועגט, און איך האָב זי דערקענט, — זי, די רוהיגע, פֿרומע, און שעמענדיגע חנה׳לע! איך האָב שיעור ניט קיין געשריי געגעבען פֿאַר איבעראַשונג... דער ערשטער געדאַנק, וואָס האָט ווי אַ קלאַפּ געגעבען אין מיין מוח, געדענק איך, איז געוועזען, אַז איך האָב אַ טעות געהאַט, מיין איי־גענליעבע האָט מיך אויסגענאַרט: זי איז נישט קיין שעמענדיגע, נישט פֿאַר צניעות האָט זי גאַנצע חדשים מיט מיר קיין וואָרט נישט גערעדט, נאָר ווייל איך אַליין בין איהר געוועזען דערווידער, זי האָט מיך נישט געקענט ליידען — פּשוט! איך האָב געקריצט מיט די ציין פֿאַר כעס אויף זיך, אויף מיין מכלומר׳שט, רחמנות האָבען אויף איהר, אויף מיין בענקעניש די גאַנצע צייט, און דער

עיקר — אויף זי, אויף די חסידישע טאָכטער...

אין טעאַטער איז שוין לאַנג פֿינסטער געווען. די מוזיק האָט מיך איצט נישט אינטערעסירט, איך בין געזעסען אויפ'ן אָרט, האָב צונויפגעלעגט די הענד אין אַ פֿערמאַכטען פויסט און האָב געטענה'ט: ווי האָט זי דאָס אַ העזה צו געהן מיט אַ פֿרעמדען יונג אין טעאַטער?! ווי קען דאָס אַ חסידישע טאָכטער טהון?! ווי קאָן מען זיין אַזוי פֿאַלש?! אין די מינוטען האָט איהר דער פֿאָטער איהרער גיכער נעקאָנט מוחל זיין די עבירה, וואָס זי האָט גע־טהון, ווי איך...

דער צווייטער אַקט האָט, צו מיין גליק, נישט לאַנג גע־דויערט, און איך האָב זיך געאיילט אָבגעבען אַ רעכנונג, וואָס איך וויל דאָרט טהון. איך האָב נישט לאַנג געבראַכט צו וואַרטען, פֿון טעאַטער אין קאָרידאָר אַריין האָב איך באַלד דערזעהן אַרויסגעהן חנה'לען, און נעבען איהר אַ יונגער מאַן, זעהר עלעגאַנט געקליי־דעט, מיט אַ ראַזירטער באָרד און מיט לאַנגע וואָנסען. זי האָט מיך באַלד דערזעהן, און איהר פּנים האָט אויסגעקרימט עפּעס אַ מאָדנע גרימאַסע. מיר איז פּלוצלונג אַ רחמנות געוואָרען אויף איהר. איך וואָלט מיך בעהאַלטען, ווען איך וואָלט געקענט. דאָס אַלץ האָט אָבער נישט מעהר געדויערט, ווי עטליכע סעקונדען; איהר פּנים איז ווידער רוהיג געוואָרען, זי האָט עפּעס גערעדט צו'ם יונגען מאַן און איז צוגעגאַנגען צו מיר פֿאַמעלעך, רוהיג, ווי קיינמאָל גאָרנישט, און האָט מיר דערלאַנגט די האַנד:

— אַ פֿאַני ק.! זי זענען אויך דאָ? וואָס מאַכט מען עפּעס גוטס?

מיינע פּיס האָבען געציטערט אונטער מיר איך האָב מורא געהאַט, אַז איך זאָל נישט קריגען אויפ'ן אָרט היסטעריע. איך האָב אַפֿילו נישט געטראַכט איהר מיין האַנד צו דערלאַנגען. איך בין געשטאַנען ווי צוגעמויערט, זי האָט די דערלאַנגטע האַנד איהרע צוריקגענומען, און האָט געוואָלט אַוועקגעהן.

— חנה׳לע... האָב איך קוים אויסגערעדט און האָב אָנגעגו־מען זי פאַר דער האַנד, עפּעס נישט ווי מיט מיין ווילען. זי האָט אָבגערוקט איהר האַנד, האָט מיך אָנגעקוקט און געזאָגט:

— לאָזען זיך געמאַך, איך בעט אייך... ס׳איז נישט שען,

— חנה׳לע... האָב איך ווידער געמורמעלט, און האָב נישט געוואוסט, וואָס מען רעדט. דער יונגער מאַן איז געשטאַנען אין דער זייט, האָט געדרעהט די וואָנסעס און האָט קאַלט געקוקט אויף אונז.

איך האָב קיין צייט נישט — האָט זי זיך פערענטפערט — איך מוז אהיים געהן, זי זעהען דאָך, ס׳איז ערשט נאָכ׳ן צווייטען אַקט...

זי האָט גענומען אוועקגעהן, איך האָב ווידער געפיהלט, אז איך פערליער זי אויף עביג.

— איך וועל זי שוין קיינמאָל מעהר נישט זעהן? האָב איך כמעט ווי אויסגעשריען.

— פאַרוואָס? — האָט זי געענטפערט מיט א שמייכעל, מיט דער מוטערס שמייכעל — איך לאָז עפּעס נישט קוקען אויף מיר? זי ברויכען מיך עפּעס צו זעהן? האָט זי געפרעגט מיט אַן׳ערנס־טער שטימע און געקוקט מיר אין די אויגען אריין, פאַרשעמדיג.

— יאָ, איך ברויך זי צו זעהן, איך מוז זי זעהן... זי האָט אויסגעזעהן צו זיין זעהר פערלעגען, און האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. זי איז צוגעגאַנגען צו׳ם קאַוואַליער. זיי האָבען עפּעס גערעדט צווישען זיך, איך האָב פון דערווייטען געזעהן, ווי ער האָט אַרויסגענומען דאָס בייטעלע און האָט איהר געוויזען, אז ער האָט נישט קיין געלד. איך האָב נישט געוואוסט, וואָס דאָס אלץ זאָל בעדייטען. זי איז צוגעגאַנגען צו מיר און האָט געזאָגט:

— אויב זי ווילען, קענען זי מיך זעהן מאָרגען 7 פאַרנאַכט...

זי האָט אָנגערופען די גאַס און דעם נומער און איז באַלד אוועק־געגאַנגען.

איך בין אויך אַרוים באַלד פון טעאַטער און אין מיין מוח האָט אָנגעהויבען אַ־ליץ קלאָרער צו ווערען. אין מיינע אויערען האָט געקלונגען איהר געלעכטער, וואָס איך האָב אַ מאָל געהערט. ניין! זי איז נישט געווען קיין כשר׳ע פרומע נשמה, ווי איך האָב געמיינט. זי איז, ווי עס זעהט אויס, גאַנץ געניט געווען צו רעדען מיט יונגע לייט, אויב זי האָט מיך אַזוי רוהיג בעגעגענט. אין דער היים האָט זי זיך עקסטראַ מיט מיר אַזוי געהאַלטען, כדי עס זאָל אויף איהר קיין שום חשד נישט פאַלען... איך האָב געלעבט אין עפּעס אַ פערבלענדונג.

V.

זי האָט אויף אַ מינוט נישט פערשפּעטיגט. פונקט זייגער 7 איז זי אָנגעקומען מיט גיכע, לייכטע טריט; האָט מיך גלייך דערזעהן און האָט מיר דערלאַנגט די האַנד:

— אָ! זעהן זי! האָט זי געזאָגט און געוואָלט צוריקנעמען מכּלומר׳שט די האַנד — איך האָב דאָך גאָר פערגעסען! איהר נעהמט דאָך נישט די האַנד; איהר זענט אַזאַ פרומער? יאָ?

נאָר איך האָב זי נישט געלאָזט צוריקנעהמען די האַנד.

נאָך דעם אַלעם, וואָס איך האָב מיך אָנגעליטען פון חנה׳לען, נאָך די נעכט אָהן שלאָף און טעג פול בענקעניש און טרויער האָב איך איצט אויף זי געוואַרט, ווי מען וואַרט אויף אַ ניי אונבעקאַנט גליק. איך האָב געהאַלטען איהר האַנד אין מיינער און געטראַכט: איז דאָס אַלץ? איז דאָס חנה׳לע? ליעב געהאַט און געבענקט האָב איך נאָר נאָך אַן אַנדערער: נאָך אַ פרומער, שעמעוודיגער, וואָס האָט מורא אויף אַ מאַנספּערשוין אַ קוק צו געבען. זי האָט בעפרייט איהר האַנד פון מיינער און האָט געזאָגט:

— זיי האָבען זיך נעכטען פערוואונדערט? אודאי, יאָ! וואָס מיינען זי, איך קען נישט קיין צוויי צעהלען? איך ווייס נישט, אַז

די מאַמישי געהט מיט'ן פֿעטער אין טעאַטער אַריין? די מאַמישי לאָזט מיך קיין וואָרט נישט רעדען מיט קיינעם. פֿרעג איך זי, פֿאַרוואָס? ס'איז עפּעס אַנ'עבֿרה? זאָגען זי? זי קענען דאָך אַודאַי לערנען — אַלע ליטוואַקעס קענען לערנען — ס'איז עפּעס אַנ'עבֿרה? —

איך בין איצט געווען פֿערנומען מיט מיינע אייגענע געדאַנקען, און האָב זי ווייניג געהאָרכט. ניין, ניין — האָב איך געשמייכעלט. איך האָב עפּעס געפֿיהלט אין איהרע רעד, אַז זי וויל מיר עפּעס זאָגען און זוכט נאָר אַרויפֿצופֿיהרען דעם שמועס אויף דעם. וואָס וועט זי מיר זאָגען? איך האָב גענומען איהר האַנד און צוגעפּרעסט צו מיינע ליפּען. זי האָט מיר דאָס נישט געוועהרט. איך האָב אָבער באַלד אַרויסגעלאָזט איהר האַנד. געקושט האָב איך אַנ'אַנדערע. אמת, אַ שיין מעדעל, נאָר אַ פֿרעמדס! אַ צופֿעליגס. אין האַרץ האָב איך געפֿיהלט, אַז אָט איצט, ביי דעם דאָזיגען געשפּרעך, האָב איך פֿערלאָרען עפּעס זעהר טייערעס און ווילכטיגעס, וואָס וועט אפֿשר שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען, און מיר איז אַ שאָד געווען און פֿערדראָסען האָט מיך עפּעס... זי האָט איבערגעהאַקט די שווערע שטילקייט:

— איך בעט זי זעהר, זי וועלען נישט דערצעהלען ביי אונז אין דער היים?

איהר שטימע איז געווען געבראָכען. זי האָט פּלוצלונג אָבגעהאַקט און געוואַרט אויף אַנ'ענטפֿער. איך האָב מיך מעהר נישט געקאָנט איינהאַלטען:

— אַזוי?! — האָב איך גערעדט מיט כּעס — אויף דעם האָבען זי מיך גערופֿען היינט?

נאָר זי האָט נישט פֿערשטאַנען דעם טאָן פֿון מיין פּרעטענזיע. זי האָט גערעכענט, פּשוט, אַז איך וויל מיך בענוצען מיט דעם פֿאַל, און האָט מיר פֿאָרגעלעגט 3 רובל, איך זאָל שווייגען.

— איך בעט זי, זאָגען זי נישט — האָט זי זיך אָנגעהויבען צו בעטען. מיך האָט שוין אָנגעהויבען צו עקלען.

בעהאַלטען זי די 3 רובל! — האָב איך געזאָגט שטרענג — איך וועל נישט זאָגען... איך בין פלוצלינג ווייכער געוואָרען און האָב גענומען רעדען גוט;

— ווייסען זי וואָס, חנה׳לע? קומט, מיר וועלען אַ ביסעל געהן... און מיר האָט זיך דערוויילע דערוועקט אַנ׳אַנדער געפיהל... די אויגען מיינע האָבען געמוזט האָבען אַ שלעכטען גלאַנץ: אַ גיערינגען, חיטרען... מיר זענען געגאַנגען שטיל. אַריינקומענדיג אין אַ שמאָלער, שטילער גאַס, האָב איך זיך אָבגעשטעלט און האָב געמאַכט אַ בעוועגונג, זי אַרומצונעהמען. נאָר זי איז געבליבען שטעהן אויפ׳ן אָרט, האָט שטרענג געקוקט אויף מיר און האָט געגראָזיעט מיט׳ן פינגער:

— ע, ליטוואַק! — ניין! האָט זי גערעדט מיט כעס. און זי האָט געקענט בעפעהלען. איך בין געבליבען שטעהן פון דער ווייטען און האָב נישט געוואַגט זיך צו ריהרען פון אָרט.

— אַ גוטע נאַכט! — האָב איך קוים אַרויסגערעדט און בין געגאַנגען מיין וועג מיט גיכע טריט. מיך האָט געעקעלט מיין גראָבקייט, מיין ליעבע, די 3 רובל, די וועלט... עס האָט זיך מיר געוואָלט בעהאַלטען פאַר זיך אַליין...

— ליטוואַק! 3 רובל נעהמען זי! — האָט זי מיר נאָכגעשריען, און דאָס זענען געווען די לעצטע ווערטער פון מיין געליבטער.

אַ קוֹרְסִיסְטְקֶע.

I.

צווישען יעדען קרייז מענשען געפינען זיך שטענדיג אַזעלכע פּערזאָנען, וואָס פֿערדיענען אַנ'הַסְכָּמָה פֿון אַלע צוגלייך, וואָס זענען אומעטום בעריהמט, פֿון אַלע געליעבט, וועלכע מען דערמאָהנט נאָר צו'ם גוטען, און קיין שלעכטס, דוכט זיך, שיקט זיך נישט פֿון זיי צו רעדען. אַזאַ מין פּערזאָן איז געווען צווישען איהרע חברטעס־קורסיסטקעס ליובאַ איסאַקאָוונאַ פֿידלער.

„חאַראָשי טשודני טשעלאָוועק“ — האָט זיך אָנגעהויבען און געענדיגט יעדעס געשפּרעך וועגען איהר.

שטענדיג אַביסעל מעלאַנכאָליש געשטימט, וואָס מען האָט געקאָנט דערקענען אין איהרע בענקענדיגע אויגען און אומעטיגען קורצען שמייכעל, איז זי דאָך געווען שטענדיג הייטער, גרייט צו אינטערעסירען זיך מיט פֿרעמדע זאָרג. זעלטען אָבער האָט זי זיך געקלאָגט פֿאַר עמיצען. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז זי איז איין גליקליכע צווישען איהרע חבר'טעס, די פֿערוואָגעלטע נשמות, וואָס פֿיהרען געוועהנליך אַ לעבען פֿול אונצופֿריעדענהייט, לאַנגווייַלע און נויט.

אַליין איז זי געווען אַ מעדעל פֿון אַ יאָהר 22, אַ הויך־געוואַקסענע שאַטינקע מיט אַ שלאַנקער, ריהרעווידיגער פֿיגור, מיט אַ ווייך, אַ ביסעל לענגליך, נאָר זעהר עדעל געזיכט און מיט אומעטיגע קלאָרע אויגען. עפּיס אוסטערלישעס שענעס איז שווער געווען אין איהר צו געפֿינען. זי איז געווען איינע פֿון יענע פֿרויען, וואָס גילטען נישט פֿאַר שענע, ווי לאַנג אַ קינסטלערישע אויג, אָדער גלאַט אַ פֿערליעבטער בליק ענטפּלעקט נישט זייער האַרמאָניע און שענקייט אין פֿערלויף פֿון די לעצטע צוויי יאָהר, וואָס זי

האָט שטודירט אין וואַרשע אויף אַקושאָרקע-פעלדשערין, האָט קיי-נער זיך אין איהר נישט פערליעבט, קיינער האָט זי נישט גערימהמט פאַר אַ שענע און זי אַליין האָט אויך אויפגעהערט צו גלויבען, אַז זי איז שען און קאָן געפעלען.

מיט עטליכע יאָהר צוריק, ווען זי איז געווען אין גימנאַזיום אין איהר געבורטס-שטאָדט אין דרום-רוסלאַנד, האָט מען זי גע-האַלטען פאַר אַ שענע. זי האָט ליעב געהאַט זיך שען צו קליידען, און קיין שום זאַך האָט איהר נישט געקאָנט פערשאַפען אַזוי פיעל פערגעניגען, ווי אַ נייע ווייסע בלוזע, ווען זי איז שען און גוט גע-לעגען אויף איהר. זי איז געוואוינט געווען צו פערליעבטע בליקען, צו לאַסקעס און צו זיין די ערשטע אומעטום. נאָר דאָס איז גע-ווען אַמאָל. יעצט איז זי אַנ׳אַנדערע, געפעלט גאָר פאַר עמיצן אַנדערש און גאָר אויף אַנ׳אַנדער אופן.

געלעבט האָט זיך איהר נישט בעסער פאַר איהרע חבר׳טעס, אויב נאָך נישט ערגער און אומעטיגער. זי האָט בעקומען פון דער היים איינגעשיקט 20 רובעל אַ מאָנאַט, וועלכע האָבען קוים גע-קלעקט אויף צו וואוינען, צוזאַמען מיט נאָך אַ קורסיסטקע, אין אַ בוידעם-צימער אויפ׳ן פיערטען שטאָק און צו דערנעהרען זיך אַזוי פיעל, אום נישט צו ליידען קיין הונגער. נאָר אויך די 20 רובל זענען נישט שטענדיג געקומען צו דער צייט. זי האָט גע-וואוסט, אַז איהרע עלטערען קומט נישט אָן לייכט אָבצושפאָרען דאָס געלד, און האָט דערפון אינערליך זעהר פיעל געליטען. דאָס לעבען איהרס איז דורכגעגאַנגען אין לערנען די רעקציעס, אין אַרבייט אין שפיטאָל, אין לעזען, מעהרסטענטיילס אונלעגאַלע בראָ-שורען. אין דערהיים האָט אויף איהר געוואַרט דאָס ענגע צימער מיט׳ן פענסטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אויפ׳ן דאַך, מיט די קרומע ווענד; טהע, וואָס זי האָט געקאָכט אויפ׳ן מאַשינקע, און איהר ליעבע חבר׳טע קראַטאָווא, אַ רוסין פון מאָסקווער גובערניע, אַ פּאָפּס אַ טאָכטער. דאָס איז געווען אַ געזונד, פעסט-געבויט, שען

און גוטמוטיג בעשעפעניש, מיט שמייכלענדיגע אויגען און שעמעוודיגע, געלאַסענע בעוועגונגען, אַ שווייגענדיגע און אַ רוהיגע. צו פֿידלער האָט זי געפֿיהלט אַ שטאַרקע סימפּאַטיע, נאָר אויך דאָס געפֿיהל האָט זי געקאָנט אויסדריקען נאָר מיט אַ געלעכטער און אַ שטומע בעוועגונג, ווי מיט ווערטער.

עס האָט געטראָפֿען, אַז די ביידע קורסיסטקעס זענען געזעסען אין צימער, ווען דער קורצער ווינטערטאָג האָט שוין געהאַלטען ביי'ם עק. אַ טונקעלהייט האָט דערפֿילט דאָס ענגע צימער, און אין די ווינקלען איז שוין געווען אין גאַנצען פֿינסטער. קיין געלד אויף נאַפֿט איז ניט געווען. ביידע האָבען שטיל געוואַרט אויף אַ בעקאַנטען, וואָס זאָל קומען און באָרגען קליין־געלד. פֿידלער איז געזעסען נעבען פֿענסטער, אָנגעשטרענגט די אויגען און געלעזען אַ בוך. קראַטאָוואַ האָט גענומען גלעטען איהרע האָר, אויפֿפֿלעכטען זיי און צופֿלעכטען, און האָט זיך ערלויבט צו לאַכען הויך אויפֿ'ן קול, וואָס ביי דער העלער ליכט פֿון טאָג האָט זי זיך עפּעס ווי געשעמט צו טהון. פֿידלער האָט אַרץ געלעזען, און איהר בליק האָט זיך געראַנגעלט מיט דער טונקעלהייט, וואָס איז געוואָרען געדיכטער און געדיכטער.

— גענוג שוין דיר געלעזען, דו מאַכסט דיר קאַליע די אויגען, — האָט קראַטאָוואַ געזאָגט, און אין דער טונקעלהייט האָט זיך געזעהן דאָס ברייטע געלעכטער און די מילדהייט, וואָס זענען געווען אויסגעגאָסען אויף איהר פּנים.

פֿידלער איז אויפֿגעשטאַנען, געבראַכט די האָר אין אָרדנונג און גענומען אַ פֿלאַש אין דער האַנד צו ברענגען נאַפֿט. די חבר'טעס האָבען זיך אָנגעקוקט איינע דער אַנדערער מיט אַ שטומען שמייכעל.

— ווי מיינסטו? דער קרעמער וועט געבען אויף באָרג? איך וועל פּרובירען.

— דער הונד וועט ניט געבען, — האָט קראַטאָוואַ זי אָב־

געריערט. גיה ניט בחנם, זעץ זיך ליעבער

די חבר'טעס זענען געבליבען אין דער פינסטער און האָבען געשמועסט פערטרויליך. פידלער האָט פאַנטאַזירט וועגען איהר צוקונפט. איהר האַרציגע שטימע האָט יעצט געקלונגען נאָך בעזונדער ווייך:

— אַז איך וועל ענדיגען, וועל איך אַריינטרעטען אין דיענסט ביי דער זעמסטוואָ, וועל וואוינען אין דאָרף; איך וועל היילען, וועל נוצליך זיין אויף יעדען טריט, וועל פיהרען פּראָפּאַגאַנדאַ. דאָס וועט זיין אַן'עכט לעבען, נשמה מיינע; נישט אַזוי ווי דאָ, וואו מען קען שטאַרבען פאַר לאַנגווייליע.

— און חתונה האָבען וועסט דו נישט? — האָט קראַטאָווא געפרעגט שטיל.

פידלער האָט זיך פערטראַכט און געענטפערט:

— פאַר וואָס נישט חתונה האָבען? אויב עס וועט זיך טרעפען אַ מענש לויט מיין האַרץ און וועט וועלען אַרבייטען צוזאַמען אין דאָרף, — פאַר וואָס נישט? איבעריגענס, וועל איך קיינמאָל נישט חתונה האָבען. איך בין דאָך נישט קיין שיינע. מיך וועט קיינער נישט ליעב קריגען, און אָהן ליעבע וויל איך נישט חתונה האָבען, קיינמאָל נישט.

— ניין, דו ביזט אַ שיינע, אויף מיין ערהרליך וואָרט — אַ שיינע...

— דו לייגסט, שעלמאַ! — האָט זיך פידלער אָנגערופען מיט אַ געלעכטער. ביידע האָבען זיך היך צולאַכט.

אַ זעלכע געשפרעכען האָבען זיך געקאָנט לאַנג פערציהען, ביז עס איז געקומען ווער פון די בעקאַנטע און האָט געבראַכט קליין־געלד. אין צימער איז געוואָרען ליכטיג, און די חבר'טעס איז עס פאָרגעקומען, ווי זיי וואָלטען דורכגעלעבט עפּעס אַ חלום, און האָבען זיך אָנגעקוקט איינע די אַנדערע מיט אַ שמייכעל.

עס איז געוואָרען טהע, באַלד זענען געקומען נאָך בעקאַנטע, מען האָט גערעדט, געשפּאַרט זיך, געלאַכט, געזונגען ליעד

דער און גערוישט און געלאַרעמט. נאָר אַ מאָדנע זאַך, פֿ י ד ל ע ר, די געליעבטע פֿון אַלע, האָט ווענינ מיטגעליאַרעמט און האָט זיך געהאַלטען אַ ביסעל פֿון דער ווייטען. צו די רעד האָט זי זיך צו־געהערט, נאָר אַליין האָט זי זיך נישט געקאָנט שפּאַרען. וואונדער־ליך איז פֿערדראָסיג איז איהר געוועזען, ווען זי האָט געהערט רע־דען אַזוי שנעל און לייכט וועגען דעם אַלעם, וואָס האָט זי טיעף אינטערעסירט און פֿאַר וועלכען זי האָט געהאַט אַזוי ווענינ ווער־טער.

„איך בין קיין העלדין נישט — האָט זי פֿיעל מאָל געטראַכט פֿאַר זיך — איך ווייס ווענינ, האָב ווענינ קרעפֿטען, ווענינ פֿער־שטאַנד. נאָר איך וועל טהון אַלץ, וואָס איך קאָן: ענדיגען און אַרבייטען אין דאָרף״.

באַלד איז איהר אויסגעקומען איבערצייגען זיך, אַז זי איז קיין העלדין נישט.

II.

אַמאָל איז פֿ י ד ל ע ר אַהיים געקומען שפּעט ביינאַכט פֿון טעאַטער זעהר לוסטיג און אויפֿגערעגט. זי האָט געטראָפֿען זיצען איהר חבר׳טע, איינגעהילט אין אַ טוך, מיט פֿערשלאָפֿענע אויגען, ציטערענדיג פֿאַר קעלט. פֿ י ד ל ע ר האָט אַרויפֿגעדרעהט די לאָמפּ, אויפֿגעלאָזט זיך דעם פּאַס פֿון דער טאַליע און האָט גענומען דער־ציהלען מיט בעגייסטערונג, וועגען דער אָפּער. איהר איז אַ שאָד געוועזען צו שיידען זיך פֿון דעם לוסטיגען געמיט, וואָס זי האָט מיט געבראַכט פֿון טעאַטער. אין איהרע אויערען האָבען געקלונגען די טענער, אין קאָפּ האָבען זיך נאָך געטראָגען הערליכע פֿאַרביגע בילדער, און דאָ, אין צימער, איז געוועזען אַזוי טרויעריג, אַזוי טונקעל, אַזוי לאַנגווייליג!

— און איך האָב מיך היינט בעקענט מיט אַ יונגען מאַן אין טעאַטער — האָט זי דערצעהלט איהר פֿערשלאָפֿענע חבר׳טע — אַ מאָד־

נער עפּיס, אבורזשוי מיט אגאָלדענעם זייגער און אפּראַנט, זאָג איך דיר, און אריצער! ער האָט מיר אָבגעטרעטען זיין אָרט און געמאַכט מיר קאָמפּלימענטען, אַך, ווי לעכערליך דאָס איז געווען! באַטיסטיני האָט אַזוי געטליך געזונגען, און איך בין מיר געזעסען ווי אפּריצה, און דער ריצער איז זיך געשטאַנען אין אווינקעלע.

איהר האָט זיך געוואָלט נאָך רעדען און דערצעהלען, נאָר קראַטאָוואַ איז געווען שלעפעריג. פידלער איז אַנטשוויגען געוואָרען און האָט זיך פערטראַכט.

עפּיס דורך אוואונדערליכען צוזאַמענהאַנג האָט זי זיך דערמאָהנט אָן די אַמאָליגע יאָהרען, ווען זי איז געווען אגימנאַזיסטקע, פרעהליך האָבען געפלאַקערט און געקנאַקט די שטאָלקאַרצען, דער אָרקעסטער האָט געשפּיעלט; ווי זי האָט זיך געגליטשט און ווי פרעהליך איהר איז דערביי געווען, און ווי הויך זי האָט געלאַכט, און ווי מען האָט איהר שטילערהייד איינגערוימט קאָמפּלימענטען אין אויער. וואָס האָט געבריהט פאַר פראָסט... און נאָך פיעל=פיעל אַנדערע זאַכען האָבען זיך געטראָגען און איהר אויפגערעגטען קאָפּ.

באַלד זענען די חברטעס געלעגען אין בעט, וואו זיי האָבען צוזאַמען געשלאָפען:

— ווייסט, מאַריאַ? — האָט פידלער געוועקט איהר חבר׳טע—ער איז דאָך אַנ׳אינטעליגענט, אדאָקטאָר.

זי האָט זיך גראָד דערמאָהנט, אַז פאַר׳ן אַרויסגעהען האָט ער איהר זיך פאָרגעשטעלט מיט׳ן נאָמען דאָקטאָר ווײַנשטיין.

— ווער דען? — האָט קראַטאָוואַ געפרעגט פערשלאָפען.

— נו, דער ריצער, וואָס האָט מיר אָבגעטראָטען זיין אָרט. דו שלאָפסט?

— יאָ, ליעבע; מיר ווילט זיך שלאָפען.

אדראָזשקע איז דורכגעפאָהרען אויף דער גאַס, די שויבען פון די פענסטער האָבען געציטערט. עפּעס האָט מען געקלונגען אין

טויער. שאַ! טריט האָבען זיך געהערט... צי קומט מען דאָס ניט אויף אַרעוויזיע און מען וועט זי אַרעסטירען? —

„וואָס פֿאַר געדאַנקען מיר קריכען עפּעס היינט אין קאָפּ!“ — האָט זי זיך געבייזערט אויף זיך.

דאָס טעאַטער פֿלעגט זי געוועהנליך אויפֿרעגען. דאָס איז געווען דאָס אונגעוועהנליכע, דאָס יום־טוב׳דיגע אין איהר לעבען. נאָר היינט איז דערצו צוגעקומען נאָך אַ נייער געפֿיהל: דער יונגערמאַן, די קאָמפּלימענטען, דאָס וואָס זי האָט אַזוי געפֿאַלען...

נאָך אויפֿ׳ן אַנדערען טאָג האָט זי זיך געפֿיהלט נישט וואַכענדיג, ניט ווי געוועהנליך.

נאָר מאַלע וואָס פֿאַר אַ חלום עס פֿליהט נישט דורך אין אַנ׳איינזאַם לעבען און פֿערשווינדט גיך ווי אַ בליץ! פֿידלער וואָלט שוין געהאַט פֿערגעסען אָן די גאַנצע געשיכטע. צופֿעליג אָבער, געהענדיג אַמאָל נאָכמיטאָג דורך דער גאַס מיט איהרע גיכע טריט, האָט זי בעמערקט דעם זעלבען „פֿראַנט און ריצער“. דעם ד״ר ווײַנשטײַן. אַ מאַן פֿון אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג איז דאָס געווען, מיט אַנ׳אינטעליגענט, אַביסעל מאַט פּנים, מיט בלאָנדע דיקע וואָנסעס; אויף ביידע זייטען אויף זיין פּנים, ביי׳ם מויל, זענען געלעגען צוויי טיעפֿע קנייטשען, און קליינע קנייטשלעך האָבען זיך אויך געזעהען אַרום די גרויסע קלאָרע אויגען. געגאַנגען איז ער פּאַמעליך, קענטיג, ער האָט שפּאַצירט. זיי האָבען זיך ביידע ווי אונגערן אָבגעשטעלט און געשמייכעלט. ער איז צופֿריעדען געווען זי צו טרעפֿען, האָט זי געפֿרעגט, וואו זי געהט, און בעקומענדיג אַנ׳ענטפֿער, אַז זי געהט אַ היים, האָט ער זי בעלייט.

— נאָר איילט אייך נישט. איך האָב נישט ליעב צו לויפֿען. — האָט ער געזאָגט. ווי אַלע יונגע מענשען, האָט אויך פֿידלער געהאַט פֿיעל צו פֿרעגען; ד״ר ווײַנשטײַן האָט גערן געענטפֿערט אויף אַלע איהרע פֿראַגען. זי איז געוואָהר געוואָרען פֿון זיינע רעד, אַז ער איז אַ זוהן פֿון זעהר רייכע עלטערען, וואָס וואָהנען אויף

דעֶר פּראָווינץ אין אַ שטעֶדטעֶל אין קאָוונעֶר גובעֶרניעֶ; אַז עֶר אַליין האָט לאַנג געֶלעֶבּט אין אויסלאַנד, געֶענדיגט דאָרט אַלס ד״ר מעֶדיצין; אַז מיט מעֶדיצין בּעֶשעֶפטיגט עֶר זיך ניט, און אַז עֶר לעֶבּט דעֶרווייַל „אַזוי״ אין וואַרשאָ. דאָס וואָרט „אַזוי״ האָט עֶר אַרויסגעֶרעֶדט מיט אַ האַלבּעֶן שמייכעֶל, אין וועֶלכעֶן עֶס איז געֶלעֶגעֶן עֶפּעֶס אַנ׳אַרט איראָניעֶ פון זיך אַליין. פידלעֶר האָט איהם אָנגעֶקוקט פעֶרוואונדעֶרט און האָט געֶפרעֶגט:

— וואָס זשעֶ טהוט איהר דאָ?

— שוועֶר צו זאָגעֶן. גאָרנישט.

— גאָרנישט?

— גאָרנישט. — האָט עֶר געֶעֶנטפעֶרט מיט דעֶם זעֶלבּעֶן שמייכעֶל — צי וואונדעֶרט דאָס אייך? איך בּין רייַך, איך מיין צו זאָגעֶן: איך האָבּ רייכעֶ עֶלטעֶרעֶן. די נויט טרייבּט מיך נישט אַרבּייטעֶן, קיין אינעֶרליכעֶר פעֶרלאַנג — אויך נישט. איך בּין אַ בּורזשוי, — האָט עֶר זיך געֶוויצעֶלט,

— נאָר דאָס, דוכט זיך, מוז זיין לאַנגווייַליג, נישט וואָהר?

— אַבּיסעֶל לאַנגווייַליג.

אַז זיי זעֶנעֶן צוגעֶקומעֶן פאַר איהר טויעֶר, האָט עֶר זיך אָבּגעֶשטעֶלט, עֶפּעֶס געֶטראַכט און געֶזאָגט:

— ווייסט איהר וואָס — איך וואָלט מיך געֶוואָלט מיט אייַך עֶפטעֶר בּעֶגעֶגעֶנעֶן.

— צו וואָס דעֶן? — האָט זי געֶפרעֶגט, אַבּיסעֶל נייַגיריג, אַבּיסעֶל קאָקעֶט, קוקעֶנדיג איהם גלייך אין פּנים אַריין מיט איהר אָפעֶנעֶם אומעֶטיגעֶן בּליק.

— חאָטש צוליעֶבּ לאַנגווייַלעֶ. ניין, אין אמת׳ן — האָט עֶר געֶזאָגט מיט אַנ׳עֶרנסטעֶן טאָן — איך בּין דאָ, אין וואַרשאָ, גאָר פרעֶמד, כמעט וואָס איך האָבּ נישט קיין איינציגעֶן בּעֶקאַנטעֶן אינטעֶליגעֶנטעֶן מעֶנש, און מיר וואָלט זעֶהר אַנגעֶנעֶהם געֶוועֶן צו טרעֶפעֶן זיך מיט אייַך.

ווײנשטײן האָט טראָץ זײַן „אונבעגאַבטער נאַטור״, (ער האָט זיך אַלײן אַזוי אָנגערופֿען און געהאַלטען זיך פֿאַר אַ מענש, וואָס לעבט אויף דער וועלט אָהן שום נוצען פֿאַר אַנדערע און אָהן פֿערגעניגען פֿאַר זיך) געהאַט אײן גרויסע מעלה, וואָס האָט איהם צײַטענווײַז געמאַכט זעהר סימפּאַטיש. ער איז פֿיעל מאָל — ווען ער האָט דאָס געוואָלט — געווען ערנסט, קינדיש ערנסט, און אָפֿענהאַרציג. דעמאָלט איז זײַן טאָן געוואָרען אַנדערש, אָהן איראָניע, און דער אויסדרוק פֿון זײַן פּנים — אַן׳אַנדערער. די לעצטע ווערטער האָט ער גערעדט מיט דעם ערנסטען טאָן, און פֿידלער׳ן איז ער מיט אײנמאָל זעהר געפֿעלען געוואָרען.

— מעגליך, — האָט זי געענטפֿערט — אויב איהר ווילט, קומט אַרויף צו מיר. נאָר, באמת, איך ווײס נישט, צי וועט אײַך מײַן קוואַטיר געפֿעלען. איהר זײַט דאָך אַ בורזשוי...

— נו, רעדט נישט קײן נאַרישקײַטען,

נאָר בײַ איהר אין שטוב האָט זיך דאָס געשפּרעך ניט געקלעבט. ער האָט דערצעהלט פֿון זײַן סטודענטיש לעבען אין אויסלאַנד, געמאַכט זיך לוסטיג פֿון דער ענגהײַט און טונקעלהײַט פֿון צימער. (ער האָט געפֿונען, אַז די קרומע ווענט זענען אינטערעסאַנטער, ווײַל זײ זענען רײַכער אין ליניען און ווינקלען.) נאָר די וויצען זענען נישט געווען אויפֿ׳ן אָרט, און ווי נאָר קראַטאָוואַ איז אָנגעקומען, האָט ער זיך געזעגענט און אַרויסגעגאַנגען.

— ווײסט — האָט פֿידלער דערצעהלט קראַטאָוואַ׳ן — דאָס איז דאָך דער זעלבער דאָקטאָר, מיט וועלכען איך האָב מיך בעקענט אין טעאַטער, זעהר אַן׳אינטערעסאַנטער, אַ געבילדעטער.

— אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער?

— נײן. ער איז, דוכט זיך, גאָרנישט, נאָר פֿאָרט אַן׳אינטערעסאַנטער. ער לאַנגווײַלט זיך און זוכט בעקאַנטשאַפֿט מיט אינטעליגענטע מענשען. וואָס פֿערשטעהסטו דאָ נישט?

— צי נאָר נישט קײן שפּיאָן?

— רעד נישט. דו קאָנסט דאָך איהם נישט.

און פידלער האָט אָבגעהאַקט דאָס געשפּרעך.

און אין עטליכע טעג אַרום האָט זי בעקומען איינגעשיקט אַ בילעט אין טעאַטער מיט אַ בריוועל פון ד״ר ווייגשטיין, וואו ער האָט זי אין קורצע ווערטער געבעטען קומען אָבענדס אין טע־אַטער אויף וואַגנער׳ס אָנאָפּער. זי האָט איהם שוין בעגעגענט, ווי אַן אַלטען בעקאַנטען.

— איהר זייט זעהר אַ ליעבליכער, — האָט זי געזאָגט אַביסעל איר־ראָניש, — מיר האָט זיך זעהר געוואָלט געהן אויף וואַגנער — שרעק־ליך, ווי איך האָב איהם ליעב! און דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך נים געהאַט קיין געלד. אָט האָט איהר געראַטעוועט. אַ דאַנק!

פון דעם גאַנצען מאָנאָלאָג איז דאָס לעצטע וואָרט „אַ דאַנק״ געזאָגט געוואָרען אַזוי נאַטירליך און פריי, אַז זיי האָבען זיך ביידע געפיהלט גוט דערביי.

וואָס פאַר אַ פרעהליכער אָוועגד דאָס איז געווען! געוועהנליך האָט זי אין טעאַטער געהאַט אַ פּלאַץ אויף די אויבערשטע בענק, וואו זי האָט געמוזט אַ גאַנצע צייט שטעהן און היטען דאָס גרייל־געוויכט פון קערפּער, זי זאָל נישט פאַלען. אין אַזאַ פּאָזע האָט זי צום ערשטען מאָל בעמערקט ד״ר ווייגשטיין. זי איז געשטאַ־נען אויף אַ באַנק, אָנהאַלטענדיג זיך פאַר אַ סלופּ, און איהר גע־בויגענע שלאַנקע פיגור האָט געהאַט גאָר אַ בעזונדערען רייץ. יעצט איז זי געזעסען קעגען די סצענע, פריי, אונגעשטערט. אויסער דעם איז איהר ווייגשטיין יעצט פאָרגעקומען נאָך ליעבליכער ווי פריהער. ער איז געזעסען רוהיג, עפּעס אַנ׳ערנסט איז געווען אויף זיין פנים, און זי האָט דערין צום ערשטען מאָל בעמערקט אַ טיעפען אַלטען אומעט, אַנ׳אומעט, וואָס איז צוזאַמענגעוואַקסען מיט דעם מענש אַזוי, אַז ס׳דאַכט זיך, דער האָט גאָרנישט אַנדערש געקענט בעשאַפען ווערען ווי נאָר מיט איהם.

פון טעאַטער זענען זיי נאָך געגאַנגען אין אַ קאַפע. פיד־

ל ע ר איז געוועזען, ווי געוועהנליך נאָכ'ן טעאַטער, לוסטיג=אויפגערעגט, און דאָ איז נאָך געוועזען אַזוי פיעל ליכטיגקייט, אַזוי פיעל גלאַנץ...

„ווי אַנגענעהם דאָס איז צו האָבען געלד"!— האָט זי געטראַכט. איהרע אויגען האָבען העל געפינקעלט, איהר לייכטער, ריהרעוודיגער קערפּער האָט אויסגעזעהן נאָך פרישער, נאָך גראַציעזער. זי האָט בעמערקט, ווי פון אַלע זייטען ווענדען זיך בליקען אויף איהר... ד"ר ווײַנשטיין, פערקעהרט, איז געזעסען מיט אַ מאַטען בליק, עפּעס ווי מיעד.

— איהר ווייסט נישט, וואָס פאַר אַ ספערע דאָס איז, וואו איך בין אויפגעוואַקסען און לעב — האָט ער פּלוצלונג אָנגעהויבען צו רעדען, אַ שטייגער ווי ער וואָלט זיך וועלען פערענטפערען פאַר איהר, פאַרוואָס ער איז אַזוי טרויעריג און מאַט.— אונזער יידישע בורזשואַזיע — דאָס איז דאָס ערגסטע, וואָס מען קאָן זיך פאָרשטעלען: גראָב, פערדאָרבען, גאָטלאָז, אָהן געשמאַק, אָהן סטיל, אָהן טראַדיציעס, אָהן צוקונפט... איין איינציגער אינטערעס, איין איינציגע לעבענס=פאָרם איז פערהאַן — געלד. שטעלט אייך פאָר: איך האָב פערבראַכט 8 יאָהר אין אויסלאַנד, געלעבט זעלבסטשטענדיג, צוגעקוקט זיך צום אַרומיגען לעבען, שטודירט, געלעזען, געטראַכט, זיך ענטוויקעלט, מיט איין וואָרט: איך האָב געשטרעבט צו ווערען דאָס, וואָס מען רופט אַ קולטורעלער מענש. יעצט ווייזט זיך אויס, אַז דאָס איז נישט קיין מעלה, נאָר אַ חסרון. וואָס איך האָב אַ דיפּלאָם צו היילען קראַנקע, — דאָס פערשטעהט זיך, געפעלט די מייניגע זעהר, חאָטש קיין שום פּראַקטישע נוצען נישט פאַר מיר, נישט פאַר אַנדערע, קאָן איך פון מיין דיפּלאָם נישט האָבען. נאָר מיין פילאָזאָפיע קאָנען זיי נישט ליידען און קוקען אויף מיר ווי אויף אַ שלימזל, אַ נישט=געראָטענעם. זיי געפינען פאַר מיר נאָר איין רעטונג: חתונה צו האָבען. דאָס איז לעכערליך, נאָר מיר פערשאַפט עס עגמת נפש אָהן אויפהער. אַלע מוהמעס מיינע האַלטען עס זיך פאַר אַ

חוב מיך צו בעגליקען און זוכען פאר מיר כלות. מען לאזט מיך פאק=טיש נישט צורוה. דאס איז מיר אזוי איבערדריסיג געווארען, אז א.־האב אויפגעהערט צו פערקעהרען מיט זיי, און עס איז ארוים א סקאנ=דאל. דער טאטע איז בעז, די מאמע שרייבט וויינענדיגע בריעף, די מוהמעס האבען אנגעהויבען צו קומען צו מיר... מיר איז יעצט נישט געבליבען קיין אנדערער עצה, דוכט זיך, ווי ווידער צו פאהרען קיין אויסלאנד.

ער האט געענדיגט זיין לאנגען מאנאלאג און האט געקוקט אויף איהר מיט א פרעגענדיגען אויסדרוק. קענטיג, האט ער אליין נישט פערשטאנען, צו וואס אייגענטליך ער דערצעהלט איהר דאס אלץ.

— וועניג גליקליכע מענשען זענען פאראן אויף דער וועלט— האט פ י ד ל ע ר אבגעזיפצט, און זי איז אויך צופריעדען געווען, וואס ער האט געענדיגט,— איך בין מקנא די מענשען, וואס געבען זיך איבער עפעס א ציעל און פערגעסען אן זיך. זיי איז גוט, זיי האבען נישט קיין זארג, קלערען נישט וועגען זיך, און — א סוף.

ד"ר ו י י נ ש ט י י ן האט באלד געענדערט דאס אונאנגענעהמע געשפרעך. און זיי האבען נאך א צייט לאנג געפלוידערט וועגען טעאטער, וועגען ווארשע און אנדערע לייכטע זאכען. זעהר שפעט שוין האט ער זי אבגעפיהרט אהיים, און ביי'ם געזעגענען, איהר פעסט געדריקט די האנד.

— איהר פאהר'ט באלד קיין אויסלאנד? — האט זי געפרעגט.

— נאך נישט אזוי גיך, — האט ער געענטפערט. און א ליעב=ליכער גוטער שמייכעל האט בעדעקט זיין טרויעריג מאט פנים

.III

פערליעבט אין ו י י נ ש ט י י נ'ן איז זי נישט — דאס האט פ י ד ל ע ר געוואוסט אויף זיכער. פונדעסטוועגען האט זי גאנץ גערן

געהאַט זיך מיט איהם צו זעהן און צוהערען זיך צו זיינע רעד. אין דער לעצטער צייט פֿלעגט זי אַפֿילו אַרויפֿקומען צו איהם אויף זיין וואָהנונג. אמת, זי האָט זיך לאַנג געוועהרט קעגען דעם: „וואָס אייגענטליך האָב איך מיט איהם געמיינזאַמעס? — האָט זי געטראַכט — צו וואָס נאָך געהן צו איהם אַהיים? ניין, דאָס דאַרף איך נישט טהון!” ער האָט זי אָבער עטליכע מאָל געבעטען וועגען דעם, און זי האָט איהם נישט געוואָלט בעליידיגען. (זי האָט בכלל מורא גע־האַט! ווען נאָר זי האָט גערעדט מיט איהם, זי זאָל איהם עפּעס נישט בעליידיגען מיט אַ וואָרט)...

— ניין, דאָס האָב איך מיר נישט פֿאָרגעשטעלט. אַן'עמאַנ־ציפּירט פֿריילין זאָל זיך רעכענען מיט אַזעלכע נאַרישקייטען! וואָס? איהר האָט מורא צו קומען צו מיר אַהיים! — האָט ער גע־זאָגט מיט זיין געוועהנליכען גוטען, נאָר קאַלטען שמייכעל, און זי האָט איהם נישט געהאַט, וואָס צו ענטפֿערען דערויף.

אַמאָל, נאָכמיטאָג, האָבען זיך אָן דער טהיר פֿון ווײנשטײן'ס וואוינונג געהערט צוויי שטילע קלעפּ, ער איז אויפֿגעשטאַנען און געעפֿענט די טהיר. פֿידלער איז אַריינגעקומען. ווײנשטײן האָט איהר פֿעסט געדריקט די האַנד, און זיין פּנים האָט אויסגע־דריקט אַזוי פֿיעל צופֿריעדענהייט, אַז פֿידלער האָט עס בע־מערקט און געשמייכעלט.

— לויט די קלעפּ אָן דער טהיר האָב איך דערקענט, אַז דאָס זייט איהר: אַזעלכע שטילע נישט־ענטשלאָסענע קלעפּ... האָט ער געזאָגט מיט אַ געלעכטער.

— און איך, הער ווײנשטײן, בין געקומען נאָר אויף אַ מינוט. איך וויל נעהמען ביי אייך עפּעס צו לעזען, — האָט זי גע־זאָגט.

— נו, אויף אַ מינוט, אויף אַ מינוט... זעצט אייך דערווייל.

זי האָט באמת געהאַט אין זין נישט לאַנג צו בלייבען ביי איהם. זי האָט נישט געוואוסט, וואָס זי זאָל מיט איהם רעדען און

בכלל, ווי צו פֿערהאַלטען זיך צו איהם, און האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז ס'וועט זיין אונהיימיש, ווי דעמאָלט, ווען ער איז געזעסען ביי איהר. זי האָט אָבער געהאַט אַ טעות. פֿערקעהרט: זי האָט זיך געפֿיהלט זעהר גוט און פֿריי אין דעם גרויסען ליכטיגען, מיט געשמאַק מעבלירטען צימער. (ווינשטיין האָט בעוואוינט אַ קאַבינעט און אַ שלאָף=צימער). ער אַליין האָט אויך אין דער דייַם אויסגעזעהן פֿרישער און יינגערער. ער איז געוועזען אָנגעטהון אין אַ געוועהנליכער אַרבייטס=קורטקע. די האָר זיינע זענען געוועזען אַ ביסעל נישט אין אָרדנונג, אַזוי פֿיעל נישט אין אָרדנונג, וויפֿיעל דאָס פּאַסט פֿאַר אַ בעשעפֿטיגטען מענש. אויפֿ'ן טיש זענען געלעגען ביכער אין עטליכע שפּראַכען, טייל אויפֿגעשניטענע, טייל נאָך נישט געריהרטע; אילוסטראַציעס, זשורנאַלען, בילדער. ער האָט איהר דאָס אַלץ געוויזען און ערקלערט, און זי האָט געזאָגט: „זעהר אינטערעסאַנט, זעהר אינטערעסאַנט". און איז צופֿריעדען געוועזען, וואָס זי האָט נישט קיין טעות געהאַט אין איהם, וואָס ער איז טאַקי אַן אינטעליגענט.

— דאָס האָט איהר אויך! זעה נאָר! — האָט זי געזאָגט, אָנווייזענדיג אויף אַ וויעגשטוהל, וואָס איז געשטאַנען אין צימער, און האָט זיך דאָרט געזעצט.

— אַן אַנטיק, גרויסאַרטיג! — האָט זי געזאָגט, שאָקלענדיג זיך פֿאַמעליך מיט דעם שטוהל. דאָס האָט איהר געפֿאָלען, און זי האָט זיך געפֿרעהט דערמיט ווי אַ קינד. ער איז געשטאַנען נעבען איהר און איז געוועזען ענציקט פֿון דעם ליעבליכען יונגען בעשעפֿעניש, פֿאַר וועלכען אין לעבען איז נאָך געוועזען אַזוי פֿיעל פֿערגעניגען, אַזוי פֿיעל זאַכען, וואָס קענען לוסטיג מאַכען.

נאָר פּלוצלונג, אַ שטייגער ווי זי וואָלט זיך עפּעס דערמאָהנען, איז זי אויפֿגעשטאַנען און האָט געמאַכט אַן ערנסט געזיכט. איהר האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט זיך שוין צופֿיעל דערלויבט:

„וואָס אייגענטליך טהו איך דאָ ביי איהם?״ האָט זי זיך געפֿרעגט און האָט נישט געפֿונען קיין ענטפֿער:

— נו, ציים צו געהן, בלייבט געזונד — האָט זי געזאָגט, און ער האָט זי נישט געפּרובט אויפֿצוהאַלטען. אין דעם אויסדרוק פֿון איהר פּנים און אין ערנסטען טאָן איז געלעגען עפּעס ניט גינסטיגעס פֿאַר איהם.

— נו, בלייבט געזונד. זעהט, איך האַלט אייך נישט אויף. גאָר איהר מוזט צוזאָגען, ווידער צו קומען. איהר וועט קומען?

— מיר וועלען זעהן, — האָט זי געענטפֿערט קאַלט.

— ניין. זאָגט צו, איהר וועט קומען.

ווידער האָט פֿידלער מורא געהאַט, זי זאָל איהם נישט בעליידיגען, און האָט צוגעזאָגט.

און אין די בעזוכען ביי איהם זענען געווען פֿיעל פֿריינע גוטע מינוטען; עס זענען אָבער אויך געווען לאַנגווייליגע שווערע מאָמענטען, ווען דער שמועס האָט זיך נישט געקלעבט, און צווישען זיי האָט זיך געפֿיהלט דער גאַנצער אָבגרונד פֿון ענטוויקלונג, עלטער און שטאַנד, וואָס איז געלעגען צווישען זיי.

איינמאָל איז איהר געוועזען גאָר לוסטיג ביי איהם. זי איז געזעסען אויף דער וויג־שטוהל און זיך געוויעגט, און ער האָט דערצעהלט זעהר אַ לעכערליכע געשיכטע:

— איך האָב דאָ אַ שוועגערין, דאָס איז די געבילדעטע אין אונזער משפחה. און אין אמת׳ן: זי איז אַ מאָל געווען אויף קורסען, פֿערשטאַנען עטליכע שפּראַכען און זיך אינטערעסירט מיט פֿיעל זאַכען. וואָס יעצט איז געוואָרען פֿון איהר, דאָס איז אַן אַנדערע פֿראַגע. סיי־ווי־סיי האָט זי פּרעטענזיעס אויף בילדונג און איז דערצו אַ שענע פֿרוי. בקיצור: די גאַנצע האָפֿנונג האָט מען אַרויפֿגעלעגט אויף איהר. זי מוז מיך מאַכען פֿאַר אַ מענש, און אַ מענש מאַכען הייסט: שאַפֿען מיר אַ כלה מיט אַ גרויסען נ[illegible]ן.

— אייך שדכענט מען דאָך שדוכים, — האָט פֿידלער געראַכט,

אין שטוב איז גראד געווען ווארים און בעקוועם, פון דרויסען האט אריינגעקוקט די ווינטערדיגע זון, און איהר איז גאר פרעהליך געוועזן אויפ'ן הארץ.

— טא הערט און לאכט נישט. פאר עטליכע טעג זאגט זי מיר מיט גאר אנ'ערנסטע מינע, איך זאל צו מארגענס ביינאכט קומען צו איהר אויף טעה. „קום אין סורדוט“ — האט זי מיר איינגערוימט שטיל אין אויער — „עס וועלען זיין געסט“. פערשטעהט זיך, איך בין גע־קומען — אט אין דער זעלבער קורטקע, און שטעלט אייך פאר א סצענע: ביי'ם טיש זענען געזעסען אנ'עלטערע פרוי און א מעדעל, קענטיג, איהר טאכטער, מיין צוקינפטיגע כלה, הייסט עס, און מיין שוועגערין סאניא. די לעצטע, דערזעהענדיג מיך אזוי געקליידעט, איז אביסעל צעמישט געווארען. זי איז אבער א געשיקטע פרוי, א חוואט, זי האט זיך געפרובט צו פערגלעטען די געשיכטע. „מיר האבען דיך גארנישט ערווארט היינט, האט זי געזאגט צו מיר און געווענדעט זיך צו'ם מעדעל אויף פראנצויזיש און מיך פארגעשטעלט. דאס ארימע בעשעפעניש איז רויט געווארען ביז איבער די אויערן, און איך, שטעלט אייך פאר, האב אנגעהויבען א געשפרעך — אויף יידיש! איהר וואלט געזעהן, וואס פאר א שרעקליכען בליק מיין שווע־גערין האט אויף מיר געווארפען. איך האב מורא, איהר וועט זיך מעהר נישט גלוסטען צו שדכענען מיר שידוכים.

— גערעכט, איהר זייט א בעזער, — האט פ י ד ל ע ר געזאגט און דערביי אזוי הויך געלאכט, אז זי האט איהר שטימע נישט דערקענט.

זי איז היינט געווען גאר בעזונדער ליעבליך, פריש, קינדיש־לוסטיג. דער בעזונדערער רייץ פון איהר פיגור, וואס איז ו וי י נ־ שט יי נ'ע ן אזוי געפאלען אין די אויגען, וואס האט זיי געזעהן דאס ערשטע מאל אין טעאטער, האט צוגעצויגען, גערופען זיך ארומצוזעהמען און צו ליעבקאזען...

— לאָזט, אין וועל איך וויגען, — האָט ער געזאָגט און גע־נומען שאָקלען דעם שטוהל.

נאָר דאָס איז געווען צופיעל, איבערגעחאַפּט די מאָס. זי האָט איהם שטרענג אָנגעקוקט, און אין איהרע אויגען איז שוין מעהר נישט געווען דער אָבגלאַנץ פון קינדערשער לוסטיגקייט. ווידער האָט ער געפונען אין איהר בליק דאָס נישט־גינסטיגע פאַר איהם. באַלד איז זי אויפגעשטאַנען, געזעגענט זיך מיט איהם קאַלט און אַוועקגעגאַנגען.

אין איהר קאָפּ איז געווען אַ מישמאַש פון געפיהלען און גע־דאַנקען. פריהער פאַר אַלעם האָט זי זיך נישט געקאָנט פערענט־פערן די פראַגע: צו וואָס, צו וועלכען צוועק און וואָס פאַר אַ זין האָט דאָס, וואָס זי געהט אַרויף צו איהם. ער איז נישט איהרס גלייכען און לאַכט אפשר גאָר פון איהר. און ווען זי האָט אַזוי געקלערט און דערמאָהנט זיך אָן זיין מאַט פנים און קאַלטען שמיי־כעל, אַ שמייכעל פון אַ מענש, וואָס האָט שוין גענאָסען אויף דער וועלט פון ליעבע און גליק, האָט זי געפיהלט, ווי עפּעס אַ האַס דערוואַכט אין איהר האַרץ צו איהם, צו זיין קאַלטען שמייכעל.

„ער איז אויך נישט שען“, — האָט זי גערעדט צו זיך, פונקט ווי זי וואָלט זיך דערמיט ויעלען נוקם זיין אין דעם מענש, וואָס קאָן קאַלט שמייכלען איבער געפיהלען, וועלכע האָבען נישט איינ־מאָל בעפאַלען איהר יונגע ברוסט ווי אַ שטורם און פערחאַפּט איהר דעם אָטעם

נאָר דאָס ענגע צימערעל אין דער היים איז געוואָרען נאָך ענגער, נאָך לאַנגווייליגער, און די האַרציגע פריינדשאַפט מיט איהר חברט'ע קראַטאָוואַ — עפּעס שוואַכער. אין דעם צימער איז אויסער זיי ביידע, געווען דער נישט אויסגעזאָגטער סוד, פידלערס אונרוהיגע געוויסען.

— דו וואָלסט געקענט חתונה האָבען מיט אַ מענש, וואָס דו האָסט נישט ליעב? — האָט זי אַמאָל געפרעגט גלאַט אַזוי איהר חברט'ע

— וואָס רעדסט דו, נאַרין! ווער וואָלט דען געקענט?
— און איך וואָלט אויך נישט געקענט, — האָט פידלער געזאָגט שטיל, ווי מיט דעם אייגענעם האַרץ רעדענדיג, און אין אַ ווײַלע אַרום ווײַטער געפרעגט:
— ווי מיינסט דו: מען קאָן ליב האָבען אַ מאַנספּערשוין, וואָס האָט שוין פיעל־פיעל מאָל ליב געהאַט, וואָס האָט שוין געהאַט פיעל פרויען?
— פוי! דאָס איז מיאוס! — האָט קראַטאָווא געענטפערט.
— מיר געפעלען אויך נישט אַזעלכע. — האָט פידלער געזאָגט און זיך פערטראַכט, דערמאָנענדיג זיך ווײַנשטיין'ס געזיכט מיט אַלע קלייניגקייטען.

ד"ר ווײַנשטיין האָט אין דעם זעלבען טאָג, ווען זי איז געזעסען בײַ איהם, און ער האָט איהר דערצעהלט די געשיכטע מיט דעם שדוך, געשריבען זײַן פרײַנד אין בערלין אַ לאַנגען בריעף. מיט דעם דאָזיגען פרײַנד, אַ קרענקליכער אָרימער יידישער מאַלער, האָט זיך ווײַנשטיין געפיהלט גאַנץ נאָהנט. ער האָט איהם געשריבען פיעל פון זײַן לאַגע און דערמאָהנט אויך וועגען פידלער:
„פאַר לאַנגווײַלע — האָט ער געשריבען — האָב איך מיך דאָ בעקענט מיט אַ קורסיסטקע, אַ יידיש מעדעל, אַ רעוואָלוציאָנערין. אַ ליעבליך בעשעפעניש: גראַציעז, קלוג און וואָהרהאַפטיג ביז נאַר. דער עיקר — יונג, יונג. אַלץ קומט בײַ איהר גוט אַרויס, אַפילו ווען זי רעדט שאַבלאָנע פראַזען. זי ענדיגט דאָ די פעלדשערסקע קורסען און וויל פאָהרען אין דאָרף צו היילען רוסישע פויערען און צו מאַכען זיי פאַר רעוואָלוציאָנערען. אַז איך לאַך פון איהר, בעזערט זי זיך, רעדט פיעל נאַרישקייטען און איז דערבײַ ליעבליך, ווי דו קאָנסט דיר נאָר פאָרשטעלען.
„האָב נישט קיין טעות: פערליעבט בין איך נישט: נאָר דאָס

איז וואָהר: אויב שוין יאָ חתונה צו האָבען, וואָלט איך פון רוסיש־יידישע בורזשואזע ספערען קיין מעדעל נישט גענומען. איך קוק טײַלמאָל אויף איהר און טראַכט: אויב צו האָבען אַ קינד, נאָר פון אַזעלכע.

„און דאָך, צי גלויבסט דו מיר — פאַרהאַן מינוטען, ווען איך קוק אויף איהר און ווער איבערגעשראָקען: איך פיהל מיך ווי אַ חיה, וואָס בעפאַלט צו רויבען. איך ווייס נישט, ווי מען זאָגט עס דיר, נאָר איך בין שוין אַלט 34 יאָהר, דאָס האַרץ איז קאַלט, און דאָ איז אַ יונג פריש מעדעל, מיט איהר גאַנצען יוגענדליכען גלויבען, מיט איהרע אַלע האָפנונגען. דאָס אַלץ קאָן מיר געהע־רען, ווײַל... ווײַל איך בין רײַך. נידעריג, נאַריש, אונמענשליך — נישט וואָהר?

„נו וואָלט זי מיך האַטש געליעבט, איז עפּעס אַנדערש. נאָר ליעבען ליעבט זי מיך נישט. דאָס פיהל איך אין איהרע רעד, אין איהר בליק. און — אפשר האָב איך אַ טעות?

„וואָס קאָן אַ צובראָכענער יידישער בורזשוי, ווי איך, האָ־בען מעהר ווי ספקות!

„איבריגענס — אַלטע ליעדער. און פ י ד ל ע ר — דאָס איז איהר נאָמען — איז אַ ליעבליך שען בעשעפעניש. איך בענק יעצט נאָך איהר...”

IV.

דערצעהל קיין מעשיות נישט, אַלעקסאַנדער. איך ווייס, איך ווייס, וואָס דאָס הייסט, „איך וויל נישט חתונה האָבען”. וואָס איז דאָ צו בעהאַלטען? זאָג מיר, איך בעט דיך: ווען וועל איך האָבען די עהרע צו בעקענען זיך מיט דיינע...? ניין, אין אמת׳ן, דו וועסט מיך מיט איהר בעקענען?

אַזוי האָט גערעדט מאַדאַם ס אָ נ י אַ, ד״ר אַלעקסאַנדער ווײַנשטיינ׳ס שוועגערין, אַ שענע, נאָך יונגע דאַמע, אַ ברונעטקע

מיט העל־בלישצשענדע אויגען און מיט אַטיפּיש יודיש געזיכט. חאָטש זי איז געזעסען בײַ זיך אין דער היים, און אין צימער איז קײנער נישט געװען אויסער איהר שװאָגער, איז זי פאָרט געװען אָנגעטהון מיט געשמאַק און מיט אביסעל קאָקעטערי. די בלוזע איז געװען גענוג אויסגעשניטען, אויפ'ן האלז האָט זי געטראָגען אַ שמאָלע רויטע באַנד, פון די אויערען האָבען געפינקעלט ברילִיאַנטען, און אויף די פינגער האָבען געבלישצעט עטליכע פינגערלעך. זי האָט אָפט געשמײכעלט, אַראָבגעלאָזט די אונטערשטע ליפּ און געװיזען איהרע געזונדע װײַסע צײהן.

— װאָס פעלט סאָניאַ'ן איין? װער האָט דאָס געזאָגט? — האָט ד"ר װײַנשטײן פראָטעסטירט.

— איך בעט דיך, אַלעקסאַנדער, מאַך נישט חוזק פון מיר. איך בין דאָך דיר נישט קײן פרעמדע. איך װיל קענען מײַן צוקינפטיגע שװעגערין. װאָס? דו שעהמסט דיך, אָדער האָסט מורא, מען זאָל דיר נישט שטערען? נײן! דו מוזט מיך מיט איהר בעקענען. דו מוזט! דו מוזט!

זי האָט צװײ מאָל געקלאַפּט אויפ'ן טיש מיט איהר קלײנער האַנד, האָט געשמײכעלט און געװיזען איהרע צײהן.

ד"ר װײַנשטײן האָט נישט געענטפערט, ער האָט געקוקט אויף איהר קלײנע פולע האַנד און געפרעגט:

— אַ! סאָניאַ האָט אַנײַ פינגערל? װײַז נאָר.

זי איז געװען מיט איהם אויף דו. ער אָבער האָט זי זעלטען נאָר גערוצט און גערעדט געװעהנליך נישט אויף דו, נישט אויף איהר.

זי האָט דערנעהנטערט צו איהם די האַנד און האָט אויסגעשטרעקט איהר רונדען, שען־אויסגעפּילטען װײַבערישען פינגער, פון װעלכען עס האָט אַראָבגעפינקעלט אַהעלער שטײן.

— פונקט װי אַפרעמדער פערהאַלסט דו דיך צו אונז. װײַסט נישט, אַז יעפים (איהר מאַן) האָט געװינען דעם סוד מיט פרשעפּ־

יורקע, 7800 רובל מיט קאָסטען. דאָס האָט ער מיך צוגעזאָגט צו קויפען, אויב ער וועט געווינען. דיר אינטערעסירט גאָרנישט, וואָס ביי אונז אין הויז טהוט זיך. א שענער ברודער!

— זעהסט דאָך, איך אינטערעסיר מיך — האָט ער זיך געווי־צעלט, אַרויפרוקענדיג איהר צוריק אויפ'ן פינגער דאָס נייע פינ־גערל — אָט האָב איך בעמערקט ביי סאָניאַ'ן א ניי פינגערל. וויפיעל פינגערלעך האָסט דו שוין? לאָז נאָר צעהלען, דוכט זיך, אין גי־כען וועט זיין מעהר פינגערלעך ווי פינגער.

— הער אויף, אַלעקסאַנדער. איך ווייס, דו ביזט א געוועזע־נער סאָציאַליסט, און „דיינע" איז אויך א סאָציאַליסטין. איך ווייס אַלץ, אַלץ!

צו וואָס זשע פרעגען, אויב מען ווייסט אַלץ? — האָט וויינ־שטיין בעמערקט אין א בעזען טאָן.

זי האָט פלוצלונג אָנגעהויבען צו לאַכען קאָקעטיש.

— אַרויסגעקראַכען מיט'ן כעס! — האָט זי גערעדט — דו מיינסט: ס'זענען פאַרהאַן סודות. אַלע ווייסען דאָס שוין, און וואו איך געה און שטעה, פרעגט מען מיך אַלץ דערייבער.

ד"ר וויינשטיין האָט זיך נאָר געוואונדערט. ער האָט לגמרי נישט געהאַט קיין בעקאַנטע הייזער אין וואַרשאַ, און האָט נישט געקענט פערשטעהן, פון וואַנען עס נעהמען זיך די גערעדע־רייען וועגען איהם.

— ווער זענען דאָס די „אַלע"? — האָט ער גערעדט הויך און שטרענג — און ווער האָט דאָס דיר דערצעהלט אזא געשיכטע? ווער זאָרגט דאָס פאַר מיר? דוכט זיך, איך קען דאָ קיינעם נישט, אויסער דיך און מיין ברודער.

— מאַלע וואָס דו קאָנסט נישט. דיך קען מען, — האָט סאָניאַ געענטפערט אויך מיט אַן ערנסטען טאָן, און זי האָט איהם אָנגערופען עטליכע הייזער, וואו מען האָט פון איהם גערעדט און וואו מען האָט איהר געזאָגט, ווי א געוויסע זאַך, אז ער, ד"ר

ווייַנשטײַן, האָט אַ כּלה. ער האָט זיך נישט געקאָנט אויס־וואונדערען גענוג, פֿון וואַנען זי ווייסט דאָס מיט אַזאַ געווידהייט, ווי זי זעהט אויס, אַז זי איז אַ קורסיסטקע, אַ רעוואָלוציאָנערין. זי האָט אַפילו געוואוסט די טעג, ווען זי איז מיט איהם געווען אין פֿילהאַרמאָניע, ווען אין טעאַטער, ווי און וואו ער איז געגאַנגען מיט איהר.

— נו, נו! — האָט ער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — איך האָב גאָר־נישט געוואוסט, אַז איך בין דאָ אַזוי פּאָפּולער. דאָס מוז מען מודה זיין: שפּיאָנעווען שפּיאָנעוועט מען דאָ אויסגעצייכענט, איך וואָלט מיר דאָס נישט פֿאַרגעשטעלט.

עס איז געוואָרען אַ ווײַלע שטיל. סאָניאַ האָט אויף איהם געקוקט מיט אַ שעלמישען שמייכעל, ווי זי וואָלט זאָגען: „מודה געווען האָסט דו שוין, באַלד וועסט דו די רעשט דערצעהלען”.

— ניין, שוועגערין, — האָט ד"ר ווייַנשטײַן זיך אָנגערו־פֿען — גלויבט נישט אָן די רעדערייען. איך האָב נישט קיין כּלה. און וואָס אָנבעלאַנגט יענער פֿערזאָן, איז זי באמת זעהר אַ סימפּאַ־טיש מעדעל, מיינס אַ גוטע בעקאַנטע, און מיר איז אינטערעסאַנט מיט איהר צו רעדען.

— לייגנסט, אַלעקסאַנדער! — האָט זי איהם געגראָזעט מיט איהר שענעם פֿינגער, — דו לייגנסט! זעה!

— מיין עהרליך וואָרט, דאָ איז קיין שום ערנסט נישט דאָ. נאָר ער האָט זיך דערשראָקען פֿאַר דעם עהרליך וואָרט, וואָס ער האָט געגעבען. קיין ערנסט נישט? האָט ער זיך געפֿרעגט. ער האָט זיך עפּעס פֿערטראַכט און געקנייטשט דעם שטערן.

איהם איז געקומען אַזאַ געדאַנק אין קאָפּ אַריין: ער האָט געוואוסט, אַז פֿידלער קוועלט זיך אין געלד. נאָר ער האָט נישט געהאַט די דרייסטקייט, איהר פֿאָרצולעגען געלד, ער האָט פֿערשטאַנען, אַז אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן ער זאָל דאָס נישט טהון, וועט זי זיך בעליידיגען. זי האָט איהם נאָר אַמאָל געזאָגט, אַז זי

זוכט לעקציעס, און אָט האָט ער יעצט געוואָלט אויסנוצען די געלעגענהייט און פרעגען סאָניאַ'ן וועגען אַ לעקציע.

— איבריגענס, — האָט ער געזאָגט, — אויב סאָניאַ וויל, קאָן זי זיך מיט איהר בעקענען. דאָס דאָזיגע פרייליין זוכט לעקציעס. אפשר ווייסט דו?

— אָט זעהסט דו, דאָס איז אמת גוט — האָט זיך סאָניאַ דערפרעהט, — איך האָב געוואָלט צונעהמען אַ לעהרערין אויף רוסיש פאַר מיין באָרים'ן...

„דו האָסט ביז אַהער גאָרנישט געוואָלט" — האָט ד"ר וויינשטיין געטראַכט, נאָר ער האָט דאָס נישט געזאָגט.

אין שטוב איז אַריינגעקומען יעפים, ד"ר וויינשטיין'ס ברודער. דאָס איז געווען אַ הויך־געוואַקסענער און פולער מאַן פון אַ יאָהר 40, מיט קליינע אויגען אונטער אַ פאָר גאָלדענע ברילען און מיט אַ האַלב־קאַהלען קאָפּ. ער איז געווען ראַזירט, נאָר דעם סאַמען שפּיץ פון דער געמבע האָט ער געלאָזט בעוואַקסען מיט נידריגע האָר. געווים האָט איהם פערשאַפט אַ פערגניגען צו בערשטען מיט די האָר זיינע פינגער, בשעת דער קאָפּ זיינער איז געווען אָנגעשטרענגט. ער איז אַריינגעקומען, ווי געוועהנליך, שטילערהייד, אונבעמערקט, נישט בעגריסט קיינעם, געזעצט זיך ביי'ם טיש און גענומען לעזען אַ צייטונג. די צייטונג איז פאַר איהם געווען אַנ'אָרט אָברוהען פון זיינע געשעפטען, פון די געדאַנקען וועגען קויפען, פערקויפען, וועקסלען, טערמינען און שפּעקולאַציעס, וואָס האָבען זיך נישט אויפגעהערט צו דרעהען אין זיין קאָפּ גאָר אָהן זיין וויסען.

— ווילסט עסען נאַכט־עסען? — האָט סאָניאַ געפרעגט.

— נאָך נישט, — האָט ער געענטפערט שטיל. ער האָט אַוועקגעלעגט די צייטונג, און קענטיג, ערשט יעצט בעמערקט זיין ברודער.

— אויב דו וועסט פאָהרען קיין אויסלאַנד, זאָג מיר. איך

וועל דיר שאַפֿען אַ פּאַס בּיליג. איך האָב בּעקאַנטשאַפֿט, — האָט ער זיך געווענדעט צו אַלעקסאַנדער׳ן.

— ער פֿאָהרט נאָך נישט אַזוי גיך, — האָט סאָניאַ געזאָגט און שמייכלענדיג געקוקט אויף איהר שוואָגער.

יעפֿים האָט גאָרנישט געענטפֿערט און צוריקגענומען די ציַיטונג. נאָר סאָניאַ האָט איהם אַרויסגענומען די ציַיטונג פֿון דער האַנד און געזאָגט:

— ער קומט אויף אַ מינוט אַ היים, קאָן ער זיך נישט נעהמען קיין ציַיט צו רעדען אַ וואָרט.

יעפֿים האָט שוין דערקענט אין איהר טאָן, אַז זי האָט עפּעס צו בּעטען, און האָט זיך צוגעגרייט דערצו. ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, אַרייַנגעלאָזט די פֿינגער אין די שטעכעדיגע האָר פֿון דער בּעוואַקסענע געמבּע און געפֿרעגט מיט אַ לאַכעדיגע בּינע:

— וואָס ווילסט דו, נשמה מייַנע?

— איך וויל, דו זאָלסט רעדען מיט מיר, — האָט זי געזאָגט מיט אַ פּישצענדיג קול — איך וויל צונעהמען אַ לעהרערין אויף רוסיש פֿאַר בּאָריס׳ן.

— נו, וואו איז ער דען? ער שלאָפֿט שוין?

סאָניאַ איז אַרייַנגעגאַנגען אין דער צווייטער שטוב, און אין אַ מינוט אַרום איז זי צוריקגעקומען, פֿיהרענדיג פֿאַר דער האַנד בּאָריס׳ן, אַ 7 יעהריגען שענעם בּלאָנדען יונג מיט פֿולע בּאַקען און אַ געשווירענעם קאָפּ, האַלב שוין אויסגעטהון. ער האָט זיך אַרויסגעריסען דער מוטער פֿון דער האַנד, און זעהר פֿרעהליך, וואָס מען האָט איהם בּעפֿרייַט נאָך נישט צו געהן שלאָפֿען, איז ער צוגעגאַנגען מיט דרייסטע טריט צו זיין פֿאָטער און געקושט איהם די האַנד.

— „דאָבּרי וועטשער“ — האָט ער געזאָגט פּויליש. אין הויז האָט מען, זייַט די קינדער זענען אויפגעוואַקסען, געהערט צייַטענ-

ווייז, אויסער דער רוסישער, אויך די פוילישע שפּראך.

דער פאָטער האָט איהם גענומען אויפ'ן שויס און געגלעט איהם דעם קאָפּ:

— דערצעהל עפּעס, באָריס, ווי געהט עס?

— גוט, — האָט דער קליינער געזאָגט מיט אַ פּראַקטישען טאָן און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, — פריילין האָט מיר היינט געגעבען אַ פיער.

— מיר ווילען דיר נעהמען אַ נייע לעהרערין אויף רוסיש — ווילסט? — האָט סאָניאַ געזאָגט.

— איך וויל. נאָר זאָל די מאַמע אַזוי גוט זיין איהר זאָגען, זי זאָל מיר נישט אויפגעבען קיין גרויסע לעקציעס. איך האָב נישט קיין צייט, — האָט דער קליינער געזאָגט מיט דעם זעלבען פּראַקטישען טאָן.

אַלע האָבען געלאַכט, אויסער באָריס, וואָס האָט נאָר פערשטאַנען, אַז ער האָט געזאָגט עפּעס קלוגעס, און האָט נישט געוואוסט וואָס.

מען האָט געגרייט צו'ם טיש. אין טהיר האָט זיך בעוויזען די גובערנאַנטקע, אַן'אַלט דייטשעס פריילין מיט אַ בלאַס וועלק געזיכט, און האָט גערופען:

— באָריס, שלאָפען!

נאָר באָריס'ן האָט זיך נישט געוואָלט פערלאָזען די געזעלשאַפט. אלעקסאַנדער האָט זיך אָנגענומען פאַר איהם:

— נו לאָזט איהם, — האָט ער געזאָגט — אַ וואוילער יונג, ער וועט אויפוואַקסען אַ לייט, אַ טיכטיגער סוחר אָדער אַן'אַדוואָקאַט; אויף יעדען פאַל — נישט קיין פילאָזאָף.

סאָניאַ האָט איהם גענומען צו זיך, און מען האָט גענומען עסען. באָריס האָט זיך באַלד אָנגעלעהנט מיט'ן קאָפּ אויף איהר ברוסט, די אויגען זענען איהם צוגעפאַלען, ער האָט מעהר נישט געקענט ווידערשטעהן דעם שלאָף, און איז אויך באַלד איינ־

געשלאָפֿען. די מוטער האָט איהם געהאַלטען אויף זיך, איינגעקוקט זיך אין זיין שלאָפֿענדיג געזיכט, און אויף איהר פּנים איז געלעגען אַ גליקליכער צופֿריעדענער אויסדרוק פֿון אַ מוטער־געפֿיהל. זי איז יעצט געווען סימפּאַטישער, שענער און וואַהרהאַפֿטיגער, און אַלעקסאַנדער האָט אין איהר דערקענט די אַמאָליגע סאָניאַ, וואָס ער האָט צום ערשטען מאָל געזעהן, ווען זי האָט באַלד נאָך דער חתונה שפּאַצירט מיט איהר מאַן אין אויסלאַנד, און וואָס האָט אויף איהם דעמאָלט געמאַכט אַזאַ ליעבליכען איינדרוק.

אַזאַ קינד צו האָבען, עס זאָל אָט־אַזוי איינשלאָפֿען אויף דער מוטערס ברוסט, וואָלט נישט געשאַדט—האָט ער געטראַכט, און האָט זיך דערמאָהנט זיינע ווערטער אין בריעף צו זיין פֿריינד: „אויב צו האָבען אַ קינד, נאָר פֿון איהר”.

און אַלזאָ זאָל דאָס פֿריילין קומען?—האָט ער געפֿרעגט סאָניאַ׳ן.

— געוויס, געוויס, — האָט זי געענטפֿערט מיט אַ שמייכעל.

אין אַ האַלבע שעה אַרום איז ער שוין געווען אויף דער גאַס. עס איז געווען אַ לויטערע, פֿראָסטיגע ווינטער־נאַכט קעגען 9. ער האָט זיך אָבגעשטעלט, אַרויסגעהענדיג פֿון טויער, און זיך אומגעקוקט: וואו געהט מען?

ער איז געוואוינט געווען שפּעט צו געהן שלאָפֿען. אַהיים געהן יעצט אויף זיין איינזאַמע וואוינונג און לעזען האָט זיך איהם נישט געגלוסט, אין טעאַטער איז שוין געווען צו שפּעט. ער האָט זיך געראָזט געהן מיט דער מאַסע מענשען, וואָס האָט זיך נאָך בעוועגט אויף דער גאַס, ווי גוט וואָלט דאָס געווען, אַז ער וואָלט זי יעצט צופֿעליג געטראָפֿען אויף דער גאַס! נאָר ער האָט זי נישט געטראָפֿען. ער האָט זיך נאָך אַרומגעשלעפּט אַ שעה צוויי, אַריינגעגאַנגען אין אַ קאַפֿע און אַהיים געגאַנגען שלאָפֿען מיט אַן׳אונצופֿריעדען געמיט.

„צו וואָס האָט דאָס געהערט צו שאַפֿען איהר די לעקציע

בײַ דער שװוּעגערין? — האָט ער געטראַכט — זי דאַרף אײַגענטליך קײן רעקציע נישט און טהוט דאָס נאָר צוליעב איהר נײַגיערינקײַט. פידלער װאָלט זיך געװיס געפיהלט טיעף בעלײדיגט, װען זי זאָל װיסען, אַז איך פיהר זי אַרײַן אויף צו װײַזען זי״...

„שטענדיג אַזױ, — האָט ער װײַטער געטראַכט — קײנמאָל קאָן איך נישט געפינען קײן גרײַכען װעג, שטענדיגע קלײנליכקײַטען, שטענדיגע האַלבהײַטען, אָהן קראַפט, אָהן מוטה... נידעריג, מאוס!״

אַזעלכע און ענליכע געדאַנקען האָט איהם אײַנגערוימט זײַן אײַנזאַמקײַט. און אַרויפװאַרפענדיג די גאַנצע שולד פאַר זײַן צו־בראָכענהײַט אויף זײַן ידישער אָבשטאַמונג, האָט ער זיך, װי געװעהנליך, בערוהיגט:

— אַ נידעריגע ראַסע! — האָט ער געזידעלט.

צו מאָרגענס, באַלד אין דער פריה, האָט ער אַװעקגעשיקט אַ צעטעל צו פידלער, װאו ער האָט זי אָנגערופען צום ערשטען מאָל „ליעבע ליובאַ״, נישט װי ביז אַהער „זעהר געעהרטע פידלער״.

„זײַט אַזױ גוט און געהט אַרײַן אויף מאַרשאַלקאָװסקע נומ׳... דאָרט איז פאַר אײַך אַ רעקציע. זעהט איהר, איך פערגעס אָן אײַך נישט? קומט אונבעדינגט. איך בענק נאָך אײַך. אײַער.

ד״ר א. װײַנשטײן.

און אין עטליכע טעג אַרום איז פידלער געגאַנגען פינקט־ליך יעדען טאָג 1 דעם זײגער צו די װײַנשטײן׳ס אויף איהר שטונדע, און אַרויסגעהענדיג פון צימער, װאו זי האָט געלערענט מיט דעם קלײנעם באָריס, האָט זי געװעהנליך געטראָפען ד״ר װײַנשטײן, װאָס האָט אויף איהר געװאַרט.

V.

פידלער האָט דעם גאַנצען װינטער געלעבט צװישען צװײ

וועלטען. פון איין זייט זענען געווען: איהרע חבר'טעס, איהר גרופע, איהרע לעקציעס, דאס שפיטאל, דאס ענגע צימער; פון דער צווייטער זייט ד"ר וויינשטיין, זיין שוועגערין, דער קליינער באריס, טעאטער און קאפעען, אויף איין זייט איז געלעגען איהר קלארער ציעל: ענדיגען און בעזעצען זיך אין דארף; אויף דער אנדערער זייט – א טונקעלע ערווארטונג. צווישען די צוויי וועלטען איז קיין הארמאניע נישט געווען און האט נישט געקאנט זיין, און קיין אויסוועג האט זי אויך נישט געפונען. זי האט שטיל געליטען און געווען אונרוהיג.

„בעסער שוין גארנישט טראכטען" – האט זי בעשלאסען, נאר די געדאנקען דאבען זיך געטראגען אין קאפ אהן איהר וויסען, קעגען איהר ווילען.

זי האט געפיהלט, אז דורכגעהענדיג עטליכע גאסען און אריינקומענדיג צו די וויינשטיינ'ס, ווערט זי אנ'אנדערע – רעדט אנדערש, לאכט אנדערש, און אפילו טראכטען טראכט זי דארט אנדערש, גאר אנדערע געדאנקען טראגען זיך אין איהר קאפ, און גאר אנדערע ווערטער קומען איהר אויף דער צונג. ביי איהר אין צימער, אין שפיטאל, צווישען איהרע בעקאנטע איז זי ווידער אנ'אנדערע.

יא! נישט נאר זי אליין האט דאס בעמערקט אין זיך; עס האבען דאס אויך בעמערקט איהרע חבר'טעס און האבען זיך שטיל געסוד'עט וועגען איהר. וואלט זיך יעצט איינע פון איהרע בעקאנטע אנגערופען ווי אמאל: „פידלער חאראשי טשודני טשעלאוויעק", וואלט נישט איינע געמאכט א קרומע מינע.

אמת, זי איז געווען די אייגענע ליעבליכע הארציגע און בעוועגליכע ווי פריהער. דער זעלבער קלוגער, בעגקענדיגער בליק, דער גוטער שמייכעל אויף איהרע ליפען, די זעלבע גרייטקייט צו אינטערעסירען זיך מיט פרעמדע זארג, – און דאך אנ'אנדערע, א פרעמדע פאר איהרע חבר'טעס. מענשען, וואס גילטען צווישען זייערע בעקאנטע פאר א מוסטער אהן שום חסרונות, פערליערען

מיט איינמאָל אלץ, ווי נאָר מען ענדעקט אין זיי דעם מינדסטען פלעק. אזוי איז אויך געווען מיט פידלער. יעדען האָט זיך פּלוצלונג געדאַכט, אז מען האָט געהאַט אין איהר אַ טעות.

עספיר, די רעדעל־פיהרערין פון איהר גרופּע, אַנ׳עלטערע נישט שענע קורסיסטקע, איז אַמאָל אַריינגעקומען צו איהר ביינאַכט און געבראַכט אַ פּעקעל בראָשורען און פּראָקלאַמאַציעס. אָנשטאָט, ווי געוועהנליך, אָבצוגעבען עס פידלער׳ן, האָט זי עס יעצט געגעבען קראַטאָוואַ׳ן און געזאָגט איהר, זי זאָל צוטיילען אין שפּיטאָל, וויפיעל זי קען, און די רעשט זאָל זי בעהאַלטען. דערנאָך האָט זי זיך געווענדעט צו פידלער און געפרעגט:

— וואָס מאַכט עפּעס דיין בעשיצער?—

פידלער איז רויט געוואָרען פאַר בעליידיגונג און האָט געפיהלט, אז די טרערען שטעלען זיך איהר אין די אויגען.

— וואָס איז ער מיר פאַר אַ בעשיצער? — האָט זי געענטפערט און פערגעסען דערביי, אז עספיר האָט איהם אפילו מיט׳ן נאָמען נישט אָנגערופען — צי דען איז מיר פערוועהרט צו האָבען בעקאַנטע? ניין, איך פערשטעה דאָס נישט.

— ווער זאָגט דאָס דיר, מיין ליעבע, אז דיר איז פערוועהרט? פון מיינעטוועגען, האָטש האָב חתונה מיט איהם. פאַר וואָס נישט? אַ גלענצענדע פּאַרטיי...

און נישט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער פון פידלער, האָט זי זיך געזעגענט און אַרויסגעגאַנגען.

— איבריגענס, איך האָב נישט קיין ציים צו פּלוידערען, — האָט זי נאָך געזאָגט פאַר׳ן אַרויסגעהן. און אין פידלער׳ס האַרץ איז געבליבען אַ שאַרפע שטעכענדיגע בעליידיגונג.

מיט ד״ר וויינשטיין האָט זי זיך געזעהן כמעט יעדען טאָג. אָדער ער האָט שוין אויף איהר געוואַרט נאָך דער לעקציע ביי זיין שוועגערין, אָדער זי איז אַהיים געקומען צו איהם. די צייט איז טיילמאָל דורך זעהר לוסטיג. עס האָט געטראָפען, אז זי איז

געזעסען אויף דעם וויעג־שטוהל, און ער האט עפּעס דערצעהלט, און זי האט געלאכט, פערגעסען אן אלעם און נאר געפיהלט, אז, וואס זי טהוט, געפעלט, און וואס זי רעדט, איז אויפ׳ן ארט, און אז איהר געלעכטער שטערט קיינעם נישט, פערקעהרט, פערשאפט פיעל פערגעניגען. טיילמאל האט ער זיך געשטעלט הינטער איהר און געוויעגט די שטוהל, ליכט און פאמעליך, אזוי ווי מען וויעגט א קינד, נישט פיעל האט געפעהלט, ער זאל זיך צובייגען און זי קושען.

זי האט געווארט אויף דעם און זיך געשראקען דערפאר און האט נישט געוואוסט, ווי זי וועט ענטפערען דערויף.

„ניין, דאס וועט ער זיך נישט דערלויבען מיט מיר״ — האט זי פעסט בעשלאסען. און דאך האט זי זיך איינגעקוקט אין זיין פנים און געזוכט דארט צו געפינען וואס מעהר כימפאטישעס, וואס מעהר שענעס, וואס מעהר, וואס זאל איהר געפעלען.

— נו וואס איז דאס א פלאן פאר אייך צו בעזעצען זיך אין א דארף? איהר וועט דארט אבוועלקען און ווערען צו נישט צווי־שען עפּעס פויערים, וואס זענען אייך ווילד־פרעמד. א שאד אייער יוגענד, אייער יוגענד, אייער יוגענד, אייער שענהייט, וואס זאל פערפאלען ווערען עפּעס אין א העק אין ארחאנגעלסקער גובערניע. נו ארבייטען האטש צווישען ארבייטער, אין א קולטורעלען צענטער, — דאס פערשטעה איך, דאס איז האטש מאדערן. נאר ווי קומט איהר, א יודיש מעדעל, צו רוסישע פויערים? ניין, דאס וועט איהר נישט טהון.

זי האט נאר געשמייכעלט און געזאגט:

— איהר רעדט אזוי זיכער, אז איך וועל דאס נישט טהון! לאמיר ליעבער וועגען דעם נישט רעדען איך האב נישט ליעב, אז איהר רעדט אזוי.

און האט געמאכט דערביי אן ערנסטע מינע.

און דאך האט זי געפיהלט אין זיינע רייד, אין זיין בליק און

אין זיין גאַנצען פֿערהאַלטען זיך צו איהר, אַז ער האָט זי ליעב, און אַז פֿריהער צי שפּעטער, נאָר דאָס קאָן פּאַסירען, זי זאָל ווערען זיין ווייב.

צו ווערען זיין ווייב! זי האָט זיך געשראָקען פֿאַר דעם געדאַנק. אַזוי פֿיעל אונגעוועהנליכעס איז געלעגען אין איהם, און זי האָט אַליין נישט געוואוסט, פֿאַר וואָס זי שרעקט זיך אַזוי: צי פֿאַר אַ גרויס אונגליק, צי פֿאַר אַ גרויס גליק.

זי האָט באַלד בעמערקט, אַז אויך ביי ווייַנשטיין׳ס ברודער אין הויז, אויף דער לעקציע, בענעהט מען זיך מיט איהר גאָר אויף אַ בעזונדערען שטייגער, נישט אַזוי ווי מיט אַ געוועהנליכער לעהרערין. סאָניאַ איז אַריינגעקומען אין דעם צימער, וואו זי האָט געלערנט מיט דעם קליינעם באָריס, גערעדט וועגען די לעקציעס, געפּלוידערט און פֿערנומען אומזיסט די צייט. דערביי האָט זיך פֿידלער געפֿיהלט אונטער דעם בליק פֿון סאָניאַ׳ס שוואַרצע אויגען, און אין דעם בליק איז געווען אַזוי פֿיעל נייגיריגקייט און עפּעס אַ בעהאַלטענער שמייכעל!...

טיילמאָל, ווען זי האָט געהאַלטען ביי׳ם אַרויסגעהן נאָך דער לעקציע, האָט זיך ביי דער טהיר — פּלוצלונג, נישט צו וויסען, פֿון וואַנען זי האָט זיך גענומען — בעוויזען סאָניאַ און געזאָגט האַלב־ערנסט, האַלב שפּעטיש:

— וואַרט אַ מינוט, אַלעקסאַנדער וועט באַלד קימען.

פֿידלער איז רויט געוואָרען און זאָגענדיג קורץ, אַז זי האָט קיין צייט נישט, האָט זי זיך געאיילט אַרויסצוגעהן.

אין הויז איז זי אַלעמען געפֿעלען. דאָס האָט פֿידלער געפֿיהלט און דאָס האָט זי אויך נישט געוואונדערט. צו מאַכען אַ גוטען איינדרוק — דאָס איז געווען איהר געוואָהנהייט, מיט וועלכער זי האָט זיך צוזאַמענגעלעבט, ווי אַ קינסטלער מיט זיין קונסט, ווי אַ בעריהמטע שענע פֿרוי מיט איהר שענהייט. אַפֿילו דער קליינער באָריס האָט זי ליעב געקריגען און איז צופֿריעדען געווען, אַז

זי איז געקומען. פאר דאס אבער האט ער נאך פיינדער געקריגען די גובערנאנטקע פון הויז, דאס דייטשע פריילין.

– און פאר וואס האב איך ליעב פאננא ליובא? ווייל פאננא ליובא איז א גוטע, און פריילין – א שלעכטע, – אזוי האט ער גע־טעה'נט, ווען די מוטער האט איהם מוסר געזאגט פאר עפּיס א קאנפליקט צווישען איהם און דעם פריילין.

און סאניא האט דאס דערצעהלט פידלער'ן און דער־ביי געפרעגט:

– זאגט, איך בעט אייך, פאר וואס האבען אייך קינדער אזוי ליעב?

– יא. קינדער האבען מיך ליעב; איך זיי האב אויך זעהר ליעב, שרעקליך ליעב.

דעם אמת זאגענדיג, האט זיך סאניא איינגעקוקט אין פידלער'ס לעגגליך פנים און בשום אופן נישט געקענט פערשטעהן, וואס דא איז פארהאן אזא שענעס. „אנ'אנגענעהמע – נישט מעהר“, האט זי געטראכט. אין הארצען האט זי געקוקט אויף פידלער מיט פעראכטונג און האט זי גרינג געשעצט, און דאך האט זי זיך צו איהר פערהאלטען גוט און גערעדט מיט איהר ווי מיט איהרס גלייכע. איהר האט געפעלען די ראלע, וואס זי שפיעלט דא אין אלעקסאנדער'ס אנגעלעגענהייטען. זי האט נישט געקענט צו לאזען, אז אלעקסאנדער זאל חתונה האבען, און זי זאל דערביי נישט נעהמען קיין אנטייל.

זי האט אויך געוואלט איהר מאן פערמישען אין דער זאך, נאר ער האט זיך אבגעזאגט:

– וואס זאגסט דו צו אונזער אלעקסאנדער'ן? ער האט זיך דאך, ווייסט, פערליעבט אין דער לעהרערין...

ער האט נאר געצויגען מיט די אקסלען און געענטפערט קאלטבלוטיג:

– טא זאל ער מיט איהר חתונה האבען.

— מיט איהר חתונה האָבען! חאַ, חאַ, חאַ! וואָס פּאַלט דיר איין? ביזט משוגע געוואָרען? זי איז אַנ'אָרים מעדעל, אַנ'אָקו-שאָרקע...

— ווילסט מיך הערען, סאָניאַ, צי נישט? פאָלג מיך און מיש דיך ליעבער נישט אריין. אַלץ איינס, דו וועסט סיי-ווי-סיי גאָרנישט פועל'ען, ער איז דאָך אַ משוגענער, און אַז דו וועסט זאָגען ניין, וועט ער זאָגען יאָ.

נאָר סאָניאַ האָט נישט גערוהט. זי האָט געשריבען איהר שוועסטער און שוויגער וועגען דעם, געמאַכט אָנצוהערעניש איהר שוואָגער, געשפּיאָנעוועט און געהאַט וואָס צו טהון.

מיט פידלער'ן האָט זי אַמאָל פערפיהרט אַ געשפּרעך וועגען אַלעקסאַנדער'ן:

— ווי געפעלט אייך אונזער אַלעקסאַנדער? — האָט זי געפרעגט — אמת, אַ וואוילער מענש:

פידלער איז רויט געוואָרען און האָט געענטפערט מיט אַנ'אונבעשטימטע מינע. סאָניאַ האָט ווייטער גערעדט.

— זעהר אַ וואוילער מענש. נאָר, ווייסט איהר, אַזאַ מאָדנער. זאָגט מיר, צו וואָס האָט ער שטודירט מעדיצין, אַז קיין דאָקטאָר וועט ער סיי ווי סיי נישט ווערען? און צו וואָס האָט ער דאָס גע-דאַרפט? איהר ווייסט, דער פאָטער גיט איהם 30,000 רובל נדן.

זי האָט געשוויגען אום צו זעהן דעם איינדרוק, וואָס די לעצטע ווערטער וועלען מאַכען. איהרע שוואַרצע אויגען האָבען שעלמיש געקוקט אויף פידלער, און פידלער האָט צו'ם ערש-טען מאָל בעמערקט אין די אויגען עפּעס אַ קאַלטקייט, עפּעס פער-ביסענעס קעגען איהר.

— מעדיצין איז אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע וויסענשאַפט. פאַרוואָס זי נישט שטודירען, אויב מען האָט די מעגליכקייט? — האָט זי קורץ בעמערקט און האָט זיך אויפגעהויבען און גענומען געהן.

— וואַרט, אַלעקסאַנדער קומט די מינוט.

און ווידער האָט פידלער בעמערקט די קאַלטקייט און די גרינגשעצונג אין איהרע אויגען און האָט אויפגעהערט צו רעדען.

„אך וואָס פאַר אַ נישט־סימפּאַטישע זי איז, וואָס פאַר אַ בורזשואַזנע זי איז!“ האָט זי געטראַכט, אַרויסגעהענדיג.

זי האָט געפיהלט, ווי אין איהר האַרץ וואַקסט אַ האַס צו דער שענער שוואַרצער פרוי מיט איהר לאַנגער אויסגעטאָקטער נאָז, מיט איהרע שוואַרצע קיילעכדיגע ברעהמען און מיט איהר קאַלטען בליק. דאָס איז געווען דער בלינדער האַס, וואָס פרויען דערשפּירען אַזוי גיך צו אַ מענשען, וואָס שטעלט זיך זיי אויפ׳ן וועג, — אַ שטילער שטומער, נאָר ברענענדיגער האַס.

און דאָך האָט זי יעדען טאָג געמוזט קומען צו דער פרוי, רעדען מיט איהר, שמייכלען און מאַכען אַ גוט פּנים. פאַר איהר געקוועלט, נאָר נאָך נישט געבראָכען האַרץ, איז דאָס נישט לייכט געווען איבערצוטראָגען.

ווען זי האָט זיך דערמאָהנט אָן איהר פּלאַן צו פאָהרען אין דאָרף, האָט דאָס האַרץ אַ ציטער געגעבען, און די געדאַנקען האָבען זיך פערווירט אין איהר קאָפּ.

„שרעקליך! שרעקליך!“

און ווידער איז זי געזעסען אויף דער וויגשטוהל ביי ווײַנשטיין, און ער האָט איהר עפּעס דערצעהלט מיט זיין ווייכער שטימע און האָט געקוקט אויף איהר מיט פערליבטע אויגען, און איהר איז ווידער געוואָרען פרעהליך און לוסטיג, און זי האָט געלאַכט, געלאַכט...

ער האָט גענומען איהר האַנד אין זיינע, — זי האָט געוואָלט פּראָטעסטירען און האָט געשוויגען; ער האָט געקושט איהרע האָר, לייכט בעריהרט מיט זיינע ליפּען איהר שטערן, — זי האָט געוואָלט שרייען און האָט נישט געשריען.

ערשט ווען זי איז געקומען אַהיים אין איהר צימער און האָט גענומען לעזען איהרע בראָשורען, אָדער רעדען מיט קראַטאָוואַ׳ן,

איז איהר ווידער געוואָרען שווער אויפ'ן הארץ, און ווידער האָבען זיך די געדאַנקען פערווירט און ווידער האָט זי געזיפצט:

„שרעקליך! שרעקליך"!

שרעקליך איז אַלץ געוועזען. שרעקליך איז געוועזען צו טראַכטען וועגען דעם גליק, וואָס וואַרט אויף איהר, צו געניסען פון ליעבע און רייכקייט; שרעקליך איז געוועזען דער געדאַנק, אַז זי זאָל חתונה האָבען מיט אַ מענש, וואָס — ס'קאָן זיין — זי ליעבט איהם נישט: שרעקליך איז געוועזען דער ספק, טאָמער איז די גאַנצע זאַך פאַר איהם נאָר אַ שפיעל, און ער וועט זי פערלאָזען: שרעקליך איז אויך געוועזען צו טראַכטען וועגען אַ לעבען פול נויט, לאַנגוויילע און מאַנגעל, און שרעקליך, אונגעהויער שרעקליך, איז געוועזען די שאַנד פאַר איהרע חבר'טעס, פאַר זיך, פאַר איהר געוויסען!

אויף דער טהיר פון איהר צימער האָט געהאַנגען אַ נייע טייערע זיידענע בלוזע. די בלוזע האָט געהאַט איהר געשיכטע:

אין טעאַטער האָט אַרויסגעטרעטען עפּעס אַ בעריהמהייט. ס אָ נ י אַ האָט געהאַט אַ לאָזשע פאַר זיך, איהר מאַן און ד"ר ו ו י י נ ש ט י י ן, די פיערטע האָט געזאָלט זיין — פ י ד ל ע ר. אַז ד"ר ו ו י י נ ש ט י י ן האָט איהר פאָרגעלעגט צו געהן מיט זיי אין טעאַטער, אין אַ לאָזשע, האָט זי געמיינט, אַז ער וויצעלט זיך: ווען ער האָט אָבער ווידער דערפון גערעדט, האָט זי נאָר געלאַכט:

— רעדט נישט קיין נאַרישקייטען. נאָך דאָס פעהלט מיר — אין אַ לאָזשע, אַזוי געקליידעט...

ער האָט גאָ־נישט געענטפערט. נאָר ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס, און פאַרביי פאַר אַ רייכען מאַגאַזין פון דאַמען־קליידער, האָט ער זיך אָבגעשטעלט און כמעט זי געצוואונגען, זי זאָל זיך עפּעס קויפען.

— אייך קומט דאָך פאַר אַ לעקציע — האָט ער אויסגערעדט — וועל איך דערווייל אויסלייגען.

אַזוי איז געקויפט געוואָרען די בלוזע. אין טעאַטער דערנאָך

האָט זי זיך געפֿיהלט שלעכט אונטער די בליקען פֿון ס אָ נ י אַ און איהר מאַן, וואָס האָט געקוקט און געקוקט אויף איהר דורך זײַנע ברילען און קײן וואָרט מיט איהר נישט גערעדט. אָט אויף די דאָזיגע בלוזע האָט פ י ד ל ע ר נישט געקאָנט קוקען גלײַכגילטיג. זי האָט גערעדט און דערצעהלט פֿון עפּעס אַנ׳איבערקעהרעניש, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין איהר...

— ווײסט, וואָס איך וועל טהון? — האָט זי געזאָגט צו קראַטאָוואַ׳ן — מאָרגען וועל איך טראָגען די בלוזע אין לאָמבאַרד, וועט זײַן צו צאָהלען פֿאַר מיטאָגען.

— נײן, מען דאַרף נישט. זי קלײדט דיר אַזוי שען. דו ביזט גאָר אַ שענהײַט אין איהר.

— דו לאַכסט פֿון מיר. דו האָסט מיך מעהר שוין נישט ליעב נישט וואַהר? זאָג... האָט פ י ד ל ע ר גערעדט, און בײַ די לעצטע ווערטער האָט איהר שטימע געציטערט.

נאָר ק ר אַ ט אָ וו אַ האָט גאָרנישט געענטפֿערט דערויף. זי האָט נאָר איבערגעווישט איהר דיקע האַנד איבער פ י ד ל ע ר ׳ס שטערן מיט אַ פֿוילער בעוועגונג און געזאָגט:

— דו ביזט אַ נאַרין. — און אויף איהר פּנים איז געלעגען אויסגעגאָסען דאָס ברײטע, רוהיגע, רוסישע געלעכטער.

VI.

דער ווינטער איז דערגאַנגען צום סוף, און עס האָבען זיך אָנגעהויבען די טעג פֿון פֿ אָ ר ־ פ ר י ה ל י נ ג מיט זײערע נײַע ווינדען, די ווײכע און פֿרישע, וואָס טראָגען זיך אין דער לופֿט, וועקען און מינטערען און ברענגען אַרײַן אַ זיסע אונרוהיגקײַט אין אַלעס. אונרוהיג איז געוואָרען אין דער נאַטור, אונרוהיג און באַנג אויפֿ׳ן האַרץ.

די בײמער אין שטאָדט־גאָרטען האָבען שוין לאַנג אַראָבגע־

טרײסעלט פֿון זיך דעם שנײ, האָבען שטיל געשאָקעלט מיט די לײדיגע צווײַגען און געוואַרט און געחלומ׳ט פֿון דעם גוטען גרינעם מלאך, וואָס וועט קומען בײַ נאַכט זײ צו קושען און בעפֿרולטען. די וואָלקען אויפֿ׳ן הימעל האָבען זיך געטראָגען געשווינד, ווי זײ וואָלטען אײַלען עפּעס צו פֿערניכטען, עפּעס צו צוגרײטען; און ווי זײ זענען פֿערשוואונדען, האָט דער הימעל אַרויסגעקוקט און די וואַרעמע זון — אַ נײַ־געבוירענער בלאָהער הימעל, אַ נײַ־געבוירענע ליבע זון.

און די נעכט זענען פֿול געווען מיט בענקשאַפֿט און ציטערינגע האָפֿנונגען. אַ לײַכט פֿרעסטיל האָט געחאַפּט, אויף די טראָטוארען איז געווען גליטשיג, און דער דינער אײַז האָט לוסטיג געקנאַקט אונטער די פֿיס. און דער לינדער ווינד, וואָס האָט געבלאָזען, האָט וואַך געמאַכט יעדען נערוו, גערײצט דאָס בלוט אין די אָדערען.

ערגעץ ווײַט, אין טיפֿען וואַלד, האָט דער בער זיך געוועקט אין זײַן בערלאָגע, סאַרנעס האָבען פֿול געמאַכט דעם וואַלד מיט ווילדע געשרײען. אין שטאָדט האָבען מענשליכע הערצער געציטערט, און איבערגעריסענע חלומות האָבען זיך גענומען ווײַטער וועבען.

אַנ׳אונרוהיגע, געפֿעהרליכע צײַט פֿאַר יונגע הערצער.

ערשט נאָך האַלבער נאַכט איז פֿ י ר ל ע ר געקומען אַהײם, אויסגעטהון און געלעגט זיך אין בעט, נאָר שלאָפֿען האָט זי נישט געקאָנט.

ק ר אַ ט אָ ו ו אַ שלאָפֿט שוין. זי האָט אַפֿילו נישט געהערט, אַז פֿ י ר ל ע ר איז געקומען און האָט זיך געלעגט נעבען איהר אין בעט. אַ גוטער, צופֿריעדענער שמײכעל ליגט אויסגעגאָסען אויף איהר פּנים, איהר הויכע פֿולע ברוסט בעוועגט זיך פּאַמעליך, און רוהיג איז זי, רוהיג! קײן מוסקעל ריהרט זיך נישט אין איהר פּנים, איהר חלומ׳ט זיך, קענטיג, גאָרנישט. עס דוכט זיך, אַז דער

יונגער בליהענדיגער קערפּער וואָרט אָהן זאָרג, אָהן ציטערניש און אָהן בענקשאַפט אויף זײַן גליק, וואָס וועט קומען און מוז קומען. —

פֿידלער האָט שוין אויסגעלאָשען די לאָמפּ און צוריק זי אָנגעצונדען. איהר איז ענג אין בעט, דושנע — אין צימער. עפּעס ווילט זיך הויך לאַכען, אָדער הויך וויינען, אָדער שרײַען פֿאַר אַנגסט, אָדער אין דער שטיל אויסגיסען דאָס האַרץ פֿאַר עמיצען אין פֿערטרויטע ווערטער.

„גאָט דו מײַנער! גאָט דו מײַנער!" זיפֿצט זי.

וואָס ציטערט אין איהר יעדער נערוו? וואָס קלעמט אַזוי דאָס האַרץ? און וואָס פֿאַר אַ גיפֿט האָט צערײַצט איהר בלוט? —

וואָס זאָל זי טהון, וואָס וועט זי טהון? פֿאַר וואָס איז איהר לעבען געוואָרען אַזוי פֿערוויררט? —

און זי פֿאַנטאַזירט פֿון אַ ברונעטען יונגעמאַן, מיט שוואַרצע האָר, מיט גליהענדיגע אויגען, מיט מעכטיגע הענד, וואָס וועט קומען, זי אַרומנעהמען, פֿעסט-פֿעסט אַרומנעהמען, אַז יעדעס גליעד איהרס זאָל פֿיהלען זײַן יונגע קראַפֿט, און ער, דער ערלעזער, וועט זי אַוועקטראָגען אין זײַנע אָרימס ווײַט-ווײַט, — אין דאָרף אַרײַן, דאָרט וואו זי וועט אויפֿלעבען, וואו דאָס לעבען וועט זײַן אַזוי גליקליך און רײַן און שען...

נאָר אָט האָט מען געקלונגען אין טויער, און פֿידלער האָט געפֿיהלט, ווי זי הויבט זיך אָן צו שרעקען, זי האָט זיך געשעמט, וואָס זי שרעקט זיך: זי האָט געדענקט, אַז פֿריהער איז דאָס געפֿיהל איהר פֿרעמד געווען, נאָר ערשט אין דער לעצטער צײַט איז זי געוואָרען אַלץ איבערגעשראָקענער און איבערגעשראָקענער... זי האָט אויפֿגעהאָרכט מיט אַ פֿערהאַפטען אָטעם, וואָס אונטען טהוט זיך. מען האָט אָנגעהויבען צו געהן אויף די טרעפּ, געגאַנגען זענען עטליכע מענשען. די טריט זענען דורך איין פֿאָר טרעפּען, אַ צווייטע, און האָבען אַלץ נישט אויפֿגעהערט: ווי אַ קלאַנג פֿון שפּאָרען האָט זיך געהערט...

„צי אין אמת'ן טאַקי?" האָט זי געטראַכט אין שרעק.
זי האָט געוועקט איהר חבר'טע:
— מאַריאַ, דולט זיך, צו אונז...
נאָר קראַטאָוואַ האָט נישט אויפגעוואַכט, ביז די טריט זענען געוואָרען גאָר נאָהנט, און מען האָט אָנגעקלאַפּט אָן דער טהיר.
— ווער איז דאָרט? — האָט פידלער געפרעגט.
אַ טעלעגראַם, — האָט זיך געהערט דער בעקאַנטער ענטפער.
קראַטאָוואַ האָט זיך אויך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, געעפענט ברייט די אויגען און אַרומגעקוקט זיך, ווי זי זאָל וועלען דערגעהן, וואָס דאָ איז געשעהן. נאָר דערהערענדיג דאָס וואָרט „אַ טעלעגראַם", איז איהר באַלד אַלץ קלאָר געוואָרען, און זי האָט זיך געכאַפּט אויף דער גיך אָנטהון.
אָן דער טהיר האָט מען גענומען קלאַפּען נאָך שטאַרקער.
— וואַרט אַ ווײַלע, מיר טהוען זיך אָן. — האָט קראַטאָוואַ געזאָגט.
— מיר וועלען די טהיר אויסברעכען; שיסען, די מינוט עפענען!
— מען קאָן? האָט קראַטאָוואַ האָט געפרעגט פידלער'ן, וואָס האָט געהאַלטען בײַ'ם אָנטהון דעם ערשטען שוך.
נאָר בײַ דער טהיר האָט מען גענומען רײַסען אַזוי שטאַרק, אַז עס איז נישט געבליבען קיין אַנדערע עצה, ווי באַלד צו עפענען.
עס איז אַרײַנגעקומען אַ זשאַנדאַרמסקער אָפיצער, אַ הויכער, אַ בלאַסער, מיט זעהר לאַנגע וואַנסעס, עטליכע פּאָליציאַנטען און דער שטרוזש פון הויז. אין צימער איז אַלץ ענג געוואָרען. עס האָט זיך אָנגעהויבען די רעוויזיע.
„הייסט עס, איך בין אַרעסטירט — האָט פידלער געטראַכט — נו גוט, אַבי אַ סוף, אַבי אַנ'ענדערונג". און דאָך האָט איהר האַרץ

געקראַפּט, אין מויל איז איהר מיט איינמאָל געוואָרען שרעקליך טרוקען, און אויף די געוועהנליכע פראַגען, ווער זי איז, האָט זי געענטפערט מיט אַ ציטעריג קול. פאַר דאָס האָט קראַטאָווא געענטפערט גאַנץ רוהיג, און נאָר אין איהרע אויפגעריסענע, ברייט־געעפענטע אויגען איז געווען צו דערקענען, אַז זי איז אויפגערעגט.

דער אָפּיציער האָט נישט געהאַט לאַנג צו זוכען. אין שופ־לאַד פון טיש האָט ער באַלד געפונען עטליכע בראָשורען, בע־טראַכט זיי, אין דער האַנד, דורכגעלעזט די טיטלען און האָט צו־פריעדען געשמייכעלט.

— אָט האָבען מיר אויך געפונען, — האָט ער גערעדט, צי־הענדיג פאַר אַ וואָנסע און בעטראַכטענדיג מיט אַ שמייכעל די צוויי מעדלעך.

— וועמען געהערט דאָס? האָט ער געפרעגט שטרענג.

„דאָס איז מיין“, האָט פּידלער געוואָלט ענטפערען, נאָר זי האָט געשוויגען. איהר האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט בעוועגט די ליפען, אַז זי האָט די ווערטער גערעדט, נאָר זיי זענען עפּעס נישט אַרויס פון איהר מויל. פאַר דאָס האָט זי קלאָר און דייטליך געהערט, ווי קראַטאָווא האָט געזאָגט:

— דאָס געהערט מיר.

און דער אָפּיציער האָט געענטפערט:

— גוט.

„דאָס וויל זי נעהמען אַלץ אויף זיך און מיך פריי מאַכען — האָט זי געטראַכט — ניין, ניין! דאָס וועט אַזוי נישט בלייבען, בשום אופן נישט“. זי איז געשטאַנען און געגלאָצט מיט די אויגען און געזוכט עפּעס צו טהון.

— אַלזאָ איז דאָס אייער, קראַטאָווא — האָט דער אָפּיציער געזאָגט — און איהר וואָס האָט נאָך, פּידלער? גיט בעסער באַלד אַהער, וועלען מיר פערשפּאָרען צו זוכען. אַ שאָד די צייט.

פּידלער האָט געענטפערט בעז:

— זוכט, אויב איהר ווילט.

די פּאָליציאַנטען האָבען גענומען שאַרען אין אַלע ווינקלען. דער אָפיציער האָט קאָמאַנדעוועט, געזוכט אין אויבען, אין בעט, אונטער'ן בעט, געקלאַפּט אין דער וואַנד, נאָר מעהר האָט ער גאָרנישט געפונען. קראַטאָוואַ איז די גאַנצע צייט געשטאַנען נעבען טיש. פיהלענדיג זיך אַרעסטירט, האָט זיך איהר געדאַכט, אַז זי קאָן זיך נישט אַליין, מיט איהר אייגענעם ווילען, בעוועגען. פידלער איז געזעסען אויפ'ן בעט, און אין איהר מוח איז פאָרגעקומען אַ פיינדליכע אַרבייט.

„ניין, ניין! דאָס קאָן אַזוי נישט בלייבען!“ — האָט זי געטראַכט — מען דאַרף זאָגען, אַז דאָס איז מיין“. און האָט זיך פאָרגענגרייט דאָס צו זאָגען, נאָר זי האָט נישט געוואוסט, אין וואָס פאַר אַ פאָרם דאָס צו טהון. דערנאָך איז איהר געקומען אַן אַנדער געדאַנק אין קאָפּ אַריין: קראַטאָוואַ וועט זי סיי־ווי־סיי דערמיט נישט העלפען, און שטאָדט איין אָפּפער, וועלען נאָר זיין צוויי. אויסער דעם האָט זי נישט געוואוסט, צי מען וועט זי אַזוי אויך נישט אַרעסטירען, און שפּעטער, אויפ'ן „דאָפּראָס“, דעמאָלט וועט מען שוין זעהן...

פלוצלונג האָט זיך קראַטאָוואַ אויסגעדרעהט צו איהר מיט'ן פּנים, זייערע בליקען האָבען זיך געטראָפען, און פידלער האָט אין דעם מאָמענט דערפיהלט אַ ברענענדיגען וועהטאָג אין איהר האַרץ:

„אַ שאַנד! אַ שאַנד! איך בין אַ פאַלשע, אַ פאַלשע, אָ פּאָדלע! אַ פעררעטערין!“ האָט זי זיך געזידעלט.

דער פּראָטאָקאָל איז שוין געווען פאַרטיג, דער אָפיצער האָט איהם דורכגעלעזען און געגעבען אַלע זיך אונטערצושרייבען. פידלער האָט שוין יעצט געוואוסט אויף זיכער, אַז קראַטאָוואַ איז אַרעסטירט, און זי בלייבט פריי, און האָט נאָך געמאַכט די לעצטע אָנשטרענגונג:

— נעמט אויך מיך. — האָט זי געזאָגט צו דעם אָפיצער. ער האָט נאָר ווידער געצויגען רוהיג אַוואָנסע און געענטפערט:

— עס וועט קומען אַ צייט, וועט מען אויך אייך נעהמען דער־וויל שפּאַצירט נאָך אויף דער פריהייט, פריילין. און איהר, סו־דאַריניאַ — האָט ער זיך געווענדעט צו קראַטאָוואַ — ערלויבט זיך אָנצוטהון. מיר געהען.

קראַטאָוואַ האָט אָנגעטהון איהר זשאַקעט און איז צוגע־גאַנגען זיך געזעגענען מיט פידלער. איהרע אויגען האָבען גע־פינקעלט פאַר פרייד. זי האָט זיך קענטיג, שוין צוגעוואוינט צו דעם געדאַנק, אַז זי איז אַרעסטירט, און איז צופריעדען געווען און שטאָלץ, וואָס זי האָט זיך אַזוי גוט געהאַלטען.

— בלייב געזונד, — האָט זי געזאָגט — אַהיים קאָנסט דו שריי־בען, אויב מען וועט פרעגען. נאָר שרייב, אַז איך וועל באַלד פריי ווערען. געדענק.

און זיי האָבען זיך צוקושט.

— בלייב געזונד, טייערע, — האָט פידלער געזאָגט און געוואָלט זיך עפּעס פערענטפערען; נאָר זי האָט מעהר נישט גע־קאָנט רעדען. זי איז פּלוצלונג אויסגעבראָכען אין אַ געוויין.

— פערציי‎ה... פערצייה... האָט זי נאָר געשטאַמעלט — איך בין אַ פאַלשע... אַ פאַרדע...

באַלד האָט מען אַוועקגעפיהרט קראַטאָוואַ. ביי'ם אַרויס־געהן פון דער טיהר, האָט זי זיך אומגעדרעהט און געקוקט אויף פידלער. אין איהרע אויגען איז געווען דער זעלבער גלאַנץ, און אויף איהר גאַנץ פנים איז געווען אויסגעגאָסען אַ געפיהל פון וויכ־טיגקייט. פידלער האָט נאָך געוואָלט צוגעהן צו איהר, נאָר אין דעם זעלבען מאָמענט האָט קראַטאָוואַ איבערגעטרעטען דעם שוועל, און נאָך איהר איז אַרויס פון צימער דער אָפיצער מיט די פּאָליציאַנטען.

זי איז געבליבען אַליין אין איהר צימער, אַליין מיט איהר

שווער געווינסען, אליין מיט איהרע טרעהרען. פון וואנד האָט נאָר געווינקען די נייע בלוזע. —

די עטליכע שעה, ביז עס איז טאָג געוואָרען האָבען זיך געצויגען ווי א גאנצע עבינקייט. זי האָט שוין געהאַט געשפּאַנט א צייט־לאנג איבער איהר צימער אַרויף און אַראָב און געדריקט איהרע שלעפען מיט די הענד, ביז זי איז מיעד אַנידערגעפאַלען אויפ׳ן בעט, בעדעקט מיט׳ן קישען דאָס פּנים און געוויינט; זי האָט שוין צוגעגאָסען נאַפט אין דער לאָמפּ, וואָס האָט געהאַלטען ביי׳ם אויסגעהן, — און די נאַכט האָט זיך געשלעפּט און געשלעפּט גאָר אָהן א סוף. אָם ענדע האָט די פינסטערקייט אויף די שויבען אָנגעהויבען העלער צו ווערען. עס האָט געטאָגט.

פידלער האָט אויסגעלאָשען די לאָמפּ, אויפגעמאַכט דעם פענסטער און אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ. א לינדער ווינד האָט געבלאָזען, דער הימעל איז געווען קלאָר, אָהן וואָלקען, און ציטערינגע שטערען האָבען נאָך קוים־קוים געשימערט. זי האָט זיך געפיהלט מיעד, שרעקליך מיעד און האָט זיך געזעצט אויף א בענקעל נעבען פענסטער און געטראַכט. די העלקייט פון אויפגעהענדיגען טאָג האָט אַריינגעבראַכט א פרישקייט און קלאָרהייט אין איהרע פערוווירטע געדאַנקען.

און אין דער פריה, ווען זי האָט פערלאָזט איהר צימער, איז ביי איהר אַלץ שוין קלאָר געווען און פאַרטיג: זי מוז אַוועקפאָהרען! א וועק פון דאַנען, וואו איהר לעבען האָט זיך אזוי פערפלאָנטעט, א וועקפאָהרען און צוריק ווערען די זעלבע וואָס א מאָל, — מיט איהר שטילער בענקשאַפט, מיט איהרע שטילע ליידען, מיט איהרע שטילע חלומות.

נאָך דעם זעלבען טאָג, נאָכמיטאָג, איז זי אַריינגעקומען צו ד״ר וויינשטיין. ער האָט זיך דערשראָקען פאַר איהר פּנים. זי איז געווען בלאַס און האָט געהאַט אַן ערנסט שרעקליך אויסזעהן.

— וואס איז אייך? איהר זייט נישט געזונד? זעצט אייך... האט ער געזאגט.

נאר זי האט זיך נישט געזעצט.

— איך בין געקומען זיך מיט אייך געזעגענען, הערר ווייג־שטיין, איך פאהר נאך היינט אוועק. יא, מיר פעהלט נאך צו עטליכע רובל אויף דער הוצאה. איהר קאנט מיר בארגען?

— נאר וואס איז אייך, וואס? איך פערשטעה נישט... זעצט אייך. — און ער האט איהר צוגעטראגען א בענקעל.

פידלער האט זיך פארגענומען צו זיין מיט איהם שטרענג. דורך דער נאכט האט זי איהם נישט איינמאל טיעף געהאסט. נאר יעצט, פיהלענדיג זיין גוטען, ווייכען בליק אויף זיך, האט זי ווידער עפעס ווי מורא געהאט, זי זאל איהם נישט בעלעדיגען, און האט זיך געזעצט.

— נו דערצעהלט: וואס איז? צו וואס פאהרט איהר?

— איך דארף פאהרען. איך האב שוין געענדיגט: וואס זאל איך דען דא טהון?

— הערט, — האט ער געזאגט, און זיין שטימע איז געווארען ערנסט, אהן לייכטקייט און אהן שמייכעל — הערט, ליובא, בלייבט דא, בלייבט און זייט מיין פרוי, איך ליעב אייך...

ער האט גענומען איהר האנד. א ווייעלע האט זי געטראכט, נאר באלד האט זי לייכט ארויסגעצויגען איהר האנד פון זיינע און געזאגט:

— ניין, ה׳ ווייגשטיין. דאס איז אונמעגליך. איהר האט געהאט א טעות. ענטשולדיגט.

זי האט די ווערטער ארויסגערעדט קלאר און דייטליך, מיט פערגעניגען און שטארקקייט, און געפיהלט, ווי יעדעס ווארט מאכט איהר לייכטער און פרייער דאס הארץ.

ד״ר ווייגשטיין האט נאר אויסגעווישט זיין שטערן מיט דער האנד. זיין פנים האט אנגענומען א ליידענדען אויסדרוק. ער האט עטליכע מאל געשפאנט איבער׳ן צימער און געזאגט.

— ענטשולדיגט אויך...

בײַ איהר אַרויסגעהן, האָט ער איהר פֿעסט געדריקט די האַנד, אויף זײַן פּנים איז ווידער געלעגען דער קאַלטער שמייכעל, און ער האָט געזאָגט:

— ענטשולדיגט, ענטשולדיגט. דערמאָהנט נישט צו'ם בייזען.

און אין עטליכע טעג אַרום איז פ י ד ל ע ר אַוועק פון וואַרשע.

* * *

פון יענער צײַט זענען שוין דורך צוויי יאָהר ד"ר ווײַנ־שטײַן האָט געלעבט אין אויסלאַנד. דורך דער צײַט איז דער פֿאָטער איהם געשטאָרבען ער האָט בעקומען אַ גרויסע ירושה און האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טהון מיט דעם געלד, וואָס צו טהון מיט זיך. וועגען פ י ד ל ע ר האָט ער שוין געהאַט פֿערגעסען.

אַ צופֿאַל אָבער האָט איהם דערמאָהנט אָן איהר. ערשט נישט לאַנג האָט ער געוואוינט אין דער שווייץ, בײַ איינעם פון איהרע שענע זעען. אָבענדס האָט ער לאַנג שפּאַצירט ביז שפּעט אין דער נאַכט, און איז אַהיים געקומען שלאָפֿען. אין בעט, פֿאַר'ן שלאָף, האָט ער, ווי געוועהנליך, גענומען לעזען די רוסישע צײַ־טונג, וואָס האָט איהם געבראַכט יעדען טאָג נײַעסען פון דעם לאַנד, וועלכעס האָט בײַ איהם שוין אויסגעזעהן ווי אַ פֿרעמדע וועלט. אָט אין דער צײַטונג האָט ער געטראָפֿען דעם בעקאַנטען נאָמען:

„נעכטען איז דאָ אויפֿגעהאַנגען געוואָרען די מערדערין פון גענעראַל A, די יודין, ל י ו ב אַ פ י ד ל ע ר" — האָט ער דאָרט געלעזען.

ער איז יענע נאַכט מעהר נישט געשלאָפֿען, נאָך עטליכע טעג דערנאָך געווען ווי בעטױבט, און בײַנאַכט האָבען זיך איהם געחלומט באָמבעס און געהרג'טע, תליות און שטײַפֿע מענשליכע קערפּער, וואָס דער ווינד האָט געשאָקעלט...

בְּרִיעף.

יעקב בענדער, אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר דרייסיג, אַ הויך־געוואַקסענער מיט אַ מאָגער, בלאַס פנים, מיט פיעל קנייטשען אויפ'ן שטערן און מיט אַ געגאָלטער באָרד האָט געשפּאַנט איבער זיין צימער אַרויף און אַראָב, פערטיעפט אין געדאַנקען. אויפ'ן טיש איז געלעגען אַ בריעף, וואָס ער האָט ערשט דערהאַלטען פון רחל'ן. פון דעם זעלבען מעדעל, וואָס ער האָט צוויי יאָהר נאָכאַנאַנד נישט געלאָזט פון אויג, און וואָס יעצט האָבען אַלע זיינע געדאַנקען געפלאַטערט אַרום איהר. יעדעס מאָל, ווען ער איז פערביי געגאַנגען פאַר'ן טיש, האָט זיין בליק זיך ווי אונגערן אָנגעשלאָגען אָן דעם בריעף.

קלאָר זענען יעצט זיינע געדאַנקען נישט געווען; ער האָט נאָר געטראָגען איין געפיהל אין האַרצען, אַ געפיהל פון צופריעדענהייט און פון זיעג. און איז געווען, נישט ווי געוועהנליך אויפגעמונטערט. אין אַזאַ אַרט צושטאַנד האָט ער געקאָנט שפּאַנען איבער'ן צימער דריי, פיער שעה, איבערגעבען זיך אין רשות פון לייכטע, פלאַטערדיגע געדאַנקען, און פיהלען דערביי אַנ'ערלייכטערונג, ווי עמיץ וואָלט איהם שטיל געגלעטען די האָר און איינרוימען: „דו ביזט אַנ'ערנסטער, אָרענטליכער מענש, בענדער: נישט אומזיסט...”

אין זיין צושפּיעלטער [illegible] אַזויע האָבען זיך אַלע ווײַלע אָנגערופען פון דאָס ניי די ווערטער, וואָס רחל האָט געלאָזט פאַלען אין איהר בריעף ווי אונגערן: „נאָך דעם אַלעם מוז איך מודה זיין, אַז איך קען אייך נית: האָט איהר מיך ליעב?” און יעדעס מאָל, ווען די ווערטער האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט אין זיין געדעכטניש, האָט אַ צופריעדענער שמייכעל געשפּיעלט אויף זיינע ליפּען,

און ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס ר ח ל האָט איהם אַמאָל געזאָגט, אַז זיין געלעכטער איז עפּעס אַ מאָדנער, אַז אַפילו ווען ער לאַכט, בלייבט זיין פּנים ערנסט און טרויעריג ווי געוועהנליך. דאַמאָלסט, ווען זי האָט איהם דאָס געזאָגט, האָט ער עס זיך גענומען צום האַרץ און עס האָט איהם געערגערט: יעצט פערקעהרט, האָט דער געדאַנק נאָר אַרויסגערופען צופריעדענהייט און שטאָלץ, ווי אַלע איבריגע געדאַנקען, וואָס האָבען זיך געטראָגען אין זיין קאָפּ.

אַ סקריפּ פון דער טהיר, וואָס מען האָט געעפענט, האָט איבערגעריסען דעם פאָדעם פון זיינע געדאַנקען, אין צימער איז אַריינגעקומען די דיענסט, אַ יונגע שענע קריסטין, און איז געבליבען שטעהן, ווי געוועהנליך, ביי דער טהיר, אַ שטייגער ווי זי וואָלט מורא האָבען נעהענטער צוצוגעהן צו איהם.

— דער „פּאַן" וועט טרינקען טהעע? — האָט זי געפרעגט.

ב ע נ ד ע ר האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף יאָ, האָט געשמייכעלט און געזאָגט:

— איך וועל טרינקען.

די דיענסט האָט אויסגעזעהן יעצט גאָר בעזונדערס שען, דאָס גרינגע ליכט פון דער לאָמפּ, וואָס האָט בעדעקט איהר פּנים און איהר ברוסט, האָט צוגעגעבען עפּעס אַ בעזונדערען רייץ צו איהר איינפאַכער שענקייט. זי איז, ווי געוועהנליך, געשטאַנען אַ ווייַלע ביי דער טהיר און נישט גערירט זיך פון אָרט. דער גאַנצער ב ע נ ד ע ר, זיין בליק, וואָס זי האָט ניט געקענט פערטראָגען, זיינע קורצע אָבגעהאַקטע ענטפערן און זיינע נערוועזע גיכע בעוועגונגען — זענען איהר מאָדנע פאָרגעקומען און האָבען בעליידיגט איהר ווייבליכעס זעלבסט-געפיהל. זי איז געוועהנט געווען צו יונגע לייט, וואָס זענען איהר נאָכגעלאָפען, וואָס האָבען זי געקושט און אַרומגענומען, און וואָס זי האָט אָבגעשטופּט און געזידעלט. ב ע נ ד ע ר אָבער האָט מיט איהר פיעל ניט גערעדט, ניט געקושט זי,

אפילו זי ניט איינמאָל אָנגעריהרט. און דאָך, יעדעס מאָל, ווען ער איז צו איהר נעהנטער צוגעגאַנגען איין טריט, האָט זי זיך דער־שראָקען און איז בלאַס געוואָרען. איהר האָט זיך געדוכט, אַז אָט פאַלט ער אָן אויף איהר...

בענדער, וואָס האָט זיך יעצט געפיהלט אויפגעמונטערט און פרעהליך, האָט זיך געווענדעט צו איהר מיט אַ שמייכעל.

— צי האָט מאַריאַשאַ אַ חתן?—

— אַ חתן? פון וואַן זאָל איך האָבען אַ חתן? איך דאַרף ניט קיין חתן.

— נאָר... און בענדער האָט געפיהלט, אַז די צונג בע־וועגט זיך איהם ניט פריי, און וואָלט שוין צופריעדען געווען, די דיענסט זאָל אַרויסגעהן פון צימער, זי אָבער איז ווייטער געשטאַ־נען און געזאָגט מיט אַ געלעכטער:

— איך האָב געהאַט אַ חתן. פאַר צוויי יאָהר האָב איך גע־האַט אַ חתן, כ׳וואָלט געהאַט פיעל געלד. וואָלט איך געהאַט אַ חתן...

— נו, זאָל מאַריאַשאַ ברענגען טהעע.

די דיענסט איז אַרויסגעגאַנגען, באַלד איז זי צוריקגעקומען און געבראַכט טהעע, נאָך אַמאָל איז זי געבליבען שטעהן אַ ווײַלע ביי דער טהיר און האָט געקוקט אויף בענדער׳ס קאַרק, וועלכער איז געזעסען בײַ׳ם טיש איינגעבויגען, ווי פערזונקען אין געדאַנקען. ער האָט עקסטראַ ניט אויסגעדרעהט זיך און האָט נאָר געפיהלט איהר נאָהענטקייט, וואָס איז יעצט איהם געווען צו לאַסט. אַם ענדע איז זי אַרויס פון צימער; בענדער האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט. גענומען שפּאַנען אַרויף און אַראָב און איבערלעגען זיך אין קאָפּ אַ בריעף צו רחל׳ן.

„איך האָב קיינמאָל נישט געזאָגט קיין ליעגען און וועל ניט זאָגען!" האָט ער געטראַכט מיט שטאָלץ אויפגערעגטערהייד. „איך וועל פּרובירען צו געבען איהר מײַן האַרץ נאַקעט אַזוי ווי עס איז;

איך וויל זיין פאר איהר, וואס איך בין". ער האט זיך צוריקגעזעצט, איבערגעווישט מיט דער האנד דעם שטערן, א ווײַלע געגלאצט אויפ'ן שפיץ פעדער, וואס ער האט געהאלטען אין דער האנד, און האט גענומען שרייבען:

„טײַערע רחל:

„אט ערשט יעצט האב איך דערהאלטען אייער בריעף, וואס האט מיין הארץ דערפילט מיט צופריעדענהייט און פרייד. און איך איל אייך, באלד צו ענטפערען, ניט אלטענדיג, וואס איך דארף געבען אנ'ענטפער אויף אזא שווערע און ערנסטע פראגע, ווי די, וואס איהר האט מיר פארגעלעגט. איך וויל איינמאל רעדען ווי מיט מיין אייגען הארץ, דערקלערען אייך, טײַערע, און אויך מיר אליין קלאר מאכען מיינע געפיהלען.

„איך האב אייך שוין געשריבען, אז די לעצטע צייט, זינט איך האב בעקומען א שטעלע און פיהר אנ'אנשטענדיגעס, רעגולערעס לעבען, פיהל איך מיך זעהר שלעכט און אונצופריעדען, מיינע נערווען זענען נאך מעהר אויפגערעגט. מיינע אלטע בעקאנטע דערווייטערען זיך פון מיר איינער נאכ'ן אנדערן, גלייך איך וואלט בעגאנגען א שווערע זינד, און, דעם אמת זאגענדיג, פיהל איך מיך אליין אויך זינדיג... פאר וואס? — איך ווייס ניט. פיליײַכט דעריבער, ווײַל איך בין געוואוינט שוין עטליכע יאהר צו וואוינען אין אנ'ענג, שמוציג צימערעל, ניט צו דערעסען און ניט צו דערשלאפען, טייל מאל צו הונגערן, מיט איין ווארט: ווײַל איך האב מיך צוזאמענגעלעבט מיט דער נויט. יעדער אנפאנג איז שווער. איך וועל צוגעוועהנט ווערען און דאמאלסט וועל איך לעבען, ווי אלע מענשען ארום מיר, זאל זיין וואס ס'וויל! מ'קען מיך רופען „בורזשוא". „א מענש פון דער מענגע"; איין זאך וועל איך ניט לאזען צונעהמען ביי מיר, איין זאך נאר ווייס איך זיכער; איך האב קיין ליעגענט ניט געזאגט, איך האב קיינמאל ניט ג ע ו ו א ל ט ליעגענט זאגען. און דאך גלויבט מיר, טײַערע, אז פון אינגעלוויי אן ביז

יעצט האָט זיך נאָך ניט געטראָפֿען, איך זאָל רעדען מיט אַ מענשען אַ לענגערע צײַט, און איך זאָל דערבײַ ניט האָבען דאָס אונאַנגענעהמע. עקעלדיגע געפֿיהל: אַז איך בעהאַלט עפּעס אין מיר, אַז איך מאַך מיך שענער און בעסער, אַז איך בין ניט, וואָס איך בין. נאָר מיט אײַך, טײַערע, האָב איך פֿערבראַכט פֿיעל שטונדען, ניט צו האָבען דערבײַ דאָס עקעלדיגע זינדיגע געפֿיהל. און אויך יעצט שרײַב איך אײַך און מײַן האַרץ פֿיהלט זיך פֿרײַ און וואָהר דערבײַ.

„אײַך האָט געוואונדערט מײַן אויפֿפֿיהרען=זיך די גאַנצע צײַט ווען איהר זײַט דאָ געווען, קײן אײנציג קלאָר וואָרט האָב איך אײַך ניט געזאָגט: קײן אײנמאָל ניט געדריקט מיט ליעבע אײַער האַנד, דאָס האָט אײַך געוויס בעלײדיגט. איך פֿערשטעה דאָס, נאָר וואָס האָב איך געקענט טהון? איהר דאַרפֿט וויסען, אַז פֿון מײַן גאַנצען זוכען, פֿון מײַנע אַלע שטרעבונגען, פֿון אַלעם דעם, וואָס האָט געגעבען, ווי מען זאָגט, אַן׳אינהאַלט מײַן לעבען, אַז פֿון די גאַנצע צעהן פֿערוואָגעלטע יאָהרען איז מיר גאָרנישט געבליבען, וואָס איך זאָל דערויף זאָגען: „אָט דאָס וויל איך און דאָס איז מיר ליעב״, און נאָר איהר, טײַערע, זײַט מיר געבליבען. פֿיעל, זעהר פֿיעל האָב איך געטראַכט וועגען אײַך. צי האָב איך געקענט אויסקלײַבען אַ וואָרט פֿון ווערטער=בוך און אײַך זאָגען? האָב איך געקענט ליעגען זאָגען פֿאַר דער אײנציגער בעשעפֿעניש, מיט וועלכער איך האָב מיך געפֿיהלט פֿערבונדען? נײן! דאָס האָב איך ניט געקאָנט טהון. איהר זײַט מיר צו טײַער, און פֿיהרען זיך זינדיג געגען אײַך האָב איך ניט געוואָלט.

„צי איך ליעב אײַך? — יאָ, געוויס.

„איך דערמאָן מיך אײן אָבענד אין אײַער צימער, איהר האָט פֿיעל געלאַכט און זײַט געווען זעהר שען. אײַערע האָר און אײַער גאַנצער צאַרטער פֿרישער קערפּער האָבען געלאַכט. אײַערע שוואַרצע אויגען האָבען געפֿינקעלט און געשפּראָצט מיט נחת און לוסט, און

יענץ שטרענגעם דורכדרינגענדעם פייערעל, וואָס האָט מיך צוריק געשטויסען יעדעס מאָל, ווען איך האָב מיך געוועלט דערנעהנטערען צו אייך — יענץ פייערעל האָט מעהר ניט געפינקעלט אין אייערע אויגען, איהר זייט געוועזען אינגאַנצען לוסט און געלעכטער. און איך געדענק, אַז יעדעס מאָל, ווען איהר האָט הויך זיך צולאַכט, האָב איך געפיהלט ווי אַ וואַסער־פאַל וואָלט אָנקלאַפּען אויף מיינע געהירען. איך בין מיעד געוועזען און האָב מיך געלעגט אויף דער זאָפע. איהר זייט צוגעגאַנגען, אָנגענומען מיך פאַר דער האַנד און מיך געצויגען. דוכט זיך, איהר האָט געזאָגט: „זעהט נאָר, ווי ער האָט זיך צעלעגט"! און דאַמאָלס — דער מאָמענט שטעהט לעבעדיג אין מיין געדעכטעניש — איז ווי אַ מעכטיגער שטראָם דורך מיין גאַנצען קערפּער. איך האָב געוואָלט אייך אַרומנעהמען, פאַלען אויף אייער האַלז און וויינען. איך האָב אָבער דאָס ניט געקאָנט טהון אין אָנוועזענהייט פון אַנדערע. און אַז איהר האָט אייך אָבגערוקט פון מיר, האָט מיין גאַנצער קערפּער געציטערט ווי אין אַ פיבער; אַ גרויסע מיעדיגקייט האָט מיך בעוועלטיגט, דער קאָפּ איז געוועזען לער און נאָר דעם שטראָם האָב איך דאָרט געפיהלט, ווי ער וואָלט אויף עביג פערגליווערט געוואָרען אין מיר... און יענע נאַכט, אַז איך בין אַ היים געקומען אין מיין צימער, האָב איך געפיהלט, אַז איך בין ניט מעהר עלענד און איינזאַם — און דאָס האָט מיך געפרעהט. נאָר דאָס געפיהל איז דורך, האָט זיך נאָר אָבגעשטעלט אין מיין געדעכטניש, און פיעל־פיעל מאָל האָב איך אייך געוואָלט עפּעס זאָגען און האָב ניט געקאָנט.

„איהר געדענקט געוויס דעם פאָריגען שבועות, ווען מיר זענען געגאַנגען שפּאַצירען אונטער דער שטאָדט. מיר האָבען די קאָמפּאַניע געלאָזט אונטער זיך און געגעגאַנגען זעלבער־צוויי פאָר־אויס. אין מיטען וועג זייט איהר אַרויפגעגאַנגען אויף אַ קליין בערגעל און זייט אַזוי געשטאַנען. זעהר שען זייט איהר דעמאָלט געווען, יונג, פריש, פול לעבען זייט איהר געשטאַנען, ווי אַ בוים

אין בליהען. איך דערמאהן מיך אייער פנים, אייערע האר און די לעצטע שטראהלען פון דער זון, וועלכע האבען געשפיעלט אויף אייך, אייערע אויגען, וואס האבען געבליקט מיט אזוי פיעל ווייכהייט און בענגשאפט העט־ווייט, דארט אהין, וואו ס'איז געשטאנען א קליין הייזעל און האט אינגאנצען געפינקעלט, בעגאסען מיט ליכט. איך דערמאהן מיך אן דעם בליק, וואס איהר האט געווארפען אויף מיר, און ווי איהר זייט פלוצלונג אראבגעשפרונגען פון בערגעל מיט אויסגעשפרייטע ארימען... דעמאלט האב איך געוואלט צו לויפען און אייך אריינעהמען צווישען מיינע ארימען. נאר איך האב פערשפעטיגט. די קאמפאניע איז אנגעקומען.

„שטענדיג האט מיך עפעס געשטערט, שטענדיג איז דאס געפיהל אבגעשטארבען אין הארצען, איידער נאך ס'איז ארוים אויף דער ליכטיגער וועלט.

„אז איהר זייט געפאהרען פון דאנען, און איך האב אייך בעלייט, האב איך די גאנצע צייט געטראכט אייך עפעס צו זאגען — און האב געשוויגען. איך האב ניט געוואוסט, וואס צו זאגען. עטליכע מינוטען, איידער דער צוג האט געריהרט, האב איך שוין געפיהלט, אז אלץ בלייבט ביי'ם אלטען. און מיט שרעק האב איך געווארט אויף דעם מאמענט, ווען דו וועסט פערשווינדען און פאר מיינע אויגען וועט בלייבען דער לערער רוים. איך האב געמיינט, אז עפעס וועט געשעהן: איך וועל וויינען, לאכען, שרייען... און איך בין צוריקגעקומען א היים מיט א וויסט הארץ.

„איך ווייס ניט, וואס מיט מיר איז. מיר הייבט אן צו שווינדלען אין קאפ. איך הער מענשען רעדען וועגען ליעבע, האס, קנאה און פערשיעדענע אנדערע זאכען. טיילמאל דוכט זיך מיר, אז זיי פלוידערן נאר, אז זיי זענען ניט ווארהאפטיג, אז אין אמת'ן איז אויף דער וועלט נישט דא, נישט קיין ליעבע, נישט קיין האס, נישט קיין קנאה און דעסטגלייכען. עס זענען פערהאן נאר טויזענדער פערשיעדענע פארבייגעהענדיגע געפיהלען, נישט עהנליכע

איינס צו׳ם צווייטען; דער מענש אַליין ענדערט זיך פֿון מינוט צו מינוט... און ווען איך טראַכט אַזוי, ווערט מיר לייכטער אויפֿ׳ן האַרץ. דעמאָלט געפֿין איך אין זיך דאָס העלער זיין איבער אַנדערע, דאָס געפֿיהל פֿון שטאָלץ, וואָס קלעבט אָן מיר פֿון מיינע יאָהרען. דעמאָלט זאָג איך מיר: איך קאָן ניט לעבען, ווייל איך בין קלוג, ווייל איך האָב אָפֿענע אויגען. זעלטען אָבער פּאַסירט דאָס מיט מיר. געוועהנליך טראַכט איך: טאָמער? ווער ווייס? פֿילייכט איז יע מיין האַרץ אַזוי פֿערדאָרבען, פֿילייכט נאָר מיין לעבען איז אַזוי צובראָכעלט, פֿילייכט זענען שולדיג דאָ נאָר די צעהן פֿערוואָגעלטע יאָהרען אָהן פֿריינד און פֿאַמיליע, אָהן הויז און אָהן אַ ווייבליך וועזען?

„איך שרייב אייך דאָס אַלץ, אום איהר זאָלט וויסען מיין זעעלען־צושטאַנד, אום איהר זאָלט פֿערשטעהן, פֿאַרוואָס איך האָב געשוויגען און ניט אַרויסגערעדט די עטליכע ווערטער, וואָס האָבען אייך געקאָנט פֿערבינדען מיט מיר. איך האָב געשוויגען, ווייל איך האָב ניט געוואוסט; ווייל איך האָב ניט געוואָלט רעדען ליגען.

„וואָלט איך שוין געהאַט אַמאָל אין מיין לעבען ליעב געהאַט, וואָלט איך פֿערגלייכט מיינע יעצטיגע געפֿיהלען מיט די יעניגע, און וואָלט געוואוסט. נאָר איך האָב קיינמאָל ניט געליעבט, ניט אַמאָל אַרומגענומען, ניט אַמאָל געקושט אַ פֿרוי״...

בענדער האָט פּלוצלונג אויפֿגעהערט צו שרייבען, און משונה׳דיג פֿערקרימט זיין פּנים: געעפֿענט דאָס מויל, און פֿון זיין געזיכט איז געוואָרען איין קנייל פֿון קנייטשען. אין זיין קאָפּ איז געוואָרען אַ מיש־מאַש, וואָס פֿלעגט יעדעס מאָל פּאַסירען מיט איהם, ווען ער האָט זיך דערמאָהנט אַ מיאוסע געשיכטע פֿאַר דריי יאָהר מיט אַן אַנדער מעדעל אין אַן׳אַנדער שטאָדט, וואָס ער איז זיך מיט איהר בעגאַנגען אַזוי ווי מיט רחל׳ן, און איינמאָל, ווען זיי זענען געבליבען אַליין, האָט ער זי פּלוצלונג אַרומגענומען, און זי האָט איהם אָבגעשטויסען און געשריען: „אונפֿערשעמטער!״... עטליכע

סעקונדען זענען פערביי ביז בענדערן איז קלאר געווארען אין קאפ און ער האט אויפגעצייכענט אויף א שטיקעל פאפיר דריי מאל: „אונפערשעמטער, אונפערשעמטער, אונפערשעמטער”. ווידער איז ער זיך עטליכע מאל איבערגעגאנגען איבער'ן צימער און האט וויטער געשריבע:

„איין זאך נאר ווייס איך זיכער: אז פון קינדווייז אן, ביי דער גרעסטער אויפרעגונג; ווען איך האט גערעדט מיט דער שטארקער בעגייסטערונג פאר צוהערער; ווען איך האב געלאכט און געטרייסעלט זיך פאר געלעכטער — שטענדיג איז איין געדאנק געלעגען בעהאלטען אין א ווינקעל פון מיין מח: „ווען דו וואלסט געוואלט, בענדער, וואלסט דו געקאנט זיין רוהיג”. די שטימע האב איך שטענדיג געהערט ארויסרעדען פון מיין אינערליכען וועזען.

„אזוי, מיין ליבע, איך בעלעסטיג אייך אומזיסט מיט'ן לעזען מיין בריעף, און איהר פערצייהט מיר. איך מוז דאך זיין וואס איך בין, חאטש פאר איין לעבעדיג בעשעפעניש: פאר אייך, טהייערע. „בעגעהר איך אייך?” — א! ווי לייכט מיר איז צו ענטפערען אויף אזא פראגע: יא, יא און יא! נאך מעהר, טהייערע, איך פיהל, אז אויסער אייך האב איך גארניט, אז לעבען אהן אייך איז מיר כמעט אונמעגליך. איך האב קיין פריינד, קיין נאהענטען ניט, קיין חבר, קיין פערטרויט הארץ. די בעקאנטע דערווייטערען זיך פון מיר, ניטא מעהר, וואס ס'זאל מיך פערבינדען מיט זיי. איך בין איינזאם, פול ווידערווילען און עקעל...

„ס'וועט אייך גוט זיין ביי מיר, טהייערע. איך וועל אייך ליעב האבען, א, ווי איך וועל אייך ליעב האבען: איך שטעל מיר פאר: מיר וועלען זיצען צוזאמען ביי'ם מיטאג, איך וועל אויפשטעהן צופריעדען און גינסטיג, און וועל קושען אייך אויפ'ן שטערען, אויף אייער שענעם שטערען, טייערע. איהר ווייסט ניט, ווי מיעף איך קען ליעב האבען. קיין שלעכט הארץ האב איך דאך נאך אלעם ניט געהאט”...

די טהיר איז געעפענט געווארען, און די דיענסט איז אריינ־געקומען צו נעהמען דאס גלאז. בענדער האט אוועקגעלעגט די פעדער. די דיענסט האט איהם אנגעריהרט מיט איהר אקסעל, צונעהמענדיג דאס גלאז, און ער האט אויף איהר געגלאצט שטום, זינלאז.

– וואס קוקט דער פאן אזוי? – האט זי געפרעגט.

– אזוי – א קורצער שמייכעל האט פערקרימט זיינע ליפען, און ער האט זיך אויפגעהויבען פון ארט. די דיענסט איז ארוים פון צימער.

בענדער איז געבליבען אליין און געקוקט אויפ'ן בריעף, אויף די ביינעלעך פון ביידע־זייטען־בעשריבענעם פאפיר, און האט געגענעצט. ער האט שוין געפיהלט, אז דעם בריעף וועט ער ניט אוועקשיקען; אז זיין יעצטיגע אויפרעגונג איז ניט מעהר ווי אלע זיינע אויפרעגונגען: א נארישע קינדערישע געוואהנהייט, די נייגונג זיינע צו פילאזאפירען און גריבלען, וואס האט פערגיפטעט זיין לעבען, זינט ער געדענקט זיך. וואס איך האב דא געשריבען רחל'ן – האט ער געטראכט – האב איך געקאנט שרייבען יעדען ניט־העסליכען פרוי ענצימער, אפילו דער דיענסט האב איך דאס געקאנט זאגען. די ביינעלעך פאפיר זענען געלעגען צעווארפען אויפ'ן טיש, און ער האט מורא געהאט דורכצולעזען זיי פון אנהויב ביז צו'ם סוף. וויעדער האט ער געפיהלט, ווי די שווערע מאטערדיגע געדאנקען בעפאלען איהם, און אום לויז צו ווערען פון זיי, האט ער זיך גע־זעצט אויפ'ן בעט, ארויסגעלאזט דעם קאפ און געגומען אונטער־ברומען א רוסיש לידעל. און ברומענדיג, האט זיין הארץ זיך גע־טראגען מיט בענקשאפט צו יענעם ווייבליכען וועזען, וואס שיפט זיך צוזאמען מיט איהר געליבטען אוועק־צייט איבער'ן טייך, ווע־גען וועלכער דאס ליעד האט דערצעהלט. די געפיהלען פון פורען לעבען, פון לוסט און בענעהרען, פון געזונדקייט און קראפט, וואס דאס ליעד איז געווען פול מיט זיי, האבען איהם פער'שכור'ט.

אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער געזעהן די לאָדקע, דעם אויפגעבלאָזע־נעם זעגעל, די גלאַטיגקייט פון וואַסער, דעם אָווענד־ווינד; ער האָט געפיהלט דעם שטאַרקען געזונדען קערפּער, אַ רויט שפּראָ־צענדיג פּנים... נאָר פּלוצלונג, נישט צו וויסען פון וואַנען, איז געקומען עפּעס אַ געדאַנק איהם אין קאָפּ אַריין און האָט איהם אויסגעניכטערט.

איך ווייס ניט, וואָס אַרום מיר טהוט זיך! אַ נאַר בין איך! — האָט ער זיך געזידערט, שפּאַנענדיג בעז איבער'ן צימער — וואָס וויל איך דען? וואָס איז מיין פערלאַנג? וואָס פילאָזאָפיר איך? לעבען וויל איך, איך בין מיעד! זי וויל מיט מיר חתונה האָבען. און וואָס איז דאָס קרימען זיך? וואָס?! צי האָב איך ניט דאָס רעכט צו נעהמען אַ ווייב? פאַר וועמען שרעק איך מיך? פאַר וועמען? פאַרוואָס? —

„ליגען, ליגען, ליגען"! — האָט ער אַרויסגערעדט בעז, אַז ער האָט זיך דערמאָהנט אָן די ווערטער פון בריעף: „איך קאָן ניט לעבען". — „ליגען! איך קאָן יאָ, איך קאָן"! —

דער געדאַנק, אַז ער איז אין אמת'ן ניט פעהיג צו לעבען ווי אנדערע, אַז זיין געלעכטער איז אַנ'ארט זיפץ, ווי רחל האָט איהם אַמאָל געזאָגט, — דער געדאַנק האָט יעצט געדריקט זיין האַרץ. ער האָט געביסען זיין אונטערשטע ליפּ פאַר צאָרן, און מיט אַ ווילדען האַס איז ער צוגעגאַנגען צו'ם טיש און גענומען שרייבען נאָך אַנ'אנדערען בריעף צו רחל'ן:

„מיין לעבען, מיין זעלע!

„איך לייען און לייען דיין בריעף און גלויב אַליין ניט אָן מיין גליק. אָט איז דיין בריעף פאַר מיינע אויגען, דער בריעף גע־שריבען מיט דיין אייגענע האַנד. מיט דיין קליינער שענער ווייסער האַנד. אָ! ווי וואָלט איך וועלען, דו זאָלסט זעהען, וואָס אין מיין האַרץ קומט יעצט פאָר! דו, דו אַליין רעדסט דאָך צו מיר. איך לייען יעדעם וואָרט, יעדעם אות — און כ'וואונדער און פרעג: צי

בין איך טאקי גליקליך? צי געהערסט דו מיר, רחל? און איך ליעב דיך, ווי איך ליעב דיך! וויל דאך נאר פאר פיעל ליעבע, וויל מיין הארץ איז געווען פול איבער די ברעגען, האב איך ניט געקאנט רעדען. איך האב ניט געקאנט, איך האב ניט געוואלט וואלענדיג מאכען מיט ווערטער די הייליגקייט פון מיין ליעבע. מיר זענען דאך גליקליך! אט די מינוט האב איך דערהאלטען דיין בריעף, און קאן ניט צוריקהאלטען מיינע געפיהלען. איך קוש דיך און ליעב דיך אויף עביג, אונענדליך, מיין לעבען און מיין זעעלע! דיין, דיין, דיין בין איך! שטעל דיר פאר: נאך צעהן יאהר פערוואגעלט זיין, אהן פונק ליעבע, אהן פונק לעבען, בין איך פלוצלונג געווארען גליקליך, דער גליקליכסטער אויף דער וועלט, וויל דו געהערסט מיר, מיין ליעבע, טייערע. איך קוש דיך, און פרעס דיך צו מיין הארץ. מארגען וועל איך דיר שרייבען אן אויספיהרליכען בריעף און וועל אלץ גענוי ארומשרייבען. מיין גליק האט מיך שכור געמאכט. איך וויין, פערגיס טרעהרען פון גליק. דיין...”

„איך קאן יא!” איז דורך א געדאנק ביי בענדער'ן אין קאפ, אז ער האט געענדיגט לייענען דעם בריעף, און מיט א געפיהל פון א זיעגער האט ער זיך אנגעלעהנט אויף דעם שטוהל און געקוקט גראד פאר זיך. אין עק טיש דארט, אין א זייט, איז געלעגען דער ערשטער בריעף, און שטום, אהן ווערטער, אזוי ווי דער פעריאגטער, בעליידיגטער אמת, האט ער געוואונקען פון דארט און געפאדערט, וואס איהם געהערט: דעם זאפט פון לעבען, בלוט און דעם מארך פון די ביינער.

— נון? — האט ער זיך געפרעגט. צי זאל ער אוועקשיקען דעם צווייטען בריעף? ער האט איהם נאך א מאל דורכגעלעזען און זיך פארגעשטעלט, ווי רחל וועט דעם בריעף לייענען, ווי זי וועט זיך וואונדערען צו הערען אזעלכע רעד פון איהם, ווי שווער איהר וועט אויסקומען צוצופאסען דעם טאן פון דעם בריעף צו זיינע בע=

וועגונגען, צו די צונגען פון זיין געזיכט, צו זיינע געוועהנליכע רעד...

אַ ווייַלע נאָך איז ער געזעסען שטום, מיעד און מאַט. דער קאָפּ איז געווען לעער אָהן איין איינציגען געדאַנק.

— וואָס טהוט מען? — האָט ער זיך ווידער געפרעגט.

און ער האָט געפונען אַ נייַע קאָמבינאַציע. ער האָט צוגע־רוקט דאָס פלעשיל מיט קלעי, האָט צוזאַמענגעקלעבט ביידע בריעף און האָט אויפגעשריבען מיט אַ רויטער בלייַשטיפט איבער ביידע בריעף: „קלויב אויס!".

„אַ גוטער אויסוועג" — האָט ער געטראַכט, און מורא־האָבענ־דיג, ער זאָל ווידער ניט חרטה האָבען, האָט ער גיך אַרייַנגע־לעגט ביידע בריעף אין אַ קאָנווערט, און איז אַרויסגעגאַנגען. אין דרויסען האָט געשייַנט, אין דער גאַנצער לופט האָבען זיך געקוי־קעלט גרויסע, ווייַסע שטיקער שנעע. מען האָט שוין גענומען פער־מאַכען די געוועלבער. בענדער איז געלאָפען גיך צו דער עק גאַס, צום פּאָכט־קאַסטען. ער האָט שוין געהאַט אויפגעהויבען דאָס דע־קעל, גרייט אַרייַנצוואַרפען דעם בריעף. און פּלוצלונג האָט ער זיך צוריקגעהאַלטען. אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער שוין געהערט דעם קלאַפּ פון דעקעל, ווען ס'פאַלט צוריק און האָט זיך דערשראָקען פאַר דעם געדאַנק, אַז ער קען אָפּטהון אַ זאַך, וועלכע מען קען מעהר ניט פעררייכטען.

„דאָס איז נאָך מעהר לעכערליך!" — האָט ער גערעדט צו זיך און איהם האָט געוואונדערט, ווי אַזוי האָט ער גאָר ניט געטראַכט דערפון, אַז שיקען די צוויי בריעף צוזאַמען דאָס איז נאָך ערגער, נאָך שענדליכער, נאָך מעהר לעכערליך און עקעלדיג. עפּעס אַ מעדעל איז פערבייַגעגאַנגען און האָט איהם בעריהרט מיט איהר קערפּער, און ער האָט זיך דערמאָהנט, וואָס ער האָט געשריבען וועגען דעם שטאַרקען שטראָם, וואָס איז דורך זיין קערפּער, ווען רחל האָט איהם אָנגענומען פאַר דער האַנד... דער בריעף, וואָס

ער האט געהאלטען אין דער האנד, איז שוין דורכגעווייקט געוואָ־
רען פון צעגאנגענעם שנע. איהם איז געוואָרען קאלט, די פיס האָ־
בען אנגעהויבען צו פריהרען — אייַלענדיג האט ער פערגעסען אָנצו־
טהון די קאלאָשען — ער האט ארויסגעלאָזט דאס דעקעל פון דער
האנד, צוריסען די בריעף, און די שטיקלעך האט דער ווינד צו־
בראָגען אויף אלע זייַטען.

„איך דארף ניט, איך דארף גאר ניט, איך דארף גאר ניט!״
— האט ער געברומט, געהענדיג צוריק אהיים מיט גיכע טריט
אייַנגעבויגען.

✽ ✽
✽

נאך אלאנגע צייַט האט בענדער געשפאנט איבער זייַן
צימער. געדאנקען, ווי בלייַ שווער, האבען זיך געשלעפט אין זייַן
קאָפּ. ער האט שוין ניט געטראכט מעהר וועגען רחל׳ן, און האט
געמאכט ארעכנונג פון זייַן לעבען. און אלע זאכען, וואס זענען
פערבייַ אין זייַן קאָפּ, אלע זייַנע טהאטען און געדאנקען, די גאנצע
צעהן פערוואָגעלטע יאהר האבען אויסגעזעהן ווי איין לאנגע קייַט
פון גריבלערייַען, פון פילאָזאָפירען און קרומערייַען, ווי עפּעס
אנ׳אוננאטירליכע זאך, וואס דערוועקט נאר עקעל און אויסלאכען.
ער האט געוואלט פערטרייַבען די געדאנקען פון זייַן קאָפּ, נאר זיי
האבען זיך ווי צוגעקלאמערט צו זייַן מוח, זענען אוועקגעלאָפען און
צוריקגעקומען און זיך אָנגעזעצט ווי אמענגע פליעגען, וואס לאָזען
זיך ניט פעריאָגען. דאס צימער איז געווען פול מיט רויך פון פאַ־
פיראָסען. פון דרויסען האבען אריינגעקוקט די ווייַסע דעכער. דער
זייגער האט געקלונגען צוויי: „מאָרגען פריה דארף מען געהן אין
קאנטאָר״.

ער האט זיך אָבגעשטעלט אין מיטען צימער, אויפגעהויבען
דעם קאָפּ, אראָבגעלאָזט בײדע הענד גלייַך צו די פיס און האט

אַרויסגערעדט קלאָר און דײַטליך, וואָרט בײַ וואָרט, ווי אַ שילער, וואָס זאָגט פֿאָר זײַן לעקציע:

— און — אויב — איך — וויל, קאָן — איך — זײַן — רוהיג, — אין גאַנצען רוהיג...

דער שאָטען זײַנער, וואָס איז געלעגען אויף דער ערד, האָט איהם אַליין נאָכגעטהון, נאָר ער האָט געשוויגען.

זי און איך.

זײַ דיר אַזױ, מײַן קינד, מײַן קלײנער מלאך!

אָנגעלעהנט מיט דײַן קאָפּ אויף דײַן רעכטער האַנד, די לינקע פֿאַר'ן מויל האַלטענדיג, און קלאַפּענדיג מיט די פֿינגער איבער דײַנע יונגע, פֿרישע ליפּען — װי שען, װי רוהיג דו זיצסט, מײַן קינד! זײַ דיר אַזױ און בעטראַכט דעם הימעל מיט דײַנע קלאָרע, פֿרומע און גלױביגע אויגען.

דאָס פֿענסטער איז הויך; נאָהנט דערבײַ זיצסט דו. דײַנע אויגען קאָנען אַ גאַנצען האַלבען הימעל זעהן און צעהלען די שטערען, אײנעם נאָכ'ן אַנדער'ן, װי זײ קריכען אַרױס פֿערשעמט און פֿערטראַכט פֿון אונטער דעם גראָען הימעל.

די פֿינסטערניש הערט אײַן די װעלט; די הײַזער פֿערשװינדען זיך; די פּלומפּ אַפֿילו אין מיט'ן מאַרק פֿערלירט זיך אין דעם טריבען נעבעל און זעהט אויס יעצט, װי אַ שװאַרצער פֿלעק אויף גראָה פּאַפּיער... נאָר זײ הינטען — די אַלטע, בעקאַנטע, קרומע מענשען - בעװעגען זיך נאָך אין דער שטילער שװײַגענדער טונקעלהײַט... װאָס נאָך איז פֿערהאַן צו זעהן אויף דער טריבער ערד?

אַ האַלבען הימעל זעהן דײַנע אויגען — קוק דיך אײַן, און זאָלען זיך דײַנע געדאַנקען, דײַנע קינדישע רײנע און לײַכטע געדאַנקען, װעבען אײנע אין דער אַנדערער אונגעשטערט; לאָזען זײ פֿליסען, װי אַ שטילער טײַך איבער אַ זאַמדיגען באָדען! און פֿערשאָלטען זאָל זײַן דער שטײַן, װאָס שטעהט זײ אין װעג און שטערט זײער הײליגען רוהיגען גאַנג!

מײַן קינד! שעלט איך מיך נישט אַלײן? צי בין איך נישט דער שטײן, װאָס מאַכט דיך אונרוהיג, װאָס אָן איהם שלאָגען זיך אָן דײַנע געדאַנקען, װאָס שטערען זײער רוהיגען גאַנג?

װעה איז דעם מענש, װאָס דאָס לעבען האָט איהם אויסגעקרימט, װעה איז איהם!

שטערט דיך נישט מײַן דאָ־זײַן אין דער שטוב? קערען זיך דײַנע געדאַנקען נישט פֿון זײער גלײַכען װעג, װען מײַן בילד שלאָגט זיך אָן אין דײַנע אויגען? פֿיהלסטו נישט מײַן פֿאָרשענדען בליק בלאָנזשען איבער דײַן געזיכט. אָט האָסטו אַ העפֿטיגען ריהר

געגעבען מיט דיין האַנד, אַרויפשאַרענדיג די האָר פון דיין שטערן, איז דאָס נישט דער כעס פון דיין פריערדיג האַרץ קעגען מיר; דער פּראָטעסט פון דיין קינדהייט קעגען אַ דערוואַקסענעם, קרומען מענש, וואָס לאָזט דיך נישט קינדיש זיין? —

נאָר אָט פאַלט די נאַכט צו. דער הימעל ווערט טונקעלער, די שטערען־העלער. אָט איז די לבנה אַרויס פון אונטער דעם קעגנאיבערדיגען דאַך, און פערשפּרייט אַרום און אַרום איהרע דינע, לייכטע שטראַהלען ... קוק דיך איין, מיין קינד, און גיעב איבער דיין נשמה דעם גרויסען, ברייטען אונבעוואוסטען הימעל, און זאָלען די געדאַנקען געבוירען ווערען איינער נאָך דעם אַנדערען, און מיט אַ ליעבען גרוס זאָלען זיי אַוועקפליהען פון דיר, ווי ווייסע טויבען פון טויבען־שלאַק.

טראַכט דיר, טראַכט, מיין קינד!

... „דרייצעהן יאָהר בין איך אַלט געוואָרען... נאָך אַ יאָהר צוויי האָב איך אַ חתן... רויטע בעקליך, שוואַרצע, געקרייזעלטע פּאות, אַ שוואַרצע קאַפּאָטע און אַ סאַמעטענעם היטעל, אַ פערשעמטער, פערטראַכטער, האַלט די אויגען אַראָבגעלאָזט...

„עס איז גוט צו זיין אַ כלה... „מז"ט" זאָגט מען מיר... פון הינטען פערפלעכט איך מיר די האָר צוזאַמען, פאָרענט פערקעמט... אַ היטעלע טהו איך מיר אָן און געה מיר שפּאַצירען, ווי קיינמאָל גאָרנישט...

„מען פערבעט דעם חתן צו גאַסט, איך וויל איהם נישט אָנקוקען, בשום אופן נישט, און עֶנטלויף אין אַנדערען צימער אַריין־עקסטראַ...

„דערנאָך — אַ חתונה, מען טאַנצט, איך זיץ מיר אויף מיין אָרט אין אַ ווייס זיידען קלייד — —

... „איך ליעג אין בעט, איך בין אַ קינדבעטאָרין; די שוויגער קומט אַריין, זאָגט „מז"ט", איך ענטפער נישט — איך בין שוואַך —

„דערנאָך מאַך איך חתונה קינדער, איך בין אַ שוויגער... אַ באָבע" —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיין קינד! וואָס ביזט דו פּלוצלונג אויפגעשטאַנען פון אָרט? וואָס בעטייט דאָס דער טרויער, וואָס האָט זיך געלעגט אויף דיין געזיכט? —

אַ־האַ! דו האָסט דיך דערמאָהנט אָן דיין באָבעס טוירט פאַר יאָהרען! דו האָסט דיך דערמאָהנט, אַז מען האָט זי אָנגעטהון אין

ווייסע תכריכים און מען האט זי ארויסגעפיהרט פון שטוב, אום צו בעהאלטען אין דער ערד!

איז דאס דער טוידט דורכגעפלויגען דורך דיין קאפ? האט ער דאס א קלאפ געגעבען מיט זיינע שווארצע פליגעל אין דיין יונגען מח?

א! פערשאלטען זאל ער זיין, דער טוידט!

* * *

אין צימער איז שוין פינסטער. דו בעהאלטסט דיין קאפ אין דיינע הענד אויפ'ן פענסטער, און איך האב געהערט א זיפץ, א זיפץ פון דיין הארץ, גוט קינד.

קום אהער נעהנטער צו מיר, קום! פארוואס ווילסט דו דען מיר נישט קוקען אין די אויגען אריין?

קום אהער, מיר וועלען שפיעלען: קלאפ מיט דיין קליינער האנד אויף מיינע... איינס, צוויי, דריי...

אט האסט דו דיינע אויגען אויפגעהויבען, אונזערע בליקען האבען זיך געטראפען — און דו האסט גיך ארויסגעכאפט דיין האנד פון מיינער, און ביזט ענטלאפען, אט בין איך אליין געבליעבען, איך און מיין שאטען; די לאמפ ברענט טונקעל, דער שאטען, דאכט זיך, רעדט צו מיר, אדער איך—צו איהם:

— וועה איז דיר, דערוואקסענער מענש, וועה איז דיר! ווי זאל דיך די קינדהייט קאנען ליידען, ווי זאלען קינדער־אויגען קא־נען קוקען אין דיין געזיכט, אין דעם געזיכט, איבער וועלכען דאס לעבען האט דורכגעפיהרט זיין אקער־אייזען און האט איבערגע־לאזט נאר קנייטשען, טיפע לאנגע קנייטשען?!

קום, מיין קינד! האב מיטלייד! אט האב איך א גאנצען בויגען פאפיר אנגעשריבען, טראכטענדיג וועגען דיר; נעהם איהם, מיין קינד, פערוויקעל איהם, מאך פון איהם א פאפירענעם טראמפייטער און שריי הויך, לוסטיג, קינדיש פריי: „קוקוריקו!״ — וועל איך ווי־סען, אז דער בויגען פאפיר איז נישט פערפאלען געווארען אהן נוטץ!

וויל—צי קען דען די בענגשאפט צוריקקעהרען די פערגאנ־גענע קינדהייט? —

ה. ד. נאָמבערג.

שריפטען.

דריטער באַנד

אויף איין קוואַטיר. – אלול. – שוויַיג שוועסטער. – אויגען. – ווער איז שולדיג?

פערלאַג „ביכער=פאר=אלע“, וואַרשע, דלוגע 11.

וואַרשע. – תרס"ט.

דרוק „האור“, דלוגא 11.

СОЧИНЕНІЯ

Г. Д. Наумберга.

Томъ третій.

Изданіе „Бихеръ-фаръ-алэ“, Долгая 11.

Tłokiem Jozefa Jeżyńskiego, Warszawa, Nowy-Świat 8.

אויף איין קוואַמיר.

I.

עס איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט, און ביידע שכנים, וואָס זענען געלעגען אין איינערנעם בעט, זענען נאָך נישט געשלאָפֿען. אין ענגען צימער, וואָס האָט זיך געפֿונען אויפֿ'ן פֿיערטען שטאָק, איז געווען פֿינסטער און דושנע. דאָס פֿענסטער איז געווען אָפֿען, און אויפֿ'ן שטיק הימעל, וואָס מען האָט געזעהן פֿון צימער, איז נישט געווען די לבנה. איהר שיין נאָר, אָנשלאָגענדיג זיך אין די דעכער, איז צוריקגעפֿאַלען אין צימער שיטער און שוואַך. אין דער לופֿט האָט זיך אַלץ נאָך געפֿיהלט דער הייסער טאָג און אַ ריח פֿון דורכגעברענטע דעכער. אין אַ דערבייאיגען צימער, ביי דער בעל-הבית'טע, האָט ערשט נישט לאַנג אויפֿגעהערט צו וויינען דאָס קינד, און יעצט האָט זיך געלאָזט הערען דאָס געקלאַפּ פֿון די דראָשקעס. דאָס געקלאַפּ האָט אַ רגע נישט אויפֿגעהערט: עס האָט זיך אָנגעהויבען אין אַ ווייטער גאַס, זיך דערנעהנטערט, שטאַרקער און געדיכטער געוואָרען. און קוים האָט עס זיך אָנגעהויבען צו פֿערליערען, האָט זיך אַ נייַ געקלאַפּ דערהערט, זיך דערנעהנטערט, דורכגעפֿאָהרען, און דאָס גאַנצע גרויסע הויז האָט מיטגעציטערט.

אין בעטיל איז געווען ענג; דאָס בעטגעוואַנד שוין לאַנג נישט איבערגעצויגען, און ביידע, פֿיינער און גוטמאַן, האָבען זיך בעמיהט איינער דעם אַנדערן בעקוועמער צו מאַכען. זיי האָבען זיך עטליכע מאָל געקעהרט פֿון איין זייט אויף דער אַנדערע, איבערגעלעגט דאָס קישען, נאָר מיט די הענד איז שווער געווען דורכצוקומען, וויל, האַלטענדיג זיי אויפֿ'ן קישען, האָבען זיי זיך

געטראָפען און האָבען זיך אָבגערוקט ווי אָבגעבריהט. ביידע האָבען געשוויצט. און פיהלענדיג דעם חבר׳ס גוף, האָבען זיי זיך דערמאָנט אָן דעם אייגענעם פלייִשיגען און שוויציגען גוף, וואָס ווערט געבוירען אונריין, וואַקסט און צופאַלט...

געלעגען זענען זיי שטיל און האָבען געטראַכט. פיינער׳ס געדאַנקען, עהנליכע צו זיינע בעוועגונגען אין לעבען, זענען געגאַנגען שנעל און האָבען זיך איילענדיג פערקניפּט. גוטמאַנ׳ס געדאַנקען האָבען זיך געשלעפּט פאַמעליך און שווער, ווי אַ וואָגען אין זאַמד.

פיינער האָט זיך אַנידערגעזעצט, פעררוקט דאָס קישען און געזאָגט:

— דושנע.

גוטמאַן האָט נישט געענטפערט. ער האָט געקוקט אויף זיין חבר׳ס האַלבען גוף און איהם האָט זיך געוואָלט, אַז פיינער זאָל זיך שוין גיכער צוריקלעגען. פיינער האָט ווידער געפיהלט, ווי אין זיין האַרץ וואַקסט די שנאה צו דעם שוויַיגענדיגען, רוהיגען מענש, וואָס איז אַ סך עלענדער און פערלאָזטער פאַר איהם, טראַכט און רעדט ווייניג... ער האָט זיך צוריקגעלעגט און איבערגעווישט מיט ביידע הענד דאָס פנים.

אין צימער איז טונקעלער געוואָרען. דאָס איז אודאי די לבנה אַרונטער אונטער אַ וואָלקען. פיינער האָט זיך נאָך עטליכע מאָל איבערגעקעהרט אויפ׳ן געלעגער און האָט געטראַכט וועגען גוטמאַנען:

די גאַנצע פיער וואָכען, וואָס ער וואָהנט מיט איהם צוזאַמען, האָט ער נישט בעמערקט, אַז דער מענש זאָל פון עפּיס נתפּעל ווערען, אַז ער זאָל עפּיס וועלען... ער מישט זיך קיינמאָל נישט אַריין אין שמועס, ווען מען קומט זיך צוזאַמען און מען שפּאַרט זיך היציג. און קוקענדיג אויף זיין פנים דערמאָלס, דאַכט זיך, אַז דער מענש בעהאַלט עפּיס פון אַלע, אַז ער האָט עפּיס צו זאָגען און וויל נישט...

אין דרויסען האָט אַ זייגער אָנגעהויבען צו שלאָגען. ביידע האָבען געהאָרכט און געצעהלט. עס האָט געשלאָגען צוויי. און ביידע האָבען געטראַכט דערפון, אַז באַלד וועט אין פענסטער אַלץ אָנהויבען בלייכער צו ווערען, די פייגעל וועלען אָנהויבען צו שרייען, און דערנאָך וועלען זיי אַנטשלאָפען ווערען.

און אַז אין דרויסען איז ווידער העל געוואָרען, איז שוין שווער געווען צו דערקענען, צי דאָס איז דער ווידערשיין פון דער לבנה, וואָס שלאָגט זיך אָב אָן די דעכער, אָדער עס הויבט שוין אָן צו טאָגען.

פייַנער האָט זיך אויסגעדרעהט מיט'ן פנים צו גוטמאַנען, און אין דער טונקעלהייט האָט ער דערפיהלט גוטמאַנ'ס רוהיגען, מעלאַנכאָלישען בליק אויף זיך. און ווי יעדעס מאָל, דערפיהלענדיג דעם בליק, האָט זיך דאָס פייַנדשאַפט בעהאַלטען עפּיס אין אַ ווינקעל אין האַרצען, און ער האָט געשפּירט, אַז גוטמאַן איז זיין חבר, אַנ'עלענדער ווי ער אַליין און נאָך מעהר.

זאָגט גוטמאַן, איהר טראַכט עפּיס?

גוטמאַן האָט נישט באַלד געענטפערט, און פייַנער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז אויף זיין חבר'ס ליפּען שפּיעלט יעצט דער דינער־דינער שמייכעל, וואָס בעליידיגט איהם יעדעס מאָל אַזוי טיעף. ער האָט זיך שוין געהאַלטען אין מיטען אויסדרעהען זיך. גוטמאַן האָט גערעדט שטיל:

— עס האָט געשלאָגען צוויי.

— יאָ עס האָט געשלאָגען צוויי. איך קאָן נישט שלאָפען; איהר אויך נישט?

— ניין.

עטליכע מינוטען האָבען זיי ביידע געשוויגען. פייַנער האָט זיך אָנגערופען:

— זאָגט, גוטמאַן, וועגען וואָס האָט איהר געטראַכט ביז אַהער? ס'איז אומעטיג.

גוטמאַן האָט איבערגעפרעגט פֿייל:

איך?

— איהר דערמאָנט אייך און ווערצעהלט.

גוטמאַן האָט געשוויגען.

— פֿאַר וואָס שווייגט איהר?

אין פֿיינערס קול האָט זיך געהערט זיין אויפרעגונג, ער אליין האָט עס דערשפירט און האָט זיך פֿערשעמט.

— איך האָב געטראַכט... נו גאָרנישט.

— דערמאָנט אייך.

— איך בין געגאַנגען היינט פֿאַרנאַכט אויף דער דזיקע-גאַס, איהר ווייסט, אין עק שטאָדט (גוטמאַנ׳ס גלייך רוהיג קול, די רוּ-סישע ווערטער, וואָס זענען אַרוים פֿון זיין מויל, עהנליכע איינס צום אַנדערען, ווי אויסגעגאָסענע פֿון א פֿאָרם, האָבען אין דער טונקעלהייט געמאַכט אַנ׳איינדרוק ווי דער טיקטאַק פֿון א זייגער). דאָרט וואָהנען אָרימע מענשען. פֿאַר א טהיר פֿון א געוועלב איז געשטאַנען א יונגיל, אַנגעלעהנט אויף דער וואַנד, און האָט גע-וויינט. דערנאָך האָט ער געקוקט אויפ׳ן הימעל און איז שטיל גע-וואָרען. פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט און האָט אָנגעהויבען צו וויינען נאָך העכער...

— נו... האָט פֿיינער געפֿרעגט, אַז זיין חבר האָט אָבגעהאַקט.

— גאָרנישט. איך האָב נאָר געטראַכט.

גוטמאַן האָט זיך אויסגעדרעהט צו דער וואַנד, פֿיינער איז געלעגען מיט׳ן פּנים צום פֿענסטער און האָט געקוקט אויף א גרין, ציטעריג שטערענדיל, וואָס א פֿוילער וואָלקען האָט ערשט געהאַט אַרויסגעלאָזט פֿון זיך. ער האָט נישט געוואָלט טראַכטען וועגען גוטמאַנען, און האָט אָנגעהויבען זיך פֿאָרצושטעלען דאָס יינגעל און די געגענד, וואָס איז נישט ווייט פֿון יידישען בית-עלמין. דאָרט איז גוטמאַן אוודאי געגאַנגען שפּאַציערען. פֿיינער האָט זיך

איצט דערמאָנט, אַז ווען זיי זענען אַמאָל צוזאַמען אַרויסגעגאַנגען פֿון בית־עלמין, האָבען זיי גערעדט וועגען דעם איינדרוק, וואָס אַ בית־עלמין מאַכט; גוטמאַן האָט דעמאָלס געזאָגט:

— עס קומט עפּיס מאָדנע אויס, דאָ שטעהט אַן׳אַסטראָג נעבען בית־עלמין...

און ביי פֿיינער׳ן האָבען איצט די ווערטער בעקומען אַ בעהאַלטענע בעדייטונג. און ער האָט זיך אויסגעדרעהט, געקוקט אויף זיין חבר׳ס קאַרק לאַנג, ביז די אויגען זענען מיעד געוואָרען און האָבען זיך פֿערמאַכט.

אין דרויסען האָט זיך אָנגערופֿען אַ פֿויגעל, און אין עטליכע מינוט אַרום האָט זיך אַריינגעטראָגען אַ געשריי, אין וועלכען מען האָט נישט געקענט אונטערשיידען אַן׳איינציג קול. עס האָט זיך געקאָנט דאַכטען, אַז אין דרויסען שרייט אַלץ: די נאַכט, וואָס געהט אַוועק, אָדער דער טאָג, וואָס קומט אָן. געדאַנקען אין קאָפּ זענען געוואָרען שיטערער, לייכטער... און ער איז איינגעשלאָפֿען.

גוטמאַן איז נאָך נישט געשלאָפֿען. ער האָט געקוקט אויף איין פּונקט אויף דער וואַנד, וואָס איז אַלץ קלאָרער און דייטליכער געוואָרען. דאָס איז געווען אַ מיטעל אַנטשלאָפֿען צו ווערען. די פֿייגעל האָבען שוין געהאַט אויפֿגעהערט צו שרייען, אויפ׳ן הויף האָט מען געעפֿענט דעם טהויער, דער סטרוזש האָט געקעהרט, און עס האָט זיך געהערט דאָס רייבען פֿון בעזעם אויפ׳ן האַרטען ברוק. אין דער אַנדערער שטוב האָט דאָס קינד געוויינט, לאַנג געוויינט, ביז די מוטער האָט דערהערט... ער האָט זיך אומגעדרעהט, פֿיינער איז געלעגען מיט פֿעסט צוגעמאַכטע ליפּען, אויפ׳ן שטערן זיינעם האָט זיך אַ קנייטש געצויגען, דאָס פּנים זיינס איז געווען בלייך, פֿול מיט קנייטשען דער אָטהעם שווער און טיעף. דאָס ברודיגע העמד אויף די אַקסלען האָט זיך געהויבען, אין גאַנצען האָט ער אויסגעזעהן שוואַך, אונבעהאָלפֿען... אויפ׳ן דאַך האָ־

בען זיך שוין אבגעשפיעגעלט די ערשטע שטראהלען, — באלד וועט די זון אהינקומען אין צימער...

ער האט זיך אויסגעדרעהט צו דער וואנד און גענומען קוקען אויף איין פונקט.

II.

זיי זענען ביידע געוועזען ארים, פערלאזט און עלענד, אבגעריסען פון דער גרויסער וועלט. זייערע בעקאנטע זענען געוועזען ארים, פערלאזט און עלענד, ווי זיי. פיינער האט געהאט א בעשעפטיגונג אין א דרוקערייא איוף עטליכע רובל א מאנאט, גוטמאן האט געהאלטען אין זוכען. נאר עס איז שווער געוועזען צו גלויבען, אז דער מענש זאל אמאל עפיס געפינען. דערווייל איז ער ארומגעגאנגען אויף די גרויסע רוישענדיגע גאסען פאמעליך, מיט אנ׳אראבגעלאזטען בליק, און די מענשען, וואס האבען זיך געאיילט, האבען איהם אויסגעמידען, ווי א סלופ פון טעלעפאן. טיילמאל האט ער זיך אבגעשטעלט, דורכגעלעזען א שילד מיט כונה און ווייטער געגאנגען, ביז ער איז מיעד געווארען און האט זיך אהיים געשלעפט. אין דער היים האט ער זיך געלעגט אויפ׳ן בעטעל און האט געטראכט.

פאר נאכט, ווען דער הימעל איז געוועזען פערוואלקענט פלעגט ער זיך זעצען ביים פענסטער און ארויסקוקען, ארום האבען זיך נאר געזעהן דעכער און קוימענס. די וואלקען האבען געהאנגען אזוי נידריג אז ס׳האט זיך געדאכט, אט-אט פאלען זיי אראב. די פינסטערניש איז צוגעפאלען, א הויכער שפיץ פון א קירכע האט זיך שוין אין דער ווייטען פערלוירען אין דער טונקעלהייט. אלץ ארום האט בעקומען איין אויסזעהן און אויסדרוק, א טרויעריגען און א שווערען, וואס האט געצויגען ביים הארץ. ער איז געזעסען רוהיג אנגעלעהנט מיט איין האנד אויפ׳ן פענסטער און זיינע קורצזיכטיגע אויגען האבען זיך טיעף איינגעקוקט אין דער טונקעלהייט,

וואָס האָט צוגעפֿליסט פֿון אַלע זײַטען, אַ קלײן שטערענדיל האָט געציטערט און האָט זיך פֿערלוירען. די אויגען זײַנע זענען מיעד געוואָרען, און ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט, געריבען די הענד, אײנע אין דער אַנדערער און האָט געצויגען:

— אַזוי, יאָ־יאָ.

מיט וואָס אינטערעסירט זיך דער מענש, מיט וואָס לעבט ער,—האָט פֿײַנער נישט געוואוסט, און דאָס נישט וויסען האָט איהם געמאַכט אונרוהיג, געטריבען דעם מוח צו טראַכטען און געוועקט דאָס געוויסען.

אַמאָל איז פֿײַנער אַהײם געקומען פֿאַר נאַכט. אין דרויסען האָט געקאַפּעט אַ רעגען, און ער האָט גערעכענט צו טרעפֿען זײַן חבר זיצען בײַם פֿענסטער. גוטמאַן איז געזעסען בײַם טישעל, פֿאַר איהם איז געלעגען אַ פֿאָטאָגראַפֿישעס בילד, דערהערענדיג דאָס עפֿענען פֿון דער טהיר, האָט ער זיך אומגעקעהרט, זײ האָבען זיך בעגריסט, און גוטמאַן האָט זיך ווידער גענומען אײַנקוקען אין דאָס בילד מיט עפּיס אַ כונה און בעאָבאַכטונג, וואָס פֿײַנער האָט נאָך ביז אַהער נישט בעמערקט בײַ איהם. פֿײַנער האָט זיך געדרעהט אַרויף און אַראָב איבער'ן צימער. און האָט, פֿאַראיבערגעהענדיג, יעדעס מאָל אַ בליק געוואָרפֿען אויפֿ'ן בילד. דאָס איז געווען אַ בילד פֿון אַ פֿרויענצימער, קענטיג, אַ מעדעל. דאָס פּנים איז געווען אַ שענס, די ליניען גלײַך און האַרמאָניש, נאָר אָהן עפּיס אַ בעזונדערען אויסדרוק. די אויגען האָט ער פֿון ווײַטען נישט געקאָנט בעטראַכטען גענוי, נאָר, קענטיג, האָבען זײ אויך געקוקט רוהיג און זיכער. דאָס אײנציגע, וואָס האָט אויף זיך אויפֿמערקזאַם געמאַכט, איז געווען די פֿערקעמונג פֿון די האָר, זײ זענען געווען פֿערקעמט אין דער הויך אַזוי, אַז דער גאַנצער הויכער, שענער שטערן זאָל זיך זעהן.

— קוקט, פֿײַנער... האָט זיך גוטמאַן אָנגערופֿען אין אַ ווײַלע אַרום, און האָט איהם דערלאַנגט דאָס בילד זעהר פֿאָרזיכטיג, ווי

ער וואלט מורא געהאט, יענער זאל עם איהם נישט צוחאפען.

— יא, א שען מערעל...

— א מערעל... האט גוטמאן איבערגעחזר'ט — קוקט, איהר זעהט? קוקט גוט.

— איך זעה, א שען מערעל, חאטש קיין אויסדרוק אויפ'ן פנים איז נישט פארדאן.

אויף גוטמאנס ליפען האט געשפיעלט דער דינער שמייכעל, און ער האט געקוקט פיינערן גלייך אין די אויגען אריין מיט איראניע:

— איהר פערשטעהט נישט, — האט ער געזאגט, און אין טאן זיינעם איז געווען א זעלבערהייט און שטאלץ, — איהר האט שוין אמאל געטראפען אזא בליק? פערשטעהט איהר, דאס איז א בליק, נו...

פיינער האט נישט געוואלט מעהר ענטפערן, זעהענדיג, אז זיין חבר איז אזוי ערנסט און פעראינטערעסירט. עפיס אין הארץ איז ער צופריעדען געווען צו זעהן, וואס זיין חבר ענטציקט זיך און איז נאריש חאטש אמאל. דערצו, אז ער האט זיך מעהר איינגעקוקט אין בילד, האבען די אויגען בעקומען אלץ מעהר אויסדרוק, זיי זענען אלץ לעבעדיגער געווארען, און די ליפען, האט זיך איהם יעצט געדאכט, וואלטען זיך אט אט בעוועגט צו רעדען עפיס רוהיגעס, גוטעס און פרישעס.

— דאס איז אייערס א משפחה? — האט ער געפרעגט נייגעריג, — איך האב עם ביז אהער ביי אייך נישט געזעהן.

גוטמאן האט איהם ווידער אויסגעמאסטען מיט א בליק, אויף זיינע ליפען האט זיך בעוויזען דער דינער שמייכעל, און ער האט גארנישט געענטפערט.

ער איז געזעסען און אלץ איינגעקוקט זיך, און אז ס'האט אין צימער אנגעהויבען טונקעל צו ווערען, איז ער צוגעגאנגען צום פענסטער און געדרעהט דאס בילד פאר די אויגען.

און אריינלעגענדיג דאס בילד אין בוזעם-קעשענע און עס פארזיכטיג פערפאקענדיג, האט ער געזאגט:

— דאָ איז דאָ, פֿערשטעהסט איהר, אַ זעלבעס... יאָ איהר פֿערשטעהט נישט.

מען האָט אָנגעצונדען אַ ליכט און עס צוגעטריפּט צו איינעם פֿון די שטיקער חלב, וואָס האָבען זיך געפֿונען אַ סך אויפ'ן טיש.

פֿיינער האָט זיך געלעגט אויפ'ן בעטיל און געקוקט אויף זיין חבר, וואָס האָט זיך יעצט געדרעהט איבער'ן צימער מיט פּאַמע־ליכע שווערע טריט און האָט געטראַכט. אין גאַנצען איז ער עפּיס היינט מאָדנע אויסגעקומען. עפּיס האָט זיך פֿיינערן געדאַכט, אַז ער האָט זיין פּנים ביז אַהער נאָך נישט אַזוי געזעהן, אַזוי ווייך, אַזוי עלענד און אַזוי ליעבליך. „ער איז פֿערליעבט", האָט ער גע־טראַכט, און עפּיס אַ נייַ געפֿיהל האָט זיך אין זיין האַרץ דערוועקט צו גוטמאַנ'ען, אַ שטילס, אַ ווייכס און זעהר אַ גוטס, וואָס ער פֿלעגט אָפֿט פֿיהלען, אַ פֿערליעבט פּאָר־פֿאָלק אָדער ליעבע קינדער זע־הענדיג.

— זעצט אייך, גוטמאַן, האָט ער צוגערופֿען זיין חבר אָנוויי־זענדיג מיט דער האַנד.

— צו וואָס?

— זעצט אייך. מיר וועלען רעדען.

גוטמאַן האָט זיך געזעצט.

— וואָס? — האָט ער געפֿרעגט, און האָט זיך געוואָלט באַלד אויפהויבען פֿון אָרט.

— זיצט, ווייזט דאָס, — האָט איהם פֿיינער אָבגעהאַלטען.

— מען ברויך נישט, — האָט גוטמאַן געענטפֿערט מיט שטאָלץ, — איהר זעהט דאָ גאָרנישט.

— נו. איך האָב מיך טועה געווען, איך האָב נישט גוט גע־קוקט.

גוטמאַן האָט איהם דערלאַנגט דאָס בילד, און פֿיינער, ווי־לענדיג ווייזען זיין חבר, אַז ער אינטערעסירט זיך זעהר, האָט זיך אַנידערגעזעצט, צוגעבויגען זיך צום ליכט און לאַנג געקוקט.

— יאָ—אָ! — האָט ער זיך בעמיהט נאָכצומאַכען זיין חבר׳ס טאָן. יאָ—אָ.

— זעהט איהר! — האָט גוטמאַן געענטפערט און האָט זיך דערפרעהט, ער האָט נאָכאַמאָל לאַנג בעטראַכט די קאָרטע, אַריינגעלעגט זי און איז געזעסען שטיל.

פיינער איז אַראָבגעלאָפען מיט אַ טשייניק און האָט געבראַכט טהיי און זעמיל. עפּיס איז דאָס צימער ווי ברייטער געוואָרען, ביידע האָבען זיך געפיהלט הייטערער און ליעבליכער, און האָבען גערעדט וועגען דעם, אַז מאָרגען וועלען זיי געהן אין טעאַטער אריין, אַז מאָרגען וועט פיינער בעקומען 3 רובל.

נאָכ׳ן עסען האָט זיך פיינער אויפגעשטעלט און געזאָגט צו גוטמאַן׳ן מיט אַ געלעכטער:

— איהר זייט אַזאַ שווערער...

— איך? —

— איהר — האָט פיינער געשמייכעלט, — לאָזט וועל איך אייך פּרובען אויפהויבען.

— ע...

— נו, שטעלט אייך אויף! — האָט פיינער קאָמאַנדירט.

גוטמאַן האָט זיך פויל אַנידערגעשטעלט, עפּיס מאָדנע נאַריש לאַכענדיג.

פיינער האָט איהם אַרומגענומען מיט ביידע הענד, אויפגעהויבען און אַראָבגעלאָזט מיט אימפּעט, מיעד ווערענדיג. אויפ׳ן טישעל איז דאָס ליכט אומגעפאַלען, די גלעזער האָבען געקלונגען, און אין צימער איז פינסטער געוואָרען. גוטמאַן האָט שוין געוואָלט צוגעהן אָנצינדען דאָס ליכט, נאָר פיינער, פיהלענדיג עפּיס ווי אַ שכרות אין קאָפּ, האָט איהם איינגעהאַלטען.

— מען בראַוכט נישט! — האָט ער געזאָגט — לאָז זיין אַזוי. נו הויבט איהר מיך יעצט אויף.

— נו... צו וואָס? — האָט זיך גוטמאַן געבעטען.

— מיר וועלען זיין אויף „דו“, נו, הויב דו מיך אויף?

גוטמאן האט ארומגעוויקעלט זיינע הענד ארום פיינער׳ן, ער האט איהם הויך אויפגעהויבען און רוהיג, פאמעליך אראבגעלאזט.

אין דרויסען איז די לבנה פונקט ארוים פון אונטער׳ן דאך. אין צימער האט זיך געלעגט איהר שיין, און ביידע האבען זיך פערשעמט.

III.

דער זומער איז געווען א הייסער. עטליכע טעג נאך אנאנד האט זיך קיין וואלקען נישט געוויזען. די פאסען הימעל איבער די גאסען האבען אויסגעזעהן שטויביג, אהן שום פארב און אויסדרוק. די גאס האט אלץ גערוישט. מענשען, דערשוויצטע, פערהארעוועטע האבען געאיילט אין געלאפען, און קוקענדיג אויף זייערע פנימער, וואס האבען אויסגעדריקט נאר ליידען, מידקייט און פערביסענהייט, וואס האבען זיך ווי געבעטען רוה, — איז עפּים אויסגעקומען מאדנע, אז אט די פערהארעוועטע מענשען מאכען אן דאס גערויש און געקלאפעריי. קיין פריש פנים, קיין פרייע, לעבעדיגע בעוועגונג איז אויף דער גאס נישט געווען צו זעהן. און פיינער, ארומשלעפענדיג זיך פארנאכט אויף די גאסען דערשוויצט און פערמאטערט, האט זיך געפיהלט אליין געטריבען און געיאגט, ווי די גאנצע גרויסע מאסע. בעטראכטענדיג זיין לעבען ביז אהער, דאס אלץ וואס ער האט געטהון אין גערעדט, האט ער זיך געפיהלט פאר א דריידיל, וואס איז געלאזט געווארען און דרעהט זיך גאר אהן ווילען דערצו. אין די צוקונפט זיינע האט ער מורא געהאט צו קוקען, עס איז דערביי אויף איהם אנגעפאלען אנ׳אומעט, און ער האט די געדאנקען דערשטיקט. נאר אז די נאכט איז צוגעפאלען און ער איז מיעד געווארען און האט זיך אהיים געשלעפט אין צימער, איז איהם שווער געווען די געדאנקען צו דערשטיקען. ער

פֿלעגט שטעהן עטליכֿע מינוטען אונטער דער טהיר, האַלטענדיג די קליאַמקע אין דער האַנד, און האָט געוואַרט. און אין בעט ליגענדיג, האָבען די שווערע געדאַנקען צונעפּליסט אין זיין מח אַריין ווי געפּרעסט וואַסער, פֿון אַלע זייטען. „אַ צובראָכֿען אייזע־רען בעט, וואָס האַלט זיך קוים״ — האָט ער געטראַכֿט — פֿיער ווענד, וואָס שטיקען, — אָט דאָס איז, דאָס לעבען מיינס, דאָס איז אַלץ, אַלץ...

מיט גוטמאַנען האָט ער ווייניג גאָר גערעדט. ווען זיי זענען געווען צוזאַמען, האָט זיך געפֿיהלט, אַז חוץ זיי צוויי געפֿינט זיך נאָך אַ דריטע פּערזאָן, אַ פֿרעמדע, יונג און גליקליך לעבעדיג בעשע־פֿעניש. און רעדען האָט זיך פֿיינער׳ן געוואָלט נאָר וועגען איהר. אָנהויבען האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט זיך פֿאָרגעוואָרפֿען, אַז ער איז מקנא זיין חבר, אַז ער איז אַ שלעכֿטער, פֿערביטערטער מענש, וואָס האָט פֿיינד אַ גליקליכֿען, נאָר דערפֿאַר וואָס ער איז גליקליך. גוטמאַן האָט אויך ווייניג גערעדט. ער האָט אַלץ געחזר׳ט, אַז ער דאַרף קריגען אַ בריעף און אַוועק פֿון וואַרשע. דער פּאַס איז איהם אויסגעגאַנגען, די קאַמאַשען זענען געווען צוריסען... און ביי דעם אַלעם איז ער געווען רוהיג, שטענדיג גלייך און צופֿריע־דען, ווי נאָר מענשען, וואָס ליעבען...

— דו ביזט אַ גליקליכֿער מענש, — האָט אַמאָל אין דער פֿריה פֿיינער געזאָגט צו זיין חבר, — דו ביזט רוהיג, ברויכֿסט נישט צו געהן אין דער דרוקעריי, האָבען צוטהון מיט די קאָרעקטען, האָפֿסט און ליעבסט...

ער האָט זיך פּלוצלונג אָבגעשטעלט, אַרויסרעדענדיג, וואָס ער האָט נישט געוואָלט זאָגען...

— מיר טהוט דער קאָפּ וועה... האָט ער פֿערריכֿט, און איז בעז געווען אויף זיך, צו וואָס ער זאָגט ליגען.

גוטמאַן איז נאָך געלעגען אין בעט. אין די האָר זיינע זע־נען געווען אַ סך פֿעדערן; די שיין פֿון דער זון איז איהם געלעגען

אויף אַ האַלב פּנים, נאָר ער האָט דאָס נישט בעמערקט. ער האָט געביסען די אונטערשטע ליפּ און האָט עפּיס געטראַכט.

— קיין בריעף איז נישט דאָ, — האָט ער געענטפערט נישט צו דער זאַך.

— דו ווילסט טאַקי אוועק פון וואַרשע? וואַרשע געפעלט דיר נישט?

— ניין, דאָ איז אינטערעסאַנט. נאָר דאָ איז עפּיס אַלץ פרעמד...

— איך פערשטעה דיך נישט קלאָר, די מענשען געפעלען דיר נישט?

גוטמאַן האָט אָנגעקוקט זיין חבר מיט אַ איראָנישען בליק, ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט און געזאָגט:

— איך וועל הײַנט אַ ודאי בעקומען אַ בריעף.

גוטמאַן האָט זיך אויפגעהויבען און גענומען זיך אָנטהון. פּײַנער האָט געבראַכט זעמיל און טהיי. ער איז צוריקגעקומען מיט אַ יונגענמאַן. דאָס איז געווען אַ בעקאַנטער מיט זעהר אַ בלייך פּנים, און מיט אַ קליין שוואַרץ בערדיל, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי צוגעקלעפּט. אַרײַנקומענדיג האָבען זיי געטראָפען גוטמאַנ'ען זיצען בײַם טיש; ער האָט געהאַלטען די קאַרטע פאַר די אויגען און האָט געקוקט.

דער בעקאַנטער האָט נישט געוואָלט עסען. ער איז געגאַנגען אַרויף און אַראָב איבער דער שטוב, האַלטענדיג דאָס שטעקעלע אין דער האַנד. ער האָט געטײַט דערמיט פאַר זיך, און האָט געערעדט בײַז, קוקענדיג אויף דער ערד:

— דאָס איז אַ שאַנד! אַרײַנצוטרעטען אין אַ בורזשואַזישען מיניסטעריום! (אין פראַנקרײַך זענען דעמאָלס אַרײַן אין נײַעם מיניסטעריום צוויי סאָציאַליסטען). דאָס איז אַ שאַנד! אַ שאַנד!

נאָר פלוצלונג איז ער צוגעגאַנגען צו גוטמאַנ'ען, געגעבען איהם אַ קלאַפּ אויפ'ן אַקסעל און געזאָגט, קוקענדיג אויף דער קאַרטע:

— אַ נו! וויַזט אײַערע! וואָס? טפוי!

ער האָט אויסגעשפּיגען.

גוטמאַן האָט געקוקט אויף דעם פלעק, וואָס דער שפּײַ האָט געמאַכט אויף דער פּאָדלאָגע, דערנאָך אויף פײַנערן און האָט גאָר־נישט געענטפערט.

אַלע האָבען זיך שלעכט געפיהלט. דער בעקאַנטער האָט זיך באַלד געזעגענט „פון דעסטוועגען האָב איך צו אײַך קיין צײַט נישט", האָט ער געזאָגט און איז אַרויסגעגאַנגען. פײַנערן האָט זיך געדאַכט, אַז גוטמאַן איז אויף איהם בעז, וואָס ער האָט דער־צעהלט אנדערע וועגען זײַן ליעבע... ער האָט זיך געפיהלט זעהר זינדיג און זעהר נאַריש. אין גוטמאַנ'ס בליק האָט ער געלעזען: „אַ מאוסער מענש ביזט דו! אַ נאַרישער פלוידערער!" פערענפערען האָט ער זיך נישט געקאָנט. ער האָט געלאָזען שטעהן אַ האַלב גלאָז טהײַ אומאויסגעטרונקען און איז אַרויסגעגאַנגען. און אַראָב־געהענדיג פון די שטיגען, האָט ער זיך געפיהלט אַרויסגעיאָגט פון זײַן אײגען צימער דורך גוטמאַנ'ן, און ער האָט נישט פערשטאַנען, צו וואָס ער האָט צו טהון מיט דעם מענשען, וואָס ער וויל אײַ־גענטליך פון איהם...

„איך פערשטעה נישט, איך פערשטעה גאָרנישט!" האָט ער געחזר'ט פאַר זיך. און קוקענדיג אויף די גרויסע מויערען, אויף די מענשען אין דער גאַס, האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער האָט קײנמאָל גאָרנישט פערשטאַנען, אַז אַלץ וואָס ער האָט גע־רעדט און געטהון, זײַט ער געדענקט, איז נאָר דעריבער, ווײַל עפּיס אנדערש טהון און רעדען איז נישט געווען וואָס, אַז בײַ איהם אין קאָפּ איז קײנמאָל קײן געדאַנק נישט געווען...

ער איז געגאַנגען איבער דער גאַס געשווינד, נישט וויסענ־דיג וואו אַהין. ער האָט זיך עטליכע מאָל אָנגעהאַקט אָן מענשען, און יעדעס מאָל האָט זיך יענער אָבגעשטעלט און איהם אָנגעקוקט עפּיס מיט אַ פראַגע:

„דו׳ ביזט דו?“ און פּלוצלונג ווי עפּיס אַ פרעמדע קראַפט זאָל איהם אָבהאַלטען, האָט ער זיך אָבגעשטעלט און געזאָגט צו זיך: „לאָז קלערען!“

דער שטאָדט־זייגער פון דער הויכער קירכע האָט געשלאָגען. פאַר׳ן בילד האָט געקניהט עפּיס אַ פרויענצימער און האָט געבעטען. אויפ׳ן ראָג פון אַ נאָהנטער גאַס איז געשטאַנען אַ פּאָליציאַנט און האָט געקוקט אויף איהם.

ער האָט געוואָלט איינמאָל קלערען ווי געהעריג, וויסען וואו דער געדאַנק הייבט זיך אָן און לאָזט זיך אויס, נאָר שטעהענדיג אויף דר גאַס עטליכע סעקונדען, האָט ער נישט געוואוסט, פון וואָס ער האָט איינגענטליך צו טראַכטען, און ער האָט גענומען געהן ווייטער מיט פּאַמעליכע טריט.

עס איז געווען קעגען צעהן, אין דער דרוקעריי האָט זיך איהם נישט געגלוסט צו געהן, דאָרט האָבען אויף איהם געוואַרט קאָרעקטען, וואָס ער וואָלט יעצט נישט געקאָנט לעזען, ער איז דורכגעגאַנגען עטליכע גאַסען און האָט זיך דערמאָנט, אַז פאַר עטליכע טעג האָט ער דאָ בעגעגענט זיינם אַ בעקאַנטען פון עטליכע יאָהר צוריק. דער בעקאַנטער וואָס האָט זיך אַמאָל אינטערעסירט מיט אַלעם, מיט וואָס פיינער האָט זיך אינטערעסירט, האָט פאַר צוויי יאָהרען חתונה געהאַט; ער האַנדעלט היינט מיט פלעצער און וואָהנט אויף אַ זומער־וואָהנונג, נישט ווייט פון וואַרשע. יעדעס מאָל, ווען זיי בעגעגענען זיך אויף דער גאַס, שמייכעלט דער בעקאַנטער, פרעגט, פאַר וואָס עס קומט נישט אַמאָל אַריין צו איהם, און שלעפּט פיינער׳ן שטענדיג מיט מיט זיך אַ האַלבע גאַס, טיילמאָל עטליכע גאַסען, און יעדעס מאָל פיהלט זיך פיינער בעלעדיגט מיט יענעמס שמייכעל און מיט זיין אייגענער שוואַכקייט, וואָס ער לאָזט זיך פון יענעם שלעפּען... ביים לעצטען בעגעגענען האָט דער בעקאַנטער געבעטען, ער זאָל אַרויסקומען צו איהם אויף די זומער־וואָהנונג אַמאָל, ווען ער וועט האָבען צייט, קומט אין

דער פריה", — האט ער געזאגט, אז זיי האבען זיך געזעגענט — „און אויף דער נאכט וועט איהר קאנען זיין צוריק".

„און אין אמת אריין" — האט פיינער געטראכט, „איך בין שוין לאנג נישט געוועזן הינטער דער שטאדט".

ער האט זיך געלאזט געהן מיט גיכע טריט צום באהנהויף. און געהענדיג, איז ביי איהם געוועזן אזא געפיהל, ווי עמיץ יאגט איהם, און דער „עמיץ" איז נישט געוועזן קיין אנדערער ווי גוטמאן...

„וואס וויל ער פון מיר?" — איהם איז געווארען א רחמנות אויף זיך אליין, און איהם האט זיך געוואלט וויינען.

אויף די פעלדער, וואס האבען זיך געצויגען וויים און ברייט, איז געוועזן א סך גרינס און ליכט. ער האט ארויסגעבויגען דעם קאפ פון וואגאן, און די אויגען זיינע האבען זיך געפרעהט, קוקענדיג אהן שום שטערונג. אין עק האריזאנט האט זיך געזעהן א וואלד, וואס האט אויסגעזעהן ווי א שווארצער פאס, איבער דעם פאס האט זיך געצויגען א גאנצע מחנה גרויסע און קליינע וואלקען, וואס האבען בעלייט דעם געהענדען צוג שטיל, רוהיג און ערנסט. בשעת דאס אלץ, וואס איז געוועזן נאהענט האט זיך געאיילט און איז אבגעשפרונגען אין דער אנדערער זייט אונגעדולדיג, האט דארט אין עק האריזאנט אלץ אויסגעזעהן רוהיג, שטיל און זיכער. דער לאקאמאטיוו האט אסך געפייפט און געשטערט. דער צוג האט זיך אלע וויילע געשטעלט, און אז ער איז צוגעקומען צו דער לעצטער סטאנציע, האט זיך פיינערן נישט געגלוסט ארויסצוגעהן; איהם האט זיך געוואלט לאנג נאך שטעהן ביים פענסטער און ארויסשטעקען דעם קאפ.

ארויסגעהענדיג פון וואגאן, איז ווידער געווארען אונרוהיג; ער האט זיך בעדארפט נאכצופרעגען, וואו עס וואהנט זיין בעקאנטער און אריינגעהן צו איהם, בעקענען זיך מיט זיין ווייב, רעדען און אפשר עסען דארט... און דאס אלץ איז איהם שווער געוועזן.

דער צוג האָט שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען, און ער איז אַלץ נאָך געשטאַנען בײַ דער סטאַנציע און האָט געטראַכט. די עטליכע פּאַ־סאַזשירען, וואָס האָבען אַרויסגעשטיגען מיט איהם צוזאַמען, האָבען זיך געקושט מיט די, וואָס האָבען געוואַרט אויף זיי. עפּיס אַ קליין יונגעל האָט געהאַלטען אַנ'עלטערן מאַנס האַנד – קענטיג, אַ פּאָ־טער'ס – אין זײַנע און האָט זי געקושט. דער פאָטער האָט זיך געאײַלט און איז גיך געגאַנגען, האַלטענדיג אין דער צווייטער האַנד אַ רײַזע קעסטיל, דאָס קינד איז נאָכגעלאָפען און האָט זײַן האַנד נישט געוואָלט אַרויסלאָזען... באַלד זענען אַלע מענשען פערשוואונדען געוואָרען, בעהאַלטענדיג זיך, ווי די פייגעל, ערגיץ צווישען די בוימער. און פײַנער האָט פאַר זיך קיינעם שוין מעהר נישט געזעהן, חוץ דעם וועכטער וואָס איז געשטאַנען מיט דער טרומייט אין דער האַנד, געקוקט אויף דער ליניע און האָט עפּיס געטראַכט.

ער איז אַרײַן אין אַנ'אַלעע, צווישען צוויי שורות ווילען. פון ביידע זײַטען האָבען זיך געזעהן מענשען. ערגיץ האָט מען אַ פאָר־העגגיל אַוועקגערוקט, און פײַנער איז געגאַנגען גיך, פיהלענדיג זיך בעלייט פון ביידע זײַטען מיט פרעגענדע בליקען: „ווער איז דער? וואָס טהוט ער דאָ? וואו וואָהנט ער?„ אויף די אַלע פראַ־גען האָט ער אַליין נישט געהאַט קיין ענטפער... און אַז ער איז דורך די ווילען, און איהם האָט קיינער נישט אָבגעשטעלט, איז איהם געוואָרען לײַכטער, און ער האָט אויפגעהויבען די אויגען...

ער איז אַרוים אויף אַ פּלאַץ, וואָס איז געווען אַרומגערינ־געלט פון אַלע זײַטען מיט וועלדלעך, קענטיג, איז דאָס געווען אַ פערלאָזט אָרט, וואו קיינער איז נישט געגאַנגען. די ערד איז גע־ווען זאַמדיג, ערטערווײַז נאָר בעדעקט מיט גראָז, און עטליכע קליינע, זעהר נידריגע ביימליך האָבען זיך, ווי געמאַטערט צו ציהען פײַלטיגקײַט פון דעם זאַמד. זיי האָבען אויסגעזעהן טרויריג און עלענד. פון וואַלד אַרוים האָט זיך געהערט אַ גערויש פון צווײַגען

אין אַ געשריי פון קראָען... דאָ איז געווען שטיל. פייַנער האָט זיך געפיהלט פריי פון מענשליכע בליקען און פון זיך אַליין... די זון האָט געברענט, דער הימעל איז געווען ריין, בלאָה און טיעף! פייַנער האָט שוין לאַנג לאַנג אַזאַ הימעל נישט געזעהן. ער איז נאָר לאַנג דאָ אַרומגעגאַנגען, און אין מח ביי איהם האָט זיך קיין געדאַנק נישט גערירט. דער קאָפּ האָט אָנגעהויבען שווער צו ווערען, און די שלייפען האָט געהאַקט: „איינס, צוויי, דריי...“ די היץ האָט אַלץ געקוועלט, און איהם איז שווער געוואָרען צו שלעפּען די פיס...

ער איז איינגעשלאָפען אין וואַלד אויף דער ערד. אַז ער האָט געעפענט די אויגען, איז זיין בליק געפאַלען אויף די שטיקער הימעל, וואָס האָבען זיך געזעהען צווישען די צווייגען. עס האָט זיך געשרעפּט אַ וואָלקען פאַמעליך און פויל. פון ווייטען האָט דער וואַלד גערוישט, און עטליכע פייגעל האָבען געפּישטשעט... אין גאַנצען איז ער געווען דורכגענומען מיט עפּיס אַ פוילקייט; ער האָט געפיהלט אונטער זיך די ערד און דאָס קלאַפּען פון זיין האַרץ אויף איהר, און איהם האָט זיך נישט געוואָלט קיין ריהר געבען מיט אַנ'אֵבר. ער איז געלעגען און האָט אַרויסגערופען אין זיין מח ערינערונגען פון היינטיגען טאָג, און אַלץ האָט אויסגעזעהן ווי אַ חלום אַזוי, אַז ס'האָט זיך איהם געוואָלט ווייטער נאָך חלום'ען... נאָר די אויערען זיינע האָבען דערהערט נאָהנטע מענשליכע שטימען, אַ געלעכטער און אַ געלויף, און ער האָט זיך ראַש אויפגעשטעלט אויף די פיס. נישט וויַט פון איהם, צווישען די בוימער, זענען געלאָפען עטליכע יונגע מעדלעך און גימנאַזיסטען און האָבען הויך געלאַכט. ער האָט זיך געאיילט אַרויסצוגעהן פון וואַלד, און האָט אַלץ נאָך נישט קלאָר געדענקט, ווען און ווי אַזוי ער איז דאָ אַריינגעקומען. עפּיס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז עמיץ האָט איהם געוועקט, געפרעגט עפּיס ביי איהם, ווען ער איז געשלאָפען. נאָר ער איז געווען מיעד און האָט זיך געפוילט צו עפענען די אויגען.

די זון איז שוין געווען נידריג. צום צוג איז נאָך געבליבען אַנ׳ערך פון צוויי שעה, און ער איז אַראָבגעגאַנגען צו דער ליניע, אַרײַן אין די שאָפּע, וואָס האָט געדיענט פאַר אַ באַהנהויף. ער האָט זיך געזעצט אויף אַ באַנק, פערלעגט די הענד און האָט געקוקט אין דער ווײַט.

נעבען איהם איז געשטאַנען דער זעלבער וועלטער, וואָס פריהער און אין דער זעלבער פּאָזע, ער האָט געקוקט אויף די ליניע און האָט געמאַכט אַנ׳אײַנדרוק, ווי אַ דראָנג פון אַ וויאָרסט. פײַנער׳ן האָט זיך איצט קלאָרער פאָרגעשטעלט, ווי ער האָט דורכגעלעבט דעם הײַנטיגען טאָג, ווי ער איז אַנטלאָפען פון זײַן אײגען צימער, ווי ער איז אַרום דאָ אהער, אין אַ ווילד פרעמד געגענד, וואו ער איז אַנ׳איבעריגער און קאָן נאָר שטערען אַנדערע... און אַ שווער געפיהל האָט זיך ווידער געלעגט אויף זײַן האַרץ. ער האָט געקוקט אויפ׳ן וואַלד, וואו ס׳האָבען זיך בעהאַלטען אַ סך ווילען, און האָט געטראַכט, אַז דאָס אַלץ, וואָס לעבט און איז צופריעדען, בעהאַלט זיך און פערבאָרגט זײַן גליק פון שלעכטע אויגען, אַז ווען עמיץ וואָלט איהם, פײַנער׳ן, אַרײַנגעלאָזט אין זײַן צימער, וואָס בעהאַלט זיך דאָרט ערגיץ אין וואַלד, וואָלט ער מיט זיך אַרײַנגעבראַכט אונגליק, פערדאָרבענהייט, קנאָה און שנאָה. ער האָט זיך דערמאָנט אָן גוטמאַנען, אויך ער איז אַ גליקליכער, און ער בעהאַלט זײַן גליק, ווי ער קאָן עס בעהאַלטען! נאָר ער אײנער שלעפּט זיך אַרום מיט אַנ׳אָפען האַרץ פאַר אַלע, ווי אַ שענק, און איז יעדען צו לאַסט...

„אָך, גאָט!״ — האָט ער אָבגעזיפצט.

פון צווישען די בוימער האָט זיך אַרויסגערוקט אַ שוואַרצע פיגור. אַ פרויענצימער, אַ שלאַנקע, אין שוואַרצען געקלײדעט האָט זיך דערנעהנטערט. אַז זי איז צוגעקומען צו דער ליניע, האָט זי איבערגעווישט מיט דער האַנד די האָר און אַרויפגערוקט זיי פון איבער׳ן שטערן. געגאַנגען איז זי פּאַמעליך, די טריט און די בע=

װעגונגען זענען געװען זיכער און שען, און אַז פֿײַנער האָט איהר בליק בעגעגענט, האָט זי די אויגען אַראָבגעלאָזט. דער בליק האָט איהם געטראָפֿען צאַרט און לײַכט, נאָר געהאַלטען האָט ער זיך אויף זײַן פּנים מיט עפּיס אַ זיכערהײַט: זי האָט געקוקט, װײַל זי האָט געװאָלט קוקען, און אַזוי לאַנג, װי זי האָט געברויכט. דאָס פּנים איז געװען זעהר שען; און אין דער פֿערקעמונג פֿון די האָר, אין דעם שטערן, מיט װעלכע זי האָט, קענטיג, שטאָלצירט איז געװען אַ װעלכעס, װאָס האָט געלעכערט אין מח בײַ פֿײַנער און האָט דאָרט געזוכט בעשײַד.

עס זענען אָנגעקומען נאָך מענשען, מעהרסטענטײַל יונגע לײַט און יונגע מעדלעך, לײַכט און פֿרײַ געקלײדעטע. קלײדער האָבען גערוישט, קלײנע שטײַנדלעך האָבען זיך געװאָרפֿען אונטער די פֿיס, אַלע פּנימער האָבען געשמײכעלט, צוגעגרײט זיך צו שמײכלען און זיך אָבגערוהט פֿון שמײכלען. פֿײַנער, האָבענדיג שוין אַ ביליעט בײַ זיך, האָט זיך געדרעהט צװישען אַלע, עטליכע מאָל בעריהרט אַ קלײד, און איז צופֿריעדען געװען, װאָס ער געפֿינט זיך צװישען אַזוי פֿיעל מענשען און איז פֿרײַ, אין גאַנצען פֿרײַ, טהוט, װאָס אַלע טהוען, האָט אַ ביליעט װי אַלע... נאָר יעדעס מאָל, אַז ער איז פֿערבײַגעגאַנגען פֿאַר דעם מעדעל אין שװאַרצען, האָט זיך אין מח אָנגערופֿען עפּיס אונרוהיגעס און אין זײַן האַרץ איז געװען אַזאַ געפֿיהל, װי באַלד װעט עפּיס געשעהן, עפּיס זעהר װיכטיגעס...

אויף דער זײַט, װאוהין דער צוג האָט געדאַרפֿט אַװעקצוגעהן, איז ערשט די זון אונטערגעגאַנגען. מען װאָלט געקאָנט מײנען, אַז עפּיס אַ ריזענהאַנד דרעהט דאָרט בײַ אַ רעדיל אונטער'ן הימעל און בײַט דאָרט די דעקאָראַציע פּאַמעליך, כּדי קײנעם נישט איבערצושרעקען. מען האָט אָנגעצונדען די לאַמטערען.

דאָס מעדעל האָט זיך אויפגעהויבען פֿון אָרט, און איז אָנ=

געגאַנגען עטליכע טריט. פיינער האָט זיך פּלוצלונג אָבגעשטעלט אויפ'ן אָרט. און האָט זי דערקענט.

„דאָס איז זי! זי! זי, זי... גוטמאַן'ס!"

פון דער וויטען האָט דער לאָקאָמאָטיוו געפייפט און גע־וועקט. עמיץ האָט איהם אַ שטויס געגעבען. פון וואַלד האָט אַרויסגעקוקט די לבנה. און אויף מערב זייט איז געווען אַזוי שטיל און רוהיג, אַז ס'האָט זיך געוואָלט דאָרט אַהין אַוועקפיהרען זיך מיט אַלע שלעכטע געדאַנקען...

IV.

אַז פיינער איז געקומען קיין וואַרשע, איז שוין געווען נאַכט. ער איז געווען מיעד און צובראָכען. דער קאָפּ האָט איהם וועה געטהון. און אַלץ איז איהם געווען ווי צעשרויפט און האָט זיך נישט געפונען אויפ'ן ריכטיגען אָרט. אַ גאַנצען וועג האָבען איהם נישט אָבגעלאָזט די געדאַנקען וועגען גוטמאַנען און זיין געליעבטע, וואָס ער האָט געזעהן. איהם האָט זיך אַלץ פאָרגעשטעלט, אַז זי, די שענע, די רוהיגע און גליקליכע שטרעקט אויס איהרע צוויי אָרמען און נעמט אַרום גוטמאַנען, קושט איהם... און גוטמאַן צו־פריעדען מיט זיך, מיט אַ גלויבען, אַז ער האָט דאָס פערדיענט שמייכעלט און קושט זי פּאַמעליך. ער האָט אויפ'ן וועג אַסך מאָל איבערגעווישט מיט די הענד דאָס פּנים, און האָט זיך געמאַטערט צו פערטרייבען די געדאַנקען, נאָר דאָס בילד איז אַלץ וויעדער פאָרגעקומען אין זיין מח, און אַסך מאָל איז פערשוואונדען די גרעניץ צווישען איהם און גוטמאַנען, און אַנשטאָט גוטמאַן האָט געקאָנט זיין ער, פיינער... ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אַמאָל, געהענדיג פאַרנאַכט אויף דער גאַס, האָט ער געקלערט, אַז גוט־מאַן וועט החתונה האָבען, ביי איהם וועט זיין אַ שען, ציכטיג הויז,

און ער, פֿײַנער, וועט אין דעם הויז זײַן אַ געליבטער גאַסט... און ער האָט נישט פֿערשטאַנען, פֿאַר וואָס ער איז דאַמאָלס אַזוי צופֿריעדען געווען טראַכטענדיג אַזוי, און פֿאַר וואָס איהם איז איצט אַזוי נישט גוט.

ער איז נישט גלײַך געגאַנגען אַהיים. ער האָט נישט געוואָלט טרעפֿען גוטמאַנען וואַלענדיג, ווײַל ער וואָלט נישט געוואוסט ווי צו רעדען מיט איהם, און ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט אין די גאַסען. אויפֿ'ן הימעל האָט געהאַנגען די לבנה, זי איז געווען ציטריג און בלאַס, ווי דערשראָקען. דאָס געטומעל אין די גאַסען איז נאָך נישט אין גאַנצען געשטילט געווען און בײַ יעדען ראָג האָט איהם אַ פּאָליציאַנט נאָכגעקוקט.

ער איז מיעד געוואָרען, איהם האָט זיך געוואָלט לעגען און ער האָט זיך ווידער געפֿיהלט אַרויסגעיאָגט פֿון זײַן אייגען צימער.

עס איז שוין געווען נאָך צוויי, ווען ער איז אַהיים געקומען. פֿײַנער האָט זיך דורכגעגנבה'ט דורך דעם פֿאָדערשטען צימער ווי אַ גנב, און איז אַרײַן אין זײַנעם. ער האָט קיין ליכט נישט אָנגעצונדען, ער האָט זיך אויסגעטהון און געלעגט, און געדאַכט האָט זיך איהם, אַז גוטמאַן הערט און איז וואַך, נאָר ער מאַכט זיך שלאָפֿענדיג. ער האָט זיך אַוועקגעדרעהט פֿון איהם מיט'ן פּנים, האָט צוגעמאַכט די אויגען און האָט אײַנגעדרימעלט.

אין דרימעל האָט ער געהערט, עמיץ איז אַרײַנגעקומען שטיל. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט בײַם טישעל און האָט געקלאַפּט פּאַמעליך מיט דער פֿויסט אויפֿ'ן טיש עפּיס מיט אַ זיכערהייט און שטומקייט: איינס, צוויי, דריי, פֿיער... ער האָט זיך נאָך יעדען קלאַפּ אָבגערוקט, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַן ענטפֿער... פֿײַנער האָט פֿערשטאַנען, אַז דאָס וועקט מען איהם, ער זאָל אויפֿשטעהן, און ער האָט זיך מיט געוואַלט אויפֿגעריסען פֿון שלאָף...

— ווער איז דאָ? — האָט ער אויסגעשריען.

גוטמאַן האָט זיך געריהרט און זיך נישט אָנגערופֿען. פֿון

דער ווייטען האָבען די לאָקאָמאָטיוועןן געפּייפט, געפיהרט צווישען זיך אַ געשפּרעך. אין דרויסען איז ליכטיג געווען

— גוטמאַן, דאָ איז קיינער נישט געווען?

גוטמאַן האָט זיך ווידער גערירהרט און האָט נישט געענטפערט. פיינער האָט פערביסען די ליפּען און געקוקט אויף גוטמאַנ׳ס צושויבערטע האָר, אויף זיין פּנים, און איהם האָט זיך ווידער פאָרגעשטעלט, אַז אָט דעם ברודיגען גוף נעמען אַרום צוויי ווייכע, פרישע אָרמען... און אַ ווילדע שנאה האָט ער געפיהלט צו דעם מענשען, וואָס איז אַזוי פול מיט זיין גליק, אַז ער וויל נישט ענטפערן אויף פרעמדע ליידען.

— מאוסער מענש; — האָט ער געברומט און האָט זיך אויסגעדרעהט.

אַז ער האָט זיך אין דער פריה אויפגעחאַפּט פון שלאָף, האָט ער געזוכט אין בעט, צי גוטמאַן איז דאָ. ער האָט געדענקט, אַז ביי נאַכט איז עפּיס געשעהן, און אַז ער האָט געעפענט די אויגען און האָט קיינעם נישט געזעהען אין צימער, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט גוטמאַנען גראָב בעלעדיגט, אַז יענער האָט זיך אַ ודאי אָנגעטהון פאַר טאָגס און איז אַרויס פון צימער.

וואָס טהוט זיך דאָס מיט מיר?" — האָט ער געברומט, און איינגעשטעקט דאָס פּנים אין קישען, — „וואָס טהוט זיך מיט מיר?!"

ער האָט זיך געברויכט צו איילען אין דרוקעריי. געאַרבייט האָט ער מיט אַ מין פערביסענהייט, שנעל אָהן אויפהער, אין 3 האָט ער געענדיגט די אַרבייט און איז אַרויס אויפזוכען גוטמאַנען.

ער האָט איהם געטראָפען זיצען אין די אַלעען אויף אַ באַנק, אָנגעלעהנט מיט דעם קאָפּ אויף דער האַנד, און האָט נאָכגעקוקט אַ וועלאָסיפּעד

— וואָס טהוסט דו דאָ? — האָט פיינער גערעדט און האָט זיך געפיהלט אויפגערעגט, — איך זוך דיך.

גוטמאַן האָט זיך אויפגעשטעלט פון אָרט, אָנגעקוקט פיינער׳ן

זילבער, ווײַל ער האָט געוואָלט קוקען. פײַנער האָט זיך ווידער דערמאָנט אין די בליקען פון מעדעל נעכטען פאַרנאַכט.

— איך בין דאָ געזעסען, — האָט ער געענטפערט נאָך אַ קור־צער פויזע און האָט זיך צוריקגעזעצט אויף דער באַנק. פײַנער האָט זיך אויך געזעצט.

— זאָג, — האָט פײַנער אָנגעהויבען און ער האָט געפיהלט, אַז זיין שטימע ציטערט, — דו ביזט בעז אויף מיר, איך בין נישט שולדיג, ווייסט די נערווען מײַנע זענען צירודערט.

— דו רעדסט ווי אַ קינד, פײַנער, — גוטמאַן האָט איהם גע־קוקט גלײַך אין די אויגען אַרײַן מיט איראָניע. — איך שטער דיר. איך בעקום קיין בריעף נישט, איך מוז הײַנט פאָהרען.

— דו ועסט הײַנט נישט פאָהרען, דו האָסט דאָך קיין געלד נישט, אויף דער אַנדערער וואָך וועל איך האָבען אַ ביסעל געלד.

— איך וועל מיך לעגען אונטער דער באַנק... יאָ, איך האָב אַ פּאַספּאָרט, מיר וועט מען גאָרנישט טהון! — האָט ער געענדיגט מיט ענערגיע, ווילענדיג זיך אַליין איבערצײַגען, אַז ער וועט אַזוי טהון.

פײַנער האָט פערקרימט די ליפּען ווי אויף אַ שמייכעל. אין גאַנצען איז ער געווען פערוואונדערט און האָט נישט געוואוסט, וואָס ס׳טהוט זיך. גוטמאַן וויל אַוועקפאָהרען — און דאָס מעדעל? — און ער אַליין וואָס וויל?

— דו וועסט נישט פאָהרען, גוטמאַן. איך בעט דיך. איך בין נישט שולדיג גלויב...

גוטמאַן האָט איהם איבערגעהאַקט:

— וואו ביזט דו נעכטען געווען?

— יאָ, איך האָב דיר פערגעסען צו דערצעהלען. איך בין געבעטען געווען אין וו. אויף זומער־וואָהנונג דאָרט וואָהנט מײַנס אַ בעקאַנטער, דאָרט איז שען, זעהר שען, מיר וועלען אַמאָל אַהין פאָהרען. יאָ?

פֿײַנער׳ן האָט זיך געדאַכט, אַז די װערטער האָב גוטמאַנען אויפֿגערעגט, איהם איז אַודאי נישט אַנגענעהם געװען, אַז ער זאָל זײַן מיט איהם צוזאַמען דאָרט, װאו זי איז.

— לאָמיר פֿאָהרען, — האָט גוטמאַן געזאָגט — איך האָב שוין לאַנג נישט געזעהן קײן פֿעלד, נאָר צו דײַן בעקאַנטען װעל איך נישט אַרײַנגעהן.

אויפֿ׳ן װאַגאָן זענען זײ געזעסען אײנער קעגען אַנדערער, צוערשט האָט זיך פֿײַנער געשטעלט בײַם פֿענסטער און גענומען אַרויסקוקען, אַלץ איז געװען װי נעכטען, און ער האָט נישט געװאוסט, װאו עס האָט זיך אַהין געטהון דער נעכטיגער נחת פֿון הארץ, װען ער האָט אַרויסגעקוקט. ער האָט אָבגעטרעטען דאָס פֿענסטער גוטמאַנען, װאָס האָט לאַנג אַרויסגעקוקט און געזאָגט:

— פּונקט אַזוי װי בײַ אונז, די אײגענע הײַזלעך און די זעלבע פּויערים.

פֿײַנער איז געװאָרען אונגעדולדיג, דער צוג האָט זיך געשלעפּט גאָר צו פּאַמעליך, דער װאַגאָן איז געװען פֿול מיט רויך, אויסגעקרומטע פֿערביסענע, נערװעזע פּנימ׳ער האָבען זיך נאָר געזעהן, װאָס האָבען איהם דערמאָנט דײַן אײגען פּנים.

— מיר זענען געקומען. — האָט פֿײַנער געזאָגט צו גוטמאַנען, װאָס איז אַלץ געשטאַנען בײַם פֿענסטער, און האָט אָנגעריהרט זײַן אַקסעל. קומט, גוטמאַן.

זײ האָבען זיך אָנגעקוקט שטום מיט פֿראַגען אין די בליקען.

זײ זענען אַרויס פֿון װאַגאָן, און פֿײַנער׳ן האָט זיך געדאַכט, אַז גוטמאַנען איז די געגענד בעקאַנט. ער האָט זיך גאָרנישט געפֿרעגט און גענומען געהן צו דעם זעלבען אָרט, פֿון װאַנען דאָס מעדעל איז נעכטען אַרויסגעגאַנגען.

— װאוהין געהסט דו? — האָט פֿײַנער געפֿרעגט, — דאָ זענען װילען.

— מען טאָר דאָ נישט געהן? — האָט גוטמאַן איבערגעפֿרעגט,

אומקוקענדיג זיך אין אַלע זייטען — דאָ איז גוט, ווייסט, מיך עקעלט די גרויסע שטאָדט.

פּיינער האָט נישט געענטפערט, זיי זענען געגאַנגען גלייך מיט דער ליניע, פּיינער האָט זיך אַלץ אומגעקוקט צו דער סטאַנציע, גוטמאַן האָט געזאָגט:

לאָמיר זיצען, — און האָט זיך אַנידערגעוואָרפען אויפ'ן גראָז, אונטערגעלעהנט די הענד אונטערן קאָפּ און געקוקט. פּיינער האָט זיך געזעצט נעבען איהם:

— ווייסט ווען איך האָב דאָ נעכטען געזעהן? האָט פּיינער געזאָגט.

גוטמאַן האָט אויפגעהויבען די אויגען אויף איהם און האָט זיי אַראָבגעלאָזט. קענטיג, האָט איהם נישט אינטערעסירט, וואָס פּיינער רעדט. ער האָט אַרויסגענומען פון דער בוזעם-קעשענע די קאַרטע און האָט גענומען קוקען.

— וויז די קאַרטע אַ מינוט, — האָט פּיינער געזאָגט. גוטמאַן האָט זי איהם דערלאַנגט און האָט פערביסען די אונטערשטע ליפּ. פּיינער האָט גענומען די קאַרטע פאַר די אויגען. אַ פּאָר אויגען האָבען אויף איהם געקוקט זיכער. די הענד האָבען זיך געהאַלטען אין בעוועגען. גוטמאַן האָט אויף איהם געקוקט מיט בעאָבאַכטונג. פּיינער האָט זיך ווידער געפיהלט צורודערט. „איך פערשטעה נישט, איך פערשטעה גאָרנישט!" איז איהם דורך דורכ'ן מח די בעקלטינגע פראַגע. די קאַרטע איז איהם אַרויסגעפאַלען פון דער האַנד, גוטמאַן האָט זי אויפגעהויבען, איינגעוויקעלט אין פּאַפּיר און אַריינגעלעגט אין טאַש.

— קום! — האָט פּיינער געזאָגט.

— צו וואָס געהן? — האָט גוטמאַן געענטפערט רוהיג.

עס איז געווען שטיל. די זון איז געשטאַנען איבער'ן וואַלד. אַ זשאַבע איז דורכגעשפרונגען, גוטמאַן האָט זיך דערשראָקען און האָט אַ ציטער געגעבען.

פֿײַנער האָט זיך אָנגערופֿען:

— דו ווייסט וועמען איך האָב דאָ געזעהן? טרעף! דו ווייסט... ער האָט איהם שטרענג געקוקט אין די אויגען אַרײַן.

— וועמען?

— זי — ער האָט איהם אָנגעוויזען מיט דער האַנד אויף גוט־מאַנס בוזעם־קעשענע. גוטמאַן האָט זיך געזעצט, פֿערשטעלט מיט דער האַנד די אויגען פֿאַר די שטראַהלען, און האָט געזאָגט מיט שפּאָט שמייכלענדיג:

— דו זאָגסט ליגענד דו קאָנסט זי נישט.

— איך קען זי! — האָט פֿײַנער זיך געבייזערט.

— נו... האָט זיך גוטמאַן געבעטען. — זאָג נישט קיין ליגענד. דו קענסט זי נישט.

— ווילסט? וועל איך זי דיר היינט ווייזען.

— דו וועסט זי מיר ווייזען?

— יאָ.

— ווייז! — האָט גוטמאַן געענטפֿערט ענטשלאָסען.

אַז זיי זענען צוגעקומען צו דער סטאַנציע, האָט ביי פֿײַנער׳ן דאָס האַרץ געקלאַפּט. ביי איהם איז געוועזען אַ געפֿיהל, ווי ער זאָל עמיצען פֿיהרען צו אַנ׳אומגליק. ער האָט זי בעמערקט פֿון דער ווייטען, זי איז געזעסען און געקוקט אויף זיי. גוטמאַן איז געגאַנ־גען שנעל, די טריט זיינע זענען געווען גיכערע ווי געוועהנליך. פֿײַנער האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען, ווען זיי זענען דורכגעגאַנגען די שאַפּע.

— האָסט געזעהן? — האָט ער געפֿרעגט גוטמאַנען.

— וואו?

— נו דאָרט, — ער האָט איהם געשטופּט ביי דער האַנד...

זיי האָבען זיך געדרעהט עטליכע מאָל אַרויף און אַראָב און האָבען גאָרנישט גערעדט צווישען זיך פֿײַנער האָט גאָרנישט פֿער־שטאַנען, וואָס ס׳טהוט זיך. ער האָט געקוקט אויף מערב זייט און

איהם האט זיך דערמאנט די גרויסע, רוישענ[ד]ע שטאדט א[ו]ן ליגט אונטער'ן וואלד. און אז דער צוג איז צוגעקומ[ען] האט [ע]ר זיך דערפרעהט און האט געוואלט צו נעהמען בילעטען.

פיינער האט זיך געשטעלט ביים פענסטער און דאט ע ם מורא געהאט צו קוקען זיין חבר אין פנים אריין. גוטמאן האט געשוויגען. אין דרויסען איז די נאכט צוגעפאלען. וואלקען האבען בעצויגען דעם הימעל און א טראפ רעגען האט א קאפ געגעבען אויפ'ן פנים. ער האט דערפיהלט איבער זיין ארעם א האנד, וואס אט ארויסגעווארפען צוריסענע שטיקלעך טאוועל. איין שטיקעל איז געפאלען אויף פיינערס אקסעל, ער האט ס בעטראכט און האט דערקאנט אויף איהם א בעקאנטען ארעם פון דעם מערעל. עטליכע פונקען זענען דורכגעפלויגען.

ער האט זיך אויסגעדרעהט. גוטמאן איז געזעסען מיט פערלעגטע הענד און האט געקוקט אויף דער ערד.

— דו האסט צעריסען די קארטע? — האט פיינער געפרעגט, פערקרימענדיג די ליפען אויף א שמייכעל — דו ביזט א מאדנער מענש, פארוואס האסט דו צעריסע?

גוטמאן האט געענטפערט שטיל

— וואס? א מעדעל ווי אלע. — נאך וואס טויג זי מיר...

— נאר פון וואנען האסטו די קארטע בעקומען? איך האב געמיינט... פיינער האט נישט געקאנט ענדיגען... אין האלז איז עפיס צוגעקומען און האט געשטיקט.

גוטמאן האט געשמייכעלט, עפיס מאדנע פערצויגען די ליפען און געזאגט:

— דאס האב איך געפונען. איך בין געגאנגען אויף דער גאס, איז דאס געלעגען.

— איך האב מיך טועה געוועזן.

אויפ'ן הימעל זענען די וואלקען געדיכטער געווארען, פיינער האט ארויסגעבויגען דעם קאפ אין דער פינסטערניש אריין, און האט

געוואלט פערלירען זיך אין זיינע געדאנקען. אין מח ביי איהם איז געוועז שטיל, ווי אויף א בית־עלמין... נאר פלוצלונג איז איהם געקומען אין קאפ אריין דאס יינגיל, וואס האט געוויינט און גע־קוקט אויפ'ן הימעל, פון וועלכען גוטמאן האט איהם אמאל ביי נאכט דערצעהלט, ער האט זיך איצט אזוי קלאר פארגעשטעלט דאס יינגעל אין א צוריסענע קאפאטע, איינגערוסט, ווי ער שטעהט אנגעלעהנט אויף דער וואנד, און ער האט זיך טיעף פערטראכט.

V.

אין ענגען צימער איז געווען פינסטער, אויף די שויבען איז געלעגען די שווארצע נאכט. אויף די דעכער ארום האט געקלאפט דער רעגען. דער ווינד האט געבלאזען דורך א האלב אויסגעהאקטע שויב.ביידע זענען געלעגען שטיל, אבגערוקט איינער פון אנדע־רען, און האבען געשוויגען. גוטמאן האט געקוקט אויפ'ן פענסטער און האט זיך פארגעשטעלט ווי איבער'ן הימעל ציהט זיך איצט איין שוואכע חמארע, וואס האט קיין אנהויב און קיין סוף נישט. און ער האט זיך דערמאנט אמאל א ניסן טאג פון זיין קינדהייט, ווי ער איז געשטאנען אויפ'ן שולהויף און האט געקוקט צום עק הימעל, ווארטענדיג אויפ'ן לעצטען וואלקען, וואס וועט פון דארט אויפ־געהן. איצט האט זיך איהם געדאכט, אז אזעלכע שווערע חמארעס ציהען זיך איבער זיין קאפ און ער ליגט זיך רוהיג, שטיל און מישט זיך נישט אריין, ווי נישט איהם וואלט עס אנגעגאנגען. נאר אין דער שווערער חמארע האט עפיס אויפגעבליצט א געדאנק, און אין מח זיינעם איז ליכטיג געווארען. זיינע געדאנקען האט גוטמאן ליעב געהאט, ער האט זיי געקאנט צעהלען און האט זיי זעלטען אמאל עמיצען געזאגט. איצט אבער האט זיך איהם געוואלט רעדען.

פיינער, דו שלאפסט? האט ער געפרעגט נישט דרייסט.

— נײן. ווילסט עפּיס? — פײַנער האָט זיך צו איהם אויסגעדרעהט מיט'ן פּנים.

— הער. וואָס וואָלט געווען, אַז מענשען וואָלטען נישט געהאַט קײן אויגען? דו האָסט עפּיס געלעזען וועגען דעם?

— איך האָב עפּיס געלעזען. — פײַנער'ן האָבען גוטמאַנ'ס רעד עפּיס געשראָקען.

— דו האָסט געלעזען? נו, שטעל דיר פאָר... מיר וואָלטען גאָר נישט געזעהן, קײן מענש וואָלט נישט געזעהן דעם צווײטען. עס וואָלט פינסטער געווען... וואָס וואָלט געווען, ווען מען וואָלט צופעליג געטראָפען אויף אַ פרעמדע האַנד? שטעל דיר פאָר...

— וואָס — האָט פײַנער געפרעגט דערשראָקען.

— מיט וואָס פאַר אַ פרייד וואָלט מען געדריקט די האַנד! מיט וואָס פאַר אַ פרייד! פערשטעהסט?

— איך שרעק מיך. איך פערשטעה גאָר נישט. ווײסט, איך האָב דיך מקנא געווען, לאָז שלאָפען...

אֱלוּל.

I.

די צייט געהט אָהן אויפהער, און די טעג אַנטלויפען און פערשווינדען איינער נאָכ'ן אַנדערן, איינער נאָכ'ן אַנדערן... קוים האָט מען אויפגעהערט צו צעהלען ספירה, מען האָט אָבגעהאַלטען שבועות, האָבען זיך באַלד אָנגעהויבען די תעניתים: די דריי וואָכען, די נײַן טעג; און איידער מען האָט זיך אומגעקוקט, און שוין הויבט זיך אָן אלול! די טעג ווערען אַלץ קירצער און קירצער, קאַלטע ווינדען בלאָזען, אַ טונקעלער נעבעל בעדעקט די ערד אין דערפריה און פאַרנאַכט, אַ ציטער געהט דורך די נשמה בשעת דער שופר לאָזט זיך הערען; וואו דו געהסט און וואו דו שטעהסט הערט מען זיפצען, — עס דאַכט זיך עפעס, די גאַנצע וועלט האָט איין גרויסע שווערע זאָרג אויפ'ן האַרץ און זיפצט און ציטערט...

דער דרייצעהן־יעהריגער שלמה געהט אַרום פערטראַכט, פערזאָרגט, פול שווערע געדאַנקען, זײַן גרויסער קאָפּ ליעגט איהם קיינמאָל נישט גלייך אויף די אַקסלען: איצט געהט ער נאָך איינגעבויגענער, מיט פוילע טריט; די אויגען בלאָנדזען, די קאַפּאָטע איז נישט צוגעקנעפּעלט, דאָס היטעל אויף אַ זייט — נישט ער ענטפערט גלייך, וואָס מען פרעגט איהם, נישט ער רעדט ווי אַ מענש...

אַלץ עפטער הערט ער אין דערהיים די טענות און זידלערייען, צו וועלכע ער איז שוין לאַנג געוואָהנט:

— זעהט נאָר, ווי ד אָ ס געהט! בעגעגענט איהם זײַן מוטער, ווען ער קומט אַהיים פון חדר: ער ווייסט דאָך פון זיינע הענד און פיס נישט צו זאָגען! נאָך ד אָ ס האָט מיר צוגעפעהלט צו מיינע צרות!...

שלמה'ן איז דער מאָנאָלאָג לאַנג שוין בעקאַנט, ער קען איהם כמעט אויסוועניג, און ער פֿיהלט נאָר אַ פּוסטקייט און לאַנג-ווײַלע, בשעת ער הערט איהם, ער געהט איבער'ן צימער, פֿון טיש צו'ם קאָמאָד, נעהמט אין האַנד פֿערשיעדענע זאַכען, וועלכע זענען איהם אַזוי גוט בעקאַנט ווי זיין מוטער'ס מאָנאָלאָג, ער בע-טראַכט זיי כּלומר'שט פֿון דאָס ניי, אַבי נישט צו הערען דאָס זידלערייַ פֿון דער מאַמען. ער ווייסט שוין פֿאָראויס, אַז צו'ם סוף וועט זי אויפֿהערען און וועט זיך אָנהויבען צו קלאָגען אויף איהר קאָפּ-וועהטאָג.

דערנאָך קומט דער טאַטע אַהיים און הויבט אָן אויסצופֿרע-גען שלמה'ן, וואו ער איז געווען היינט, וואו ער האָט געדאַווענט, מיט וועמען ער האָט געדאַווענט, מיט וועמען ער האָט גערעדט און מיט וועמען ער איז געגאַנגען. שלמה ענטפֿערט מיט ליגענס, איינער גרעסער פֿאַר דעם אַנדערען, און האָט עפּעס ווי אַ הנאה דערפֿון, וואָס ער קען אַלע אַזוי פֿיין אָפּנאַרען. און איהם — קיינער נישט. אַהאַ, איהם וועט מען ביי קיין ליגען נישט חאַפּען!

און דער חדר ברענגט איהם נאָר אַרויס פֿון געדולד. שלמה איז אַ יינגעל מיט אַ גוטען קאָפּ. אַלע ווייסען, אַז ער איז אַן „עלוי", און פֿונדעסטוועגען — עס זאָל עמיצער אַמאָל דאָס לויבען און זאָ-גען: „שלמה, דו ביזט אַ גוט יינגעל, אַ גוטער קאָפּ, קאָנסט וואויל לערנען". פֿערקעהרט: אַלע האָבען נאָך צו איהם טענות, אַז ער וויל נישט לערנען... דעם שעור פֿלעגט ער נאָך זונטאָג וויסען, און דעריבער האָט ער די גאַנצע וואָך נישט געהאַט וואָס צו טהון, זיצט ער און קוקט אויף די ווייזער וואָס ריהרען זיך אַזוי פּאַמעליך, אָדער — ווען די זון שיינט — בעטראַכט ער די העלע שיין, וואָס רוקט זיך פֿון איין גמרא צו דער אַנדערער, פֿון איין יינגעל אויף דעם אַנדערען. נישט זעלטען געהט ער אַרויס אָהן צו פֿרעגען דעם רבי'ן. ער, דער רבי, און אַלע זיינע חברים זענען שוין צוגעוואוינט דערצו, נאָך דעם וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אין אָנהויב זומער.

געבליבען איז שלמה אין חדר נישט דערפאר, ווייל ער דארף נאָך צו לערנען ביי דעם דאָזיגען רבי'ן — דאָס ווייסט ער גאַנץ גוט — נאָר ווייל דער רבי האָט זיך אָנגעבעטען ביי זיין טאַטען, ער זאָל איהם לאָזען. צוליעב שלמה'ן האָט ר' יחיאל, דער מלמד, בעקומען נייע תלמידים. פאַר זיי דאָס האָט ער זיך געוואָלט גרויס מאַכען:

— איך קאָן אַרויסגעהן וויפיעל מאָל איך וויל: האָט ער זיך בעריהמט פאַר אַ יונגעל.

— און דריי מאָל קאָנסטו אַרויסגעהן? ע, דער רבי וועט דיך נישט לאָזען, האָט דאָס יונגעל געענטפערט.

— איך קאָן, איך וועל דיר ווייזען.

— און פיער מאָל וועסטו נישט קאָנען!

— פינף מאָל, היינט געה איך אַרויס פינף מאָל — וועסט זעהן! האָט שלמה געענטפערט. די אויגען זיינע האָבען געבלישטשעט, און אויף זיינע דיקע ליפען האָט געשפיעלט אַן'ארט איראָניע און ענטשלאָסענקייט, וועלכע פלעגען זיך שטענדיג בעווייזען אויף זיינע ליפען, בשעת ער פלעגט זיך עפּיס איינשפּאַרען.

דאָס איז געווען מאָנטאָג,. בשעת מען האָט אָנגעהויבען אַ נייעם שעור, דער רבי איז געווען פערטהון און פערטיעפט, ער האָט געבלעטערט די גמרא, געשפּרונגען פון מהרש"א צו דער גמרא און צוריק צו'ם מהרש"א. שלמה איז איין מאָל אַרויסגעגאַנ= גען פון באַנק. געשטעלט זיך פאַר'ן רבי מיט אַן'אונשולדיגער מינע און געבעטען אַן'ערלויבניש אַרויסצוגעהן. ער איז אַריין און אַרויס אַזוי דריי מאָל, און צום פיערטען מאָל האָט זיך דער רבי אויפגעכאַפּט מיט כעס און געשריען:

— וואָס לויפט ער עפּיס היינט ווי משוגע? קראַנק ביזטו אָדער עפּיס אַן'אַנדער שוואַרץ יאָהר!

— רבי, איך קען שוין דעם שעור, האָט שלמה געענטפערט. ער האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען און געקראַצט אין קאָפּ.

— בעל־גאוה דו איינער! האָט דער רבי געשריגען: געה אויף דיין אָרט!

נאָר שלמה איז געוועזען פעסט ביי זיך. דאָס איז געוועזען איינע פון יענע מינוטען, ווען שלמה'ס יוגענד פלעגט זיך ווי בעפרייען פון אונטער עפּיס אַ שווערען דרוק; די מרה־שחורה זיינע איז אינ־גאַנצען אָבגעטרעטען, אַ גאַנצען שטראָם פריש לעבען פלעגט ער אין זיך פיהלען אין אַזעלכע מאָמענטען.

— איך קען דעם שעור אויסזאָגען; אדרבה, זאָל דער רבי אויסהערען! האָט ער גע'טענה'ט.

דער רבי האָט נאָכגעגעבען. און שלמה האָט אָנגעהויבען צו זאָגען דעם שעור מיט אַ געהויבענעם מוטה, בעגייסטערט. ער האָט געמאַכט מיט די הענד. דער רבי האָט זיך איינגעהערט, די תלמידים האָבען פון איהם נישט אַראָבגעלאָזט קיין אויג, אפילו די רביצי'ן האָט זיך בעוויזען אין טהיר און האָט זיך צוגעהערט. אין מיטען אָבער האָט ער זיך דערמאָהנט, אַז ער דאַרף נאָך איין מאָל אַרויסגעהן, און ער האָט איבערגעהאַקט און געזאָגט:

— איך וויל אַרויסגעהן —

און איז אַרויסגעגאַנגען.

און פון יענער צייט, האָט זיך אַ מאָדנע בעציהונג איינגע־שטעלט צווישען רבי'ן און זיין תלמיד. דער רבי האָט איהם גע־לאָזט טהון, וואָס ער האָט געוואָלט, נאָר זיין בליק אויף שלמה'ן איז געוועזען פול בעהאַלטענער צאָרן. ווי דער רבי, אַזוי אויך שלמה'ס חברים האָבען אויף איהם געקוקט, ווי אויף אַ בעהאַלטע־נעם שונא. קיינער פלעגט זיך מיט איהם נישט חבר'ן.

און אָט אין די לאַנגע שטונדען, וואָס האָבען זיך געצויגען אַזוי פויל און אומעטיג, ווי אַ הערבסט־נאַכט פאַר דעם, וואָס שטעהט אויף דער וואַך, פלעגען אין מוח פון דעם יונגער זיך טראָגען שווערע געדאַנקען, געדאַנקען, וואָס האָבען געדריקט און געפרעסט זיין יונגע נשמה. וויסען ווייסט ער און געדענקט, אַז

אויף דער וועלט איז ער בעשאַפֿען געוואָרען נאָר צו דיענען דעם אויבערשטען: אַז די תורה, אָט די זעלבע תורה וואָס ער וויל נישט לערנען, איז פֿול מיט סודות, רמזים און שמות הקדושים, און אַז ער, שלמה, געהט נישט בדרך־הישר...

און אָפטמאָל, ווען אַזעלכע געדאַנקען קוועלען איהם גאָר צושטאַרק, ווען ער דערמאָהנט זיך אָן אַלע עברות וואָס ער האָט געטהון די לעצטע טעג, נאָכרעם ווי ער האָט דאָס לעצטע מאָל אויף זיך גענומען תשובה צו טהון; ווען ער דערמאָהנט זיך וועגען דעם גנב'ענען געלד בי'ם טאַטען אין שטוב אָן זיינע ליגענס, אַז נעכטען האָט ער קיין מנחה נישט געדאַווענט — דאַן געהט ער אַרויס פֿון חדר, קלעטערט אַריבער דעם פּאַרקאַן, פֿערקאַטשעט די קאַפּאָטע אָן אַ זייט און לאָזט זיך גאַלאָפּ איבער דער לאָנקע, וואָס ציהט זיך העט ביז צו'ם טייך. די פֿלינקע פֿיסלעך זיינע די בעוועגונג פֿון קערפּער און דאָס לייכטע ווינדטעל, וואָס בלאָזט אין זיינע אויערן און גלעט זיינע באַקען; דאָס גראָז, די בוימלעך, וואָס טאַנצען פֿאַר איהם פֿאַרביי שנעל — דערמונטערן איהם. שלאָ־גען איהם אַרויס פֿון קאָפּ די שיוערע געדאַנקען און זעצען ווי אַ נייע נשמה אין איהם אַריין.

— הוראַ! שרייט ער אויס און וואַרפֿט זיך אַנידער אויף דר'ערד.

ער האָט אויך אַנ'איינציגען חבר צווישען די חדר־יינגלעך — דוד'ל הייסט ער. דאָס איז אַ שוואַך, קרענקליך יינגעל, שטענדיג איז ער פֿערקיהלט און הוסט און דעריבער געהט ער שטענדיג פֿערבונדען דעם האַלז מיט אַ רויטער פֿאַטשיילע. די דאָזיגע פֿאַ־טשיילע מיט איהר איין עק, וואָס קריכט שטענדיג אַרויס פֿון הינ־טערן קאָלנער, גיט דעם יינגעל אַ חנ'עוודיג אויסזעהן, פּונקט ווי די קרענקליכע רויטקייט, וואָס שפּיעלט אויף זיינע באַקען. ער האָט גרויסע בלאָהע אויגען, אונטער זיי שוואַרצע פּאַסען, בלאַסע לי־פּען און מאָגערע הענדטלעך און פֿיסלעך. רעדען רעדט ער מיט

א ציטעריגער שטים, און עס דאכט זיך דערביי, אז עס פּישטשעט א קראנק פייגעלע.

— קום, מיר וועלען ארויסגעהן, רויכט שלמה איין זיין חבר אין מיטען לערנען.

— דער רבי וועט נישט לאזען, — ענטפערט דוד׳ל.

— ער וועט לאזען, געה און פרעג, נאר...

דוד׳ל געהט ארויס, און שלמה נאך איהם.

— נו, קלעטער ארויף אויף׳ן פארקאן! קאמאנדעוועט שלמה.

דוד׳ל שטעהט אויפ׳ן ארט, גלאצט אויס זיינע גרויסע אויגען אויפ׳ן פארקאן און האט מורא זיך איינצושטעלען.

— ניין, בעט ער זיך; לא׳מיך צוריקגעהן אין חדר!

— נא דיר פינף קאפּיקעס, וועסט דיר קויפען קיכלעך ביי יוחנן דעם שענקער! רעדט איהם שלמה איין.

די מטבע ווירקט, דוד׳ל קלעטערט מיט זיינע דארע פיסלעך און הענדטלעך אויפ׳ן פארקאן, לאזט זיך אראב פון דער אנדערער זייט און הוסט.

— נו, יאג מיך: קאמאנדעוועט שלמה ווידער.

און אז דוד׳ל איז שוין גוט פערמאטערט און הוסט אהן אויפהער, זעצען זיי זיך בײדע אויפ׳ן גראז שמועסען.

— ווייסט, זאגט שלמה: איך האב א סך, א סך עברות, איצט בין איך נאך נישט בר־מצוה. וואס שאדט מיר דאס, אז איך האב עברות? סיי־ווי־סיי ווערען זיי נאך נישט גערעכענט. אמת?

— אמת, ענטפערט דוד׳ל.

— א סך עברות האב איך, רעדט שלמה ווייטער: א, אזא גרויסען בארג עברות!

דוד׳ל פערקלערט זיך און זאגט:

— איך האב נאך מעהר.

— ע, איך האב מעהר.

און די יינגלעך היבען זיך אן צו ריהמען איינער פאר דעם

אַנדערן מיט עברות. שלמה׳ס פאַנטאַזיע צושפּילט זיך, און ער טראַכט איים אַזעלכע שווערע עברות, אַז דוד׳ל ווערט גאָר בטל.

— וואָס הוסט דו אַזוי פיער? פרעגט איהם שלמה: ווייסט? קאָנסט נאָך חס וחלילה שטאַרבען...

דוד׳ל ווערט ברוגז און וויל שוין געהן,

— ניין, דוד׳ל, זאָל איך אַזוי לעבען, איך האָב דיך נישט געשאָלטען, נאָר גלאַט אַזוי געזאָגט. נאַ דיר נאָך פינף קאָפּיקעס— די לעצטע, נאַ, נעהם! און ער שטעקט איהם די מטבע אין האַנד אַריין.

און נאָך איין מענש איז פאַרהאַן אויף דער וועלט, וואָס שלמה אַכטעט איהם און סימפּאַטיזירט. דאָס איז זיין באָבע, דער מאַמעס מאַמע, וועלכע וואוינט ביי זיי אין שטוב. זי איז אַ רוהיגע, גוטיגע און שוויינענדיגע אַלטע. שלמה טראַכט זיך, אַז ביי זיי אין שטוב זענען דאָ נאָר צוויי קלוגע מענשען: ער און די באָבע. דאַכטען דאַכט זיך, אַז זי ווייסט גאָרנישט, שטענדיג איז זי אין כעס, עפּיס ברוגז און שרייט גלאַט אין דער וועלט אַריין. זי אַליין פרעגילט די קאָטלעטען און שרייט דערנאָך אויף די דינסט, אַז זי האָט זיי איבערגעפּיהרט; זי זוכט אַרום די שליסעלעך אין אַלע ווינקלען, קעהרט אום די שטוב און שרייט און געוואַלדעוועט, און דערנאָך דערמאָהנט זי זיך, אַז זי האָט זיי אַליין ערגיץ פערגעסען. „דער טאַטע איז גלאַט קיין גרויסער חכם ניט — טראַכט שלמה — איהם קאָן איך נאַרען צעהן מאָל אַ טאָג״. נאָר עפּיס אַנדערש איז מיט דער באָבע. דאַכטען דאַכט זיך, אַז זי ווייסט גאָרנישט און איהר אַרט גאָרנישט: זי זיצט ביי׳ם פענסטער, שטריקט אַ זאָק, שטריקט און שטריקט, און דאָך זעהט זי אַלץ, אַז דער טאַטע פערגעסט צו צושליסען דאָס שופלאָד מיט געלד, קוקט זי אַזוי שטומערהייד אָן שלמה׳ן, און ער פיהלט באַלד, אַז זי ווייסט זיינע מחשבות. שטיל, גאָרנישט גערעדט. געהט זי צו, פערשליסט דאָס שופלאָד און בעהאַלט דאָס שליסעלע ביי זיך.

אַמאָל שבת, האָט זיך שלמה דערוואוסט וואו דאָס שליסע־לע ליגט, און ווען קיינער איז נישט געווען אין שטוב, האָט ער געעפענט דאָס שופלאָד און אָנגעהויבען צו שאַרען צווישען די מטבעות. ווען ער וואָלט דאָס איינפאַלען אַז ער וועט בעגעהן אַזאַ גרויסע עבירה? די באָבע דאָך האָט איהם דערין חושד געווען. זי איז פלוצלולונג אַריינגעקומען אין שטוב, שלמה איז דערשראָקען גע־וואָרען און נישט געוואוסט וואָס צו טהון. נאָר די באָבע אַליין האָט זיך עקסטראַ אומגעקעהרט און געלאָזט איהם דערווייל אוועקגעהן אָן אַ זייט. האָט צוגעשלאָסען דאָס שופלאָד און האָט קיינעם אַ וואָרט נישט דערצעהלט. אַפילו איהם האָט זי גאָרנישט דערמאָהנט. „אָט דאָס – טראַכט שלמה – געפעלט מיר. זי קען מיך און איך – זי, און גאָרנישט" און דאַנקבאַרקייט פיהלט ער צו דער אַלטער, וואָס האָט איהם נישט פיינט, חאָטש ער איז אַזאַ זינדיגער, חאָטש ער איז אַזוי פערדאָרבען...

II.

אין מאָנאַט אלול ווערט שלמה אַלט דרייצען יאָהר. און די איינציגע טרייסט, וואָס ער האָט געהאַט, אויף אַלע זיינע שווערע זינד, איז איצט שוין פערשוואונדען. נאָך עטליכע טעג וועט ער זיין בר־מצוה, אין הימעל וועט מען איהם רעכענען זיינע עבירות. און ווי נאָר אלול האָט זיך אָנגעהויבען, און דער שופר האָט זיך געלאָזט הערען אין די יידישע גאַסען, איז שלמה ביי זיך געפאַלען און דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבען אמת׳דיג שוין צו קלעמען. אַ שרעק האָט איהם דורכגענומען. ווען ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז פון היינט אָן הערען אויף אַלע אויסרעדען, אַז זיינע זינד זענען אמת׳ע זינד, פונקט ווי פון אַ דערוואַקסענעם מענש.

ווי אַזוי וועט ער קאָנען ביישטעהן קעגען דעם יצר־הרע? דער יצר־הרע איז אַזוי שטאַרק, האָט אַזאַ שליטה אויף איהם. רעדט

ער איהם אָן עפּעס צו טהון, האָט ער קיין כּח נישט זיך אַנטקעגען צו שטעלען. וואָס וועט דאָס זיין. רבונו של עולם?

די דאָזיגע געדאַנקען האָבען איהם ניט אָבגעלאָזט ביי טאָג און ביי־נאַכט. נאָך פאַר טאָג האָט דער סקריפּ פון טהיר איהם אויפגעוועקט פון שלאָף. פון ערשטען טאָג אלול האָט זיך זיין טאַטע גענומען זעהר צו עבודת הבורא און שטעהט אויף יעדען פאַר־טאָג צו לערנען זוהר. שלמה דערוואַכט אין מיטען אַ פערוויקעלטען חלום. נאָך טראָגט זיך דער חלום אין אַ ווינקעלע פון זיין קאָפּ, ווי אַ נעבּיל, וואָס צורינט און פערשווינד. ער דרעהט זיך איבער אויף אַ זייט. ער איז פויל אויפצושטעהן צו דיענען גאָט, און פערשלאָפענערהייד פיהלט ער, ווי שוואַך ער איז מלחמה צו האַלטען מיט דער תאוה. אין צימער ווערט ליכטיג. אויפ׳ן פענסטער ליעגט נאָך די שווארצע נאַכט; עפּעס דאַכט זיך, אַז אין דרויסען רוישען די בוימער פערציטערט און פערזאָרגט. באַלד הויבט דער טאַטע אָן צו לערנען זוהר, און זיין פרומער קול דרינגט אריין טיעף־טיעף אין דעם יונגעל׳ס נשמה. ער דרימעלט איין, און דער טרויעריגער נגון געהט אַלץ ווייטער און ווייטער און דאַכט זיך צו זיין עפּעס גאָרנישט פון דער וועלט... ער שלאָפט ווידער איין.

ערשט ווען דער פאָטער וועקט איהם, שטופּט איהם און שרייט, דערוואַכט ער, און קוים האָט ער נאָר די אויגען געעפענט, בעקומט ער באַלד אַ לעקציע פון פאָטער:

— ווי לאַנג איז דער שיעור?! ביז דאָך שוין אַ בר־מצוה־יונג! ווי שעמסט דו דיך נישט?

אין דרויסען איז אַ נעבעל. די זון האָט איהם נאָך נישט אינגאַנצען פעריאָגט. פון פענסטער זעהט זיך דער בוים, וואָס איז האַלב פערנעבעלט און אויף דער אַנדערער זייט שפּיגלען זיך שוין אָב די שטראַהלען פון דער פרישער זון. אינ׳ם בעטגעוואַנד איז אַ מחיה׳דיגע וואַרימקייט, וואָס צוגעהט זיך אין אַלע אברים... דער

יצר הרע רעדט אָן נאָך אַביסעל צו שלאָפֿען, נאָר דער טאַטע וועקט. און ער הויבט זיך אויף.

דערנאָך הויבט זיך אָן דער לאַנגער טאָג, דאָס לאַנגווײַלען זיך אין חדר.

און פֿאַר נאַכט, ווען ער געהט פֿון חדר אין קלויז אַרײַן דאַווענען מנחה, דרעהט ער זיך דערווײַל אַביסעל אַרום אין פֿיערעקעדיגען מאַרק און שפּאַצירט זיך פּאַמעליך. דעמאָלט, ווען די זון געהט אונטער, בעקומט דער מאַרק גאָר אַנ׳אַנדער אויסזעהן. שלמה האָט ליעב צו קוקען דעמאָלט אויף דעם טורם פֿון מאַגיסטראַט און אויפֿ׳ן זייגער, ווען זיי גלאַנצען, מיט גין גאָלד בעדעקט. די שנײַדער יונגען געהען פֿון דער אַרבײַט און פֿײַפֿען עפּעס מאָרנע נגונים; דינסט־מעדלעך טראָגען וואַסער פֿון דער פּלומפּ, און די יונגען פֿערטשעפּען זיי... ס׳וואָרט טונקעלער, די לעצטע שטראַהלען פֿערשווינדען; אַ נעבעל טראָגט זיך דאָרט ווײַט אויף די פֿעלדער. אויף מערב זײַט איז דער הימעל קרענקליך רויט. מורא׳דיג פֿערזאָרגט. די פֿינסטערניש קומט אָן. פֿון בעקער׳ס דאַך קויקעלט זיך אַ שוואַרצער רויך און לאָזט זיך אַראָב אין מאַרק אַרײַן, טויבען שפּרינגען פֿון איין אָרט צו׳ם אַנדערן און בויגען אײַן די קעפּלעך, חאַפּענדיג עפּעס אַ קערנדיל. און אַז מען געהט נעהנטער צו צו זיי, שפּרײַטען זיי באַלד אויס די פֿליגעל און ווערען פֿערשוואונדען אין דעם רויך און דער טונקעלהײַט. אַ שווערע זאָרג קוועלט דאָס האַרץ. אויפֿ׳ן הימעל איז אַ שרעק צו קוקען... געראָטעלטע וואָלקענדלעך שלעפּען זיך פּאַמעליך... אויף מזרח־זײַט האָט זיך שוין אָנגעצונדען אַ שטערן און פֿינקעלט ציטערענדיגערהייד...

„ווידער האָב איך הײַנט פֿערגעסען צו דאַווענען מנחה" — דערמאָהנט זיך שלמה פּלוצלונג — וואָס ועט דאָס זײַן"?

פֿערשידענע זאַכען פֿערווילט זיך איהם אויף איין מאָל: געהן אין קלויז אַרײַן און פֿרום דאַווענען, אומקעהרען זיך צו גאָט, ווידער ווילט זיך איהם זעהן דודל׳ן. נאָר ער דערמאָהנט זיך, וואָס

פֿאַר אַ שטיקעדיגע לופֿט עס חאַפּט איהם אַרום, ווען ער נעהט אַרײַן דאָרט. דאָרט איז אַנ׳אָרימקײַט, דאָרט וואוינט די נויט. אַ שרעק איז צו קוקען אויף דאָס בעטגעוואַנד, וואָס איז אַזוי שמוציג. דערמאָהנט ער זיך .אָר און גערט אין סאָד אַרײַן, צו שמואל בער׳ן, דער גבאי פֿון קלויז, וואָס זיצט דאָרט טאָג און נאַכט.

שמואל=בער איז אַ יונגער=מאַן פֿון אַ יאָהר דרײַסיג, אַנ׳אָרי= מאַן מיט זעקס קינדערלעך. ער איז נישט קיין גרויסער למדן און נישט פֿון די ערשטע חסידים. נאָר ער האָט ליעב די תורה און יעהט אוים פֿאַר אַ יוד אַ למדן. אַ גרויסער בעל=דרך=ארץ איז ער און אַ מכניס אורח. שטענדיג איז ער בעגײַסטערט, אָדער ער ריהמט דעם בין פֿאַר זײַן לערנען אָדער ער וועט אײַך אָנדערצעהלען וואונדער, וואָס פֿאַר אַ הייליגער יוד ר׳ מאיר איז.

דעם פֿאָריגען שמחת=תורה, בשעת די הקפות, האָט ער זיך אַזוי צוהיצט און אַזוי געשפּרונגען מיט דער ספר=תורה אין דער האַנד, אַז ער האָט עס אַראָבגעלאָזט אויף דער ערד, אין קלויז איז געוואָרען אַ שרעקליכער טומעל, אַלע זענען געווען צומישט, גלײַך ווי אַנ׳ערד=ציטערניש וואָלט פּלוצלונג גענומען איבערקעהרען די וועלט שמואל בער איז באַלד נאָך יום=טוב געפֿאָהרען צו׳ם רבי׳ן, ער זאָל איהם אַרויסגעבען אַ תשובה. ער האָט פֿאַר׳ן רבי׳ן געוויינט מיט טרעהרען, נאָר דער רבי האָט איהם גאָרנישט בע= רוהיגט. אין שטאָדט האָט מען זיך גערוימט, אַז שמואל=בער וועט דאָס יאָהר שטאַרבען. מען האָט אויף איהם געקוקט מיט אַ גרוים רחמנות, ווי אויף אַ מענשען, וואָס איז אָבגע׳משפּט צום טויט. ער אַליין האָט נאָר דעם קאָפּ פֿערלאָרען, ער איז נעכט נישט געשלאָ= פֿען. אַ טאָג נאָך אַ טאָג, און דאָס יאָהר ענדיגט זיך שוין באַלד, און שמואל=בער האָט זיך אַלץ מעהר געשראָקען, אָט=אָט טרעפֿט איהם דער טויט! ער האָט זיך אין דערהיים נישט געקאָנט קיין אָרט געפֿינען און האָט געדונגען אַ סאָד. דאָרט איז ער אויך גע= שלאָפֿען. צו איהם זענען געקומען לערן=יונגע=לײַט און בחורים,

וואָס שמואל־בער האָט געבעטען קומען, כדי צו שמועסען און אַרויסשלאָגען זיך פון קאָפּ זיין שרעק.

ווען שלמה איז אַריינגעקומען אין סאָד, איז שוין געווען פינס־טער. צווישען די צווייגען האָט געראַשט אַ ווינד, דער גאַנצער סאָד האָט שטיל געברומט, פון דער בויד אַרויס האָט געבלישטשעט אַ ליכט. דאָרט איז געזעסען שמואל־בער, אליין, פערטראַכט איבער דעם אָפענעם ספר. ער האָט אויסגעזעהן זעהר טרויעריג און פער־זאָרגט, און האָט זיך קענטיג געפרעהט, וואָס שלמה איז געקומען. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אַרויסגענומען פון אַ קויש אַן עפּעל און דערלאַנגט שלמה׳ן:

— נאַ דיר אַן עפּיל, נעהם, אַ גוטער עפּיל זאָג איך דיר, אַ וואוילער, גאָר־גאָר אַ וואוילער. שעם דיך נישט, אַזאַ יונגעל ווי דו דאַרף זיך עפּיס צו שעמען?

שלמה האָט גענומען דעם עפּיל און איינגעביסען.

— און אַ ברכה? האַ, אַ ברכה? האָסט געמאַכט אַ ברכה?

— געמאַכט, האָט שלמה געענטפערט

— פאַרוואָס־זשע האָסטו דו נישט געמאַכט הויך, איך זאָל קאָנען ענטפערן אָמן? מען זאָל דיר דאַרפען צו זאָגען! דיר! אַי־אַי־אַי! אַזאַ גוטער קאָפּ, און וויל נישט לערנען. אדרבה, זאָג, פאַרוואָס, אַז איך וואָלט געהאַט אַזאַ קאָפּ צום לערנען, וואָלט איך דאָך געזעסען טאָג און נאַכט איבער דער גמרא!

„וואָס ווילען זיי פון מיר האָבען? — בייזערט זיך שלמה אין געדאַנק — וועמען געהט דאָס אָן מיין גוטער קאָפּ?" —

ער ווערט בייז אויף שמואל־בער׳ן און טראַכט, אַז ער וועט נאָך שטאַרבען דאָס היינטיגע יאָהר.

אַ קליינער בליץ האָט דורכגעריסען די פינסטערניש, די בוי־מער האָבען זיך געוויזען אויף אַ רגע, און אַ לייכטער דונער האָט זיך געקויקעלט פון דער־וויטענס.

שמואל־בער האָט זיך געשראָקען:

— אַ גאָס־רעגען וועט גײן; ווייסט, שלמה? דונערן ... אָ־אָ! — האָט ער אָבגעזיפצט.

— אַ גוטע נאַכט! האָט שלמה געזיפצט און געוואָלט שוין געהן אַהיים.

— נײן, זיץ דאָ, וואַרט — האָט שמואל־בער איהם אײנגעהאַל־טען: קײנער איז נישטאָ, וואַרט...

שלמה איז געבליבען.

דאָס געוויטער האָט זיך גערוקט נעהנטער. העלער זענען געוואָרען די בליצען, שטאַרקער — די דונערן. דער גאַנצער סאָד האָט איצט גערוישט, אײנציגע טראָפּען האָבען אָנגעהויבען צו פאַ־לען פון שוואַרצען הימעל. שלמה איז געשטאַנען פאַר דעם טהיר'ל פון דער בויד אין דרויסען און האָט געזעהן ווי שמואל־בער זיצט בײם טיש, שעפּטשעט עפּעס מיט די ליפּען און קלאַפּט זיך מיט דער האַנד אויפ'ן האַרצען.

„דאָס זאָגט ער ודוי" — האָט זיך שלמה משער געווען.

אונהײמליך איז שלמה'ן געווען אַזוי צו שטעהן, נאָר דער רעגען האָט שוין נעגאָסען, און ער האָט געמוזט איבערוואַרטען. דער הימעל האָט זיך אַרץ געשפּאָלטען די דונערן האָבען געקנאַלט, די ערד האָט געציטערט... פּלוצלונג איז אַ העלער בליץ דורכגע־פלויגען נאָהנט, און דער דונער האָט באַלד דערנאָך געשלאָגען מיט אַנ'אונגעהויערער קראַפט. שלמה האָט זיך דערשראָקען, און שמואל־בער האָט זיך אויפגעהאַפּט פון אָרט, אַרויפגעלעגט זיך די האַנד אויף די אויגען און געשריען מיט אַלע כחות:

שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ד' אֱלֹהֵינוּ ד' אֶחָד.

גערעכט האָט זיך, אַז ער האָט געוואָלט איבערשרײען דעם דונער, און האָט אַזוי לאַנג געצויגען דעם „אחד" ביז דער דונער האָט אויפגעהערט.

אַ נאַכט פֿול שרעק איז דאָס געווען פֿאַר שלמה'ן, שפּעט איז ער אַהיים געקומען, דעם טאַטען האָט ער אָנדערצעהלט ליגענס, אַז ער איז געווען אין בית־המדרש; מעריב האָט ער נישט געדאַווענט, שלעכטע חלומות האָבען איהם געמוטשעט אין שלאָף.

III.

גאָר אַנ'אונגעריכטער צופֿאַל האָט זיך אַריינגעמישט. און נאָך שווערער געמאַכט דאָס געמיטה פֿון דעם קינד.

די באָבע איז קראַנק געוואָרען און געלעגען אין בעט. נישט זי האָט געזיפֿצט, נישט זי האָט זיך געקלאָגט, אַז איהר טהוט וועה, און דאָך האָט מען געפֿיהלט אין דער לופֿט פֿון הויז, אין די בליקען פֿון טאַטע־מאַמע און גאָר בעזונדערס אין דער קראַנקער'ס געל פּנים — עפּיס אַ שרעקליכע זאַך. געדאַכט האָט זיך, אַז צוקאָפּענס ביי דער קראַנקער שטעהט דער מלאך־המות מיט'ן בלאַנקען שווערד, מיט דעם ביטערן טראָפּען אויפ'ן שפּיץ, און ער היט און ער וואַרט.

די סעודה, וואָס מען האָט געזאָלט מאַכען אין טאָג פֿון שלמה'ס בר־מצוה, איז אָבגעלעגט געוואָרען. דער דאָזיגער טאָג האָט פֿאַר שלמה'ן געבראַכט צו זיין אַ גרעניץ צווישען צוויי וועלטען, און ער האָט זיך געשראָקען: „טאָמער, רבונו של עולם, וועט ער ווייטער אויך נישט קאָנען בייקומען דעם יצר־הרע, און אַלץ וועט זיין ווי פֿריהער?". דערוויילע איז דער טאָג דורכגעגאַנגען ווי אַלע טעג. די זון איז אויפֿגעגאַנגען און האָט געשיינט, דערנאָך איז דער הימעל געוואָרען נעבעלדיג, וואָלקענס האָבען זיך געצויגען, און ווייטער גאָרנישט. מען דאַווענט און מען עסט, און ווידער דאַווענט מען, און מען עסט נאָכאַמאָל. די עלטערן זיינע זענען פֿערנומען געווען מיט דער קראַנקער, און האָבען גאָר פֿער־

געסען וועגען זײַן בר־מצוה, נישט מען האָט איהם מוסר געזאָגט, נישט ער האָט געהערט בײַזערן זיך אויף איהם — האָט ער זיך אַליין אויך געמאַכט פֿערגעסען. קיין עבירות האָט ער, אמת, הײַנט נישט געטהון, נאָר קיין מצות אויך נישט, ער איז נישט אַנדערש געוואָרען, נישט קיין נײַ הארץ בעקומען...

אין חדר איז ער נישט געגאַנגען. דעם רבי׳ן האָט ער געזאָגט, אַז די באָבע איז קראַנק; דאָס איז געווען אַ געזונדער אויסרעד. דער רבי אַליין איז צופֿריעדען געווען נישט צו זעהן אַ ווײַלע דעם שווײַגענדיגען, פֿערדאַרבענעם תּלמיד זײַנעם, וואָס האָט איהם נאָר בעאונרוהיגט. שלמה איז שוין געווען אין קלויז, אַרומגעשפּאַצירט אויף דער לאָנקע, און לאַנגווײַליג איז איהם געווען אָהן אַ שעור.

מיט אונגעדולד האָט ער געוואַרט, דער טאָג זאָל זיך ענדיגען, כּדי שוין צו זעהן זײַן חבר, דוד׳ל. ער האָט איהם אָבגעוואַרט בײַ׳ם חדר, ווען די קינדער זענען געגאַנגען אַהיים, און איז גאָר מונטערער געוואָרען, בעגעגענדיג איהם:

— ווייסט? דוד׳ל? האָט ער געזאָגט — הײַנט איז מײַן בר־מצוה.

— און פֿאַרוואָס האָט מען נישט געמאַכט קיין סעודה? האָט דוד׳ל געפֿרעגט

— מײַן באָבע איז קראַנק. זי האָט אַזאַ געל פּנים! זי וועט שטאַרבען, אַוודאי שטאַרבען, האָט שלמה אײַנגערוימט זײַן חבר

— מען טאָר אַזוי נישט זאָגען, דו האָסט אַן עבירה...

— ניין! האָט שלמה פּראָטעסטירט: איך האָב נישט קיין עבירה... איך ווייס.

נאָך מנחה אין קלויז, האָבען זיך די צוויי יונגלעך אַרומגעשפּאַצירט אין מאַרק. אַ קאַלטער ווינד האָט געבלאָזען. דוד׳ל האָט געציטערט.

— איך וועל אהיים געהן; מיר איז קאלט... האט ער גע־זאגט. נאר שלמה האט איהם נישט געלאזט:

— איך בעט דיך, קום. לאמיר נאך אזוי געהן. זעה נאר, איך בעט דיך, און דו ווילסט נישט...

נאר דוד'לען איז אמת געווען קאלט. דאס פיבער האט גע־ברענט איהם אויף די באקען, און איהם וואלט זיך איצט געוואלט איינגעהנען זיך מיט'ן קאפ אויף א טיש אזוי ווי ער פלעגט טהון אין חדר.

— מיר איז קאלט, האט ער געשטאמעלט — איך וועל אהיים געהן

— געה נישט, געה נישט, איך וועל דיר געבען צעהן קא־פיקעס...

— גיב! האט דוד'ל אויסגעשטרעקט די האנד.

— מארגען וועל איך דיר געבען...

— איך וויל נישט מארגען! — האט זיך דוד'ל איינגעעקשנ'ט.

— נו, קום מיט, איך וועל דיר געבען.

די יונגלעך זענען צוגעגאנגען ביז צום הויז וואו שלמה'ס עלטערן וואוינען.

— ווארט דא, האט שלמה געזאגט — באלד קום איך צוריק, וועסט דו האבען צעהן קאפיקעס; נאר זעה, אנטלויף נאר נישט, גיב מיר תקיעת־כף.

דוד'ל האט געגעבען די האנד, און שלמה איז ארייַן אהיים.

אין דער קיך האט ער בעגעגענט די מוטער, וואס האט זיך באלד אנגעהויבען בייזערן אויף איהם:

— ווי א שד לויפט ער! די באבע זיינע איז קראנק, און ער האקט מיט דער טהיר! פארוואס געהסט דו נישט תהלים זאגען? וואו ביזטו געווען? דאס שווארץ־יאהר טראגט איהם ארום.

שלמה איז אריין אויף די שפּיץ־פינגער אין דער צווייטער שטוב, דאָרט איז געלעגען די קראַנקע. די אויגען האָט זי געהאַל־טען פערמאַכט. דורך דעם איינעם טאָג האָט זיך איהר פּנים שרעקליך פערענדערט עפּיס איז די געמבע געוואָרען דין, שאַרף, עס האָט זיך געהערט איהר שווערער איבערגעהאַקטער אָטעם... שלמה איז צוגעגאַנגען צום ווינקעל, וואו די קליידער זענען אויפ־געהאַנגען, צווישען זיי האָט ער דערקאָנט זיין באָבעס קלייד און האָט גענומען עס שאָקלען אין דער האַנד. באַלד האָט זיך דער־הערט דער קלאַנג פון געלד פלינק האָט ער אריינגעשטעקט די האַנד אין טאַש פון קלייד, האָט ארויסגענומען עטליכע מטבעות און בעהאַלטען.

זיינע גיכע טריט, ווען ער האָט געאיילט צוריקצוגעהן צו דודל'ן, האָבען אויפגעוועקט די אַלטע. זי האָט געעפענט די אוי־גען און האָט איהם גערופען מיט אַ שוואַכער שטים:

— שלמה!

ער האָט זיך געאיילט צו זיין חבר און האָט זיך נישט געוואָלט מאַכען הערען, נאָר די אַלטע האָט נאָכאַמאָל גע־רופען:

— שלמה, קום נאָר אהער! שלמה...

ער איז צוגעגאַנגען צום בעט און איז געשטאַנען אונגעדולדיג אויפ'ן אָרט מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען בליק.

— היינט איז דיין בר־מצוה, שלמה: איבער מיר האָט מען דיר נישט געמאַכט קיין סעודה, טייער קינד זיי מיר מוחל...

איהר איז שווער געווען צו רעדען; זי האָט אָבגעזיפּצט און געזאָגט, אָנשטרענגענדיג די כּחות:

— ס'איז קיין בּח נישטאָ... איך בין קראַנק, שלמה גאָט זאָל מיר שיקען אַ רפואה. שלמה, בעט גאָט פאַר מיר..

און ווי נאָר די אַלטע האָט אויפגעהערט צו רעדען און די

אויגען זענען איהר ווידער צוגעפאלען, איז שלמה פלינק ארויס פון שטוב צו זיין חבר

— נא, דא האסט דו... א סך געלד–צעהל... האט ער גע־זאגט מיט א ציטערינער שטים.

דוד׳ל האט גענומען דאס געלד מיט ציטעריגע הענד, ער האט געקלאפט מיט די ציינער.

— קאלט... האט ער געזיפצט.

— נו, גיעה אהיים... האט שלמה אוועקגעמאכט מיט דער האנד.

— און דאס געלד?

— נעהם דיר, מיין דאגה...

אז דער חבר איז אוועק און פערשוואונדען געווארען אין דער פינסטערניש, אז שלמה איז געבליבען אליין, איינער אליין מיט דער נייער עבירה, וואס ער האט געטהון, די עבירה, וואס ווערט שוין געשטעלט אין הימעל אויף זיין איינענער רעכנונג — האט ער אויפ־געהויבען די אויגען צום שווארצען הימעל. קיין שטערן האט זיך נישט געזעהן, נאר די לבנה האט ארויסגעשיקט אנ׳אבגלאנץ פון אונטער א וואלקען. ער איז דורך דעם מארק אריין אין א גאס און ארויס הינטער׳ן שטאדט, נעבען די קאזארמעס. דא–האט ער זיך פלוצלונג דערמאהנט - פרעגען אין די הייסע טעג, צווישען טאג און נאכט, שטעהן אויסגעשטירטע שורות זעלנער און זינגען עפיס מאדנע, פרעמדע נאר, הארטע און שטארקע נגונים. פעסט זענען געווען זייערע שטימען, ווי זייערע אקסלען און זייערע פנים׳ער, און פון דער צווייטער זייט האט מיטגעזונגען דאס ווידער־קול. אנ־דערע טעג זענען דעמאלט געווען און אנ׳אנדער הימעל. ווי די זון איז אונטערגעגאנגען, איז געווארען קיהל, און די נאכט איז געווען אזוי ליעבליך, אזוי פיין... און שלמה האט זיך גענומען צום האר־צען דאס, וואס די צייט געהט אוועק, און די טעג ווערען קורץ און די נעכט ווערען קאלט און מורא׳דיג...

אַ טאָג נאָך אַ טאָג, און יעדער מענש מוז אַמאָל שטאַרבען, און ער, שלמה, איז שוין געוואָרען בר־מצוה, און ער איז אַ זינ־דינגער, אַ פּושע ישראל — אַ גנב:

די לבנה איז אַרויס פון אונטער די וואָלקענס, אַ ווײַלע איז געוואָרען העל, די קאָוואַרמעס האָבען זיך אַרויסגעזעהן, און עפּיס מענשען זענען געגאַנגען... באַלד אָבער האָט זיך פערשפּרייט אַ שאָטען און האָט אַלץ צוגעדעקט.

נאָך די וועלבע נאַכט האָט שלמה געהערט אין שלאָף עפּיס שרעקליכע קולות. אין הלום איז איהם פאָרגעקומען, אַז די וועלט האָט זיך אָנגעצונדען און ברענט, אַלע שרייען, ווילען זיך ראַטע־ווען, אַלע לויפען און ווייסען נישט וואו... ער האָט ערוואַכט פון שלאָף און האָט דערקענט די שטימע פון זיין מוטער, געמישט מיט נאָך אַנדערע קולות. דורך דער טהיר האָט ער געזעהן ליכט ברע־נען, און די שטוב איז פול מענשען, וואָס געהען פּאַמעלעך... דערנאָך האָט ער געהערט לייענען שטיקלעך פון מעבר־יבוק, און דערנאָך איז געוואָרען שטיל.

שלמה האָט זיך איינגעוויקעלט אין דער דעק און האָט אויך גענומען שלאָגען זיך אויפ'ן האַרצען:

„אשמנו, בגדנו, גזלנו"...

און אין מיטען דעם ודוי־זאָגען איז ער איינגעשלאָפען.

צו'ם מאָרגענס אין דער פריה, אַז ער איז אויפגעשטאַנען, איז די אַלטע שוין געלעגען אויף דער ערד, בעדעקט מיט אַ שוואַרץ טוך. אין דער שטוב זענען געזעסען ווייבער און געגעהט תכריכים. ס'איז שוין געווען שפּעט, ער האָט געטראַכט צו געהן אין קלויז און נעהמען זיך דאַווגען ערגסט; געהענדיג אָבער, האָט זיך איהם פערוואָלט אַרויס אויף דער לאָנקע, און אַ מאַך טהוענדיג מיט דער האַנד אויף אַלץ, האָט ער צו זיך גערעדט:

— אַלץ איינס! סיי־ווי־סיי וועל איך האָבען דאָס גיהנם... פערפאַלען...

און צוקומענדיג צו דער ראַנקע, האָט ער פערקאַטשעט די קאַפאָטע און גענומען לויפען מיט'ן גאַנצען כח, ביז ער איז מיעד געוואָרען און אַנידערגעוואָרפען זיך אויף דער ערד.

שְׁוַייג שְׁוֶועסְטֶער.

פעליא פיינשטיין האָט שטענדיג געהאַלטען ביי זיך אַ קליין פלעשעלע ציאַניסטי קאַלי. יעדע מינוט, ווען נאָר זי זאָל דאָס וועלען, קאָן זי אויסטרינקען מיט איין זופּ דעם שאַרפען גיפט, און אין עטליכע מינוטען אַרום איז זי טויט. איהר איז דאָס פאַרגעקומען אַזוי לייכט צו טהון, ווי, צום ביישפּיעל, לעגען זיך שלאָפען ביינאַכט.

פאַר עטליכע יאָהרען, אין די זעלבע צייט, ווען זי איז געווען דאָס לעצטע מאָל אַזוי שרעקליך גענאַרט און אַזוי טיעף בעליידיגט, האָט זי פעסט בעשלאָסען, אַז—גענוג! זי קאָן מעהר נישט איבערטראָגען דאָס עביגע מאַטערניש, זי מוז מיט איהרע אייגענע הענד איבעררייסען די קייט פון ליידען, וואָס ציהט זיך און וועט זיך אַזוי ציהען אָהן אַנ׳אויפהער, ווי לאַנג זי וועט לעבען. איהר יוגענד האָט שוין דעמאָלט געהאַלטען אין אָבבליהען; מיט יעדען טאָג איז געוואַקסען דאָס קלעמעניש אין האַרצען, דאָס בענקשאַפט, וואָס האָט גענאָגט און גענאָגט און קיין מינוט נישט אויפגעהערט. מענשען זענען איהר דערעסען געוואָרען. די לעצטע געשיכטע האָט איהר געעפענט די אויגען צו זעהן, וואָס אייגענטליך די גרעסטע מאַנספערשוינען פערלאַנגען פון איהר. זי האָט זיך געפיהלט, ווי אַנ׳אונבעהאָלפען בעשעפעניש אין וואַלד, אַרומגערינגעלט פון יעגערס, וואָס ווילען זי פאַנגען. און דאָס האַרץ האָט אַזוי געצויגען און געבענקט צו זיי און דער געדאַנק האָט זיי אַזוי פיינד געהאַט!

זי איז געקומען ביינאַכט אַהיים אין איהר צימער, האָט אַרויסגענומען פון טאַש דאָס קליינע פלעשעלע, האָט עס געשטעלט אויף דער טאַבורעטקע נעבען טיש און האָט אָנגעשריבען אַ קורצען

בריעף צו איהר מומער און איהר יונגערער שוועסטער. זי האט זיך אויסגעטהון און אנגעטהון קלארע וועש. דערנאך האט זי איבערגעציינען די קישענס מיט ווייסע ציכלעך, איבערגעטווישט דאס ליַילעך, אזוי אז איהר געלעגער האט געבלאנקט שפאגעל־ווייס און נייַ. אין איינעם העמד האט זי זיך געשטעלט פאר'ן שפיגעל, האט אויפגעפלאכטען איהרע שווארצע האהר — דאס שענסטע וואס איהר איז געבליבען — און האט זיי געלאזט אראבפאלען פריַי איבער איהר קאפ, און מיט שטילע רוהיגע טריט איז זי צוגעגאנגען צו'ם בעט און האט זיך געלעגט. זי האט זיך נישט געאיילט. בכלל, האט זי זיך גענומען אין זיך אריין צו שטארבען רוהיג און שען, נישט אין איילעניש און חאפעניש, נישט אין אנ'אויפגערעגטער מינוט. זי איז געווען שטארק, האט געהאט א טיפע אכטונג צו איהר אייגענער פערזאן, און איהר האט נישט געקאנט איינפאלען קיין ספק, צי זי וועט האבען מוט אויסצופיהרען איהר בעשלוס.

זי האט אויסגעצויגען איהר שלאנקען קערפער אין בעט, גלייך אראבגעלאזט די הענד איבער דער קאלדרע, האט צוגעמאכט די אויגען און זיך פערטראכט. זי האט זיך פארגעשטעלט דעם נאהענטען טויט, און ער האט זי נישט געשראקען. וועגען די עטליכע מינוטען פון אויסטרינקען דעם גיפט ביז צו'ם עק האט זי אפילו נישט געוואלט טראכטען. נארישקייטען! צוויי־דריי מינוטען ליידען, דאס איז דאך לעכערליך. און דערנאך... דערנאך האט זי זיך פארגעשטעלט, ווי איהר קערפער ליגט פערגליווערט אין בעט, די אויגען פערמאכט, דאס פנים בלאס; דאס הארץ שלאגט נישט מעהר, דער מח איז אנגעגאסען מיט בליי און ערגיץ, ערגיץ איז נישט דא מעהר קיין שפור פון דעם שווערען קלעמעניש! איהר איז אפילו שוין יעצט פרעהליך געווארען ביי דעם געדאנק, אז איהר הארץ וועט זיין פריי פון דעם געפיהל וואס האט עס געשטיקט טאג און נאכט, ווי א שטיין. אויף איהר טיעף־פערטראכטען פנים מיט די פערמאכטע אויגען איז דורכגעלאפען עפים ווי א שמייכעל.

זי האָט אויסגעלעגט איהרע האָהר אויפ'ן קישען, האָט געעפענט די אויגען און האָט אויסגעשטרעקט די האַנד צו דער טאַבורעטקע. די ליכטיגקייט, דער טיש, די באַנק און די איבעריגע זאַכען פון צימער האָבען זיך אָנגעשלאָגען אין איהרע אויגען אויף עפּיס אַ נייעם, גאָר בעזונדערען אַרט. זי האָט געהאַט פערגניגען פון דעם קוקען אויף זיי, פונקט זי וואָלט זיי אָט־אַזוי נאָך קיינמאָל אין איהר לעבען ניט געהאַט געזעהן. זיי אַלע, פון דער טאַבורעטקע ביז צו די אויסגעשטריקטע זוימען פון העמד אויף איהר ברוסט, ביז צו איהרע אייגענע, רוהיג־ליגענדע, הענד — אַלץ, אַלץ האָט אויסגעזעהן אַזוי אונבעקאַנט און דאָך אַזוי בעקאַנט, אַזוי ניי און דאָך אַזוי אַלט. עפּיס אַ פאַרביגע ליכטיגקייט, וואָס האָט געשטאַמט פון איהר אייגענעם וועזען, איז געלעגען אויסגעגאָסען אויף אַלעם און האָט געגעבען גאָר אַ נייעם קאָלאָריט דער וועלט אַרום, איהר אַליין, איהרע אַלע געדאַנקען און געפיהלען. אַלץ האָט זיך יעצט אויסגעדוכט צו זיין שטיל, רוהיג און אַזוי געבענשט אין זיך.

„יעצט שטאַרב איך" האָט זי געטראַכט. און אויך דער געדאַנק, מיט וועלכען זי האָט זיך אַזוי לאַנג אַרומגעטראָגען, האָט איהר יעצט אויסגעזעהן ניי. אויך אין איהם איז געלעגען בעהאַלטען עפּיס אַ געבענשטע רוהיגקייט, פון וועלכער זי האָט פריהער קיין אַהנונג ניט געהאַט. זי האָט שוין גענומען דאָס פלעשעלע אין האַנד און עס צוגעטראָגען צו די ליפּען, אויפהייבענדיג דערביי אַביסעל דעם קאָפּ פון קישען, און אין דעם זעלבען מאָמענט האָט אַ נייע אידעע אויפגעבליצט אין איהר קאָפּ, אַן'אידעע, וואָס האָט זיך געדוכט צו זיין טיעף און אונערגרינדליך, ווי דער סוד פון טויט און לעבען, און אַלץ אַרומנעהמענד אַזוי ווי זיי. זי האָט זיך אָבגעשטעלט, האַלטענדיג דאָס פלעשעלע ביי'ם מויל, אום צו טראַכטען דעם גרויסען געדאַנק. זי האָט פאַר איהם נישט געהאַט קיין ווערטער, און דאָך איז ער געוועזען אַזוי פּראָסט און קלאָר. יענע וועלט פון קרעמעניש און בענקשאַפט, פון ליידען און מאַ-

טערניש האָט זי שוין געהאַט הינטער זיך, און איהר איז אויפֿגעגאַנגען אַ נייע וועלט, וואו ליידען זענען אונמעגליך, וואו קיין זאַך שרעקט מעהר נישט, וואו מען בענקט נישט און מען פֿערלאַנגט גאָרנישט — אַ רוהיגע איז אַ געבענשטע וועלט. איהר האָט זיך געדוכט, אַז אָט יעצט שטעהט זי אויף דעם גרענעץ פֿון טוידט און לעבען, אויף דעם פונקט, וואו זיי ריהרען אָן איינער אָן אַנדערן און ווערען פֿערשלונגען איינער אין אַנדערן און זענען איינס. זי האָט ווידער צוגעמאַכט די אויגען, צוריקלעגענדיג דעם קאָפּ אויפֿ'ן קישען. פֿאַר איהרע אויגען האָבען זיך געטראָגען אויפֿ'ן שוואַרצען פֿאָן פֿערשיעדענע בעקאַנטע געזיכטער, ציטערענדיג ווי ליכט־פֿלעקען. עס האָט זיך אויסגעריסעוועט דאָס שמייכעלדיגעס ווייכעס, און דאָך אַזוי געהאַסטעס פּנים פֿון דעם סטודענט, מיט וועלכען איהר לעצטע געשיכטע איז געוועזען פֿערקניפּט. — זי האָט יעצט נישט געפֿיהלט קיין פֿיינדשאַפֿט צו דעם פּנים, קיין האַס פֿון בעליידיגונג. דאָס פּנים איז געוועזען שטיל אין זיך, רוהיג אין זיך און געבענשט אין זיך, ווי דער גרויסער געדאַנק, ווי די גאַנצע וועלט. עס האָבען זיך פֿערביינגעטראָגען איהר מוטער, איהר שוועסטער, בעקאַנטע — אַלע האָבען געהאַט דעם זעלבען אויסדרוק.

„צי בין איך שוין געשטאָרבען"? — האָט זי זיך געפֿרעגט.

נאָר ניין, זי איז נישט טויט, דאָס פֿלעשעלע גיפֿט איז נאָך געוועזען אין איהר האַנד, און זי האָט עס נאָך געהאַלטען פֿאַר איהרע ליפּען. אין אין דער מיסטישער העלקייט פֿון איהר קאָפּ האָט זיך פּאַמעליך אויסגעריסעוועט אַ קלאָרער געדאַנק: „איך שטאַרב דאָך רוהיג, גליקליך און מיט פֿרייד!" און באַלד דערויף האָט זיך צוגעשפּינט אַ נייער געדאַנק:

„אויב מען קאָן אַזוי רוהיג און גליקליך שטאַרבען, וואָס שרעקליכעס איז ווידער פֿאַרהאַן אין לעבען? צו וואָס זיך איילען?"

די גאַנצע נאַכט איז זי דורכגעלעגען מיט פֿערמאַכטע אויגען, און אין איהר קאָפּ האָבען זיך געטראָגען אונקלאָרע בילדער און

געראנקען. אויף מארגען, ווען זי האט זיך אויפגעהויבען און געעפענט די אויגען, איז נאך געלעגען אויף אלעם אַן׳אָבגלאנץ פון דעם נעכטיגען קאלאריט, אלץ האט נאך אויסגעזעהן עפּיס ווי נײַ, און אליין האט זי זיך געפיהלט ווי נײַ־געבארען... אַ וואונדער איז געשעהן: איהר הארץ איז געווען פרײַ, קיין שפור פון דעם קלעמעניש, קיין שאטען פון דער בענקשאפט איז דערין מעהר נישט געווען.

„צי האב איך נישט געהאט קיין מוט אויסצופיהרען?“ — האט זי זיך דעם זעלבען טאג געפרעגט: „נאר, ניין! איך קאן רוהיג שטארבען, וועט זיך נאר אנהייבען דאס קלעמעניש אין הארצען, וועל איך דאס טהון, און טהון אהן אַ ציטעריגער האנד, איבערלעגטערהייד, מיט קלארע געדאנקען“, און דאס פלעשעלע גיפט איז געבליבען בײַ איהר גרייט אויף עס אויסצונוצען, ווען זי וועט בעשליסען,

זי איז געבליבען לעבען אויף דערווײַל. פיהלענדיג זיך אויף דער שוועל פון טויט. יענע נאכט האט ארויפגעלעגט אויף איהר אַ בעזונדערען שטעמפעל. איהר בליק, דער אויסדרוק פון איהר פנים, איהרע מאנירען, איהר שטים אפילו האבען זיך געענדערט, און זי האט פערשפרייט ארום זיך אַ טיעפע, אונפערשטענדליכע ערנסטקייט און וויכטיגקייט, אין איהר געגענווארט איז מען געגאנגען געלאסען און גערעדט שטיל, האט ווער געלאכט, האט ער זיך דערשראקען פאר זײַן אייגען קול. און ווען זי האט צופעליג ארויפגעלעגט איהר האנד אויפ׳ן טיש, איהר פײַן־אויסגעשניטענע האנד מיט די לאנגע ווײַסע פינגער, האט מען געפיהלט אַ דרך־ארץ צו איהר, און די בליקען זענען געווען צו איהר צוגעצויגען ווי מיט אַ מאגנעטישער קראפט. זי האט ווײַטער געגעבען לעקציעס, געפיהרט די ווירטשאפט, גערעדט ווייניג און נאר צו דער זאך, נאר איהרע פּראסטע רעד ווערען פראסטע, היימישע זאכען האבען געמאכט אַ מאדנעם אײַנדרוק, גלײַך ווי אונטער זיי וואלט זיך פערבארגען עפּיס

אַ גרויסער סוד. זי איז געוואָרען אַ פרעמדע אין הויז. אַז די קראַנקע מוטער, אַז די שוועסטער האָבען מיט איהר נישט גערעדט קיין איבריגע רעד, און אַלע האָבען געוואוסט, אַז זי טראָגט אין האַרצען בעהאַלטען פון אַלעמען איהר גרויס אומגליק.

טעג זענען פערגאַנגען נאָך טעג, זי האָט געלעבט אין איהר נעבעל און האָט געשוויגען. די מוטער איז געשטאָרבען, די שוועסטער האָט געענדיגט דאָס גימנאַזיום, זי אַליין איז געוואָרען עלטער, נאָר איהר איז עס פאָרגעקומען, ווי קיין זאַך וואָלט זיך נישט ענדערן. אַלץ וואָס ס׳איז געשעהן, איז געשעהן אַזוי נאַטירליך און פערשטענדליך, אַז אַנדערש האָט גאָרנישט געקאָנט זיין, געדולכט האָט זיך, אַז פון יענעם טאָג אָן איז אַלץ אין איהר און אַרום איהר פערגליווערט געוואָרען און ריהרט זיך נישט מעהר. איהר יוגענד אַפילו וועלקט מעהר נישט, און זי בלייבט די זעלבע ווי פאַר אַ יאָהר, ווי פאַר צוויי יאָהר. זי האָט געלעבט אָהן פריידען און אָהן ליידען, טאָג־איין—טאָג־אויס, אין דער זעלבער גלייכגילטיגקייט, און טיילמאָל האָט אויסגעזעהן, אַז זי האָט פערלאָרען די פעהיגקייט אונטערצושיידען צווישען לייד און פרייד, גליק און אומגליק. מיט דער צייט נאָר האָט זיך ביי איהר אויסגעאַרבייט אַ בעזונדערער געשמאַק; זי האָט נישט ליעב געהאַט קיין פאַרביגע קליידער; אַליין האָט זי געטראָגען אָדער שוואַרץ. אָדער — אין דער היים — ווייס; די בלוזעס איהרע האָט זי אַזוי קונציג צוגעשניטען און פערוואָרפען מיט פאַלבען, אַז זיי האָבען נישט געלאָזט אַרויסזעהן איהר ברוסט, און פון ביכער האָט זי נישט געקאָנט ליידען אַלערליי ראָמאַנען און ליעבעס ליעדער, וואָס האָבען אויף איהר געמאַכט אַן אָבשטויסענדיגען איינדרוק, גלייך ווי מען וואָלט בעריהרען מיט אונפערשעמטע גראָבע הענד אַ הייליגטום.

די יינגערע שוועסטער, אננא, איז אויסגעוואַקסען שעהן און געראָטען. זי פלעגט געפעלען, האָט זיך פערליעבט, און עס האָט זיך אָנגעהויבען פאַר איהר די זעלבע אונרוהיגע צייט, וואָס פעריע

האט אזוי גוט געקענט. אננא פרעגט א היים קומען ביינאכט דא פרעהליך, דא טרויעריג, האט פיעל מאל געוויינט. פעליע האט אויף איהר געקוקט מיט איהר טרויעריג-גלייכגילטיגען בליק, און האט געפיהלט, ווי דאס יונגע פרישע לעבען פון איהר שוועסטער ברעכט זיך, ווי איהר'ס אמאל, נאר זי האט געשוויגען, געשוויגען, ווייל זי האט איהר גישט געהאט וואס צו זאגען. זעלטען נאר האט געטראפען, אז זי האט זיך געזעצט נעבען דער שוועסטער, האט געגלעט איהרע האר און האט געפרעגט, ווי שפעט ס'איז. די יינגערע שוועסטער האט זיך צוגעטוליעט צו איהר, האט שטיל געוויינט, און איהר יונגער קערפער האט געציטערט אונטער דער שוועסטערס האנד. פעליע איז אויפגעשטאנען צורודערט, דאס הארץ איהר'ס איז אונרוהיג געווארען, עפיס האט אנגעהויבען צו נאגען. און זי האט זיך דערמאהנט אן דעם קליינעם פרעשערע.

„צי איז שוין געקומען די צייט?" — האט זי זיך געפרעגט אין אזא אויפגערעגטען מאמענט. נאר ביי דעם געדאנק אליין איז איהר הארץ געווארען צוריק רוהיג, אלץ ארום איהר פערשטענדליך און נאטירליך, און צייטענווייז איז פערשוואונדען די גרענעץ צווישען פרייד און לייד.

* *

*

די איינוואהנער פון א זומער-וואהנונג, נעבען אמארקא, פערזאמלענדיג זיך פארנאכט ביי דער סטאנציע, האבען טאג טעגליך געזעהן שפאצירען א פרויען-געשטאלט, פון וועלכען מען האט ניט געקענט אברייסען די אויגען, זי איז געוועזן שלאנק, בלאס אויפ'ן פנים און ניט מעהר יונג, נאר האט אויסגעזעהן צו האלטען זיך שטארק. געגאנגען איז זי ארויף און אראב פאמעליך, די הענד זענען געוועזען אראבגעלאזען גלייך, די אראבגעלאזטע רעפלען האבען זיך פון צייט צו צייט אויפגעהויבען, און דעמאלט האבען ארויסגעקוקט פערטרוימטע נאר שארפע אויגען, וואס האבען גערעדט אויף

אַ שפּראַך, וועלכע קיינער האָט ניט פערשטאַנען. דאָס איז געווען פעליע, זי האָט זיך געפיהלט אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען מיט נייגיעריגע בליקען, האָט געהערט, ווי מען מורמעלט זיך עפּעס וועגען איהר, און האָט געהאַט פערדרוס, וואָס זי האָט זיך געלאָזט איינרערען פון דער שוועסטער אַרויסצופאָהרען אויף אַ זומער וואָנונג.

„צו וואָס, צו וואָס האָט דאָס געהערט"? האָט זי געטראַכט אויפגערעגט.

דאָס יונגע לעבען, וואָס האָט געווימעלט אַרום איהר, דער שטענדיגער פלירט, דאָס פרעהליכער געלעכטער, דאָס לויפען און זינגען, די אַלע יונגע קאָמפּאַניעס, מיט וועלכע אויך איהר שוועסטער האָט פערברענגט — אַלץ דאָס איז איהר געווען דערווידער, האָבען זי געערגערט, און זי האָט זיך נאָך מעהר פערטיעפט אין איהר עביגען געדאַנק וועגען טוידט. און טראַכטענדיג אַזוי, האָט זי טיילמאָל געקוקט מיט שטאָלץ אַרום זיך, שטאָלץ מיט איהר פערשלאָסענעם האַרץ, מיט איהרע ליידען, וואָס זי האָט פאַר קיינעם, פאַר קיינעם ניט אַרויסגעזאָגט, שטאָלץ מיט איהר מעדעלשאַפט, וואָס איז פערבליבען ביי איהר, ווי אַ פערוועלקטע היילינגע בלום. נאָר די לינדע אָווענדען, דער געראָטעטער הימעל, דאָס פאַרבען-שפּיעל אויף מערב-זייט, די בימעלוויז צופאַלענדע פינסטערקייט, — האָט זי ניט געקענט מעהר פערטראָגען. זיי האָבען מאָדנע געצייצט דאָס האַרץ, געוועקט די אַלטע שוין פערגעסענע בענקשאַפט, און צוריקגעהענדיג אַ היים האָט זי יעדעס מאָל געטראַכט וועגען דער פלעשעלע.

נאָך איינעם אַזאַ אָווענד איז זי געקומען אַ היים און האָט געטראָפען איהר שוועסטער אַ פערוויינטע. זי איז געזעסען אויפ'ן בעט, אָנגעשפּאַרט מיט די הענד אויף דער אָנלעהן פון בעט, און אַז פעליע איז אַריינגעקומען, האָט זי בעהאַלטען דעם קאָפּ צווישען די הענד. די דאָזיגע פּאָזע האָט פעליע'ן דערמאָהנט אָן איהר

דע אייגענע דורכגעלעבטע יאָהרען. אַ מאָל, ווען זי פלעגט קומען אַהיים בעליידיגט, און דאָס האַרץ, האָט זיך געדוכט קאָן מעהר ניט איבערטראָגען דאָס גרויסע ביטערע געפיהל, דעמאָלט פלעגט זי אָט פונקט אַזוי זיצען, וויינען און טראַכטען שעה'ן לאַנג. „ווי זי מוטשעט זיך יעצט!״ — האָט זי געטראַכט וועגען דער שוועסטער און איהר איז דאָס ערשטע מאָל איינגעפאַלען, אַז מען דאַרף זי טרייסטען. זי האָט זיך געזעצט נעבען איהר און גענומען, ווי געוועהנליך, גלעטען איהרע האָהר:

— וויין נישט, אַננאַ. וויין נישט...

די יונגערע שוועסטער האָט זיך נאָך מעהר פערחליפעט, איהרע אַקסלען האָבען געציטערט, און מיט אַ מאָל האָט זי זיך אומגעקעהרט צו איהר שוועסטער, האָט זיך צוגעטוליעט צו איהר, בעהאַלטענדיג דעם קאָפּ אויף איהר ברוסט.

— איך קאָן נישט מעהר, שוועסטער, איך קאָן נישט, איך וועל ליעבער שטאַרבען, איך וויל נישט אַזאַ לעבען — האָט זי געזאָגט מיט אַ קאַפּריזנעם טאָן.

— איך פערשטעה, קינד — האָט פעליע גערעדט שטיל, איך פערשטעה אַלץ. איך האָב דאָס אַלץ דורכגעלעבט, לאַנג, שוין לאַנג, און דו זעהסט דאָך — איך לעב...

זי איז אַנשוויגען געוואָרען, דערשראָקען פון איהרע אייגענע ווערטער, וואָס האָבען עפּיס אַזוי מאָדנע געקלונגען. און אַננאַ, וואָס האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט איהר שוועסטער רעדען אין אַזאַ טאָן, האָט אויפגעהויבען נייגעריג דעם קאָפּ, און איהר בליק האָט שטום געבעטען איהר שוועסטער, זי זאָל ווייטער רעדען.

— דו האָסט קיין בעגריף נישט שוועסטער, וואָס אַ מענש קאָן זיך אָנלײַדען אויף דער וועלט, וואָס דאָס הייסט ליעב האָבען און גענאַרט זיין און בעליידיגט. אַז איך האָב דאָס ערשטע מאָל ליעב געהאַט, האָב איך געפיהלט אַזאַ גליק, אַז מיר האָט זיך געדוכט, איך וועל עס נישט איבערטראָגען; און דאָס צווייטע מאָל

איז שוין מײַן גליק געוועזן געמישט מיט פּערדרוס; דאָס דריטע מאָל — האָב איך געוויינט און געבענקט, געבענקט און געוויינט. און דאָס פּירטע מאָל — איז געוועזן נאָך ערגער, אַלץ ערגער און ערגער.

זי האָט אָבגעהאַקט, פֿיהלענדיג זיך בעליידיגט פון איהרע יוּנגע ווערטער, זי האָט אַרומגענומען די שוועסטער און האָט שטיל געבעטען:

— נו, דערצעהל, דערצעהל...

פעליע האָט געוואָלט דערצעהלען איהר לעצטע געשיכטע, וועלכע האָט איהר אויסגעזעהן אַזוי ווילטיג, אַזוי שרעקליך און גרויזאַם, נאָר זי האָט אָבגעהאַקט בײַ די ערשטע ווערטער:

— ניין, ניין... איך וועל נישט דערצעהלען. דו וועסט דאָס ניט פערשטעהן.

נאָר אַננאַ איז צוגעשטאַנען צו איהר און האָט געבעטען:

— דערצעהל, איך בעט דיר, איך פערשטעה אַלצדינג, ווייס דער טײַוועל וואָס זיי טראַכטען וועגען אונז...

די דאָזיגע ווערטער האָבען פעליע'ן טיעף בעליידיגט. זי האָט געוואָלט איבערצייגען די שוועסטער, אַז זי האָט אַ טעות; אַז איהר אומגליק איז געוועזן גאָר אַנדערש, און אַז ליעב געהאַט האָט זי אויך גאָר אַנדערש, און האָט גענומען ווייטער דערצעהלען, נאָר וואָס מעהר זי האָט דערצעהלט, אַלץ אונבעדייטענדער איז דאָס דערצעהלטע אַרויסגעקומען. ס'איז עהנליך געוועזן, ווי איינער זינקט אין אַ בלאָטע, און וואָס מעהר ער וויל זיך אַרויסראַטעווען, אַלץ טיעפער ווערט ער פערפאַלען.

— פערשטעהסט דו, דאָס איז געוועזן ניט אַזוי. מיר זענען געגאַנגען שפּאַצירען, דערנאָך האָט ער מיך בעגלייט אַהיים. מיר זענען געפאָהרען אין אַ דראָזשקע, און פּלוצלונג האָט ער מיך אַרומגענומען און געקושט, איך האָב מיך שרעקליך דערשראָקען...

„דאָס איז נאַריש, באַנאַל" — האָט זי געטראַכט — „נישט דאָס

װײל איך זאָגען״... און האָט דערצעהלט װײטער. איהר הארץ איז פוסט געװאָרען, זי האָט זיך דערפיהלט דערשלאָגען און צובראָכען, און פּלוצלונג האָט אַ װילדער העפטיגער װעהטאָג געפּרעסט איהר הארץ. איהרע אויגען, װאָס האָבען אַזוי לאַנג שוין נישט געקענט קײן טרעהרען, זענען מיט אַמאָל פײַכט געװאָרען, און זי האָט געװײנט פאַר דער שװעסטער, געװײנט לאַנג און ביטער, און די טרעהרען האָבען איהר נישט לײַכטער געמאַכט, נאָר האָבען זיך געלעגט װי שװערע שטײנער אויף איהר הארץ.

אין דער פריה, װען אַננאַ איז אויפגעשטאַנען, האָט זי געפונען די שװעסטער טויט. דאָס פלעשעלע איז געװען אויסגעטרונקען, און אויפ׳ן טיש איז געלעגען אַ צעטעל, אין װעלכען עס זענען געשטאַנען פאָלגענדע װערטער:

„איך שטאַרב, שװעסטער, אײגענטליך, בין איך שוין לאַנג געשטאָרבען. בלײַב געזונד. אויב דיר װעט אויסקומען צו לײַדען אַזוי פיעל װי מיר, דערצעהל קײנעם נישט פון דײַנע לײַדען. היט זײ אין דײַן הארצען, זאָלען זײ זײן פערבאָרגען און הײליג, און שװײַג, שװעסטער, שװײַג!״

אויגען.

קלײנע קינדער, גוטע קינדער,
כ׳וויל אַ מעשה אײַך דערצעהלען!
זעהט די מענשען אויף די גאַסען,
ווי זיי לויפען, ווי זיי אײַלען,

ס׳טרײַבט דאָס לעבען זיי מיט רוטער...
אָ, ווער ווער זיך דען אָבשטעלען,
אַ מינוט דעם לויף אָבהאַלטען
און מײַן מעשה הערען וועלען?!

אַך פעריאָגטע, מידע מענשען,
כ׳האָב קיין ווערטער נישט פאַר זיי!
ס׳טראָגט דער לעבענס־שטראָם זיי האַסטיג
פאַר די אויגען מיר פערביי! — —

— — — — — — — — — — — — —

I.

בְּלָאֶע אױגֶעלִיךְ.

קומט, קינדערליך! איך קען אויסענווענדיג אַ מעשה דערצעהלען, אזוי:

אַ מאָל איז געווען אַ ייִנגערע, אַ ייִנגערע מיט בלאָע אויגען.

הערט! מײַן זיידע האָט מיר אַזוי געזאָגט: ווען אָדם הראשון האָט געזינדיגט, און גאָט האָט איהם פאַר זײַנע זינד פערטריבען פון גן עדן, האָט זיך אָדם הראשון אַזוי צעוויינט, אַז מיט איהם צוזאַמען אין איין קול האָבען מיטגעוויינט אַלע כרובים, די זעלבע כרובים, וואָס שטעהען פאַר דעם גן־עדן׳ס טהויער מיט בלאַנקע שאַרפע שווערדען אין די הענד. די כרובים האָבען הײס געוויינט און גאָט געבעטען ער זאָל אָדם׳ן מוחל זײַן זײַנע זינד און איהם

ווײַטער לאָזען אין גן עדן, און נאָט האָט זײ אַזוי נעענטפֿערט: „מוחל זײַן איהם זײַנע זינד קאָן איך, נאָר ער האָט דאָך פֿון עץ הדעת געגעסען, — ער איז אַזוי קלוג געוואָרען, אַז קוים וועל איך איהם אין גן עדן לאָזען, וועט דאָס גן עדן אַ גיהנם ווערען, און איהר וועט מוזען פֿון דאַנען אַרויס. און וואו וועט איהר אײַך אַהין טהון, מײַנע גוטע כּרובים׳ליך?‟ און אַז די כּרובים האָבען דערהערט גאָט׳ס רעד, זענען זײ אַזוי דערשראָקען געוואָרען, אַז אין גאַנצען גן-עדן האָט מען נאָר געהערט דאָס גערויש פֿון זײערע פֿליגעליך, וואָס האָבען געציטערט פֿאַר שרעק. און ציטערענדיג און שטאַמלענדיג, האָבען זײ אַזוי געבעטען: „אוי, גאָטעניו פֿאָטער, אוי גאָטעניו פֿאָטער! פֿערטרײַב איהם גיכער! וואו וועלען מיר זיך אַהין טהון?! אוי ווער געשריען. וואו וועלען מיר זיך אַהין טהון?! אוי פֿערטרײַב איהם...״ אַזוי האָבען זײ געוויינט און געציטערט און געפֿלאַטערט פֿאַר שרעק; אַ סך זענען חלשות געפֿאַלען פֿאַר פּחד, אַ סך-שיער נישט משוגע געוואָרען, דען גאָט האָט אַ ביסעלע געוואָלט מקיים צו זײַן אין אָדם׳ן זײַן משפּט.

כּרובים, ווייסט איהר דאָך, דאָס זענען אַזעלכע קליינע מלאָכים׳ליך מיט דינציגע פֿליגעלעך און קינדער-פּנים׳ליך. גוטע מלאָכים׳ליך זענען דאָס, גאָר גוטע: אַזעלכע רחמנות׳דיגע נשמות׳ליך האָבען זײ! באַלד חײנען זײ, אַז זײ הערען עפּים אַ שרעקליכע גזירה אויף עמיצען, זײ האָבען אַלעמען ליעב, און זיך אַליין האָבען זײ אויך ליעב, אַזוי היים ליעב, אַז זײ וויינען און חלשען און ציטערען און צאַפּלען און ווערען פֿערמישט פֿאַר שרעק, בשעת זײ קריגען מורא, ס׳זאָל זײ, חלילה, עפּים שרעקליכס נישט געשעהען... אַזעלכע מלאָכים׳ליך זענען דאָס.

מענשען זענען דאָך נישט גלײַך איינער צום אַנדערען, כּרובים אויך נישט, ס׳זענען פֿאַראַן פּראָסטע, ס׳זענען פֿאַראַן גוטע, גאָר גוטע און גאָר-גאָר גוטע, און ווען דער גאַנצער גן עדן האָט גערוישט פֿון די כּרובים, וואָס האָבען געציטערט מיט אַלע זײערע

זעקס פליגעליך, דעמאָלט איז זיך געשטאַנען אין אַ זייט אַ כרוב׳ל, און שטיל, גאָר שטיל געקוקט מיט זיינע בלאָע אויגעליך אויף אָדם׳ן.

אויגעליך האָבען אַלע כרובים בלאָע, דאָך האָט יעדער כרוב אַנדערע גאָר. אויגעליך דאָס זענען שפּיגעליך. דער כרוב אָבער, וואָס איז געשטאַנען אין אַ זייט, האָט געהאַט גאָר אַנדערע אויגען. זיי האָבען נישט געגלאַנצט, נישט אָבגעשפּיגעלט האָט זיך אין זיי אַלץ, — זיי אַליין האָבען געלויכטען. אַ גוט שפּיגעלע, קינדערליך, גלאַנצט נאָר אַז עס איז ליכטיג; דאָס בעסטע שפּיגעלע איז אַזעלכעס, וואָס שלאָגט אָב דאָס גאַנצע ליכט וואָס עס קריגט; פּרובט איבער, שטעלט עס אין גאָר-גאָר אַ פינסטער צימער, לייכט עס גאָר-נישט. אָט זעהט איהר אַן׳אבן-טוב, אַ זעלכער ווי נח האָט געהאַט אין דעם תבה, לייכט אַליין פון זיך. אין דער פינסטער, אדרבה, זעהט מען ערשט נאָך בעסער זיין ליכט. דער כרוב האָט טאַקי אַן׳אבן-טוב, אַ גוטע נשמה געהאַט. מיינט נישט אַזוי גלאַט, וואָס אַלע רופען אן „אַ גוטע נשמה״, דאָס זענען נאָר פיינע אויסגעשליפענע שפּיגעליך, איך מיין „טאַקי אַ גוטע נשמה״; איבער דעם זאָג איך אייך, קינדערליך — אַן׳אבן-טוב.

און מיט זיינע בריליאַנטענע בלאָע אויגעליך איז ער געשטאַנען און געקוקט אויף אָדם׳ן און חוה׳ן, וואָס האָבען ביטער געוויינט און פערגאָסען אַזוי פיעל טרעהרען, אַז אויף דער ערד איז אַ שטאָל בריגעלע טרעהרען געגאַנגען. די ערד, קינדערליך, האָט די טרעהרען נישט געוואָלט איינזאַפּען. די ערד איז אַ גוטע: אַלע פויערין אין די דערפער ווייסען דאָס.

און איהר ווייסט וואָס? אונזער כרוב׳ל האָט גאָרנישט געוואוסט, וואָס דאָס איז טרערען, וואָס זינד איז, וואָס מען מיינט דאָס עפּיס „שטראָפען״, און ער איז געשטאַנען און זיך געוואונדערט, הערענדיג און זעהענדיג, ווי ס׳ציטערען אַלע כרובים. „אַזוי שפּיעלען זיי מיט זייערע פליגעליך״, האָט ער געטראַכט, „עה גוטע כרובים׳ליך נאַרעליך, וואָס עפּיס אַלע צוזאַמען אויסגעטראַכט אַזאַ

באַרישׁ שפּיעל? מען קען נאָר מיד ווערען, ווייטער גאָרנישט״.

אַזוי האָט ער זיך געטראַכט, און ער האָט געפרעגט איין כּרוב׳ל, אַ צווייט כּרוב׳ל — קיינער האָט נישט געענטפערט. הערסט דו, ווי קאָן מען עפּיס ענטפערען, אַז מען ציטערט און פלאַטערט פאַר שרעק.

ער האָט זיך אַזוי געטראַכט, איך וועל געהן און פרעגען אָדם׳ן, איז ער צוגעגאַנגען און געפרעגט. אָדם האָט, חליפּענדיג צוהאַלטענדיג מיט די הענד זיין פּנים, אַזוי געזאָגט: „פון גן עדן פערטרייבט מיך גאָט, אין דער ווייטער, ברייטער חושׁך׳דיגער וועלט אַריין, ווייל איך האָב געזינדיגט, איך האָב פון עץ הדעת געגעסען; חוה האָט מיך אָנגערעדט, אַלץ איבער איהר!״ און חוה האָט געזאָגט: אויך חליפּענדיג און צוהאַלטענדיג מיט די הענד דאָס פּנים: „אוי וועה! מען פערטרייבט אונז פון גן עדן, ווייל מען האָט געזינדיגט; די שלאַנג האָט מיך אָנגערעדט, אַלץ איבער איהר!״

דאָס כּרוב׳ל האָט זיך פערטראַכט, הערענדיג, און אויף זיינע קלאָרע, ליכטיגע אויגען האָט זיך אַ שאָטען, גאָר אַ דינינקער שאָטען געלעגט, און אונטער די בלאָע אויגען, אויפ׳ן געזיכט, האָט זיך אַ קנייטשיל, גאָר אַ קליין קנייטשיל געמאַכט.

אַזוי, קינדערליך! פאַר אַן אמת׳ע גוטע נשמה איז זעהר נישט גוט צו זעהן טרערען, ווייל טרערען קומען אַרויס פון זינד, און זינד לעגען שאָטען אויף די אויגען און מאַכען קנייטשען אויפ׳ן געזיכט.

און אָדם הראשון און חוה האָבען געוויינט און געקרעכצט און צוגעהאַלטען מיט די הענד דאָס פּנים, און דאָס כּרוב׳ל האָט אויף זיי געקוקט.

נאָר — איך ווייס נישט ווי אַזוי — האָט עפּיס אָדם אַוועקגענומען די הענד פון געזיכט, און אין זיינע אויגען האָט אַריינגעשיינט דעם כּרוב׳ס קלאָרער בליק. דער שאָטען איז נאָך נישט געווען צו דער־קענען. עפּיס איז איהם אין איין מינוט אַזוי גרינג געוואָרען אויפ׳ן

האַרץ, עפּיס האָט ער זיך באַלד איבערגעבעטען ביט׳ן לעבען, מיט דער וויַטער, ברייטער הויכ׳דיגער וועלט און מיט זיין שווער מזל אויף איהר. ער האָט אַ שטוים געגעבען מיט דער האַנד חוה׳ן און אַזוי געזאָגט: „חוה, וועה נאַר!“ חוה האָט אויך געקוקט אויפ׳ן כּרוב׳ל, און איהר איז אויך לייכט געוואָרען אויפ׳ן האַרץ, זי האָט טאַקי באַלד גלייך געמאַכט מיט די הענד די האָר אויפ׳ן קאָפּ און האָט אָדם׳ן אַזוי געפרעגט: „וועה נאַר, אָדם, מיין פּנים איז עפּיס גוט איינגעשמירט פון טרערען? ברענג אַ ביסעל וואַסער!“

און דאָס כּרוב׳ל איז געשטאַנען און געקוקט, גאָרנישט גע־רעדט און אַלץ געקוקט אויף אָדם׳ן מיט חוה׳ן אַזוי לאַנג, ביז אָדם און חוה האָבען זיך צעקושט און זענען אַרויסגעגאַנגען פון גן־עדן, האַלטענדיג זיך פאַר די הענד.

אַלע כּרובים האָבען אויפגעהערט צו ציטערען און האָבען לייכטער אָבגעזיפצט, עטליכע האָבען געחאַפּט שווערליך אין די הענד און זיך געשטעלט פאַר די טהויערען פון גן־עדן. „נאַר גוט היטען! נאַר גוט היטען“, האָבען אַלע נאָכגעשריען, וויַיל, חלילה וחס, אוי וועה, חלילה וחס...“ זיי האָבען מורא געהאַט פאַר׳ן מויל צו ברענגען.

נאַר אונזער כּרוב׳ל דאָס איז גאַר עפּיס אַנדערש געוועזן. אַז מיין זיידע האָט מיר די מעשה דערצעהלט, האָט ער דריי מאָל אַזוי געזאָגט: „גאַר עפּעס אַנדערש“, נישט חנם האָט זיין איינענע גוטע נשמה אַרויסגעלויכטען אויף דער וועלט. יאָ, קינדערליך, איין אמת׳ע גוטע נשמה איז אַ ליכט! שטעהן שטעהט עס אויפ׳ן אָרט און בעלייכט אַלץ אַרום, אַ גוטע נשמה מאַכט אַלע גוט, עס ווערט אַלעמען גרינגער אויפ׳ן האַרץ, אַז זי איז דאָ... יאָ, דאָס איז וואָהר קינדערליך!

און אַזוי ווי דאָס כּרוב׳ל האָט געזעהן, אַז אָדם און חוה׳ן איז גרינגער געוואָרען אויפ׳ן האַרץ, צייט ער האָט זיך געשטעלט

נעבען זיי, איז ער נאָר שטיל זיי נאָכגעגאַנגען אין דער ווייטער, ברייטער חושכ׳דיגער וועלט אַריין.

עס איז נאָך ביז היינט אין דער וועלט; עס זעהט אויס, ווי אַ יינגעלע, אַ קליין יינגעלע, ווי אַלע קליינע יינגעליך; נאָר אויגען האָט עס גאָר אַנדערע, בלאָע אַ זעלכע... איהר ווייסט שוין.

נאָך האָט מיין זיידע אַזוי געזאָגט: אַזאַ יונגעלע איז נאָך קיינמאָל נישט בר מצוה געוואָרען. אַז ער זעהט טרערען און זינד, רעגען זיך איהם שאָטען אויף די אויגען, און קנייטשען מאַכען זיך אויפ׳ן פנים; און אַז די אויגען ווערען ביי איהם טונקעל, און דאָס פנים ווערט געריִנצעלט, שטאַרבט עס דאָס יונגעלע, שטאַרבט עס רוהיג און שטיל, און עס ווערט געבוירען אַ נייַ יונגעלע... עס וועט קומען אַ צייט, האָט מיין זיידע געענדיגט, אַזאַ יונגעלע וועט אויפוואַקסען, וועט בר־מצוה ווערען, דעמאָלט וועט משיח קומען.

אָט אַזוי האָט מיר מיין זיידע דערצעהלט.

די מעשה גופא, קינדערליך, וועל איך אייך איין אַנדער מאָל דערצעהלען. ווייסט איהר, ווען? אַז איהר וועט ווערען האָבען אמת׳ע גוטע נשמות, אַזעלכע ווי דער כרוב, אַז איהר וועט שטאַרק, זעהר שטאַרק דאָס בענעהרען, דעמאָלט וועל איך אייך דערצעהלען די מעשה:

אַמאָל איז געווען אַ יינגעלע. אַ יינגעלע מיט בלאָע אויגען.

II.

שוואַרצע אויגען.

די צווייטע מעשה הויבט זיך אָן אַזוי:

אַמאָל איז געווען אַ יונגעלע, וואָס האָט געהאַט שוואַרצע אויגען.

שווארצע, נאר קלארע אויגלעך און טיעפע, וואס קוקען דורך און דורך...

נאר צו'ם ערשטען וועל איך אייך דערצעהלען פון וואלד, וואו דאס יונגעלע איז געבארען געווארען:

אמאל איז געווען א וואלד, אן'אלטער, א הויכער, א געדיכטער וואלד... עס האט גערוישט דער וואלד, גערוישט ביי טאג, גערוישט ביי נאכט, א סך, גאר א סך הונדערטער יאהרען אזוי, ביז עס זענען געקומען מענשען מיט זעגען און מיט העק און מיט שטריק — און איהם אונטערגעזעגט, אונטערגעהאקט און איינגעווארפען, און דאס האלץ געפיהרט אין שטאדט אריין צו פערקויפען פאר געלד.

דאס געלד האט צוגענומען דער גרויסער גביר פון דער שטאדט, געהאקט האבען די פויערען פון די דערפער, און אכטונג געגעבען אויף די פויערען האט דער שרייבער, וואס האט געהאט א יונגעלע מיט שווארצע אויגען.

עס איז זיך געזעסען דאס יונגעלע פאר דעם פאטערס שטיבעל, אויף דעם פרייען שטיק ארט, וואס איז געווען ארום דעם קליינעם הייזיל, געזעסען אין א העמדעלע, מיט וועלכען דער ווינד האט זיך געשפיעלט, און ער האט געקוקט אויפ'ן הימעל, איבער וועלכען עס זענען א סך וואלקען געלאפען, און ער האט אויפגעהערט, ווי עס רוישט מיט כעס דער וואלד וואס האט זיך געבייזערט: „פאר וואס האקט מען מיך?!"

נאך האט ער געהערט פון ווייטען זעגען און קלאפען, דערנאך א גרויס גערויש און א הארטען קלאפ צוזאמען, א בוים איז אומגעפאלען און גערוישט מיט די צווייגען צו'ם לעצטען מאל; האט ער זיך געפרעגט זיין פאטער: „טאטישי, וואס רוישט?", האט דער פאטער איהם געענטפערט: „מען האקט די ביימער",

און דאס יונגעלע האט זיך פערטראכט און געפרעגט,

— טאטישי פאר וואס האקט מען זיי?

דער טאַטישי האָט געזאָגט:

— אַז דו וועסט גרויס זיין, וועסט דו וויסען.

— טאַטישי פאַר וואָס? — האָט דאָס יונגעלע ווידער גע־פרעגט און דערביי אַזוי ערנסט געקוקט מיט זיינע שוואַרצע אויגען, עפּנענדיג זיי אין גאַנצען, אַז דער פאָטער האָט עפּיס פּלוצלונג זעהר שטאַרק רחמנות געקראָגען אויף דאָס יונגעלע. האָט ער איהם געענטפערט:

— נאַרעלע, אוי נאַרעלע! מען האַקט די בוימער אויף האָלץ צו פערקויפען אין שטאָדט פאַר געלד.

„אַ נאַרעלע, האָט זיך דאָס יונגעלע געטראַכט, בין איך, דער טאַטישי זאָגט אַזוי; ער ווייס גוט, נאָר איך קליין יונגעלע, נאַרעלע ווייס גאָר נישט, צו וואָס האַקט מען דעם וואַלד, צו וואָס טויג דאָס עפּיס „האָלץ צו פערקויפען אין שטאָדט פאַר געלד"?

ווייל דאָס יונגעלע איז נאָך קיינמאָל נישט אין שטאָדט גע־וועזען, האָט ער נישט געוואוסט, וואָס ס'טייטש „שטאָדט"; „פער־קויפען פאַר געלד", האָט ער נישט געוואוסט, וואָס מען מיינט; נאָר ער האָט זיך אויסגעלערנט אויסווענדיג, זיך געפרעגט און זיך אַליין געענטפערט אַזוי:

— צו וואָס האַקט מען דעם וואַלד?

— צו פערקויפען אין שטאָדט פאַר געלד.

אַזוי האָט ער זיך געחזר'ט, ווען נאָר ער האָט געהערט דאָס געבייזער פון וואַלד, וואָס האָט זיך געבייזערט און בעקלאָגט און בעוויינט די אונטערגעהאַקטע און אַרויסגעפיהרטע בוימער. און דאָס יונגעלע האָט זיך אַלץ אין איינעם גענייט צו טראַכטען: „דער טאַטישי ווייס גוט; איך, קליין יונגעלע, ווייס גאָרנישט".

אַמאָל איז דאָס יונגעלע אויפגעקומען ביינאַכט מיט אַ גרויס געשריי:

עס האָט זיך איהם געחלומט, אַז מאַצשיק און וואָיצשעך רעגען אום אַ בוים. אָט הויבען זיי שוין אָן צו קראַפען... פּלוצלונג

האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון אָרט אַ הויכער און אַ דיקער בוים, דער זעלביגער בוים, ביי וועלכען דאָס יונגעלע איז ערשט נישט לאַנג אַ גאַנצע נאַכט דורכגעשטאַנען, קוקענדיג אויף דעם שטיקעלע אויסגעשטערענטען הימעל, וואָס מען האָט געקענט אַרויסזעהן פֿון צווישען די בוימער... אַ גאַנצע נאַכט איז ער דאָרט געשטאַנען; אין דער היים האָט מען איהם געזוכט, און אין דער פֿריה, אַז מען האָט איהם געפֿונען אַ שלאָפֿענדיגען ביי׳ם בוים, האָט מען איהם אויפֿגעוועקט און געזידעלט, און געשלאָגען... און ער האָט געוויינט, און האָט נישט געוואוסט פֿאַר וואָס מען שלאָגט איהם: „דאָ, האָט ער זיך געטראַכט, ביי׳ם בוים, איז מיר גוט געוועזן, וואָס ווילען זיי פֿון מיר?”... אָט דער זעלבער בוים כאַפּט זיך אויף פֿון אָרט, כאַפּט אַ זעג אין איין האַנד, אַ האַק אין דער אַנדערער און לויפֿט צו מיט כעס... און וואָס נעהנטער ער קומט צו, ווערט ער אַלץ ענליכער צו אַ מענש, אַ הויכער, אַ ריזיגער מענש... עס בעוויזען זיך זיינע צוויי ברענענדיגע אויגען... אָט הויבט ער אויף די האַק, האַקט אָב מאַשציק׳ן דעם קאָפּ, דער נאָך וואָשצעח׳ן, דערנאָך, זיין פֿאָטער, זיין מוטער... אַלע ליגען טוידט.. און ער לויפֿט אַלץ מיט דער האַק, לויפֿט און לויפֿט מיט אימפּעט, מיט כעס, און ער זוכט עפּיס מיט זיינע ברענענדיגע אויגען. אָט האָט ער איהם דערזעהן און הויבט אויף די האַק איבער זיין קאָפּ... דאָ איז דאָס יונגעלע אַרויס מיט אַ געשריי: „אויגעוואַלד! איך בין גאָרנישט שולדיג! אויף מיין נאמנות! אוי, געוואַלד!”... און ער איז אויפֿגעשטאַנען.

אַז די מוטער איז צוגעלאָפֿען צו׳ם יינגעל׳ס בעט, האָט ער זי אַרומגענומען מיט די הענד, איינגעטוליעט זיין קאָפּ אין איהר ברוסט און געוויינט:

— מאַמישי, מאַמישי: — האָט ער געזיפֿצט. און אַז די מוטער האָט איהם געבעטען, ער זאָל דערצעהלען, וואָס ער האָט געשריען, האָט ער גאָרנישט געקאָנט ענטפֿערען, און האָט אַלץ נאָר געשריען: מאַמישי, מאַמישי!

אין דער פריה, אַז ער איז נאָך געלעגען אין בעט און איהם האָט זיך דערמאַנט זיין חלום, האָט ער זיך זעהר געשראָקען. קיינער איז שוין נישט געווען אין שטוב; די מוטער איז געגאַנגען מעלקען די קוה, און דער פאָטער איז געווען אין וואַלד... עפּיס אַזאַ שטילע, נאָר זעהר שווערע שרעק, האָט איהם אין גאַנצען דורכגענומען... ער האָט זיך געשטעלט נעבען פענסטער און אַרויסגעקוקט, און איהם איז פּלוצלונג אַ גרויסער רחמנות געוואָרען אויף אַלעם, וואָס ער האָט געדענקט... קושען האָט זיך איהם געוואָלט אַלץ, קושען און וויינען, עפּעס אַרומנעהמען מיט זיינע הענד און פערדישען אויף׳ם טוידט!... אין מיטען האָט ער זיך דערמאָנט, וואָס דער פאָטער האָט איהם געזאָגט:

— נאַרעלע, אויף האָלץ צו פערקויפען אין שטאָדט פאַר געלד. און ער האָט ווידער זיך געטראַכט, אַז ער איז, אַ נאַרעלע, אַז ער ווייס גאָרנישט. אַז דער טאַטישי ווייס אַלץ גוט...

— אַ נאַרעלע בין איך, האָט ער זיך געחזר׳ט און איז אַרויס־געגאַנגען פון הייזיל.

אין דרויסען האָט ער געזעהען, ווי מאַצשיק און וואַיצשעך לעגען אַ בוים. ער האָט זיך אַ נידערגעזעצט אויפ׳ן גראָז און צו־געקוקט... פּלוצלונג האָט איהם אָנגעכאַפּט אַ ווילדע מורא: עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז דער בוים קריגט צוויי גרויסע, לאַנגע הענד, אָט לאָזט ער זיי אַראָב צו דער ערד... אודאי צו חאַפּען די האַק!... וואַיצשעך קלאַפּט מיט דער האַק, דער בוים שאָקעלט זיך בייז... פּלוצלונג האָט זיך געהערט אַ גרויס גערויש, דער בוים איז אומ־געפאַלען. דערנאָך האָט זיך געהערט מאַצשיק׳ס וויינענדיג שרייענ־דיג קול, אַרום און אַרום האָט עס געקלונגען פון אַלע זייטען:

וואַיצשעך איז דערהרג׳עט.

מיעד איז דאָס יינגעלע צוגעפאַלען מיט דעם קאָפּ צו׳ם גראָז. עס האָט איהם געשווינדעלט פאַר די אויגען... דערנאָך, אַז ער איז צוגעגאַנגען, האָט ער געזעהן וואַיצשעך׳ן ליגען מיט אַ פערבלוטע־

טען, צעהאַקטען קאָפּ, מאַצשיק האָט געגאָסען וואַסער אויף זיין פּנים, וואָיצשעך האָט זיך גאָרנישט אָנגערופען, נאָר געזיפּצט, שווער אַזוי געזיפּצט, און גאָרנישט גערעדט... דאָס יינגעלע איז אַרום מיט אַ געוויין און האָט אַזוי לאַנג געוויינט ביז דער פאָטער האָט איהם גענומען פאַר דער האַנד, אַהיים געפיהרט און געלעגט אויפ'ן בעט.

אַז דער פאָטער איז צוריק אַרויסגעגאַנגען, האָט זיך דאָס יונגעלע אויפגעהויבען פון בעט און צוגעגאַנגען צום פענסטער. ער האָט געזעהן, ווי מאַצשיק און נאָך אַ פּויער טראָגען וואָיצשעך'ן פאַר'ן קאָפּ און פאַר די פיס. מאַריאַשאַ, וואָיצשעך'ס ווייב האָט נאָכגעטראָגען די שטיוועל, וואָס זי האָט אַראָבגעצויגען פון די פיס. זי האָט זיי בעטראַכט פון אַלע זייטען, געדרעהט אין דער האַנד און געקלערט, וויפיעל די שטיוועל זענען נאָך ווערט צו פערקויפען פאַר געלד... און וואָיצשעך איז געלעגען שטיל, שוין גאָרנישט געזיפּט און געלאָזט זיך רוהיג טראָגען...

אַריינקוקענדיג זיך, האָט זיך דאָס יונגעלע ווידער זעהר שטאַרק פערוויינט. „דאָס זענען זיי זיך נוקם, די בוימער!" האָט ער געטראַכט... נאָר ער האָט זיך ווידער דערמאָנט דעם פאָטערס ווערטער, און ווידער האָט ער געטראַכט, אַז ער איז נאָר אַ יונגעלע, אַ נאַרעלע, אַז ער ווייס גאָרנישט, און דער טאַטישי ווייס אַלץ גוט...

אויף מאָרגען האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס יונגעלע האָט זיך בערוהיגט, ער איז טאַקי שטיל געוואָרען פון דעמאָלס אָן, שוין מעהר נישט געפרעגט קיין שאלות ביי'ם פאָטער אַזוי אָפט ווי ביז אַהער...

אין דער שטיל האָט זיין קינדיש האַרץ געקלאַפּט: „צי דער טאַטישי ווייס טאַקי אַלץ אַזוי גוט?"... עפּיס האָט ער מורא געהאַט צו קוקען דעם טאַטען גלייך אין די אויגען... און ער האָט זיך אָפט פערטראַכט, גאָר טיעף פערטראַכט, און זעלטען, זעהר

זעלטען אַמאָל געוויינט; טרערען האָבען זיך איהם אָפט געשטעלט אין די אויגען, נאָר אַרוסקאָלערען זיך אויף די באַקען האָבען זיי נישט געוואָלט.

פערשטעהט איהר, אין דעם יונגיל'ס קעפיל, וואו ביז אַהער איז געווען אַזוי רוהיג און גראָם, וואו ביז אַהער האָבען זיך ריינע געדאַנקען נאָר געשפּינט און געוועבט, האָט זיך איצט אַ שוואַרצער וואָרם אַריינגעגנב'ט, און די שוואַרצע אויגען זיינע זענען טיעפער, נאָר אויך טונקעלער געוואָרען...

* *
*

שלעכט און ביטער, קינדערליך, איז צו לעבען אויף דער וועלט, אַז די אויגען ווערען טונקעל, אַז זיי פערליערען פון טאָג זייער קלאָרהייט. מיינט נישט, ווייל מיט טונקעלע אויגען קאָן קיינער נישט לעבען אויף דער וועלט. לעבען קאָנען אַלע, האָט מיין זיידע געזאָגט, אַפילו אַ וואָלף, ווייל וואָס פאַר איינע אויגען יעדער האָט, אַזעלכע נשמה האָט ער. קלאָרע אויגען פאַר קלאָרע נשמות, טונקעלע=פאַר טונקעלע. נאָר אָח און וועה איז צו דער קלאָרער נשמה וואָס קוקט אויף דער וועלט מיט אַ זעלכע אויגען, וואָס ווערען טונקעל פון טאָג אויף טאָג. אַ קלאָרע נשמה ברויך צו זעהן אַ קלאָרע, אַ ריינע וועלט; און ווערען די אויגען טונקעל, שיינט די גאַנצע וועלט אַריין דורך זיי טונקעל, און אַז די ריינע נשמה ווערט מיעד שוין צופערטראָגען די טונקעלע וועלט, דעמאָלט איז דאָס לעבען שלעכט און ביטער, זעהר שלעכט און זעהר ביטער, קינדערלעך.

* *
*

הערט ווייטער די מעשה!

אין אַ יאָהר אַרום, אַז דער וואַלד איז שוין געווען אין גאַנצען אויסגעהאַקט, האָט זיך דער שרייבער מיט זיין ווייב און מיט'ן

יונגעלע איבערגעצויגען אין דער שטאָדט אריין. דאָרט האָבען זיי גאָר וועניג געלד פערדינט, האָבען זיי גאָר וועניג עסען געהאַט, אַ סך מאָל האָט דאָס יונגעלע געזאָגט צו׳ם פאָטער: „טאַטישי גיב מיר צו עסען. האָט דער פאָטער איהם געענטפערט! „שטיל, זוהנישי, באַלד וועט מען דיר געבען, באַלד, באַלד. דאָס יונגעלע האָט זיך געטראַכט, אַז מען וועט איהם טאַקי באַלד געבען, האָט ער שטיל געוואַרט, גאָרנישט גערעדט, נישט געבעטען עסען, האָטש איהם דאָט זעהר געהונגערט. נאָר אַז די מאַמע האָט איהם גענומען אויסטהון און לעגען שלאָפען, האָט ער זיך נישט געלאָזט, און דעמאָלס האָט ער מיט זיינע יונגע פרישע צייהן אַ קריטש גע־געבען, זעהר בעז געקוקט, און שטיל, ווי צו זיך געזאָגט: „דער טאַטישי נאַרט אויס״.

אַ סך מאָל האָט זיך דאָס געטראָפען...

און אין זיינע שווארצע אויגען האָט שוין אָנגעהויבען אויפ־צופינקלען דאָס בייזע פייער — דער כעס. איינמאָל אין דער פריה האָט דער פאָטער אויפגעוועקט דאָס יונגעלע און געזאָגט, אַז היינט וועט ער איהם פיהרען אין חדר אריין. דאָס יונגעלע האָט גע־פרעגט פערוואונדערט? „צו וואָס, טאַטישי, אין חדר אריין?״

— לערנען די הייליגע תורה, קינדישי!

נאָר דאָס יונגעלע האָט נישט פערשטאַנען, וואָס דער טאַ־טישי מיינט.

דער פאָטער האָט גענומען אַ טלית, ארומגעהילט דאָס יונ־געלע פון קאָפּ ביז די פיס און געטראָגען. דעם יונגעלע האָט דער אָטהעם פערפעהלט, און פינסטער איז איהם געווען אונטער׳ן טלית, האָט ער זיך געבעטען: „טאַטישי, וויקעל אויף!״ דער טאַטישי האָט נישט געענטפערט, איז דאָס יונגעל בייז געוואָרען, געביסען מיט די צייהן דעם טלית און געקאָפּעט מיט די פיס. און אַז דער טאַטע האָט איהם אַ קראַפּ געגעבען איבער די האַנד און געזאָגט: „שקץ קאָפּע נישט, האָט דאָס יונגעלע אויפגעהערט צו קאָפּען און

זיך שטארק פערוויינט, און וויינענדיג, האט ער געטראכט, אז ער ברויך אסך צו וויינען, אז ער האט שוין גאר לאנג נישט געוויינט...

די יונגעליך פון חדר האבען איהם געפעלען, ער איז צו יעדען צוגעגאנגען, שטיל געקוקט אויף יעדען מיט זיינע שווארצע אויגען, געפרעגט, ווי יעדער הייסט, און דערצו געזאגט: „איך הייס „חיים" מיר וועלען זיין חבר, יא?"

אז דאס יינגעלע האט זיך אנידערגעזעצט אויף דער באנק, איז צו איהם צוגעגאנגען שמעון, א יינגעלע גאר שען אנגעטהון. שענע הייזליך מיט שענע קנעפליך און א היטעלע מיט א לאמ אס. דאס איז געווען דעם גביר'ס יינגעלע. דער שמעון האט בעטראכט דאס יינגעלע פון קאפ ביז די פים, נאר חיים, אונזער יינגעלע האט שמעון'ן נישט געקאנט קוקען גלייך אין די אויגען אריין, וויל ווען שמעון האט געקוקט, האט ער אזוי אויפגעהויבען זיין קאפ, און אז ער האט גערעדט, האט ער אזוי געשל"דערט מיט דער האנד אין אלע זייטען, אז אונזער יינגעלע איז שווער געווען צו קוקען אויף איהם.

איהר ווילט וויסען. קינדערליך, וואס פאר איינע אויגען דער שמעון האט געהאט? זעהט איהר, איך ווייס אליין נישט. עפים אזוי, נישט שווארצע, נישט בלאע, עס איז גארנישט מעגליך גע-ווען איינצוקוקען זיך אין זיי, אזוי געווארפען האט ער מיט זיי אין אלע זייטען...

שמעון איז צוגעגאנגען צו'ם יינגעלע, איהם אראבגענומען דאס היטעלע פון קאפ און געדרעהט אין אלע זייטען און געזאגט צו אונזער יינגעלע, צו דעם חיים'לען: פע, גארנישט שען, זעהסט? איך האב א שען היטעלע, מיט א לאמפאס, זעהסט? ער איז אוועק-געגאנגען, באלד צוריקגעקומען און געזאגט: פע, ס'ארענע הויזען! זעהסט?... און איז ווידער אוועקגעגאנגען.

אונזער יינגעלע האט זיך געוואלט וויינען: דאס הארץ האט איהם געקלעמט: „פאר וואס האב איך נישט קיין היטעלע און שענע

הויזעליך?! האָט ער זיך געטראַכט און געביסען זיין צונג מיט די ציינער.

נאָר ווייגען האָט ער נישט געקאָנט, אויך דעמאָלס, ווען דער בעהעלפער איז צוגעגאַנגען צו איהם, און אַ קלאַפּ געגעבען איבער דער האַנד, זאָגענדיג: „אַ יינגעלע טאָר נישט זיצען אין בלויסען קאָפּ, אַ שקץ זיצט אין בלויסען קאָפּ, נאָך אַמאָל וועט מען דיך אָנשמייסען” — דאָ האָט ער אויך געוואָלט וויינען, און נישט געקאָנט, און פון דעם, וואָס ער האָט געפיהלט, אַז ער קאָן נישט וויינען איז איהם זעהר שווער געווען אויפ'ן האַרץ.

דער רבי, אַן'אַלטער בייזער רבי. וואָס דאָס יינגעלע האָט איהם נישט געקאָנט קוקען אין די אויגען אַריין גלייך, האָט דעם יינגעלע געזאָגט:

— קום אַריין, חיים, אַז דו וועסט לערנען און וועסט קענען דעם אלף מיט דעם בית וועט דער מלאך פונפער קומען צו פליהען און דיר אַראָבוואַרפען אַ גראָשען, אַ גאָלדענעם גראָשען.

און דאָס יינגעלע האָט מיט גרויס חשק געלערנט און האָט זיך געטראַכט: איך וועל קענען דעם אלף מיט דעם בית וועט דער מלאך פּ פער קומען, אַ גוטער מלאך...

און אַז דער רבי האָט אַ נייעם נאָמען אויסגערופען, האָט זיך אונזער יינגעלע אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען און זיך געוואונדערט: „וואו איז דער מלאך?” האָט ער געפרעגט דעם רבי'ן, לאַנג איז ער געשטאַנען, נישט געוואָלט אָבטרעטען ביז דער רבי האָט איהם אָבגעשמיסען.

דאָס יינגעלע האָט גאָרנישט געוויינט, נאָר פאַר זיך געזאָגט: דער רבי נאַרט אוים. די מאַמישי נאַרט אוים. אַלע נאַרען אוים — און איך בין נישט קיין שקץ!

לאַנג האָט דער רבי איהם געשלאָגען, ביז דאָס יינגעלע האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און געקוקט דעם רבי'ן גלייך אין די אויגען אַריין, דעמאָלס איז דעם רבי'ן אַ רחמנות געוואָרען אויף איהם און ער האָט זיך שיער נישט צעוויינט.

אַז דאָס יינגעלע איז צוריקגעגאַנגען אויף זיין אָרט אַנ׳אָב־געשמיסענער, איז שמעון צו איהם צוגעשפּרונגען, און, הויבענדיג דעם קאָפּ אין דער הויך ביי יעדעם וואָרט געזאָגט: מע, מע, גע־שמיסענער! מע, מע, געשמיסענער! און דאָס יינגעלע האָט גע־זאָגט: „דער טאַטישי, די מאַמישי, דער רבי — אַלע נאַרען אויס, און דו, יינגעלע ביזט אַזוי ווי אַ הונד. אַ שלעכטער״.

— מע, מע, געשמיסענער! האָט שמעון געענטפערט און איהם געשפּיגען אין פּנים אַריין.

דאָ איז דאָס יינגעלע בעז געוואָרען, צוגעלאָפען מיט כּעס צו שמעון׳ן, און זיך איינגעביסען מיט די ציינער אין שמעון׳ס האַנד און געשריגען: „דו שלעכטער הונד! דו שלעכטער הונד!

און נאָך אַמאָל האָט מען דאָס יינגעלע געשלאָגען אין חדר. אין דערהיים ווידער, אַז דער בעהעלפער האָט דערצעהלט וואָס דאָס יינגעלע האָט געטהון אין חדר, האָבען פאָטער און מוטער איהם ווידער געזידעלט און געשלאָגען.

— אַ שקץ ביזט דו! האָט דער טאַטע געזאָגט, אַנ׳עזות פּנים, וואַרט, איך וועל דיך שוין לערנען מוסר.

און די מאַמע האָט געזאָגט:

— וועה איז מיר! נאָטם שטראָף האָט מיך געטראָפען אַזאַ זוהן צו האָבען, קיינער קאָן איהם נישט ליידען! וועה איז מיר! אַ בן סורר ומורה וועט פון איהם אויסוואַקסען!

נאָר דאָס יינגעלע האָט פון דעמאָלס אָן שוין גאָרנישט גע־ענטפערט, נאָר פאַר זיך האָט ער זיך געחזר׳ט: זיי אַלע נאַרען אויס! איך בין נישט קיין סורר ומורה״.

און טאָג־טעגליך איז דאָס יינגעלע געגאַנגען אין חדר, און טאָג־טעגליך האָט איהם דער רבי געשלאָגען, אַזוי לאַנג ביז דער בליק פון זיינע אויגען האָט זיך אָנגעשלאָגען אין בליק פון יינגעלעס אויגען.

און דאָס יינגעלע האָט גאָרנישט גערעדט, קיינמאָל שוין נישט געוויינט, נאָר טיעף אין מח האָט ער אַ שווערע מחשבה געטראָגען:

ער האָט אַמאָל געהערט, אַז אין דער הייליגער תורה שטעהט געשריבען, אַז ערגיץ דאָרט אין טיעפען וואַלד איז פאַראַן אַ קליין בערגעלע, און אויף דעם בערגעלע איז פאַראַן אַ קליין דעקעלע, און דאָרט האָט גאָט בעהאַלטען די שטאַרקע ווינדען, וואָס אַז מען זאָל עפענען דאָס טהירעלע און זיי אַרויסלאָזען וועלען זיי חרוב מאַכען די וועלט, די גאַנצע וועלט, ווי זי שטעהט און געהט, איינמאָל איין עק. ער האָט געהערט, אַז דאָרט אויף דעם טהירעל שטעהט אויפגעשריעבען מיט גרויסע גע'כתיבה'טע אותיות: „הדרי–סופה" און אַז אַ קראָה שטעהט דאָרט און קוואָקעט בייטאָג און ביינאַכט... „העי! ווען איך וואָלט געקאָנט געפינען דאָס בערגעלע", האָט ער זיך געטראַכט, אָט, וואָלט שוין גוט געוועזן! איין עפען געבען, און – שוין!!

דערווייל איז ער אָבער קראַנק געוואָרען, אַ גאַנצען חודש בעקרעַנקט, און אַז ער איז אויפגעשטאַנען פון דער קרענק, האָט ער כמעט ווי פערגעסען אין דעם בערגעלע, האָטש ער האָט גוט געדענקט, אַז ער ברויך עפּיס צו טהון, אַז ער מוז עפּיס טהון, וואָס אַזוינס? האָט ער נישט געדענקט.

און אַז ער האָט וויעדער אָנגעהויבען צו געהן אין חדר, נאָך זעהר שוואַך און בלאַס אויפ'ן פנים געוועזן, און דער רבי האָט איהם נישט געשלאָגען, האָט ער זיך אַביסעל בערוהיגט. האָטש טיעף אין האַרצען ביי איהם האָט זיך עפּיס אַרץ-אין-איינעם אָנגערופען, אַז ער האָט עפּיס פערגעסען, עפּיס אַזעלכעס, וואָס מען ברויך נישט, וואָס מען טאָר נישט פערגעסען.

אַמאָל, דעמאָלס האָט ער שוין חומש געלערנט – איז דער רבי געזעסען און געלערנט, און די רביצין האָט געשיילט קאַרטאָפעל און געשאָלטען דעם רבי'ן, אין מיטען האָט זי זיך דעם פינ-

גער צושניטען און אויפגעהערט צו שעלטען. דער רבי האט געקוקט ווי עס בלוטעט דער פינגער און שטיל געזאגט: „אַ שענע ריינע כפרה!" און פאר גרויס שמחה געכאַפּט דעם קאַנטשיק און אַ שמיץ געגעבען אונזער יונגעלע איבער'ן פנים.

דאָס יונגעלע האָט מיט כעס אַרויסגעכאַפּט דעם קאַנטשיק פון רבינ'ס האנד און געוואָרפען אונטער'ן טיש אַרונטער. דער רבי איז בעז געוואָרען און האט דאָס יונגעלע געשמיסען, לאַנג געשמיסען, דאָס יונגעלע האָט זיך אין אנהויב נישט געלאזט, דערנאָך אָבער איז ער מיעד געוואָרען און געבליבען ליגען שטיל.

אין מיטען אָבער האָט ער זיך דערמאַנט אין דעם בערגעלע, וואָס ער האָט זיך פאַרגענומען פאר די קרענק, און ער האָט זיך מיט איין ריהר אַרויסגעריסען און געלאָפען — — — אין וואַלד אַריין.

וואָס ווייטער איז געוועזען, קינדערליך, ווייס איך נישט. ער האָט אוודאי לאַנג געבלאָנזשעט, ביז די נשמה איז איהם אַרויסגעגאַנגען אויפ'ן פעלד ערגיץ, די נשמה, וואָס האָט נישט געקאָנט די וועלט פערטראָגען.

אָט אזוי קינדערליך!

אַמאָל איז געוועזען אַ יונגעלע, שוואַרצע אויגעליך האָט דאָס יונגעלע געהאַט.

װער איז שולדיג?

... מײַן מיטוואוינער פ ינקעלמאַן שלאָפט שוין. ערשט אַ מינוט, ווי ער האָט פערלאָשען דאָס לעמפּיל, וואָס שטעהט נעבען בעט, און יעצט חראַפּעט ער שוין. ענטשלאָפען געוואָרען איז ער שוין פאַר אַ ווײַלע, נאָר אין מיטען דרימעל איז איהם דורך אַ געדאַנק דורכ׳ן מח, אַז די נאַפט ברענט אוים בחנם, און ער האָט זיך מיט געוואַלד אויפגעריסען פון שלאָף צו פערלעשען דאָס לעמפּיל. יעצט ליעגט ער אין גאַנצען אין שאָטען: דאָס ליכט פון מײַן טיש דערגרייכט נישט ביז צו דער וואַנד.

שלאָפען שלאָפט ער קיינמאָל נישט רוהיג: חראַפּעט, פערקרימט די ליפּען, ציהט מיט די שוואַרצע ברעמען אין שלאָף, — אידם מוז זיך אַ סך חלום׳ן. נאָר יעצט, דאַכט זיך מיר עפּעס, אַז אין חראַפּען זײַנעם ווערען פערשלונגען אַ סך זיפצען. און עפּיס, בכלל, איז מיר אַ רחמנות צו קוקען אויף דעם קליינעם, אײַנגעקאָרטשעטען גוף מיט׳ן בלייכען, ליידענשאַפטליכען פּנים, וואָס שטאַרט אַרוים פון אונטער דער קאָלדרע. ער ריהרט מיט די ברעמען און רונצעלט דעם שטערן. וואָס חלום׳ט זיך איהם? פון ווײַב? פון געשטאָרבענעם קינד? אָדער פון אַ גט און אַ נײַע חתונה מיט אַ נדן?...

עפּעס אַ מאָדנעם אײַנדרוק האָט ער הײַנט געמאַכט אויף מיר.

דרײַ וואָכען וואוין איך שוין צוזאַמען מיט איהם אין איין צימער. אַז איך האָב מיך אַרײַנגעצויגען אין דער דירה, און געוואָרען זײַן מיטוואוינער, האָט ער זיך עפּעס אַזוי דערפרעהט, אַז ס׳איז מיר אַזש אַ וואונדער געווען. מיר האָבען זיך ביז אַהער נישט

געקאָנט. עפּיס האָט ער מיר מיט אַזאַ ענטציקונג און איידעלקייט אָנגעוויזען אויף יעדען נאָגעל, וואו מען קען אויפהענגען אַ מלבוש, און דערצו אַלץ אין איינעם אַרויסגעחאַפּט מיר די זאַכען פון די הענד, אַבי מיר צו העלפען, און צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, איי־לענדיג און זעהר פערזאָנטערעסירט, אַז איך האָב מיך נישט גע־קאָנט איינהאַלטען און האָב איהם געפרעגט, פאַר וואָס ער איז זיך אַזוי מטריח פאַר מיר?

— לאָזט, לאָזט! ס׳שאַדט נישט! — האָט ער אַלץ אין איינעם געחזר׳ט, העלפענדיג מיר קעגען מיין ווילען. דערצו האָט ער צוגעמאַכט מיט ביידע הענד, צוצויגען די ליפּען און אַרויסגעשטעקט די ציינער; די אויגען האָבען געקוקט אַביסעל לאַכענדיג און פאַר־שעמט. מיט דעם שמייכעל האָט ער מיך אוודאי געוואָלט פערזיכע־רען, אַז ער בעמיהט זיך אַזוי פיעל מיר צו העלפען, וויל ער איז אַ גאַנץ גוטער בטבע; נאָר אין בליק זיינעם איז, חוץ דעם לאַכענ־דיגען, געווען נאָך עפּיס אַזוינס, וואָס האָט געוואָרט און געוואָלט וויסען, צו דאָס לאַכענדיגע האָט שוין געהאַט אויף מיר די וויר־קונג, וואָס ער האָט געוואָלט, און צו ער קאָן שוין צוזאַמען ציהען די ליפּען און אויפהערען צו שמייכלען.

— טהון אַ טובה, — האָט ער געערדט גאָר ענטציקט און אונ־טערגעשפּרונגען ביי יעדען וואָרט, — טהון אַ טובה — פאַר וואָס נישט? איך האָב זעהר ליעב צו טהון אַ טובה.

דאָ, דאָ, מיין ליעבער פריינד, הענגט אויף, גיט אַהער! גיט אַהער! — זעהט איהר, מיין ליעבער פריינד, — האָט ער וויי־טער געזאָגט מיט אַביסעל אַנ׳ערנסטערער מינע, אַז איך האָב אַרויסגע־רוקט דאָס שופלאָד פון טיש און געוואָלט דאָרט אַריינלעגען מיינע העקטאָגראַפיע רוסישע לעקציעס, — זעהט איהר, דאָס שופלאָד איז מיינס. איך האָב מיר אַזוי אויסגערעדט מיט׳ן בעל־הבית — איהר ווילט — פרעגט.

איך האָב שוין צוריק גענומען די פּאַפּיערען און געוואָלט זיי

אַרײַנלעגען אין קעסטעל מײַנעם, נאָר ער האָט זיך מיר אַרױסגע־כאַפּט פון דער האַנד און אַרױסגערוקט דאָס שופלאָד.

— זעהט איהר, פאַר איַך, מײַן ליעבער פרײַנד, פאַר־איַך... זאָל עס ליגען בײַ מיר. איהר קענט רוסיש? — האָט ער מיך פלוצלינג געפרעגט: ער האָט דערזעהן, אז די פּאַפּירען זע־נען אָנגעשריעבען רוסיש.

— איך קען.

— אַי — אַי, װאױל! זעהט איהר! איך לערן מיך רוסיש. איך האָב נישט קײן גוטע אױסשפּראַך, איהר װעט רעדען מיט מיר רוסיש? איהר װעט מיר צו־װײַזען, מײַן ליעבער פרײַנד? אַי — אַי — װאױל! איהר װעט מיר צװײַזען?

ער האָט װידער געמאַכט די פריהערדיגע מינע: געשמײַכעלט; נאָר אין זײַן בליק איז יעצט שױן געװען עפּיס אַ קינדישע בקשה; ער האָט געבעטען, װי אַ קינד בעט בײַ די עלטערן אַ גראָשען.

נאָך דעם האָט ער שױן ביז הײַנט זעהר זעלטען גערעדט מיט מיר יודיש. רעדען רעדט ער רוסיש זעהר שלעכט מיט אַסך גרײַ־זען, און ער װיל אױסנוצען די צײַט, װאָס איך פערברענג מיט איהם, אױף אױסצובעסערן איהם די גרײַזען. נאָך יעדער פערבע־בעסערונג הער איך:

— אַי־אַי־אַי ספּאַסיבאָ, ספּאַסיבאָ! (איך דאַנק, איך דאַנק װי חאָראָשי גאָספּאָדין! (איהר זײַט אַ גוטער הער).

איבערהױפּט, אז ער רעדט מיט מיר, צו מיט עמיץ אַנדע־רען, רופט ער יענעם אָן „הער” אָדער „גנעדיגער הער”. מײַנע בעמערקונגען, אַז אױף רוסיש זאָגט מען פּראָסט „איהר”, העלפען נישט. ער טראַכט זיך אװדאי אַזױ: „אַז מען קען טהון אַ טובה יענעם און זאָגען גנעדיגער הער — מהיכא תיתא, פאַר װאָס נישט?”

מיר האָבען זיך געזעצט בײַ׳ם טיש און פערװיכלערט פּאַפּי־ראָסען. פינקעלמאַן האָט מיר געזאָגט, אז נאָר מיר צוליעב רױ־כערט ער און לאָזט זיך מכבד זײַן מיט אַ פּאַפּיראָס. דערנאָך בין

איך אבער געוואהר געווארען, אז נישט נאר מיר אליין טהוט ער די טובה. רויכערן, פערשטעה איך, האט ער זעהר ליעב, ווי אלע נערוועזע (זיין פנים און זיינע בעוועגונגען זענען זעהר נערוועז), נאר ער פערגינט זיך נישט צו קויפען: ער איז זעהר א קארגער.

די בעל־הבית׳טע פון די ערשטע צווי צימער איז אריינגע־קומען בעטען א שוועבעלע, און איך בין דערשראקען געווארען, ווייל פינקעלמאן איז פלוצלונג אויפגעשפרונגען מיט אנ׳אימפעט, ארויסגעריסען זעהר געשיקט די שוועבעלעך פון מיין האנד און האט זיי דערלאנגט דער בעל־הבית׳טע מיט דער זילבער מינע און מיט׳ן זעלבען שמייכעל, וואס איך האב ערשט דא דערמאנט: — א שוועבע־לע? — האט ער גערעדט מיט אנ׳איילעניש און איז אונטערגעשפרונ־גען ביי יעדעןווארט. — א שוועבעלע? א? נאט אייך! נעהמט נאך א פאר, נעהמט! ס׳שאדט נישט, ס׳שאדט נישט!

דאס איז געווען פרייטאג. פינקעלמאן, וואס בעשעפטיגט זיך מיט לשון־הקדש׳ע לעקציעס, איז שוין געווען פריי. ער האט זיך געלעגט אויפ׳ן בעטיל און געלעזען עפים א פאר צושיטע רוסישע בלעטער פון אנ׳אלטען זשורנאל. ער האט מיר דערצעהלט, אז די בלעטער האט ער געפונען אין א געוועלב, וואו זיי זענען גע־ברויכט געווען אויף פאק־פאפיער, און ווייל ער לערנט זיך רוסיש און האט א רוסיש ווערטער־בוך, האט ער זיי אבגעקויפט פאר 3 קאפ.

— א שווארץ יאהר! — האט ער געזאגט, דערצעהלענדיג מיר וועגען דעם, — נאר אויסצורייסען יענעם! א גאנץ פונט פאק־פא־פיער קויפט מען פאר 3 קאפ. זעהט, מיין ליעבער פריינד, (ער האט די בלעטער מיר דערלאנגט אין דער האנד אריין) זעהט, ס׳וועגט אין גאנצען אפשר א פיערטעל פונט, — נאר אויסצורייסען יענעם!

און ביי די לעצטע ווערטער האט ער אזוי פערקרימט זיין פנים, אז ס׳איז באמת א רחמנות געווען צו קוקען אויף איהם.

ער איז געלעגען און האָט געלעזען הויך אויפֿ'ן קול, און אַלע מינוט געפֿרעגט אַנ'אַנדער וואָרט. דער אַרטיקעל, וואָס ער האָט געלעזען, איז געווען אַנ'עקאָנאָמיש-סטאַטיסטישער. ער האָט גאָר ווייניג פֿערשטאַנען דעם אינהאַלט און ער האָט דערפֿון געהאַט גרויס עגמת-נפֿש.

איך בין באַלד מיעד געוואָרען איהם צו פֿערטייטשען די ווערטער. ביי יעדען וואָרט האָב איך געפּרובט אויסצורעדען זעהר פֿיעל, דערצו האָב איך מיך געמוזט היטען נישט צו בענוצען אין מיינע רעד אַפּילו איין וואָרט, וואָס פֿינקעלמאַנען קאָן עס אויסזעהן קלוגליך. אַז נישט — האָט ער געמאַכט אַ מינה, ווענען דעם נייעם וואָרט, וואָס ער האָט ערשט געהערט פֿון מיר. בעמערקט האָב איך אייגענטליך, אַז פֿעהיגקייטען האָט ער גאָרנישט קיין שלעכטע: זיין גמרא-קאָפּ האָט אַלץ תּוספֿות געווען פֿלינק, געשיקט און אין תּוך אַריין. נאָך יעדער ערקלערונג האָט ער געשמייכעלט און געדאַנקט אויף זיין לשון, צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, געצויגען מיט'ן שטערן, נאָר די אויגען זיינע האָבען געקוקט אַפּילו אַ ביסעל מיט אַ קאַטצען-בליק, אַ ביסעלע פֿאַלש, איבערשפּיציג אַזוי...

כּדי איך זאָל מיר פֿערלייכטערן די אַרבייט, האָב איך איהם פֿאָרגעלעגט דאָסטאָיעווסקי'ס אַ בוך צו לעזען: „דאָס פֿערברעכען און די שטראָף", וואָס איך האָב געהאַט ביי מיר אין קעסטעל. פֿינקעלמאַן איז מיט גרויס פֿרייד אַראָבגעשפּרונגען פֿון בעטיל, און מיט זיינע הענד האָט ער מיך אָנגעכאַפּט פֿאַר מיינע אַקסעל און מיך געטרייסעלט פֿאַר שמחה, זאָגענדיג און איבערזאָגענדיג עטליכע מאָל דעם שפּראַך זיינעם.

— ספּאַסיבאָ, ספּאַסיבאָ! ווי האָראָשי גאָספּאָדין!

הענד און פֿיס האָבען אונטער איהם געציטערט, געוואָרפֿען האָט ער זיך אינגאַנצען ווי אַ פֿיש, אַזוי איבערראַשט איז ער געווען.

צום קעסטיל האָט ער מיך נישט געלאָזט צוגעהן, ער האָט מיר אַרויסגעכאַפּט דאָס שליסעלע פֿון דער האַנד, אויפֿגעשלאָסען

דאס שלעסיל אין גענומען רודערען ביי מיר אין קעסטיל. איך בין געשטאנען ווי א גולם, ווי א קלאץ עפעס, און בין בעז געווען אויף מיר אליין. דער גאנצער מח מיינער, אויב איך געדענק גוט, איז געווען בעשמירט מיט איין געדאנק: „וואס האפט ער עפעס?! מיין קעסטיל, דאכט זיך!" קריגען אבער וויל איך מיר נישט. ער איז געזעסען אויף דער ערד, און איבערגעווארפען איין בוך נאכ'ן אנדערען און אלע מיינע זאכען.

ער האט גענומען לעזען דאסטאיעווסקי'ן און ווידער האט ער אנגעהויבען צו פרעגען. כמעט ביי יעדער שורה האב איך געהאט א געטוהעכץ אויף עטליכע מינוט. איך האב מיר אנגעטהון מיין פאלטא און געוואלט ארויסגעהן, פינקעלמאן האט אויף מיר געקוקט מיט א געבעט:

— ווי אהין געהט איהר? — האט ער מיך געפרעגט.

— איך ברויך אוועקצוגעהן.

— זעהט נאר, — האט ער גערעדט וויינענדיג, — א גאנצע וואך האב איך קיין צייט נישט צו לעזען; פון אין דער פריה ביז אויף דער נאכט בין איך פערטהון, 10 לעקציעס האב איך... זיצט אין דער היים! זעהט נאר, וואס שאדט עס אייך? איהר זייט דאך א גוטער הער! זעהט נאר וואוהין געהט איהר?

איך האב אבער דוקא געוואלט אוועקגעהן און פינקעלמאנען, האב איך געזעהן, האט עס שטארק פערדראסען אויף מיר. ער האט געביסען די ליפען, ווי איינער, וואס מען האט איהם א גרויסע עולה געטהון, און קאן זיך נישט אבווערען. געקוקט האט ער אויף מיר אביסעל מיט פערוואונדערונג, אביסעל מיט בעדויערונג. געטראכט וועגען מיר האט ער אוודאי אזוי: „וואס פאר א שלעכטע מענשען עס זענען פאראן אויף דער וועלט! מען קאן א טובה טהון און ס'זאל נישט קאסטען קיין גראשען געלד, און מען טהוט נישט!"

אז איך בין צוריקגעקומען אין עטליכע שעה ארום, איז

פינקעלמאן נאך געלעגען אויפ'ן בעט און ער איז זעהר פערטיעפט געוועזען אין לעזען. ער האט אפילו נישט געהערט, אז איך בין אריינגעקומען. דעם אמת זאגענדיג, האב איך דאמאלס נישט בעמערקט, אז א בוך זאל קאנען דעם מענש אזוי אינטערעסירען. זיין פנים האט געהאט א שטרענגען אויסדרוק, אודאי ווי ראסקאלניקאוו בשעת ער האט געהרג'עט. עס איז לייכט געוועזען צו דערקענען, אז פערטהון איז נישט יעצט זיין זכרון, פאר וועלכען ער זוכט נייע רוסישע ווערטער, נאר עפעס אנדערש גאר לעזט ער יעצט און עס איז פערטהון — די נשמה זיינע. איך האב מיר שטיל אנידערגעזעצט ביי'ם טיש. פלוצלונג האט ער שווער אבגעזיפצט, אויפגעהויבען די אויגען, און אז ער האט מיך דערזעהן, איז ער אראבגעשפרונגען פון בעט און צוגעלאפען צו מיר. ער האט נישט געקאנט רעדען: דאס בוך האט איהם געמוזט זעהר שארף אריינקריכען אינ'ם הארץ. דערנאך האט ער פערקרימט די ליפען. געוואלט האט ער אודאי שמייכלען, נאר ארויסגעקומען איז גאר עפיס אנדערש. איך ווייס נישט, ווי מען רופט עס אן.

יעצט האט ער גערעדט יידיש:

— א ממזר־קאפ! א גנבה'שער קאפ! — האט ער גערעדט און געטייט מיט'ן פינגער אויפ'ן בוך, וואס ער האט געלאזט ליעגען אויפ'ן בעט — א ממזר־קאפ, א שווארצע גבורה האט ער! א! אז איך וואלט געקאנט אזוי שרייבען!

איך האב מיר פעראינטערעסירט.

— וואס וואלט געוועזען? האב איך געפרעגט.

— א־א אז איך וואלט געקאנט אזוי גוט שרייבען — וואס מיינט איהר, מיין ליעבער פריינד? וואלט איך נישט דא געזעסען! וויפיעל קאן ער נעהמען פאר אזא בוך? ער לעבט נאך? אודאי א פאר הונדערט רובל. ע, מיין ליעבער פריינד! איך וואלט באלד געבראכט אהער מיין ווייב: ווי איהר זעהט מיך! וואס מיינט איהר? א שען ווייבעלע, איך זאג אייך — א „צאצקע"... שענער פאר אלע...

ער האט זיך אריינגעלאזט אין מיאוסע רעד, וואס איך וויל נישט דא איבער׳חזר׳ן. ער איז דאכט זיך ליידענשאפטליך; קארג איז ער; זיין בלוט צורייצט זיך גאר לייכט, — און ער ליידט זעהר דערפון...

פון די איבעריגע רעד זיינע בין איך געוואהר געווארען, אז ער האט א ווייב עפּיס אין א קליין שטעדטעל אין ליטא, איך געדענק נישט ווי זי הייסט און אז ער וויל זיך גט׳ען מיט זיין ווייב, ווייל מען האט איהם נישט געגעבען דעם נדן. דאס ווייב גופא האט ער ליעב; זי איז עפּעס גאר א שענע, לויט ווי ער זאגט. נאר דעם שווער האט ער זעהר פיינד, ווייל ער האט איהם אויסגענארט און נישט געגעבען קיין גראשען פון די 300 רובל, וואס מען האט איהם צוגעזאגט.

פינקעלמאן זאגט, אז ער מוז זיך נוקם זיין אין זיין שווער און גט׳ען דאס ווייב: לאז ער מיט איהר טהון, וואס ער וויל — איך בין מיך משער, אז עס געהט איהם נישט בלויז אין נקמה־נעהמען: די 300 רובל, וואס ער האט געקאנט האבען, דריקען איהם אויפ׳ן הארץ — ער האט מיר נאך דערצעהלט, אז ער האט שוין געהאט א קינד מיט איהר, נאר ס׳איז געשטארבען, דאס קינד האט ער נישט געזעהן, ווייל ער איז באלד נאך דער החתונה אוועקגעפאהרען. ווען ער איז נאר געוואהר געווארען, אז דער שווער איז א גרויסער ארימאן און איז נישט אימשטאנד צו געבען אפילו איין רובל. געקומען איז ער אויפ׳ן ברית, נישט גערעדט מיט קיינעם, נאר א נאמען געגעבען און אוועקגעפאהרען. די קינדבעטארין, בין איך מיר משער האט געמוזט שטארק וויינען דאמאלס.

און אז ער האט גערעדט פונ׳ם קינד׳ס טוידט, האב איך בעמערקט, אז ער איז צופריעדען דערפון, וואס דאס קינד איז געשטארבען. רעדענדיג וועגען דעם מיט מיר, האט ער זיך אפילו ארויסגעחאפּט מיט א „סלאווא באגו״ (געלויבט איז גאט). נאר אין מיטען האט ער זיך אודאי דערמאנט, אז ער איז צופיעל אפּגע־

הערציג מיט מיר, און עֶר האָט דאָס וואָרט „באָגו" פֿערשלונגעֶן. איך פֿערשטעה, אַז דער טעות זיינער קומט דערפֿון, וואָס עֶר רעדט רוסיש; ווייל עֶר מוז שטאַרק אַרבייטען מיט'ן קאָפּ זיינעם, אום עֶר זאָל זיך קאָנעֶן אויסדריקעֶן אויף אַ פֿרעמדע שפּראַך, דעריבער פֿערגעֶסט עֶר זיך אין מיטעֶן. און צופֿריעדעֶן פֿון קינד'ס טוידט איז עֶר איבעֶר גאָר אַ פּשוט'עֶן טעם: דעֶר גט וועט איהם אָנקומעֶן גרינגעֶר.

דאָס אַלץ בין איך געוואָהר געוואָרעֶן נאָך פֿאַר 3 וואָכעֶן פֿרייטאָג, ווען איך האָב מיר דאָ אַריינגעצויגען. פֿון דאַמאָלס אָן האָב איך נישט אָפֿט מיט איהם לאַנג געֶרעֶדט: אַ גאַנצע וואָך איז עֶר טאַקי פֿערנומען פֿון 9 אין דערפֿריה ביז 10 אויף דעֶר נאַכט, עֶר האָט 10 לעֶקציאָנען אויף פֿערשיעדענע גאַסעֶן, פֿריי־טאָג־שבת זיץ איך ווייניג אין דערהיים און פינקעלמאַן איז אויף מיר זעהר בעז. עֶר רעֶזט דעמאָלס און וויל, אַז איך זאָל אַ גאַנצען טאָג זיצען ביי איהם און אויסרעֶדען די רוסישע ווערטעֶר— עֶר האַלט מיך אין אמת אַריין פֿאַר אַ שלעכטען מענש. וואָס קאָן איך טהון? וואָלט אַ יושר געוועֶן צו דינגען אַן'אַנדעֶר דירה.

אין דעֶר פֿריה געהט עֶר אַוועֶק, ווען איך שלאָף נאָך. אויף דעֶר נאַכט קומט עֶר אַהיים שפּעֶט, זיפֿצט אָב אַ פּאָר מאָל און הויבט זיך אָן צו קלאָגען אויף די בעלי־הבתים, וואָס רעכעֶנעֶן אויפֿ'ן רוסישען חדש, וואָס איז גרעסער פֿאַר'ן יידישען און דעס־גלייכען אַזעלכע זאַכען. ענדיגט עֶר שטענדיג מיט דעֶר אייגענעֶר מעשה פֿונ'ם בעל־הבית, וואָס איז איהם שולדיג געבליבען פֿאַר 2 חדשים 8 רובל, און עֶר, פינקעלמאַן, מאָהנט איהם נישט, ווייל עֶר ווייס, אַז עֶר איז אָרים... אַזוי זאָגט פינקעלמאַן; ווייס איך, צי זאָגט עֶר אמת? נאָר קוים האַלט עֶר ביי דעֶר מעשה, ווייס איך, אַז עֶר ענדיגט שוין, אַז עֶר געהט שוין עסען וועטשע־רע, און איך וועל נישט דאַרפֿען צושאָקלען מיט'ן קאָפּ, אַז נישט־האָט עֶר פֿאַריבעל און קוקט אויף מיר אַזוי מוראָדיג שלעכט, מיט

רציחה אפילו... און איך קאן דאס נישט ליידען. ער איז בכלל א כך קאלטער צו מיר, ווי ער איז געווען, חאטש רוסישע ווערטער פרעגט ער און דאנקט אלץ מיט׳ן אייגענעם לשון און שפרינגט אונטער, נאר אין זיין הארץ האט זיך שוין א סך שנאה אנגעזאמעלט קעגען מיר.

אין עסען זיינעם דערקענט מען גוט, אז ער איז געווען א ישיבה בחור און האט לאנג געגעסען טעג. ער קוקט אזוי לאנג אויפ׳ן ברויט, איידער ער עסט עס, לאזט קיינמאל נישט איבער, שמאצקיעט מיט׳ן מויל, אקוראט ווי דאס עסען וואלט ביי איהם שטענדיג געווען א שווער ענין, איבער וועלכען דער מח זיינער האט א סך געארבייט. איך מיין נישט ווי אזוי צו קריגען עסען: אויף דעם קלעהרט האך יעדער; איך מיין: דאס עסען אליין, דאס איבערטראגען די שפייז פון טיש אין מויל אריין, דאס טהוען דארף מענשען כסדר אהן טראכטען און קלעהרען; א ישיבה-בחור מוז אוודאי קלעהרען און עסען.

איינמאל (אויב איך האב קיין טעות נישט, איז עס געווען פאר 10 טאג) קומט ער אהיים עפיס זעהר לוסטיג, ער האט שוין געהאלטען גרייט די הענד ארויפצולעגען אויף מיינע אקסעל, נאר ער האט זיי צוריקגענומען. ער האט זיך אנידער געזעצט, געקוקט מיר לאנג אין די אויגען אריין עפעס גאר ערנסט און אביסעל מיט א געבעט.

— פאר וואס זענט איהר מיר א שלעכטער פריינד? — האט ער געפרעגט.

איך האב פערשטאנען, אז ער וויל עפעס פונ׳ם הארץ אראברעדען, עפעס גוטס, פרעהליכס, און מאכט דערצו א הקדמה, איך האב איהם פערזיכערט, אז איך בין איהם נישט קיין שלעכטער פריינד.

— איהר זענט מיר א גוטער פריינד: האט ער געזאגט און איז אזוי ענטציקט געווארען, אז ער האט אנגעהויבען צו רעדען יודיש.

— זעהט איהר, איך האָב באַלד געוואוסט. איהר זענט אַזאַ גוטער! איך האָב אייך אַזוי ליעב, מיין ליעבער פריינד! פאַרוואָס ווילט איהר מיך נישט לערנען רוסיש? — זעהט איהר? (ער האָט אַרויסגענומען אַ ביכעל פון דער רעגירונגס שפּאָר-קאַסע און מיר געוויזען), געלויבט צו גאָט — שוין 50 רובל. היינט האָב איך אַריינגעלעגט 10 רובל. אַ! אַז איך וועל אָנזאַמלען 100 רובל?...

— וואָס וועט זיין? האָב איך געפרעגט.

— אַ-אַ! לאָמיר נאָר האָבען, איך וועל אַוועק קיין אַמעריקאַ.

— וואָס טויג אייך אַמעריקאַ?

ער האָט פערגלייזט די אויגען, געמאַכט אַ פרומע מינע און געזאָגט:

— זעהט איהר, מיין ליעבער פריינד, איך האָב ערשט היינט בעפוילען אַהיים, אַז איך פאָהר קיין אַמעריקאַ, און זי וועט בלייבען אַנ'עגונה, לאָז זי זיך גט'ען! וואָס בין איך שולדיג?

איך האָב פערשטאַנען, אַז אין אמת אַריין וויל ער נישט פאָהרען קיין אַמעריקאַ, נאָר ער זאָגט אַנדערע און רעדט זיך אַליין אַזוי איין, כדי זיין ווייב זאָל זיך דערשרעקען און נעהמען פון איהם אַ גט. ער דערצעהלט אַוודאַי יעדערען אַזוי און הייבט אַליין אָן צו גלויבען דעריגען. ער זאָגט בכלל גאָר וואויל ליגענס: מיט'ן פנים, מיט די הענד און מיט'ן האַרץ אַפילו, ער מאַכט דעמאָלט אַנ'איינדרוק פון אַ קינד.

עס איז מיר אַפילו אַ וואונדער און דאָך איז עס אַזוי: אַז ער זאָגט ליגען, האָב איך איהם אַ סך ליעבער, ווי אַז ער זאָגט אמת. עס מוז זיין דעריבער, ווייל ער איז גאָר צופיעל אָפענהאַרציג, און אַז ער רעדט אַ סך און ווייזט אַרויס זיין פערברודיגט האַרץ, איז שווער צו פערטראָגען, און איך וואָלט איהם דעמאָלט 100 רוסישע ווערטער פערטייטש, אַבי ער זאָל אָנהויבען אַביסעל ליגען צו זאָגען, כדי די אויגען און דאָס פנים זיינס זאָלען ווערען ליעבליכער.

יענע נאַכט איז ער מיט מיר גאָר גוט געווען: אַפּאָר מאָל מיך אָנגענומען פֿאַר די אַקסעל און געטרייסעלט; גאָר אַסך מאָל איבערגע׳חזר׳ט: „ווי חאָראָשי גאָספּאָדין״. אין מיטען די רעד האָט ער מיר דערצעהלט, אַז פֿאַר 6 חדשים האָט מען איהם אַהיימגע־נאַרט, מען האָט געקלאַפּט אַ טעלעגראַמע צו איהם, אַז די מוטער זיינע איז געשטאָרבען. דאָס ווייב אין דערהיים האָט איהם שטאַרק גענומען ביים האַרץ, ער איז אַ פּאָר טאָג אין דערהיים געזעסען און געוואוינט מיט׳ן ווייב... ער האָט שוין געוואָלט נעהמען 200 רובל, נאָר דער שווער מוז זיין אַ גרויסער אָרימאַן: מען האָט איהם גאָרנישט געגעבען, און ער איז צוריק אַוועק קיין וואַרשאָ...

— איהר ווייסט, מיין ליעבער פֿריינד, — האָט ער צו מיר געזאָגט, ליעגענדיג אויסגעצויגען אויפ׳ן בעט, און ער האָט דאָס פּנים פֿערקרימט פֿאַר גרויס נחת. די נאָז האָט דעמאָלט אויסגע־זעהן נאָך שפּיטציגער, ווי זי איז. — איהר ווייסט, איך האָב מורא געהאַט, פֿערשטעהט איהר... עס זאָל נישט עפּיס געבוירען ווערען פֿון מיין אין דערהיים־זיין... אַ נייע קינד ברויך איך! איך ווייס שוין יעצט אויף זיכער. זעהט איהר? זאָגט, מיין ליעבער פֿריינד, נישט אמת? אַז ס׳וואָלט עפּעס געווען, וואָלט זי דאָך מיר געשריבען אַז ס׳איז... נישט אמת? נישט אמת? זאָגט מיין ליעבער פֿריינד!

ער האָט געבעטען ביי מיר אַ הסכמה, אַז דאָס ווייב זיינס טראָגט נישט.

— וואָס מ״נט איהר? האָט ער ווייטער געזאָגט און עפּיס אַ רייץ האָט פֿערצויגען די אויגען זיינע. — וואָס מיינט איהר? אַ וואויל ווייבעלע... איהרע באַקען צו קניפּען, איך זאָג אייך — אַ! אַ!

מיר האָבען נאָך אַ סך גערעדט. איך בין געוואָהר געוואָרען, אַז ער איז היינט אַן אַפּיקורס, דאַווענט נישט אַפילו. גערעדט האָט ער וועגען זיין אמונה מיט כעס, געזידעלט, אַז מען האָט איהם אויסגענאַרט. אַ סך מאָל האָט ער איבערגע׳חזר׳ט דאָס וואָרט „אַר־מאַנשציקי״ (אויס־אַרערם). ער האָט מיר אויך דערצעהלט, אַז פֿאַר

אַ יאָהרען ווינטער, ווען ער איז נאָך פרום געווען, האָט ער איבער דעם דאַוונען נישט געקאָנט אָננעהמען אַ פריה מאָרגענדיגע רעקציאָן, און ער איז דערויף זעהר בעז. ער האָט אויסגערעכענט, אַז דורכ'ן זמן וואָלט ער געהאַט 24 רובל. און היינט צוזאַמען מיט די 50, וואָס ער האָט אויפ'ן ביכעל, וואָלט ער געהאַט 74 רובל.

— —

היינט אויף דערנאַכט 8 אַ זייגער, ווען איך בין אַהיים געקומען, האָב איך מיך זעהר פערוואונדערט, וואָס איך האָב שוין געטראָפען פינקעלמאַנען און דערקענט אין זיין פנים, אַז דאָס איז עפּים נישט אַזוי גלאַט, ער האָט מיר אפילו נישט געענטפערט אויף מיין „גוטען אָבענד“, אַזוי צוטראָגען איז ער געווען.

ער איז געזעסען ביים טיש, זעהר געביסען די ליפען און נערוועז זיך איבערגעזעצט אַלע ווײַלע אויפ'ן בענקיל. אין דער האַנד האָט ער געדרעהט עפּים אַ פּאָסט־קאַרטעל. אויף מיר האָט ער אַלע וויילע אויפגעהויבען די אויגען, און אין זיין בליק איז געווען צו דערקענען אַ שווערער וועהטאָג, אַ האַרצקלעמעניש. איך האָב דערקענט, אַז ער האָט געוויינט, און אַז יעצט האַלט ער זיך קוים איין פון וויינען. איך האָב איהם געפרעגט:

— וואָס איז אייך פינקעלמאַן?

ער האָט מיר נישט געענטפערט, געמאַכט זיך נישט הערענדיג און געוואָלט רעדען גאָר פון אַנ'אַנדער זאַך:

— וואָס מאַכט איהר, מיין ליעבער פריינד?

נאָר די לעצטע ווערטער האָט ער נישט שאַרף אַרויסגערעדט. די טרעהרען האָבען איהם געשטיקט אין האַלז. ער אַליין האָט בעמערקט, אַז איך פיהל זיינע טרעהרען.

— אַ שוואַרץ יאָהר! — האָט ער אַ קלאַפּ געטהון מיט דער האַנד אין טיש, אַרויסגענומען דאָס ביטעלע, דורכגעצעהלט דאָס קליין־געלד, וואָס האָט זיך ביי איהם געפונען און איז אַראָבגעלאָפען פון די טרעפּ (מיר וואוינען אויפ'ן 4־טען שטאָק). אין אַפּאָר

סעקונדען ארום איז ער שוין געווען און האט שווער געטהעמט: ער האט אוודאי געמוזט זיך לויפען אהין און צוריק. געהאלטען האט ער אין דער האנד א דאפעלט-קארטעל, וואס ער האט געקויפט אין געוועלב.

ער האט זיך אנידערגעזעצט ביים טיש, נארנישט גערעדט און אנגעשריבען אדרעסען אויף דעם דאפעלט-קארטעל: איין אדרעס, וואוהין ער האט געברויכט: די אנדערע אוודאי צו זיך. דערנאך האט ער ארויסגענומען פון וועסטעל-קעשענע דאס ערשטע קארטעל, וואס ער האט דערהאלטען, און איך האב בעמערקט, אז ער לעזט עס מיט גרויס כונה, יעדע שורה און יעדעסווארט בעזונדער. ער האט שווער אבגעזיפצט און גענומען שרייבען דעם בריעף. געשריבען האט ער זיך מיט אנ'אימפעט, ווי איינער וואס האט א משא פון זיך אראבצווארפען, און זיין פנים האט זיך מיט יעדער שורה געענדערט. איהם האט געמוזט לייכטער ווערען אויפ'ן הארץ פונ'ם שרייבען.

דאס אנגעשריבענע קארטעל האט ער לאנג געטריקענט איבער'ן לאמפ, געדרעהט עס אהין און צוריק. דערנאך ערשט האט ער עס אנידערגעלעגט אויפ'ן טיש און געקוקט דערויף עפעס מיט א מין בליק, וואס איך ווייס נישט, ווי מען רופט איהם אן. איך דערמאן מיר יעצט, אז ביי מיין טאטענס טוידט, יונגעלוויז נאך, אז מיין טאטע איז שוין געווען צוגעשיט, איז דער שמש צוגעקומען צו אונז קינדער און האט יעדען איינגעשניטען די קלאפע. מיין קלענערער ברודער, געדענק איך, האט גענומען די צוריסענע קלאפע אין דער האנד, געדרעהט זי אהין און צוריק און בעטראכט פון אלע זייטען. געקוקט אויף דער קלאפע האט ער מיט דעם זעלבען בליק, וואס פינקעלמאן פאר עטליכע שעה אויף דאס קארטעל: מיט א טיעפען אומעט נאר אביסעל פערוואונדערט: „ווי קומט עפעס די קלאפע דערצו?"

ער איז נאך געזעסען אביסעל און בעטראכט דאס קארטעל.

דערנאָך האָט ער זיך פּאַמעליך אויפגעהויבען פון אָרט, צוגעגאַנ־גען צו׳ם קעסטיל זיינעם און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ פּעקיל בריעף, צווישען וועלכע עס זענען געווען עטליכע דאָפּעלטע קאַרט־לעך. אַ פּאָר בריעף האָט ער געלעזען. דערנאָך האָט ער דאָס היינט־אָנגעשריבענע דאָפּעלט־קאַרטעל צוגעלעגט צו׳ם פּאַק בריעף און האָט עס צוריק אַריינגעלעגט אין קעסטעל.

ער איז שוין געווען אַביסעל רוהיגער. דאָס קאַרטיל, וואָס ער האָט בעקומען איז נאָך געלעגען אויפ׳ן פּנים:

— לייענט מיין פריינד!

אין בריוועל שטעהט אזוי: (איך האָב דאָס יעצט פאַר מיינע אויגען).

„ליעבער, געטרייער מאַן יעקב יהודה נ״י.

„ערשטענס שרייב איך דיר פון מיין ליעבען געזונד, דאָס נעמליכע ווינש איך מיר צו הערען פון דיר ביז עביג אָמן סלה.

„צווייטענס שרייב איך דיר, איך האָב שוין נישט קיין כח צו ווייגען און איך האָב נישט געהאַט אויף אַ קאַרטעל, האָב איך מיר געבאָרגט, מיין ליעבער מאַן, וואָס בין איך שולדיג אַקעגען דיר. אַז איך וועל קומען קיין וואַרשע, וועל איך עסען ברויט און זאַלץ און פאַרלאָגעס וואַשען. און איך בעט דיך, שרייב איך זאָל קומען און שיק מיר אויף דער הוצאה. גאָט וועט דיר צושיקען ברכה און פרנסה דורך מיר. איך שרייב שוין דאָס פינפטע קאַר־טעל צו דיר, און איך האָב נישט קיין בריעף בעקומען. גאָט וועט דיר העלפען אין מיין זכות, און האָב רחמנות אויף מיר און אויף מיינע יונגע יאָהרען. אָמן סלה״.

„דיין ווייב, וואָס האָפט זיך צו זעהן מיט דיר,

„זעלדע פינקעלמאַן״.

אין דער זייט איז צוגעשריבען מיט גאָר קליינע אותיות:

„מען האָט אונז פון דירה אַרויסגעוואָרפען. שרייב איך זאָל קומען, איך וועל מיר שוין שאַפען אויף דער הוצאה. איך וויי

נישט, וואָס מען טהוט? דער טאַטע איז אַוועקגעפאָהרען, און איך שלאָף ביי רחל חנה׳ס״.

אַז איך האָב געענדיגט צו לעזען, האָט ער מיר לאַנג געקוקט אין די אויגען אַריין. איך האָב פערשטאַנען, אַז ער וויל הערען פון מיר זיין משפט. ער האָט זיך געפיהלט זעהר זינדיג.

— נעהמט זי קיין וואַרשע, — האָב איך געפּרובט — וואָס וועט איך דען קאָסטען טייערער?

ער האָט מיך אָבער נישט געלאָזט ענדיגען.

— ווי הייסט?! אָהן אַ גראָשען געלד! דריי הונדערט רובל האָט זי מיר צוגעזאָגט! וואָס האָט זי מיך געהאַט אויסצונאַרען? איך האָב 8 יאָהר געלערנט אין לאָמזע, 8 יאָהר! (ער האָט צוגעקלאַפּט מיט׳ן פויסט אין טיש) אויף דער האַרטער באַנק געשלאָפען און געפאַסט האָב איך, און מיך האָט מען געשלאָגען! אַצונד פרעג איך אייך: צו וואָס? איך זאָל טהון אַ שדוך אָהן אַ גראָשען געלד! אָהן אַ גראָשען!... האָב איך געבראַוכט אַכט יאָהר פערשוואַרצט און פערפינסטערט צו ווערען, איך זאָל טהון אַ שדוך אָהן אַ גראָשען געלד, אָהן אַ גראָשען געלד!... אַז ער האָט אַ טאָכטער, בין איך שולדיג? נו זאָגט אַליין, זאָגט אדרבה, וואָס בין איך שולדיג, אַז ער האָט אַ טאָכטער? וואָס בין איך שולדיג?

— זי איז דאָך אָבער אויך נישט שולדיג! — האָב איך געפּרובט.

פּינקעלמאַן האָט מיר אַרויסגעחאַפּט זיין ווייבס קאַרטעל פון דער האַנד. איך האָב געזעהן, אַז אויפ׳ן האַרץ ווערט איהם ווידער שווער. ער האָט נאָך אַמאָל אָנגעהויבען צו לעזען דאָס קאַרטעל, נאָר אין מיטען האָט ער זיך הויך פערוויינט:

— וואָס בין איך שולדיג?! האָט ער געחליפּעט הויך אויפ׳ן קול און צוגעקלאַפּט זיך מיט דער פויסט אין האַרץ. —

— וואָס בין איך שולדיג?!

ער איז צוגעלאָפען צו׳ם קעסטעל, אַרויסגענומען דעם פּאַקבויעף, וואָס ער האָט ערשט נישט לאַנג געהאַט אַריינגעלעגט.

— זעהט, — האָט ער געזאָגט און מיר דערלאַנגט דעם פּאַק־בריעף, — זעהט אַליין: שוין 10 בריעף האָב איך איהר געשריעבען, אַז זי זאָל קומען! דאָפּעלטע קאַרטלעך, זי זאָל צוריק שרייבען, ווען כ'זאָל זי אָבוואַרפען. דאָ ליעגען זיי — איך שיק זיי נישט אַוועק... איהר מיינט אפשר, איך האָב נישט געוואוסט, אַז איך וועל דעם היינטיגען בריעף נישט אַוועקשיקען? איך האָב געוואוסט: איך האָב דאָך געקאָנט אויעקשיקען אַנ'אַלטען בריעף! איך האָב געוואוסט... נאַט לייענט:

פון זיין קאַרטעל צו זיין ווייב, געדענק איך יעצט די ווער- „מיין טהייערע נשמה — איך בין זינדיג קעגען דיר — מיין טהייער לעבען — קום למען־השם, באַלד צו פאָהרען — איך בענג זעהר נאָך דיר — איך קאָן אָהן דיר נישט לעבען — און נאָך אַזעלכע ווערטער.

— דאָס קאָסט מיר שוין מעהר ווי 50 קאָפּ. די בריעף! — האָט ער געזאָגט. ער איז שוין געווען בערוהיגט און געגאַנגען עסען וועטשערע. —

— איך ווייס, אַז ס'איז אַרויסגעוואָרפען געלד, נאָר עס האַפּט מיר אָן ביי'ם האַרץ, מיין ליעבער פריינד, איך מוז קאַליע מאַכען געלד דערויף, פערשטעהט איהר, איך מוז אויסגעבען געלד... איך מוז... נו זאָגט אַליין, וואָס ווילען זיי פון מיר האָבען? וואָס בין איך שולדיג?

— איך האָב איהם נישט געענטפערט, ווייל איך האָב פערשטאַנען, אַז עס איז בחנם; ער איז שוין יעצט געווען אינגאַנצען רוהיג און האָט געקוקט אויפ'ן ברויט און געלעגט די שטיקלעך אין מויל אַריין עפּיס מיט אַ מין צופריעדענהייט און זיסקייט, אַ שטייגער ווי ער וואָלט געווען אַנ'אויסגעבעטענער בן יחיד אויף דער גאַנצער וועלט. ער האָט זיך באַלד אויסגעטהון און געלעגט שלאָפען. אויף די רעקציאָנען איז ער היינט נאָכמיטאָג נישט געווען. די דיענסט האָט מיר געזאָגט, אַזאַ אַ גאַנצען האַלבען טאָג האָט זי איהם געזעהן לויפען איבער דער שטוב אַהין און אַהער און מורמעלען עפּיס פאַר זיך, ווי משוגע.

יעצט שלאָפט ער און הראַפּעט הויך, ער רונצעלט זעהר

מיט'ן שטערן און שמאצקעט מיט'ן מויל... וואס חלומ'ט איהם? פון ווייב מיט די שענע באקען, וואס זיי צו קניפען איז ביי איהם „א!"? און וואס חלומ'ט נעבעך, דעם יונגען ווייבעל, וואס שלאפט יעצט אין אנ'איינגעבעטענער דירה, אויף דער ערד אוודאי? זיפצט זי אין שלאף? בעט זי רחמים ביי דעם מאן איהרען און שרייט געוואלד: „איך בין דאך גאר נישט שולדיג!"?...

ווען איך וואלט געוואלט, קאן איך צוגעהן יעצט צו פינקעלמאנ'ען! אננעהמען איהם מיט מיינע הענד פאר'ן האלז און דערווערגען, ביז ער וועט די צונג ארויסשטעקען. איך שטעל מיר פאר, אז אנצושפייען א מענשען אויף דער ארויסגעשטעקטער צונג, בשעת ווען דאס פנים זיינס פערקרימט זיך אין דער גסיסה, מוז זיין א גרויס פערגניגען, אזוי ווי אלע גרויסע עבירות...

און איך דערמאן מיר זיין אויסזעהן, זיין וויינען און זיין קלאפען זיך אויפ'ן הארץ: „וואס בין איך שולדיג?" און איך טראכט, אז דורך די 8 יאהר אין דער ישיבה האט ער זיך געמוזט אנליידען א סך נויט און הונגער און שאנד; אז נישט איין טאג האט ער געהונגערט, נישט איין נאכט האט ער נישט געהאט וואו צו שלאפען, און פערטראגען האט ער אלץ מיט אנ'איינגעבויגענעם רוקען. אלץ פאר ליעב גענומען, — און אין זיין מח איז נאר איין=און=איינציגער פרעהליכער געדאנק געווען — א ווייב מיט גדן. זיין פאנטאזיע האט גאנצע 8 יאהר געקושט דאס ווייב, גאנצע 8 יאהר איבערגעצעהלט דאס נדן=געלד, און געמאכט דערמיט גרויסע, גליקליכע געשעפטען... און אין אמת אריין הויב איך אן מסופק צו זיין, ווער עס איז דא באמת שולדיג? צי ער, די נשמה זיינע די שלעכטע, צי די צרות זיינע די גרויסע, די ישיבה די [illegible]ינכטערע?

און וואס מיין איך דאס. „די נשמה זיינע?"
די לאמפ, דאכט זיך, געהט אויס.

ה. ד. נאָמבערג.

שריפטען.

פֿיערטער באַנד

צווישען בערג. — שכנים. — אליין. — דאָס גליק. — די געשליכע בלום. — מען וועקט. — דאָס בזימעל. — ליעדער.

פֿערלאַג „ביכער־פאר־אלע“, וואַרשע, דלוגע 11.

וואַרשע. — תרס"ט.

דרוק „האור“, דלוגא 11.

СОЧИНЕНІЯ

Г. Д. Наумберга.

Томъ четвертый.

Изданіе „Бихеръ-фаръ-алэ“, Долгая 11.

Tłokiem Józefa Jeżyńskiego, Warszawa, Nowy-Świat 8.

צווישען בערג.

I.

ווען מען רעדט וועגען יוגענד און געזונדהייט, שטעלט זיך מיר פאר, ווי לעבעדיג, סאניא, א יונגע מאלערין, וואס איך האב קענען געלערענט פאר עטליכע יאהר אין מינכען. קוקענדיג אויף איהר, וואלט קיינעם ניט איינגעפאלען צו טראכטען, אז זי געהערט צו דער קינסטלערישער ראסע. א רויט, פול פנים מיט רונדע ליניען, א פעסט געבויטער קערפער, קרעפטיג און שטארק; ענערגישע, זעהר לעבעדיגע אויגען; מיט איין ווארט; א ווייב פון בלוט און מוסקלען, וואס האט ווייניג געהאט אין זיך פון דער ווייבערישער שוואכקייט. פון וואנען האבען זיך גענומען צו דעם בעשעפעניש אזוי פיעל ווייכהייט און פערחלומהייט, וואס זי האט אויסגעדריקט מיט איהר פענזעל, — פאר פיעל איז דאס געווען א רעטעניש. פון איהר גאנצען וועזען האט גערעדט איין טאן, וואס האט אלע איבריגע פערטונקעלט; איהר געזונדהייט, איהר שפראצעדיגע יוגענד, אנ'ענטוויקעלטער קערפער, איבערגעפולט מיט קרעפטען. ערשט מיט דער צייט האב איך בעמערקט אין איהר פנים אריגינעלע ליניען: רויהע, ווילדע צוגען; בעזונדערס, ווען זי האט גערעדט, פלעגט פון צייט צו צייט דורכלויפען איבער דעם פנים, שנעל ווי א בליץ, א ווילדקייט פון א בעסטיע, און אין די קאנטיגע ווינקלען פון איהר הערליכען שטערן האב איך געפונען פיעל אנגעבארענע אינטעליגענץ. דאס גאנצע בעשעפעניש איז אלט געווען ניט מעהר ווי צוואנציג יאהר און האט געהאט פיעל טאלענט. די פראפעסארען האבען זי גערימט. זי האט געמאלט קיה, סטאדעם שעפסען, דעם שטילען ים און דעם דרום-הימעל (איהר פא-

טער איז געווען אַ יודישער גוטס־בעזיצער אין דרום רוסלאַנד) מיט פיעל ליעבע און פרישהייט. דערצו איז זי געווען אַ פרייע נאַטור, אָפענהאַרציג, טיילמאָל ביז גראָבהייט, האָט ליעב געהאַט אַלערליי ספּאָרטען, בעוועגונגען, ליכט און לוסטיגקייט. צוויי וואָכען נאָך אונזער בעקאַנטשאַפט בין איך שוין געווען פערליעבט אין איהר ביז איבער די אויערען, און זי מיך האָט אויך ליעב געהאַט; אויף יעדען פאַל, מעהר פון איהרע אַלע איבעריגע בעקאַנטע.

מיר האָבען נישט פיעל געפאָדערט איינער פון אַנדערען, נישט גענומען אונזער פערהעלטניס צו ערנסט און מיר האָבען געלעבט גליקליך. קיין וויכטיגקייטען און צערטליכקייטען האָט זי נישט ליעב געהאַט; זי האָט נישט געוואָלט בלייבען פאַסיוו אַפילו אין איהר ליעב־האָבען. זי האָט, דוכט זיך, נישט געוואוסט פון שטילער בענקשאַפט, פון ציטעריגע געפיהלען; איהר ליידענשאַפט איז זי בעפאַלען ווי אַ שטורם־ווינד. טיילמאָל, געהענדיג מיט מיר אויף דער גאַס, האָט זי געקאָנט אָנגעהמען מיין האַנד, דריקען זי פעסט און צוטוליען זיך צו מיר, ווי אַ קינד. אָדער עס האָט געטראָפען, אַז איך בין געזעסען ביי איהר ביז שפּעט אין דער נאַכט און איך האָב בעמערקט, ווי זי ווערט אויפגערעגט, ווי אויף איהר פּנים לויפען דורך די בליצען פון ווילדקייט. דעמאָלט איז זי פּלוצלונג אויפגעשטאַנען און געהייסען מיך געהן:

— נו, פּאַק דיך אַהיים. און מאָרגען קום נישט — האָט זי גערעדט ענערגיש.

און קושענדיג מיך פאַר'ן אוועקגעהן, אָנשטאָט אַנ'ענטפער אויף מיין פּראָטעסט נישט צו קומען, האָט זי מיך צוגעשטופּט צו דער טיר:

— נו געה; איך וועל קומען צו דיר, אויב עס וועט זיך מיר ווערען. יעצט פּאַק דיך, גיכער!

אין דער זעלבער צייט האָט מיך זעהר פעראינטערעסירט מיינס אַ בעקאַנטער, אַ יודישער סטודענט פון רוסלאַנד, וואָס האָט זיך

האלב אסימילירט אין דייטשלאנד, שווארצוואלד האט ער געהייסען. ער איז געווען קלוג, זעהר אינטעליגענט, נאר מיט א שוואכען, לירישען חאראקטער; ארעם, פערשטויסען און עלענד. א צובראכענער מענש. איך האב איהם געפרובט צו מאלען, האב פיעל געארבייט איבער זיין פארטרעט, נאר מיר האט זיך בשום אופן נישט איינגעגעבען אויפצוכאפען דעם גרונד=טאן פון דעם פנים, דאס וואס מיך האט אייגענטליך דערין אינטערעסירט. דאס איז געווען א קרענקליך מאגער פנים, מיט איינגעפאלענע באקען, מיט אנ'ארויסגערוקטען מויל, מיט א לאנגער אדלער=נאז, אליין פאר זיך אפשר נישט מאוס און טיפיש, נאר פון דעם מאגערן געזיכט האט זי ארויסגעשטארט ווי איבעריג. און דאך האט דאס פנים פערמאגט עפּיס טיעף=סימפאטישעס, וואס האט צוגעצויגען צו זיך, — דאס וואס איך האב סוף=כל=סוף נישט געקענט אויפכאפען און אויפמאלען. אין די ליניען פון זיינע קין=באקען, אין די קנייטשען נעבען מויל איז געלעגען א מאדנע אונטערטעניגקייט, אנ'אונבעהאלפענהייט, א האפנונגסלאזיגקייט... ניין, איך דריק מיך נישט ריכטיג אויס. דאס אלץ איז געלעגען אין זיינע גראהע, טיעפע, פערחלומטע אויגען; אין די ליניען פון פנים איז געלעגען עפּיס אנדערש — א הייליגקייט? אויך נישט דאס, ריכטיגער: א שטילקייט און א רוהיגקייט; א רוהיגקייט פון א טויט פנים. ס'איז גענוג געווען, ער זאל צומאכען די אויגען און פערווארפען א ביסעל דעם קאפ ארונטער, אום עס זאל פערשווינדען פון איהם יעדער שפור פון לעבען און בעוועגונג, און ס'זאל זיך דוכטען, אז מיר האבען פאר זיך א טויטען קאפ. דער גאנצער מענש האט אויסגעזעהן צו זיין געקנאטען פון ליידען, נאר אויך די ליידען האבען נישט מעהר געלעבט; זיי זענען געלעגען טויט, פערגליווערט אויף זיין פנים. און טראץ דעם איז קיין שאטען פון פערביטערטקייט, קיין צייכען פון גאל און סארקאזם נישט געווען צו געפינען אין זיין פנים!

איך האב דערצעהלט סאניע'ן וועגען איהם, און זי איז גע=

קומען איהם בעטראַכטען, ווי עפּיס אַנ'אינדיאַנער פֿון אַמעריקאַ. זי איז געקומען, בשעת איך האָב געאַרבייט, און ער האָט פֿאָזירט פֿאַר מיר, און האָט זיך גלייך גענומען איהם אַרומקוקען, פֿון דער נאָהענט, פֿון אַ פּערספּעקטיוו, פֿון אַ פּראָפֿיל, אָהן שום צערע־מאָניעס, נישט צו רעדען מיט איהם קיין וואָרט. איך האָב מיך אַזש פֿערשעמט. איך האָב גוט געקענט שוואַרצוואַלד'ן, האָב גע־קענט זיין אַנגעבאָרענעם שטאָלץ, וועלכען ער האָט געוואוסט אָב־צוהיטען, טראָץ זיין גוטמוטיגקייט. נאָר סאָניאַ אַליין האָט זיך באַלד געחאַפּט און גענומען זיך פֿערענטפֿערן פֿאַר איהם:

— ענטשולדיגט, העד שוואַרצוואַלד, — האָט זי געזאָגט, — וואָס איך ערלויב מיר אַזוי אייך צו בעטראַכטען. אַזוי איז שוין אונזער נאַטור. פֿאַר אונז עקזיסטירט דאָך ניט קיין זאַך, אויסער דער ליניע און די פֿאַרב. נישט וואָהר?

איך האָב בעמערקט, אַז זי האָט געמאַכט אַנ'איינדרוק אויף מיין בעקאַנטען; ער האָט אַפֿילו נישט געטראַכט צו פֿיהלען זיך בעליידיגט און האָט געענטפֿערט גוטמוטיג:

— וואָהר; געוויס.

— און אָט זעהט איהר, איך שפּאַר מיך אַלץ מיט איהם (זי האָט אָנגעוויזען אויף מיר). ער זאָגט, אַז זעהן די ליניען און די פֿאַרב איז ניט גענוג; מען מוז נאָך פֿיהלען די נשמה פֿון דער זאַך. צי איז דאָס אַזוי? איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזעהן קיין נשמה, איך ווייס נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס. ווי אַזוי זאָל איך זי פֿיהלען? ווי מיינט איהר, העד שוואַרצוואַלד? ער האָט מיר געזאָגט, אַז איהר זענט קלוג און איהר האָט קלאָרע בעגריפֿען וועגען קונסט.

— אָ! — האָט שוואַרצוואַלד אויסגערופֿען — איך בין קיין קינסט־לער נישט, נאָר אַ סטודענט־פֿילאָזאָפֿיע; וועגען קונסט קאָן איך נאָר פֿילאָזאָפֿירען; פֿאַר אַ קינסטלער ווידער איז פֿילאָזאָפֿירען גאָר אַנ'איבעריגע זאַך.

— אָט אַזוי האָב איך ליעב, אָט דאָס זאָג איך אויך! איך וויל גאָרנישט וויסען, איך וויל זעהן און מאָלען; זעהן און מאָלען און ווייטער גאָרנישט.

איך האָב מיך אָנגעהויבען שפּאַרען:

— מען מוז דאָך האָבען האַרץ, געפיהל; מען מוז דאָך האָבען אַ בעציהונג צו דער זאַך, וואָס מען מאָלט; אַ גייסטיגע פּערספּעקטיווע... און מיר האָבען זיך גענומען שפּאַרען לויט אונזערען געוועהנליכען שטייגער.

שוואַרצוואַלד האָט געשוויגען, ער האָט זיך ניט אַזוי פיעל איינגעהערט, ווי צוגעקוקט צו דער יונגער מאָלערין, וואָס איז אַזוי איינגעליעבט אין ליניען און פאַרבען. צום סוף האָט ער זיך געשטעלט אויף איהר זייט:

— איהר זענט דאָפּעלט נישט גערעכט — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר — איינמאָל, וואָס איהר שפּאַרט אייך. דאָס לאָזט איבער פאַר אונז, פילאָזאָפען. איהר דאַרפט נאָר מאָלען. צווייטענס; זעהן אַ זאַך, זעהן זי קינסטלעריש, הייסט זעהן זי מיט האַרץ, מיט געפיהל, מיט אַ גייסטיגער פּערספּעקטיווע, מיט אַלעם דעם, וואָס איהר ווילט. איהר שפּאַרט אייך וועגען ווערטער.

מיר האָבען זיך גענומען צוזאַמען בעטראַכטען מיין אַרבייט. זי איז קיינעם נישט געפעלען. מיר — נאָך ווייניגער, ווי זיי ביידען. אויף צו מאָרגענס האָב איך אָנגעהויבען איף דאָס ניי, און ווידער נישט געענדיגט, ווידער גענומען איהם מאָלען אין אַ נייער פּאָזע. פון דעם אַלעם איז אָבער גאָר נישט אַרויסגעקומען.

.II

אין דער צייט פון מיין אַרבייט פלעגט סאָניאַ אָפט אַריינקומען צו מיר. שוואַרצוואַלד פלעגט אָפט מיט מיר אַריינגעהן צו סאָניאַ'ן, און פערברענגען מיט אונז צוזאַמען דעם אָווענד. לאַנג

ווייליגע אווענדען זענען דאס געווען. זיי האבען זיך געשלעפט פאמעליך און אומעטיג און האבען איבערגעלאזט אין הארץ אנ'אונצופרידענהייט, עפים א שווערע, אונבעקאנטע זארג. ער אליין איז געזעסען און געשוויגען. מיר האבען זיך געשעמט צו רעדען, וועגען וואס רעדען? פילאזאפירען? — אונזערע אידעען אינטערעסירען איהם נישט, ער האט זיי טויזענד מאל געהערט. פלוידערן? — דאס איז געווען אונמעגליך; זיין געגענווארט האט אנגעווארפען א טונקעלען שאטען אויף אונזער געמיט. פון זיין גאנצען וועזען האט געוועהט א האפנונגסלאזיגקייט, א וויסטער אומעט פון שוין לאנג הרוב-געווארענע וועלטען. אין זיין געגענווארט, דוכט זיך, האט מען געקאנט טראכטען און רעדען נאר וועגען איין זאך — וועגען טויט.

און אין די לאנגווייליגע אווענדען האב איך זיך צוגעקוקט צו זיין פנים, האב שטודירט יעדע איינציגע ליניע, יעדען איינציגען קנייטש, יעדע בעוועגונג, יעדע מינע, יעדען בליק. און גאנץ גיך האב איך ענטפלעקט א שרעקליכען סוד: דער ארימער מענש האט טיעף פערגעטערט די סאניא, ער האט זי געגעסען מיט די אויגען, ער האט זיך פערליעבט אין איהר, פערליעבט אונזיניג, מיט דער גאנצער קראפט פון זיין האפנונגסלאזיגקייט! אז זי האט גערעדט, אדער איז נעהענטער צוגעגאנגען צו איהם, האט זיך זיין געזיכט מאדנע געענדערט. עס האט אויסגעזעהען, ווי די פערגליווערטע ליידען זאלען צושמאלצען ווערען; זיי זענען געווארען לעבעדיג, האבען דערצעהלט שרעקליכע, הארצרייסענדע געשיכטען און האבען געבעטען, געבעטען... אך, ווי ווידעריג דאס פנים איז אין די מאמענטען געווארען! ווי אונבעהאלפען, ווי קרענקליך שוואך, ווי רחמנות'דיג און ווי נאריש: איך האב פיעל מאל ניט געקאנט איבערטראגען און האב מיר פערדעקט מיט די הענד די אויגען. און סאניא — זי האט זיך געלאנגווייליגט. געפיהלט זיך טרויעריג, מיעד און אפאטיש נאך אזא אווענד, און דאך האט זי נישט געזוכט קיין וועג אבצוהאקען מיט איהם. פערקעהרט: זי האט איהם שטענדיג

געבעטען קומען און האָט געהאַט פּרעטענזיעס, אויב ער האָט זיך אַ טאָג צוויי ניט געוויזען.

— זאָג מיר, האָט זי מיט מיר געטענה׳ט, נאָך דעם ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען; צו וואָס לעבט אַזאַ מענש?

איך האָב געשוויגען, נאָר זי איז צוגעשטאַנען צו מיר, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען מײַן שולד און מײַן לעבען.

— ער גלויבט אין גאָרנישט, ליעבט גאָר נישט. האָט אויף גאָרנישט. אַלץ, אַלץ איז איהם גלײַך! קײַן זאַך אינטערעסירט איהם נישט, נישט קײַן בילער, נישט קײַן מענש, נישט קײַן קונסט — גאָרנישט, ווי אַזוי זשע לעבט ער? זאָג מיר, איך פרעג דיך.

— ער לעבט, ווײַל ער לעבט, צו וואָס לעב איך? צו וואָס לעבסטו דו?

— איך? — איך האָב ליעב די קונסט!

זי האָט די ווערטער אַרויסגערעדט מיט אַזאַ שטאָלץ און זיכערהײַט, אַז זי האָט געקאָנט איבערצײַגען דעם גרעסטען סקעפּטיקער. די קונסטלערין אין איהר האָט זיך אָנגערופען און האָט געפינקעלט אין איהרע אויגען.

— און אפשר האָט ער אויך ווען ליעב. מען קאָן נישט וויסען — האָב איך בעמערקט קורץ. זי האָט פערשטאַנען דעם וואונק, און אויף איהרע ליפּען האָט אַנשטאַט אַן׳ענטפער, געשפּיעלט אַ צופרידענער שמײכעל. דאָס איז געווען איהר אַרט אַזוי אָבצוהאַקען אַ געשפּרעך מיט אַ בעזונדערען שמײכעל, וואָס האָט בעדעקט איהר גאַנץ פּנים און האָט דערצעהלט פון אַ טיעף גליק-געפיהל און אײַנגעליעבט זײַן אין זיך, וואָס האָט קײַן גרענעץ ניט.

און אַזוי זענען דורך אַוועגדען נאָך אַוועגדען.

זי האָט זיך געלאַנגוויילינט מיט איהם און האָט איהם צוגעראַסט׳שעט; פאַר מיר האָט זי זיך געקלאָגט אויף דעם „שוואַרצען שאָטען“ (אַזוי האָט זי איהם גערופען), וואָס וואַרפט אַן אַנ׳אומעט אויף איהר נשמה, און איהם האָט זי געבעטען קומען און האָט

נישט אויפגעהערט צו רייצען זיינע נערוועו. זי פלעגט זיך שפּיעלען מיט זיין האנד; פלעגט איהם היסען, ער זאל בעריהרען די טום־קעלען פון איהרע הענד און זעהן, ווי שטארק זי איז, און האָט זיך שטייף געשטעלט נעגען איהם אין איהר יוגענדליכער פרישקייט, ארויסרוקענדיג איהר ברוסט, דער אָרימער מענש האָט זי געפאָלגט ווי א קינד.

איך האָב אלץ נאך געאַרבייט איבער זיין פּאָרטרעט, חאָטש איך האָב שוין געפיהלט, אז דערפון וועט גארנישט ווערען, מיר איז דערעסען געוואָרען מיין ארבייט, נאָר אָט איז אריינגעקומען סאָניא, אין א ווייס פוטערן היטעל, געריטעלט, קלינגענדיג מיט די גליטש־אייזענס, וואס זי האָט געהאלטען אין דער האנד, און האָט מיטגעבריינגט מיט זיך אין צימער אריין די פרישקייט און שענהייט פון פראָסטיגען, זוניגען ווינטער־טאָג, צו וועלכען זי איז אזוי עהנליך געווען, שווארצוואלד איז אויפגעשטאנען איהר אנטקעגען און האָט זי בעגריסט לוסטיג און דרייסט, נאָר נישט ווי זיין שטייגער, דאס איז געווען איינער פון די קרענקליך־לעבהאפטע מאָמענטען, עהנליכע צו דעם פלוצלינגען אויפפלאקערען פון א ליכט, וועלכע זענען איהם בעפאלען פון צייט צו צייט. ער איז געוואָרען ריהרעוודיג... פרעהליך, ווי א נייער.

— און וואס איז מיט'ן פּאָרטרעט? — האָט סאָניא געפרעגט

— ס'וועט גארנישט זיין דערפון — האָב איך געענטפערט.

— לאָז, איך וועל פּרובירען; זעצט אייך שווארצוואלד.

זי האָט אראָבגעוואָרפען פון זיך דעם מאנטעל, האָט גענומען א בלייַשטיפט און געצייכענט עטליכע ליניען, נאָר דאס איז איהם באלד דערעסען געוואָרען, און זי האָט אוועקגעלעגט די ארבייט.

— דאס איז נישט פאר מיר — האָט זי געזאָגט.

— ניין, ריסקירט מיך, איך בעט אייך — האָט שווארצוואלד זי געבעטען. — איהר דאַרפט מיך ריסקירען. איך בין זיכער, אז איהר וועט עס געלינגען, אייך, נאָר אייך.

— פון וואַנען ווייסט איהר דאָס? — האָט זי געפרעגט פראָסט.

— איך ווייס, איך בין זיכער. איך פיהל דאָס, אין אמת'ן; ריסעוועט מיך.

בעטען, איינרעדען — דאָס איז ניט געווען אין שווארצוואלד'ס נאַטור. און ס'איז אויסגעקומען אַזוי מאָדנע, אַזוי אונבעקוועם צו הערען איהם רעדען אין אַזא טאָן.

— נו, לאָזט מיך צו רוה — האָט סאָניא געזאָגט — איך קאָן אַזעלכע פנים'ער ניט ריסעווען.

— פאַרוואָס?

— ווייל זיי זענען נישט שען.

שווארצוואלד איז איבערראַשט געוואָרען פון איהר קורצען ענטפער, וואָס איז, דוכט זיך, נישט געווען קיין נייעס פאַר איהם. וויפיעל מאָל האָט ער אליין פאַר מיר גערעדט מיט פעראַכטונג וועגען זיין אויסערליכער אונגעלומפערטער פערזאָן! יעצט איז ער בלייך געוואָרען, זיין שטימונג האָט זיך פלוצלונג געענדערט. ער איז געוואָרען שטיל, פערזאומעטעט. און די פערגליווערטע ליידען זענען געלעגען טויט אויף זיין פנים.

מיר האָבען זיך אַלע געפיהלט שלעכט, און אַז ער האָט זיך געזעגענט, האָט סאָניא איהם געבעטען קומען, אונבעדינגט קומען מאָרגען צו איהר, און האָט געשמייכעלט צו איהם און קאָקעטירט מיט איהרע אויגען, גלייך ווי אַלץ וואָלט געווען אין בעסטער אָרדנונג.

III.

„אַ גאָט האָט פערלאָזט דעם אָרימאַן און געקומען מיך וועקען:

„שטעה אויף דו איינגעשלאָפענער מענש, דו פערשעמטער, דו ענטרונענער פון לעבען — ערוואַך!

„וואו איז דיין יוגענד?" — פערגעסען.

„וואו איז דיין גליק?" — פערפלויגען.

„וואו איז דיין האפנונג?" — געשטארבען.

שטעה אויף, שטעה אויף! א וויסטער חלום האט דיר געחלומ'ט.

„פון א ווייטען לאנד בין איך געקומען, פערזומעטער מענש! פון א לאנד, וואו דער קוואל פון לעבען האט גערוישט און געשפריצט אין די אלטע פערגאנגענע דורות; פון לאנד פון דער איי־ביגער שענהייט בין איך געקומען — דיך צו וועקען: שטעה־אויף!

„א נייער טאג ווערט געבארען אויף מזרח־זייט; א נייע ליכ־טיגקייט ליגט אויסגעגאסען אויף טאלען און בערג, אויף וועלדער און פעלדער, און מיט גין־גאלדענע ראנדען בעצירט ציהען וואל־קען איבער'ן הימעל אנצוזאגען א גוטע בשורה דער וועלט און דיר, — דער וויסטער חלום איז פערשוואונדען — ערוואך!

„די מארגען־לופט איז פול מיט פרישע ריחות, לינדע ווינטען בלאזען און וועקען יעדעס גרעזיל און בלימעל: „שטעהט־אויף! ער־וואכט!". לויטערע שטימען פון רייניע גלאקען ציטערן אין דער לופט; און העלער, העלער ווערט די נייע ליכטיגקייט, און די זון צערייסט איהר פורפורנעם שלייער און געהט ארויס פריש און יונג און ניי־געבארען. ערוואך, פערשלאפענער מענש, וועק דיינע בייזע און גוטע געפיהלען, וועק דיינע האפנונגען — די צייט איז געקומען, שטעה־אויף!

— וואס וועקט זיך אין מיר? — „דיין פערשלאפענע יוגענד".

— וואס רוישט מיין בלוט? — עס בעגעהרט גליק און ליעבע".

— וואָס בלענדט מיר די אויגען? — „דיין אויפדערוואַכטע האָפנונג".

„שטעה־אויף!

אַראָבגעריסען איז דער שוואַרצער שלייער פון דיינע אויגען און פעריאָגט געוואָרען איז דער שאָטען פון טויט, און לעבען און לוסט גיט איך אין דיינע גליעדער, איך — דער גאָט פון ליעבע!

שטעה־אויף!".

דאָס דאָזיגע געדיכט, געשריבען אין דייטשע העקסאַמעטרען, האָט געהייסען „די אויפערשטעהונג". שוואַרצוואַלד האָט עס מיר געבראַכט און דערלאַנגט מיט אַ פערשעמטער מינע.

— נאַט, לעזט־דורך, אויב ס'איז אייך נישט לאַנגווייליג — האָט ער געזאָגט.

איך האָב עס דורכגעלעזען און האָב געקוקט אויף איהם אומבעשטימט.

— נו, וואָס קוקט איהר מיך אָן? דאָס געדיכט געפעהלט אייך?

— יאָ, געוויס, קלאַסיש, ווי עס פאַסט פאַר אַ פילאָזאָף. נאָר האָט נישט פעראיבעל, איהר זענט, דוכט זיך, פערליעבט? נישט וואָהר?

ער האָט זיך אַ ביסעל פערשעמט און געזאָגט שמייכעלדיג:

— און אַז יאָ, וואָס איז?

— איז גאָרנישט.

ער איז זיך איבערגעגאַנגען עטליכע מאָל איבער'ן צימער. ס'איז קענטיג געווען, אַז ער וויל עפּיס רעדען מיט מיר. ער איז געווען אין זיין לוסטיגער שטימונג, די אויגען זיינע האָבען געפינקעלט. און פּלוצלונג האָט ער זיך צו מיר געווענדעט:

— איהר ווייסט דאך געוויס, און ווען?

— געוויס; — אויף יעדען פאל איז זי דאס ווערט.

— איהר זענט אַן אויפריכטיגער מענש? איהר זאָגט קיין ליגען נישט?

— דוכט זיך.

— אויב אַזוי, וויל איך, איהר זאָלט מיר זאָגען די וואהרהייט, איהר זענט אייפערזיכטיג? איך וויל דאס וויסען.

— וואס רעדט איהר, שווארצוואלד? עס פאלט מיר נישט איין. איך פערזיכער אייך; איך בין נישט אייפערזיכטיג. מיינע בעציהונגען צו סאָניאַ'ן זענען זעהר נישט־ערנסטע, מיר זענען צוויי פרייע פויגעל, איינמאל, און צווייטענס, ווי זאָל איך אייך זאָגען...

איך האָב שווער נישט אויסגעזאָגט מיין געדאנק, אז אויף וואס נישט, נאר אויף דעם געזונדען אינסטינקט פון סאָניאַ'ן קאָן איך מיר פערלאָזען. נאר איך האָב מיך געחאפט און ניט געענדיגט די פראזע, ער האט דאס ניט בעמערקט. ער האט געוואלט אויס־גיסען פאר מיר זיין הארץ:

— איהר זענט אַ וואוילער מענש. איך האָב אייך וואהרהאפ־טיג ליעב. און ווייסט איהר: איך בין פערליעבט, פערליעבט אַט ביז אהער. (ער האט אנגעוויזען אויפ'ן האלז). איך האָב קיינמאָל אזא געפיהל נישט געהאט. איך קאָן וועגען גארנישט טראכטען, קאָן וועגען גאר נישט רעדען, ווי נאר וועגען איהר. איך בין נישט פעהיג צו לעבען אָהן דעם געדאנק, מיין בלוט וועט זיך אָהן איהם אָבזאָגען צו שלאָגען אין די אָדערען... איהר וועט זאָגען, אז איך בין אַ נאר, אז איך בין דול, נאר איהר פערשטעהט נישט, איהר קאָנט דאס נישט פערשטעהן. איהר ווייסט נישט, וואס דאס איז אזוינס אפאטיע, די טויטע עקזיסטענץ, אָהן אינטערעס, אָהן פרייד, אָהן ענט־ציקען, אָהן האָפנונג, אָהן גליק, איך נאר מיך? גוט! איך וויל נישט מעהר, ווי זיין געגארט. איך וויל האָבען מיין אילוזיע. איך קאָן מעהר נישט אויסהאלטען מיין אפאטיע, אזוי קאָן מען לאנג נישט לעבען...

ער האט זיך באלד געזעגענט מיט מיר און איז געגאנגען א היים. זיין פנים איז געוועזען אויפגערעגט, און די אויגען האט גע= פינקעלט א קרענקליך פייער און אינגאנצען האט ער אויף מיר גע= מאכט אנ׳איינדרוק פון א האלב=פערריקטען.

— נו, דיר דארף מען ווינשען גליק צו דיין נייעם ערפאלג — האב איך געזאגט סאניע׳ן נאך דעמזעלבען טאג — שווארצוואלד איז אין דיר פערליעבט אויף טויט. גא לעז.

איך האב איהר איבערגעגעבען דאס געריכט, וואס איך האב געהאט גענומען ביי שווארצוואלד׳ן. זי האט עס געלעזען און גע= זאגט, אז ס׳געפעהלט איהר נישט.

— און אזוי האסט דו א נייע הארץ בעוועלטיגט. זיי שטאלץ — האב איך געזאגט מיט פארוואורף.

— און דו ביזט אפשר אייפערזיכטיג? איך בין דוכט זיך, נאך פריי.

— ווי שעמסט דו דיך ניט צו רעדען אזוינע רעד? איך — אייפערזיכטיג! און אויף וועמען?

זי האט זיך צולאכט און געפרעגט:

— ער איז אין אמת׳ן אין מיר פערליעבט? דו מיינסט?

— פערליעבט אויף טויט.

זי האט גארנישט געענטפערט, נאר אויף איהרע ליפען האט געשפיעלט א שמייכעל — איהר שמייכעל.

IV.

אין מיטען בעסטען ווינטער איז סאניא׳ן איינגעפאלען צו מא= כען א שפאציר אויף די בערג, און זי האט מיטגענומען מיט זיך מיך מיט שווארצוואלד׳ן, מיר האבען זיך אנגעטאן ווי טוריסטען, ווארים און לייכט; סאניא — אין ווייסען! אין א טריקאטענער יאקע, וואס האט איהר פרישען קערפער צוגעגעבען גאר א בעזונדערען רייץ, און אין א ווייס פוטערן היטעל, וואס איז געלעגען קאקעט

אויף איהר קאָפּ; מיר האָבען זיך געקליידעט אין קורצע וואַרימע טוזשורקעס, אין ברייטע, געגעגעלטע שיך, אין לאַנגע זאָקען, וואָס האָבען דערגרייכט ביז איבער די קניע, און אין טיראָלער הוטען מיט אַ פֿעדער בײַ דער זײַט. די וואוילערישע קליידונג האָט, דעם אמת זאָגענדיג, ניט זעהר האַרמאָנירט מיט שוואַרצוואַלד'ס פיגור, נאָר ער האָט זיך געפֿרעהט מיט איהר ווי אַ קינד. ווי איך האָב שוין בעמערקט, האָט ער זיך אין דער לעצטער צײַט געענדערט, געוואָרען צײַטענווײַז לוסטיג-אויפגערעגט. פֿאַר דאָס איז ער טייל-מאָל אַרײַנגעפֿאַלען אין אַזאַ שווערען אומעט, אַז ער האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק פֿון אַ פֿערדריקטען מעלאַנכאָליקער.

נאָך האַלבער נאַכט זענען מיר אַרויסגעפֿאָהרען פֿון מינכען און אָנגעקומען קיין קופשטיין פֿאַר טאָג. קופשטיין איז אַ קליינע שטאָדט אויף צפון-טיראָל, האַרט בײַ דער בײערישער גרעניץ, אַרומגערינגעלט פֿון אַלע זײַטען מיט בערג; פֿון איין זײַט — מיט'ן בײערישען הויכלאַנד, פֿון דער צווייטער — מיט אַ גאַנצער קייט בערג, וואָס טראָגען צוזאַמען דעם נאָמען „קייזער-בערג” און וועלכע שטעהען ווי פּאָסטען פֿאַר די ריזיגע אַלפּען. מיר האָבען אָבגערוהט אין אַ רעסטאָראַן אַ שעה-צוויי, ביז ס'איז טאָג געוואָרען, אָנגעטאָן די זעקלעך אויף די פּלייצעס, גענומען די לאַנגע שטעקענס אין די הענד און זענען אַרויס פֿון שטוב.

די שטאָדט איז געלעגען אײַנגעהילט אין אַ טיעפֿען נעבעל. מיר האָבען אַפילו נישט דערזעהן די הײַזער פֿון דער געגענאיבערדיגער זײַט אין מאַרק, דאָס איז נישט געווען קיין געוועהנליכער נעבעל, נאָר אַ דיקע חמאַרע, וואָס האָט זיך אַראָבגעלאָזט אין טאָל אַרײַן פֿון די בערג און האָט שווער געלויערט איבער אַלעם און איבער אונז. מענשען האָבען געוואַנדעלט אין מיטען דער חמאַרע ווי שאָטענס, און האָבען אויסגעזעהן צו מאַכען מאָדנע בעוועגונגען. צײַטענווײַז האָבען זיי זיך פֿערלאָרען און צוריק בעוויזען, אַרויסשווימענדיג פֿון דעם גראָהען ים, פֿון דער ערשט אויפגעגאַנ-

גענער זון איז קיין שפור נישט געוועזן צו דערקענען. און טראָץ דעם נעבעל איז געוועזן גענוג קאַלט, פראָסטיג און גליטשיג, און מיר זענען געוועזן נישט־אויסגעשלאָפען, מיר האָבען זיך דעריבער געהאַלטען צוזאַמען, ווי אַן׳איבערגעשראָקענע סטאַדע, צו קאָנען זיך העלפען איינער מיט דעם צווייטענס אַקסלען, אויב מיר וועלען זיך אויסגליטשען. מיר זענען געגאַנגען שטיל, נישט גערעדט צווישען זיך, און אין הארצען האָבען מיר בעדויערט, וואָס מיר האָבען געפאָלגט, דעם משוגענעם איינפאַל פון סאָניא׳ן, צו לאָזען זיך אין מיטען ווינטער אין די בערג. סאָניא אַליין, די שטענדיג־פרעהליכע, שטענדיג־ענערגישע, איז אויך געגאַנגען שטום, ווי אַ זינדיגע, און זי האָט זיך אין אמת׳ן געמוזט פיהלען זינדיג; בעזונדערס, געגען מיר. וואָלטען מיר חאָטש געוועזן אַליין; זי אָבער האָט ניט אַנדערש געוואָלט, נאָר שוואַרצוואַלד זאָל מיטגעהן.

טראָץ דעם נעבעל זענען מיר דערגאַנגען ביז צום באַרג און האָבען אָנגעהויבען אַרויפצוגעהן, מיר זענען אָבגעגאַנגען אַ היבשע צייט, פאַמעליך שלעפענדיג די פיס, פערשלאָפען און פערטראַכט. אַז מיר האָבען זיך אויפגעהויבען אויף 200—250 מעטער הויך, האָבען מיר בעמערקט, אַז דער נעבעל איז פערשוואונדען. די לופט איז געוועזן קלאָר און דורכזיכטיג, חאָטש אַרום זיך האָבען מיר גאָר נישט געקאָנט זעהן. מיר האָבען זיך געפינען צווישען בוימער, פון ביידע זייטען וועג איז געלעגען דער פערפרוירענער שנע, און דער וועג אַליין האָט זיך טיעף איינגעשניטען אין מיטען, און מיר האָבען איהם געזעהן פאַר זיך נאָר איניגע מעטער, ווייל באַלד האָט ער זיך געבויגען און גענומען אין אַ זייט און געפיהרט אונז מיט זיגזאַגען, ווי אַלע בערג־וועגען.

— נו, ווי פיהלט איהר אייך, גנעדיגעם פרייליין? — האָב איך געפרעגט סאָניא׳ן מיט נישט ווייניג גאַל.

— זעהר גוט, גנעדיגער הער — האָט זי געענטפערט קאַלט; שוואַרצוואַלד! וואו זענט איהר? — האָט זי זיך געווענדעט צו מיין

בעקאנטען, וואס איז אלץ געבליבען הינטערשטעליג הינטער אונז.

— די מינוט! — האט ער געשריען פון דער ווייטען און האט גענומען לויפען צו דעריאגען אונז.

נישט פארהאנען עפּיס ערגערס ביים געהן אין בערג, ווי לויפען און ענדערען דעם טעמפּ פון גאנג, אזוי ארום ווערט מען זעהר גיך מיעד. איך האב איהם דאס בעמערקט, נאר ער האט געענטפערט מיט ברייהשאפט:

— עס מאכט נישט אויס! איך וועל נישט מיעד ווערען.

און מיר האט זיך אין דער מינוט געדאכט, אז ער איז אין אמת'ן געווארען יונגער און פרישער, אז זיין שטים קלינגט זיכער און קרעפטיג... „דער גאט פון אלימפּ האט נעוועקט און דער־וועקט", האב איך געטראכט...

געהענדיג אזוי האבען מיר אנגעהויבען צו בעמערקען ליכט־פלעקען אין די שאטענס פון די בוימער, וואס האבען זיך אויסגע־ריסעוועט אויפ'ן שנע. מיר האבען אויפגעהויבען די אויגען און דורך דעם געפלעכט פון צווייגען האבען מיר דערזעהן שטיקער בלויען הימעל. אונז אלע איז מיט א מאל געווארען פרעהליכער. מיר הא־בען לאנג שוין נישט געפיהלט קיין קעלט אין קערפער, זענענדיג דערוואַרימט פון אונזער אייגענער בעוועגונג, און מיר האבען זיך גענומען געהן מיט מעהר קוראזש. אונזער וועג האט זיך געדרעהט און געדרעהט ווי א שלאנג; דערזעלבער צוטראטענער שנע פון אונטען, דערזעלבער פערפרוירענער שנע פון די זייטען און אזוי אהן אויפהער. די ליכט־פלעקען און די שטיקער בלויער הימעל זענען צייטענווייז איינגאנצען פערשוואונדען. מיר זענען שוין געהאט געגאנגען מעהר ווי א שעה־צייט און דער וועג ביז צום שפּיץ בארג איז געווען אויסגערעכענט אויף 4—5 שעה, אויב מען זאל אין מיטען נישט אברוהען אין א רעסטאראן! אויב יא — נאך מעהר. א לאנג־ווייליגע פערספּעקטיוו.

נאר אט האט אונזער וועג שוין ארויסגעדרעהט פון וואלד;

און פלוצלונג האבען מיר זיך געפיהלט בעגאסען מיט א העלער און ווארימער ליכטיגקייט; א גלאנצענדיגע, קריסטאל-לויטערע ווייסקייט האט אנגעשלאגען אויף אונזערע אויגען פון אלע זייטען. נאר אונגעריכטערהייד זענען מיר אריבערגעטראגען געווארען אין א נייער, ווייסער, ליכטיגער וועלט אריין. מיר האבען אויפגעהויבען די אויגען: דער הימעל איז געווען קלאר, אהן איין וואלקענדיל, און האט געבלישטשעט און געבלענדט ווי א געשליפען גלאז, ארום איז געווען א וועלט פון שנעע. ער האט געפינקעלט ארום אונז, פון אונטען, פון אויבען, פון אבגרונדען, פון די טיעפע פרענער, פון די שפיץ בערג, וואס האבען אונז ארומגערינגעלט — פון אלע זייטען. דאס אויג האט זיך געבאדען אין דער העלער ליכטיגקייט, ווי אין א קוואל פון נחת, און האט זיך געקוויקט ביז צו וועהטאג, ביז צו טרערען; מיר זענען געבליבען שטעהן איבערראשט און ענטציקט.

אונזער וועג האט יעצט געפיהרט אויפ'ן סאמע ראנד פון בארג, און די גאנצע אומגעגענד ארום אויף עטליכע מייל האט זיך ענטפלעקט פאר אונזערע אויגען. צו-פוסען פון בארג איז געלעגען דער „אינ-טאל", בעגרעניצט פון דער צווייטער זייט מיט הויכע בערג; איבער דעם טאל האט זיך געשלענגעלט דער טייך אין, וואס האט אויסגעזעהן אויפ'ן פאן פון ווייסען שניי ווי א שמאלער, גראהער פאס. אין ווינקעל פון טאל האבען מיר דערזעהן די הייזער פון קופשטיין, צוזאמענגעווארפען אין איין קופע און קליינע, ווי קארטען-שטיבלעך. איבער זיי האט זיך נאך געטראגען א דינע פארע, וואס האט מיט א פליגעל בעריהרט דעם געגענאיבערדיגען בארג, דאס איז געווען דער נעבעל, וואס האט געלויערט אויף דער שטאדט, ווען מיר האבען זי פערלאזט.

און ארום זענען געשטאנען די בערג פון פערשיעדענער הויך, פון פערשיעדענע געשטאלטען, זיי האבען זיך צוגעפרעסט איינער צום אנדערען, אדער געקראכען איינער דעם אנדערען אויף דעם קארק. טייל האבען אויסגעזעהן מורא'דיג מיט זייערע שארפע איבער-

געריסענע ליניען; טייל זענען געווען אויסגעגאסען אין ווייכע, פיינע געשטאלטען. ווי א שענער פרויען-בוזים. אין אלץ דאס האט גע-בלאנקט און געפינקעלט, בעדעקט מיט שניי און בעגאסען מיט ליכט. אין דער זייט האבען מיר געזעהן א קליינע גרופע בערג, מיט דריי ווילדע, הויכע שפיצען, וואס האבען זיך גלייך געצויגען צום הימעל. זיי האבען אראבגעטרייסעלט פון זיך דעם שנעע, ארויס-געוויזען זייער נאקיטען, גראהען, פעלזיגען קערפער, און האבען אויסגעזעהן ווי פערשאלטענע ריזען, בייזע און שרעקליכע, גרייט אלץ אומצוברייגען, נאר זיי זענען צוגעשמידט צום ארט מיט נאך א שטארקערער מאכט... מיר האבען דערקענט דעם „ווילדען קייזער“. פיעל שרעקליכע לעגענדעס, זעהר פאפולערע אין טיראל, זענען פערקניפט מיט דעם נאמען.

— א, ווי שען: — האבען מיר אלע אויסגערופען כמעט מיט איינמאל.

שווארצוואלד האט זיך שיער צעוויינט פון ענטציקען, די אויגען זענען איהם געווארען פייכט, און דאס מאגערע קרענקליכע פנים האט געשיינט פאר נחת, ווי דאס פנים פון א היליגען.

— ניין, מיינע ליעבע! — האט ער אויסגערופען — עס לוינט צו לעבען און צו ליידען הונדערט יאהר, אום אט דאס צו זעהן איין קורצע ווייל. — זעהט, וואס פאר אנ׳אבגרונד דא איז: אט אזוי זיך אראבצווארפען און שטארבען דא אויפ׳ן ארט און בעדעקט ווערען מיט׳ן ווייסען שנעע, ווי אלץ ארום!...

מיר האבען געקוקט אראב, וואו ער האט אנגעוויזען, און מיר האבען דערזעהן א טיעפען אבגרונד, פון וועלכען אונז האט אבגעטיילט דער געפרוירענער שנעע ביי דער זייט. אונטען אין דער טיעפעניש האט עפיס גערוישט און געריהרט זיך, דאס איז געווען א בערג-שטראם, וואס מיר האבען ניט געקאנט דערזעהן. מיר האבען נאר בעמערקט א לייכטע פארע, וואס האט זיך פאמעליך געשלעפט פון די שפאלטען און העהלען.

די זון איז געשטאנען איבער אונזערע קעפ. ס'איז געווען געגען 12. דער וועג האט זיך אויף דעם ארט כמעט נישט אויפגעהויבען. נאר געגאנגען גלייך, צופיהרענדיג צו א צווייטער אויפהויבונג. מיר זענען געגאנגען געלאסען, קלאפענדיג מיט די לאנגע שטעקענס אן שנע, און האבען וועניג גערעדט צווישען זיך.

סאניא האט אויך געשוויגען. איך האב נאר לויט איהרע אויגען דערקענט, וואס פאר א'איינדרוק די אויסזיכט האט געמאכט אויף איהר. דער הייטערער, ענערגישער אויסדרוק פון איהר פנים איז יעצט פערשוואונדען, און איך האב אין איהרע אויגען, אפשר צום ערשטען מאל, בעמערקט א טיפע, פערבעהאלטענע בענקשאפט, א ווילדע מעלאנכאליע. זי האט זיך פלוצלונג געווענדעט צו שווארצוואלד'ן און האט איהם דערלאנגט איהר ארים. זיי זענען געגאנגען צוזאמען, איך — נאך זיי. נאך א האלבער שעה געהן זענען מיר אנגעקומען אין דעם רעסטאראן, וואס האט זיך געפונען אין מיטען וועג. מיר האבען אויסגעטרונקען צו גלעזער הייסען גליה=וויין, געלעגט צו טריקענען אונזערע דורכגעפרוירענע זאקען, און מיר האבען אויסגערוהט און פערברענגט מיט די געסט, וואס זענען אלע ווילע אנגעקומען פון אויבען און פון אונטען. די שענע, העלדישע טיראלער האבען אונז בעגריסט, ווי גוטע פריינד, און האבען גערעדט מיט אונז אויף זייער דייטשען דיאלעקט, וועלכען מיר האבען נאר מיט מיה פערשטאנען. דערביי האט יעדער פון זיי געהאלטען קענטיג פאר א חוב צו זעצען זיך א ווילע צו סאניא'ן און זאגען איהר, אז זי איז שען.

— א קרעפטיג מאד'ל — האט מיר איינער אריינגערוימט אין אויער, ווינקענדיג מיט די אויגען און צושאקלענדיג מיט זיין פאטריארכאלער, בלאנדער בארד.

סאניא האט דאס אויסגעהערט זעהר גוטמוטיג און האט געשמייכעלט, גאר געשמייכעלט.

V.

— נו, מארש ווייטער! — האט סאניא אויסגערופען, דערהויבענדיג זיך פון ארט, מיר זענען אויך אויפגעשטאנען און געמאכט זיך גרייט אין ווייטערען וועג אריין.

א העלע, פרעהליכע זון איז ווידער געשטאנען איבער אונזערע קעפ, און די בלאנקענדיגע ווייסהייט האט אבגעווארפען א שכרות אויף דער נשמה, מיר האבען נישט געפיהלט קיין מידקייט, דאטש מיר זענען שוין געוועזען עטליכע שעה, אין וועג. די פיס האבען זיך ווי אליין בעוועגט, מיר האבען איינגעאטעמט די פרישע, לייכטע, קריסטאל-ריינע בערג-לופט, און יעדעס אויפעטעמען און אבעטעמען האט פערשאפט אנ'אונבעקאנט פערגעניגען, ווידער האבען זיך בעוויזען די דריי שפיצען פון „ווילדען קייזער", אבגרונדען, טאלען און פלעגער, בעצויגען אינגאנצען מיט דעם אונגעריהרטען שנעע. דער פעלזיגער קארק פון „ווילדען קייזער" האט גערויכערט, און א קליין-קליין וואלקענדיל האט זיך געצויגען פאמעליך און האט אויסגעזעהן, ווי אנ'אונבעהאלפען בעשעפעניש, וואס קלעטערט צו אונגעלומפערט צו א פערבעהאלטענער נעסט ערגיץ אין די שפאלטען פון בארג. וואס העכער מיר זענען ארויפגעקומען, אלץ נייע שפיצען האבען זיך געוויזען, נייע געגענדען, נייע טאלען און פלענער, און העט-חעט ווייט האבען געשימערט אין דער קלארער לופט די אלפען, ליגענדיג אנגעלעהנט אויפ'ן הימעל; טיילמאל זענען זייערע סילועטען שארף ארויסגעטרעטען פאר'ן אויג, טיילמאל האבען זיי אויסגעזעהן, ווי א מענגע וואלקען, בעגאסען מיט ליכט, און עס האט זיך געדוכט, אז זיי רוקען זיך פאמעליך, דער „אין-טאל", דער טייך, די שטאדט און איהר אומגעגענד זענען אינגאנצען פערשוואונדען; מיר האבען זיך געפיהלט אבגעריסען פון יענער וואכעדיגער, גראהער וועלט, וואס מיר האבען פערלאזט, דריי מענשען אליין צווישען בערג און פעלזען אז

וואָלקען און שנע. די אונגעוועהנליכע מונטערקייט, וואָס איז געוואַקסען אין אונז, האָט זיך געזוכט אַ וועג אַרויס, און מיר האָבען אָנגעהויבען צו זינגען, צו לויפען, צו שרייען. און דאָס ווידער־קול האָט אונז אָבגעענטפערט פון אַלע זייטען.

נאָך מעהר פאַר אונז אַלע איז פער׳שכור׳ט געוואָרען שוואַרצוואַלד. זיין לוסטיגקייט האָט זיך אויסגעדריקט אין ווילדע פאָרמען. ער האָט געשריען מיט אַ גאָרגעלדיגער שטים, אַרויסגערופען דאָס ווידער־קול, האָט געזונגען און איז געלאָפען אָהן אויפהער, זיין פּנים איז געווען גערויטעלט, און זיינע אויגען האָבען געבליצט ווי אַ משוגענעמס. מיט סאָניאַ׳ן האָט ער זיך געהאַלטען פריי. ווי אַ ברודער, גענומען זי פאַר דער האַנד, פערריבט איהר דאָס היטעל אויפ׳ן קאָפּ און נישט אָבגעטרעטען פון איהר אויף אַ מינוט. סאָניאַ האָט געשטיפט מיט איהם און נאָר פון צייט צו צייט האָט זי מיר צוגעוואָרפען אַ בליק, גלייך ווי זי וואָלט זאָגען: אַט זעה, וואָס ס׳הייסט ליעב האָבען. אַזוי וויל איך, מ׳זאָל מיך ליעבען, אַזוי...

אויפ׳ן וועג האָבען זיך אָנגעהויבען ווייזען פוס־גנעהער, טייל האָבען צוריקגעקעהרט פון אויבען, טייל, קומענדיג פון אונטען, האָבען אונז איבערגעיאָגט. נאָר אַזוי ווי דער וועג האָט זיך אַלע ווײלע פערדרעהט אין אַ זייט, זענען מיר באַלד ווידער געבליבען אַליין. פלוצלונג האָבען מיר דערהערט אַ מאָדנע רופען, וואָס האָט זיך געדוכט צו קומען פון אַ זייט: „האָפּ־האָפּ! האָפּ־האָפּ!" דאָס ווידער־קול האָט אָבגעענטפערט פון אַלע זייטען, און איידער נאָך מיר האָבען זיך אָריענטירט, וואָס דאָס איז אַזוינס, איז אויף אונז אָנגעפאָהרען, אַראָבגליטשענדיג זיך מיט אימפעט פון שיפען וועג, אַ קליין שליטענדיל, אויף וועלכען ס׳איז געזעסען אַ מענש, רויט און דערשוויצט פון דער שנעלער בעוועגונג... ער האָט קוים געהאַט צייט צו פערקערעווען דאָס שליטענדיל אין אַ זייט מיט דעם שנירעל, וואָס ער האָט געהאַלטען אין דער האַנד. דאָס שליטענדיל האָט זיך אָנגעשלאָגען אין דער מויער שנע, דער מענש איז

אומגעפאלען, האט זיך עטליכע מאל איבערגעקייקעלט אויפ'ן וועג. דערנאך איז ער אויפגעשטאנען ווי קיינמאל גארנישט, און האט זיך געווענדעט צו אונז האלב מיט פרעטענזיע, האלב מיט א שמייכעל:

— מען דארף זיך שטעלען אין א זייט. איך האב דאך געשריען „האפ-האפ!“, צי האט איהר נישט געהערט?

מיר האבען זיך ענטשולדיגט און געפרעגט איהם, צי ער האט זיך גארנישט געטאן. ער האט אונז ערקלערט, אז דאס פאלען איז לגמרי נישט קיין געפעהרליכע זאך. העלפטענס קאן מען זיך קייקלען ביז צו דעם ארט, וואו דער וועג פערבייגט זיך, און מען שטעהט-אויף אונבעשעדיגט. דאס איז א בעזונדער ארט אלפען-ספארט, וואס מען רופט „ראדלען“. מיר האבען וועגען דעם געהערט, נאר געזעהן עס צו'ם ערשטען מאל, און מיר האבען זיך נישט ווייניג דערשראקען, זעהענדיג, ווי דאס שליטענדיל קעהרט זיך אום אין מיטען אזא גרויסען אימפעט. דער מענש האט זיך באלד צוריקגעזעצט אויפ'ן שליטענדיל, וואס האט זיך גענומען אראבגליטשען און איז באלד פערשוואונדען. באלד אבער זענען אנגעקומען נייע, און מיר האבען זיך געשטעלט אין א זייט זיי דורכצולאזען. זיי זענען דורכגעלאפען, ווי א בליץ, און עס האט געשווינדעלט פאר די אויגען. אויף א טייל פון זיי זענען געזעסען צו פאר פארקען. א געזונד רויט טיראלער מעדעל, אין נאציאנאלער טראכט, האט פעסט ארומגענומען מיט די הענד א מאנספערשוין, וואס איז געזעסען פארענט און האט געפיהרט דאס שליטענדיל. דאס מעדעל האט פערווארפען דעם קערפער צוריק, אום צו האלטען דאס גלייכגעוויכט, און מיט די פיס האט זי זיך פון צייט צו צייט איינגעגראבען אין שנעע, אום קלענער צו מאכען די אינערציע. מיר האבען נאך נישט געהאט גענוג צייט אום צו ענטציקען זיך מיט דער לוסטיגער, מיט גליק שפראצענדיגער ערשיינונג, ווי זי איז באלד פערשוואונדען פון אונזערע אויגען, און פון דער הויך

האבען זיך ווידער געלאזט הערען רופען: „האפ=האפ! האפ=דאפ!“

— מיר וועלען אראבראדלען? — האט זיך סאניא פלוצלונג געווענדעט צו מיר.

— דו האסט נישט מורא? — האב איך געפרעגט.

— וואס פעלט דיר איין?

— און אויב דו וועסט פאלען?

— וועל איך מיך אויפהויבען.

איך האב זי געלויבט פאר איהר מוטיגקייט, און זי איז זעהר צופרידען געוועזען פון קאמפלימענט, זי האט מיר צוגעווארפען א ליעבליכען בליק, האט מיר פעסט געדריקט די האנד און הגט געזאגט:

— איך מוז מיך צוריקקעהרען צו מיין קאוואליער. דער „שווארצער שאטען“ וועט בענקען נאך מיר. ער איז היינט אזוי אינטערעסאנט; דו ביזט איפערזיכטיג?

— ניין.

— מיר וועלען אראבראדלען צוזאמען אויף איין שליטענדיל?

— אויב דו ווילסט.

— גוט. — זי האט מיר נאך אמאל געדריקט די האנד און איז צוריקגעגאנגען צו שווארצוואלד׳ן.

אונז האט דעריאגט א פוסגעהער, א הויכער, ברייט געוואקסענער טיראלער, מיט דעם פאטריארכאלען געזיכט און בלאנדע באָרד — דערזועלבער, וואס האט מיר איינגערוימט אין אויער: „א קרעפטיג מאד׳ל“. צוליעב אונז איז ער געגאנגען פאמעליכער, און מיר האבען מיט איהם גערעדט פון די בערג, פון די לאווינעס, פון דעם בערג=לעבען. ער איז געוועזען שטאלץ מיט זיין לאנד און מיט איהר שענער נאטור. ער האט אונז פערצעהלט, אז אין דעם רעסטאראן אויבען פייערט עפיס א פעראיין זיין פעסט, ער אליין געהערט צו דעם פעראיין; אז שלאפען אויבען וועט געוויס נישט זיין וואו, און מיר וועלען געוויס מוזען אראבראדלען צו׳ם אונ=

טערשטען רעסטאראן. ער האט אונז ערקלערט, אז ס'איז אבסאלוט קיין שום געפאהר נישט. פערבלאנדזשען איז אונמעגליך. דער וועג האלט אונז שטענדיג איינגעשפארט צווישען צוויי מויערען. נאר אויף איין ארט, וואו דער שנעע איז נידעריג און דער וועג געהט הארט נעבען אבגרונד, דארף אנ'אונגעניטער מענש זיין פארזיכטיג. ער האט אונז געראטען דורכצוגעהן דעם ארט צו פוס. ווייל פאר עטליכע יאהר האט דא פאסירט אנ'אונגליק.

גאנץ גיך זענען מיר אנגעקומען צו דעם ארט. דער טיראלער האט אוועקגעשארט דעם שנעע פון וואנד, און מיר האבען געזעהן פאר זיך א שטיין, אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעקריצט דער נאמען פון דעם אונגליקליכען, וואס איז דא אראבגעפאלען, און דער טאג, ווען דאס איז געשעהן.

מיר האבען אראבגעקוקט ארונטער, און אונז האט געשווינדעלט פאר די אויגען פון גרויסע טיעפעניש. עפיס אנ'אינסטינקטיווער פחד איז אנגעפאלען אויף דער נשמה, קוקענדיג אין דעם אבגרונד אריין, אפילו די ווייסקייט פון שנעע האט קוים אבגעשלאגען פון דארט. נעהנטער צו אונז האבען פון אלע זייטען ארויסגעשטארט פעלזען. דאס איז געווען די „טייפעלס-העהלע“, וואס איז געווען בעצייכענט אויף אונזער קארטע, א וויסטער שרעקליכער אבגרונד, וואס איז כמעט אונצוגענגליך. ס'איז פאראן אהין עפעס א וועג פון יענער זייט בארג — האט אונז דער טיראלער דערקלערט — אט דער וועג איז יעצט פערוועהט. זומער קומט מען אהין צו, און אין מיטען העלען טאג איז דארט פינסטערליך.

— און ווי טיעף איז דא? — האט איינער פון אונז געפרעגט.

דער טיראלער, אנשטאט צו ענטפערן, האט אנגענומען א פולע האנד שנעע, איהם צוזאמענגעפרעסט און אראבגעווארפען. ער האט צוגעבויגען דעם אויער און ס'זענען דורך עטליכע סעקונדען, ביז דער קלאפ האט זיך געהערט.

— איבער 200 מעטער — האט ער געענטפערט.

אונז האט אנגעהויבען אביסעל קאלט צו ווערען, עס האט גענומען בלאזען א פראסטיגער, שניידיגער ווינד, דער הימעל איז געווארען מאט, אין דער לופט איז געלעגען א טונקעלהייט. עס האט אויסגעזעהן, ווי אין מיטען בעסטען לייכטען איז די זון געווארען איבערשראקען און פערציטערט. פון דער ווייטען האבען זיך פון צייט צו צייט געהערט משונה'דיגע קלעפ, ווי מען וואלט האקען בוימער אין וואלד. טיילמאל האט זיך אונז געדוכט, אז א געוויטער קומט אן, און די דונערן קייקלען זיך דארט, אונטער'ן בארג. באלד האט זיך דער הימעל איינגאנצען פערצויגען, און דער ווינד האט געבלאזען אין פנים אריין מיט שטיקער געפרוירענעם שנעע. דאס איז געגאנגען א שנעע-לאווינע איבער'ן „ווילדען קייזער", און דער ווינד האט אהער פערטראגען א מאסע שנעע, וואס האט בעדעקט דעם הימעל.

— דאס געדויערט נישט לאנג — האט אונז דער טיראלער געטרייסט: דא געהט קיין לאווינע נישט. — און דערביי האט ער אונז געלערנט, וואס צו טהון, אז א לאווינע טרעפט.

— מען דארף אט אזוי טהון.

ער האט אויפגעהויבען די הענד און גענומען מיט די פיס ציהען זיך אין דער הויך.

— שווימען, אט אזוי — האט ער געוויזען — ארויסשווימען פון שנעע. — ער האט אונז געגעבען די עצה און אליין האט ער אונז פערלאזט. מיר האבען איהם באלד פערלוירען פון אויג. מיר זענען געווארען אונרוהיג און געווארט אויף א לאווינע שנעע, וואס וועט קומען אונז בעגראבען לעבעדיגערהייד אונטער זיך. ווי שרעקליך דאס מוז זיין, דערשטיקט צו ווערען ביסלעכווייז אונטער דער ווייסער מאסע! דאס איז א לאנגער שרעקליכער טויט. עס טרעפט אז פערפאלענע טוריסטען מוטשען זיך אזוי מיט'ן טויט גאנצע 24 שעה. און פארוואס האט ער אונז פערלאזט? — האבען מיר געטראכט — געוויס געוואלט זיך אליין ראטעווען, זעהענדיג, אז מיר

קאָנען נישט נאָכאײַלען נאָך איהם! „שווימען, אַט אַזױ״... — האָבען מיר געחזר׳ט אין געדאַנק. און דער שנעע, וואָס האָט אונז ערשט נישט לאַנג אַזױ ענטציקט מיט זײַן קלאָרהײַט, וואָס האָט געקוויקט דאָס אויג און געגאָסען שטראָמען לוסטיגקײַט אין דער נשמה — דערזעלבער שנעע איז אונז יעצט פאָרגעקומען, ווי אַ שרעקליכע, גראָהע, כאַאָטישע מאַסע, בעשאַפען נאָר צו׳ם פערדערבען.

אונזער שרעק האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. די שנעעמאַסע האָט זיך דורכגעטראָגען. עס זענען נישט אַריבער קײן גאַנצע 10 מינוטען און מיר האָבען ווידער געהאַט איבער זיך אַ קלאָרען הימעל, אַ בלאַנקענדיגען, ווי אַ געשליפענער גלאָז, און די זון האָט געשאָטען מיט וואַרימע שטראַהלען; דער שנעע האָט געבליצט און געבלענדט, און אונזער לוסטיגקײַט האָט זיך צוריקגעקעהרט צו אונז מיט נאָך אַ טאָפּעלער קראַפט. גאַנץ גיך האָט די לוסטיגקײַט דערגרײַכט אַ גראַד פון עכטען שיכרות. מיר האָבען זיך אין מיטען וועג אַנידערגעזעצט אויפ׳ן שנעע און גענומען זינגען עפּעס אַ ליעד מיט אַ שאַלנדיגער שטים. אָבגעריסען פון דער אונטערשטער וועלט, האָבען מיר זיך געפיהלט בעפרײַט פון איהרע קײטען. שוואַרצוואַלד איז געוואָרען מיט אונז אויף „דו״, און מיר בײדע האָבען זיך דערלויבט מיט סאָניאַ׳ן זעהר פיעל. מיר האָבען זי געקושט, געפיהרט זי פון בײדע זײַטען אונטער די אָרעמס, ווי די סאַטירען די געפאַנגענע פעע אין רובענס׳ס אַ בילד. זי האָט זיך געריסען פון אונזערע הענד און אונז מיטגעשלעפּט פאָראויס און פּלוצלונג האָט זי זיך אַנידערגעוואָרפען אויפ׳ן שנעע און האָט זיך צולאַכט, אַז ס׳האָט געהילכט אַרום.

דער פעלזיגער קאַרק פון „ווילדען קײזער״ האָט אַלץ גערויכערט, דער וואָלקען איז געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער און האָט זיך אַראָבגעלאָזט נידריגער. ער האָט זיך גענומען לעגען אויף די שפּיצען בערג, וואָס מיר האָבען שוין געהאַט אונטער זיך, אַז מיר זענען אָנגעקומען צו אונזער ציעל, צו אַ רעסטאָראַן, וואָס

האָט זיך געפֿונען אויף אַ הויך פֿון 2,500 מעטער, איז שוין אַ געדיכטער וואָלקען געלעגען אונז צופֿוסען און האָט בעדעקט אונטער זיך אַלע שפּיצען, אָבגרונד און פלעגער. נאָר העכער פֿון אונז האָבען געבלישטשעט אין זייערע ווייסע מאַנטלען די בערג, בעגלאָסען מיט דעם ליעבליכען שיין פֿון דער אָווענד=זון.

VI.

מיר האָבען שוין געהאַט אָבגערוהט, אָבגעגעסען, און אַ זיסע מידקייט איז געווען אויסגעגאָסען אין אַלע אונזערע גלידער, די מידקייט איז דאָ געווען אַנדערש, ווי אַלץ אַרום. זי האָט נישט גענויגט צו שלאָפֿען, נאָר וואַך צו זיין, צו הערען און צו זעהן און צו ריהרען זיך. נאָר מיט שוואַרצוואַלד'ן איז געשעהן אַנ'איבערקעהרעניש. ער איז אַריינגעפֿאַלען אין זיין שווערען אומעט, געזעסען ביי'ם טיש, אַנגעשפּאַרט אויף אַ האַנד, און האָט געגלאָצט מיט זיינע פֿינסטערע אויגען, נישט צו רעדען קיין וואָרט. מיר האָבען איהם געלאָזט זיצען און זענען אַרויס פֿון רעסטאָראַן צו זעהן, ווי די זון געהט דאָ אונטער, אין דער וועלט.

דער וואָלקען, וואָס איז געלעגען אונטער אונז, האָט זיך גענומען רויטלען. ערטערווייז, דאָרט, וואו די זון האָט זיך צוגעלאָזט, זענען געלעגען פורפורנע פּאַסען; באַלד איז דער פורפור געוואָרען פֿייערדיג=רויט, און עס האָט זיך געדוכט, אַז די געדיכטע מאַסע האָט זיך אַנגעצונדען און פֿלאַקערט. נעהנטער צו אונז איז דער וואָלקען געווען טונקעל און איבערגעצויגען מיט אַ לייכטער וויאָלעט=פֿאַרב. די טעמפּעראַטור איז ראַש געפֿאַלען. אַלע ענדערונגען זענען דאָ פֿאָרגעקומען מיט אַנ'אונגעוועהנליכער שנעליגקייט. אויף דעם וואָלקען האָט זיך אַנגעהויבען אַ שפּיעל פֿון פֿאַרבען, וואָס האָבען זיך געביטען פֿון מינוט צו מינוט, טונקעלער און העלער געוואָרען. עס האָט אויסגעזען, ווי לייכטע שאָטענס

פון ראָזע, רויט, פורפור און וויאָלעט, זאָלען ציהען אהין און צו־ריק, בײַטען די ערטער און אָװעקשטויסען אײנער דעם צװײטען. די זון איז אַנגעקומען נעהנטער און האָט זיך געגומען טונקען אין דעם װאָלקען, גלײַך װי זי װאָלט זיך װעלען אויסבאָדען אין דעם ים פון די פאַרבען. אַרום האָבען אַרויסגעשטאַרט די בערג און האָבען שטיל און ערנסט זיך צוגעקוקט, װי צו אַ הײליגע צערעמאָניע. זײערע שפיצען זענען נאָך געװען העל בעלויכטען, און עס האָט זיך געדוכט, אַז זײ בעוואונדערען אָט דעם װאָלקען, װאָס איז אויסגעהאָרעוועט אין זײערע שפּאַלטען און האָט זיך געלאָזט אין דער װעלט אַרײַן, און האָט זיך פערשפּרײט און צעלעגט, און שלינגט יעצט אײַן די זון.

באַלד איז פערשװאונדען געװאָרען די לעצטע רײף פון דער זון, און די שפּיצען פון די בערג האָבען אַלײן נאָך געפינקעלט און געלויכטען. דער װאָלקען אונטען איז מיט אַ מאָל טונקעל גע־װאָרען, און נאָר אויף דעם אָרט, װאו די זון איז אונטערגעגאַנגען האָט אַלץ געברענט אַ פײַער, גלײַך װי אונטער איהם װאָלטען גליהען פײַערדיגע קוילען.

מיר זענען געשטאַנען אין צװײען: איך און סאָניאַ. זי איז געװען אָנגעלעהנט אויף מײַן אַקסעל, און מיר האָבען געשװיגען. עס איז געװאָרען טרויעריג־טונקעל, פראָסטיג, די פאַרבען זענען אויסגעלאָשען געװאָרען, און דער װאָלקען האָט גענומען װערען גראָהליך־שװאַרץ. נאָר אויף די שפּיצען פון די בערג זענען נאָך אַלץ גלעלענען ראָזע שאָטענס. גלײַך הינטער אונזערע אַקסלען איז געלעגען דער קײלעבדיגער שפּיץ פון אונזער באַרג. מיר האָבען זיך אומגעקוקט און ניט געגלויבט די אײגענע אויגען. ער איז גע־װען אײַנגעצױגען אײַנגעהילט אין אַ פאַרביגען מאַנטעל, װאָס זײַן קאָ־ליר איז ניט מעגליך צו בעצײכענען מיט װערטער. דאָס איז גע־װען אַנ׳אַרט ראָזע, געמישט מיט װיאָלעט, צאַרט און װײך, װי די פאַרבען, װאָס מיר זעהען נאָר אין חלום. און װײטער, װײטער,

וואו נאָר דאָס אויג האָט דערגרייכט, האָבען געגליהט אין דער דעמערונג די שפּיצען פון די אַלפּען, און עס האָט זיך געדוכט, אַז זיי זינגען אַ שטילע מעלאָדיע אַלע אין איין כאָר און אַז אין דער טונקעלער לופט ציטערט דאָס געזאַנג און ווערט פערלאָרען...

סאָניאַ האָט זיך צוגעטוליעט צו מיר, איך האָב דערפיהלט, איהר בוזים פרעסט זיך צו צו מיין קערפער, זי האָט אַרומגעוויקעלט איהר האַנד אַרום מיין האַלז און האָט מיך געקושט. נעבען אונז זענען געשטאַנען מענשען: נישט זיי איז איינגעפאַלען צו שמייכלען, נישט אונז צו שעמען זיך. אונזער פּאָזע איז געווען אַזוי איינפאַך און פערשטענדליך, ווי די גאַנצע שענע וועלט אַרום. פּלוצלונג האָבען מיר דערזעהן שוואַרצוואַלד'ן, ער איז געשטאַנען און געגלאָצט אויף אונז, אונז זיין אַדלער־נאָז האָט מאָדנע אַרויסגעשטאַרט. ער האָט געציטערט פון קעלט... אַך, ווי שרעקליך זיין פּנים איז געווען! אַזוי זעהען אויס נאָר מענשען, ווען מיר זעהען זיי צו'ם לעצטען מאָל, איידער דער טויט בענשט זיי מיט זיין רוהיגקייט. איך האָב געלאָזט סאָניאַ'ן און צוגעגאַנגען צו איהם

— אייך איז קאַלט? — האָב איך געפרעגט.

ער האָט געשוויגען.

— מיר וועלען זיך באַלד דערוואַרימען. דאָ איז נישטאָ, וואו צו שלאָפען.

— יאָ — האָט ער אונטערגעברומט אונבעשטימט.

מיר האָבען גענומען צוויי שליטענדלעך: איינם פאַר שוואַרצוואַלד'ן, דאָס צווייטע פאַר מיר מיט סאָניאַ'ן צוזאַמען. זי איז געווען לוסטיג, האָט מיר געקלאַפּט אויפ'ן אַקסעל, און געלאַכט און געשטיפט. מיט שוואַרצוואַלד'ן האָט זי זיך געוויצעלט, רופענדיג איהם אַלע ווייַלע „שוואַרצער שאָטען״.

— שוואַרצער שאָטען, איהר האָט נישט קיין מורא?

— איך ווייס נישט.

— איהר זענט געוואָרען אַ לאַנגווייליגער נאַר,

ער האט נישט געענטפערט, נאר זי האט איהם נישט געלאזט צורוה. איהר איז געווען לוסטיג אויפ'ן הארץ, זי איז געווען פול מיט איינדריקען, און דא איז נאך פארגעשטאנען אזא רייזע אין מיטען דער נאכט אויף א שליטענדיל, וואס פליהט שנעל בארג־אראב, און צוזאמען מיט מיר, ווי די טיראלער מעדלעך מיט זייערע אויסדערוועהלטע. איהר האט זיך געוואלט רעדען און רייצען שווארצוואלד'ן.

— אייך איז קאלט, שווארצוואלד? — האט זי איהם געפרעגט.

— א ביסעל.

— און וואס וועט איהר טהון, אז איהר וועט פאלען?

ער האט ווידער געשוויגען.

זי איז שוין געזעסען אויפ'ן שליטענדיל הינטער מיר, איך האב מיך אומגעקערט און געלעגט די האנד אויפ'ן מויל, „שווייג: גענוג!" — האב איך איהר איינגערוימט. זי האט זיך הויך צעלאכט.

— מיר הויבען אן. — האב איך געקאמאנדעוועט — שווארצוואלד, איהר האלט אייך נישט צו־נאהענט ביי אונז אז מיר וועלען פאלען, ברעמזט און האלט איין דאס שליטענדיל, אויב איהר ווילט נישט פאלען אויף אונז ארויף. נו, איינס, צוויי, דריי — מארש!

סאניא האט מיך פעסט ארומגענומען מיט די הענד, און דאס שליטענדיל האט זיך אנגעהויבען פאמעליך צו גליטשען.

— גיט אכטונג! — האב איך נאכגעשריען שווארצוואלד'ן — אז דער וועג געהט רעכטס, ברעמזען מיט'ן רעכטען פוס, לינקס — מיט'ן לינקען.

— און אויב איהר וועט פאלען, פערגעסט אייך נישט אויפצוהויבען! — האט סאניא צוגעשריען.

ס'איז שוין געווען אינגאנצען פינסטער. דער הימעל איז געווען טונקעל און אויסגעזעצט מיט בלאנקע שטערען. די בערג זענען געווען איינגעהילט אין גראהע מאנטלען, און עס האט זיך גע־

דוכט, אַז זיי דרעמלען אין זיי. נאָר די שטערען אויבען האָבען געפינקעלט לוסטיג און פרעהליך, און זענען געלאָפען נאָך אונז אויף אונזער וועג. מיר האָבען זיך בעוועגט אין אָנהויב פּאַמעליך און פאָרזיכטיג, ברעמזענדיג מיט די פיס אָהן אויפהער. ביסלעכווייז האָבען מיר זיך צוגעוועהנט. מיר האָבען געלאָזט פריי אויף אַ מינוט דעם שליטענדיל, און עס האָט גענומען לויפען מיט אימפּעט. אונז איז מיט אַמאָל וואַרים געוואָרען. און פּלוצלונג, ביי דער ערשטער בייגונג פון וועג — בוך! אונזער שליטענדיל האָט זיך אָנגעשלאָגען אָן דער וואַנד שנעע, האָט אונז אַראָבגעוואָרפען, און אַליין ווייטער געלאָפען, פערהאַלטענדיג זיך ערשט ביי דער צווייטער בייגונג. מיר האָבען זיך עטליכע מאָל אויסגעקייקעלט אין שנעע, איך אויף סאָניאַ'ן, סאָניאַ אויף מיר, און איידער נאָך מיר האָבען צייט געהאַט צו לאַכען און איבערצייגען זיך, אַז מיר זענען גאַנץ — בוך אויף דאָס ניי! שוואַרצוואַלד איז אָנגעפאָהרען אויף אונז מיט זיין שליטענדיל, אַליין זיך אומגעקעהרט, און מיר אַלע דריי האָבען זיך צוזאַמענגעקוליעט אין שנעע איינער איבער'ן אַנדערען. סאָניאַ האָט זיך אויפגעהויבען די ערשטע און האָט זיך צולאַכט הויך און געזונד.

מיר האָבען זיך באַלד צוריקגעזעצט אין די שליטענדלעך, ווידער אַמאָל געפאַרען, נאָר גאַנץ גיך האָבען מיר זיך אויסגעלערענט ריכטיג צו ברעמזען, און אונזער רייזע איז געגאַנגען פרעהליך און גליקליך. אונז איז אויסגעקומען נאָר אַלע ווייל'ע צו וואַרטען אויף שוואַרצוואַלד'ן, וואָס איז אָבגעשטאַנען.

— „האָפּ־האָפּ"! — האָבען מיר געשריען פון דער ווייטען — שוואַרצוואַלד, וואו זענט איהר?

— דאָ! — האָט אונז אָבגעענטפערט אַ שטים פון דער ווייטען, מיר האָבען איהם אַלץ נישט געזעהן פאַר די אויגען.

איך און סאָניאַ האָבען מיר זיך געטוישט מיט די ערטער. איהר האָט זיך געוואָלט זיין דער פיהרער, איך האָב זי אָרומגע־

נומען פאר דער טאליע, און גאנץ ניך האט זי געלאזט דאס שליטענדיל לויפען מיט אנ'אונגעהויערען אימפעט. דער וועג האט זיך אלע ווײלע געבויגען, און מיר, אויף גארנישט אכטענדיג, זענען דורכגעפלויגען איין בויגונג נאך דער צווייטער. שווארצוואלד'ן האבען מיר שוין לאנג ניט געהערט הינטער זיך, פלוצלונג האב איך מיך דערמאהנט אן דער „טײפערס־העהלע" און האב פערהאלטען מיט די פיס דאס שליטענדיל.

— דא מוז מען געהן צו פוס — האב איך געזאגט.

עס האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז די „טײפערס־העהלע" זענען מיר שוין דורכגעפלויגען אין אימפעט. מיר האבען גאר קיין בעגריף נישט געהאט פון דער שנעליגקייט, וואס מיר האבען דערגרייכט. נאך 40 מינוט — און מיר קומען גליקליך אן אין אונטערשטען רעסטאראן. מיר האבען זיך אבגעשטעלט און געווארט אויף שווארצוואלד'ן.

— „האפ־האפ! האפ־האפ!" — האבען מיר געשריען — שווארצוואלד! שווארצוואלד!

קיין ענטפער איז נישט געווען. נאר דאס ווידער־קול האט זיך אבגערופען פון אלע זייטען, און די שטערען האבען געוואונקען פון אויבען.

— שווארצוואלד! וואו זענט איהר? — האב איך גענומען שרייען נאך העכער, און מיין שטים האט געציטערט. איך האב פאראויס געפיהלט אנ'אומגליק. אנ'אינערליכע שרעק האט גענאגט דאס הארץ.

מיר זענען צוריקגעגאנגען איהם זוכען.

לאנג האט דאס געדויערט, און די שרעק איז געוואקסען מיט יעדען טריט אין אונזערע הערצער. מיר האבען מורא געהאט צו רעדען, צו צוגעהן נעהענטער איינער צו'ם אנדערען. מיר האבען שוין לאנג אויפגעהערט צו רופען „שווארצוואלד". דאסווארט אליין האט בעקומען א שרעקליכע בעדייטונג און האט געמאכט ציטערען

יעדערען נערוו, און מיר זענען געגאַנגען בעזונדער, יעדער מיט זיין שרעק, און שווייגענדיג געזוכט, אַם ענדע האָבען מיר געפונען זיין שליטענדיל שטעהן איפן מיטען וועג. שוואַרצוואַלד איז און ערגיץ נישט געוועזן.

מיר האָבען ווידער גענומען רופען, שרייען, זוכען — אומזיסט!

— וואָס קאָן דאָס זיין? — האָט מיך סאָניא געפרעגט, און איהר ציטעריגע שטים האָט געקלונגען בעז און אויפגערעגט...

— איך האָב מורא, ער איז אַראָבגעפאַלען — האָב איך געזאָגט.

— אַראָבגעפאַלען?! — זי האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר'ן קאָפּ און האָט אָנגעהויבען שרייען מיט אַ ווילד קול:

— רעטונג! רעטונג! רעטונג!

איך האָב אויך גענומען שרייען, און אַרום און אַרום האָט געהילכט פון אונזערע קולות. אַפילו די בערג, דוכט זיך, האָבען מיטגעציטערט מיט אונז פאַר שרעק.

איך האָב געפרובט אָנצינדען איין שוועבעלע נאָך דער אַנדערער; דער ווינד האָט זיי אויסגעלאָשען, און מיינע הענד האָבען דערצו געציטערט. דאָס איז געוועזן אַ משוגענע אידעע, וואָס מיר האָט זיך געוואָלט: אַראָבצולייכטען אין אָבגרונד אַריין פון 200 מעטער מיט אַ שוועבעלע. איך האָב מיך אַריבערגעבויגען און אַליין שיעור נית געפאַלען, און סאָניא האָט אַלץ געשריען און געשריען.

ס'זענען אָנגעקומען מענשען פון אויבען זיי האָבען דערהערט אונזערע געשרייען און האָבען אַראָבגעראָדערט מיט אַ לאַמטערן. אַלץ איז באַלד קלאָר געוואָרען. די מויער פון שנע איז אויף איין אָרט געווען איינגעקוועטש. פון דעם אָרט איז ער אַראָבגעפאַלען. העלפען איז געווען אונמעגליך. בײַ נאַכט קאָן מען דאָרט נישט צוקומען, און דאָס וואָלט אויך איבעריג געוועזן. אַראָבפאַלענדיג פון אַזאַ

הויך איז אומגעגליך געווען, ער זאל נישט בלייבען טויט אויף דער שטעל...

VII.

אט אזוי איז אונזער חבר אומגעקומען אין די בערג!

מיר זענען אראבגעקומען אונטען, אין רעסטאראן אריין, געפרוירען, טוידט-מיעד און צובראכען. מיר האבען אלץ נישט געקאנט פערלאזען דעם ארט, וואו דאס אומגליק איז געשעהן. עס האט זיך געדוכט, אז דער טויטער, נאר נאך ווארימער, קערפער פון דעם ארימען מענש ליגט אט נעבען אונז, און מיר דארפען נאר די הענד אויסשטרעקען, אום איהם צו בעריהרען. און אפשר? ווער ווייס? אפשר לעבט ער דארט און בעט הילף?! מיר האבען זיך לאנג געדרעהט אויף דעם ארט אהין און צוריק. אונז האט געדראהט די געפאהר צו פערפרירען דא. צו'ם ענדע האט אונז דער אינסטינקט פון לעבען געפיהרט אראב, וואו מיר האבען גענומען אנומער אין רעסטאראן איבערצונעכטיגען. סאניא האט זיך ניט אויסגעטאן, זי איז נאר געזעסען אויפ'ן בעט אנגעלעהנט מיט'ן קאפ אויף מיין אקסעל. מיר האט זיך געדוכט, אז זי איז איינגעשלאפען אזוי. נאר מיט איינמאל האט זי אנגעהויבען צו שלוכצען און צו וויינען הויך און העפטיג, און גרויסע טרעהרען, ווי טראפען רעגען, זענען געפאלען פון איהרע אויגען. זי האט געוויינט לאנג, און אין דעם וויינען איהרען איז געווען אזוי פיעל געזונדקייט און פרישקייט, ווי אין איהר לאכען: ווי אין איהר רעדען, ווי אין איהר גאנצען וועזען, אזוי וויינען מענשען גליקליכע, ווען זיי דארפען אבוואשען פון דער נשמה עפעס אנ'אונגליק. זי איז איינגעשלאפען אויף מיין אקסעל, איך האב זי געלעגט אויפ'ן בעט, און אליין בין איך ארויסגעגאנגען אין דרויסען.

די נאכט איז געווען פראסטיג. ארום איז געווען שטיל. די

ווייסע וועלט איז געשלאָפֿען און האָט בעהאַלטען אין זיך אַ יונג, ערשט געפּטר'ט לעבען.

אַ ווילדער פֿערלאַנג האָט מיך געצויגען אַהין, צו דעם אָב־גרונד דאָרט, ער האָט זיך געדוכט צו רופֿען און צו צוזאָגען גליק און רוה אין זיין טיעפֿעניש. איך האָב געפֿיהלט, אַז געהענדיג אַהין, וועל איך מעהר נישט צוריקקומען, און בין געבליבען שטעהן פֿערזונקען אין געדאַנקען. פֿון הימעל אויבען האָבען געוואונקען די שטערען און האָבען דערצעהלט פֿון עבינקייטען, וואָס פֿאַר זיי איז גלייך פֿרייד און ליידען, גליק און אומגליק, און לעבען און טוידט.

און אויפ'ן וועג צוריק קיין מינכען האָבען מיר די גאַנצע צייט גערעדט פֿון איהם. ס'איז אויסגעקומען אַזוי מאָדנע, וואָס מיר זיצען דאָ נאָר צווייַ אַנשטאָט דרייַ, וואָס זענען אַהער געקומען. רעדענדיג האָב איך אַרויסגעזאָגט סאָניאַ'ן מיין מיינונג, אַז ער איז נישט אַראָבגעפֿאַלען, ווי די צייטונגען האָבען בעשריבען דעם פֿאַל, נאָר אַז ער האָט זיך אַליין אַראָבגעוואָרפֿען.

— און דו מיינסט, ער האָט מיך אין אמת'ן ליעב געהאַט? — האָט זי געפֿרעגט, און אויף איהר פּנים האָט זיך צוגאָסען דער צופֿרידענער, גליקליכער שמייכעל איהרער.

אַך, דער שמייכעל!

שְׁכֵנִים.

— 10 שטיק „קאַבינעט".

חיים ברוך, אַ פּוילישׁ יודעל, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געקומען פֿון דער פּראָווינץ און טראָגט היינט אַרום פּאַפּיראָסען אין דער גאַס, אַ נידריגער, אַ פֿולער מיט אַ קליין קייזעלביג שוואַרץ בערדיל, — האָט זיך שׁיער ניט אַראָבגעגליטשט פֿון דעם שטעקען, אויף וועלכען ער איז געווען אָנגעלעהנט, און נישט וויסענדיג נאָך, וואָס ער זוכט, האָט ער אָנגעהויבען צו שאַרען צווישען די פּעקלעך פּאַפּיראָסען.

עס איז געווען אַ קאַלטע פֿראָסטיגע נאַכט, שוין קעגען צוועלף. אַ פּאַרע האָט געשלאָגען פֿון דעם „דייטש'ס" מויל, וואָס האָט זיך אָבגעשטעלט קויפֿען פּאַפּיראָסען, ער איז געשטאַנען מיט אַנ'אויפֿגעשטעלטען קאָלנער פֿון פּאַלטאָ, מיט אַנ'אויסגעשטרעקטער האַנד, וואָס האָט געציטערט אין דער לופֿט.

„קאַבינעט"! — האָט ער איבערגע'חזר'ט אונגעדולדיג.

און בעקומענדיג די פּאַפּיראָסען, האָט ער געאיילט אַוועק, און די טריט זיינע האָבען זיך נאָך לאַנג געהערט אין דער לופֿט.

חיים ברוך האָט פֿערריבען אונטער זיך דעם שטעקען, אויף וועלכען אין דעם הויך איז געווען צוגעשלאָגען אַ קליין ברעטיל אויף צו זיצען, און אַריינשטעקענדיג די הענד אין די אַרבעל: האָט ער זיך צוריקגעזעצט אויפֿ'ן אָרט מיט דעם ערנסט פֿון אַ מענש, וועלכען מען האָט אָבגעריסען פֿון אַ וויכטיגער אַרבייט און ער נעמט זיך איצט צוריק צו איהר מיט פֿלייס.

די גאַס איז העל בעלייכט. מענשען געהען אַלץ ווייניגער,

זיי לויפען דורך די גאס ניך, מען דערקענט, אז זיי זענען דורכגעפרוירען און שלעפריג. די דראזשקארזשעס דרעמלען איין אויף די קעלניעס מיט אראבגעלאזטע קעפ, אדער זיי רעדען צווישען זיך אבגעהאקטע, נישט געענדיגטע פראזען. די גרויסע שטאדט איז ווי איינגעשלאפען, און נאר די עלעקטרישע לאמפ פאר'ן רעסטאראן לייכט פרעהליך און העל און קוקט ווי מיט שטאלץ פון דער הויך אויף די לאנגע שורות פערשלאפענע שטאדט-לאמטערען.

„צעהן טויזענד — הויבט היים ברוך אן צו טראכטען אויף דאס ניי — אויף מיין חלק פינף טויזענד"... איהם שטעלט זיך פאר א פעקיל רויטע באנק-בילעטען, נייע, געפרעסטע, וואס קנאקען אין דער האנד. באלד זעהט ער זיך אליין אויך, שטעהענדיג אין דער היים אין גראחאוצע... פון דעם איינעם פעקיל ווערען א סך פעקלעך, וואס ליגען אויסגעסדרט אויפ'ן טיש. דערנאך קומט פאר חיה לאה, די קינדערלעך...

„הא? נו? וואס? א שלי'מזל בין איך?... און די לעצטע פראזען, וואס זענען געווען געווענדעט צו חיה לאה'ן, פאר וועלכער ער האט זיך געפיהלט שולדיג, האבען זיך אזוי קלאר אויסגעשניטען אין מח, אז די ליפען זיינע האבען זיך גערירהט, און א ליעבליכער שמייכעל האט זיך געלעגט אויף זיין פנים.

— ס'איז קאלט... האט ער ארויסגערעדט צו זיך אליין, און א פערנעהמענדיג דעם שטעקען פון אונטער זיך, קלאפענדיג מיט די פיס אויפ'ן טראטואר, האט ער אבגערוקט דאס קעסטיל פון דער ברוסט, זיך ארומגעקוקט און עפיס נאכגעדענקט.

איהם האט אינטערעסירט צו וויסען, פון וועלכער זייט דער ווינד בלאזט דאס יעדעס מאל מיט אזא האס און יאגט איבער די טראטואראן דעם געפרוירענעם שנע, כדי צו שטעלען זיך אין אזא פאזע, וואו דער ווינד זאל איהם ווייניגער דערקוטשען.

— אט אזוי... האט ער זיך בערוהיגט און זיך צוריקגעשטעלט אויפ'ן שטעקען.

ווידער מאלען זיך איהם אוים אין מח די היים, ווייב און קינדער, נאר זיי זעהען יעצט שוין גאר אנדערש אוים: די שטוב איז אסך גרעסער געווארען, א גרויסער זייגער הענגט אויף דער וואנד, עס איז ווארעם און ליכטיג, חיה לאה איז אנגעטהון ווי א פריצה, די קינדערלעך זענען אבגעוואשען און געהען אין נייע קאפאטלעך. און חיים ברוך קומט אריין מיט'ן „ליטוואק" אונטער'ן ארעם און זאגט צו זיין ווייב,

— אט דאס איז ער! אז איך האב דיר באלד געזאגט: א ליטוואק, נאר אנ'ארענטליכער מענש, א גוטער יונג, דו האסט געמיינט, ער וויל מיך אבנארען מיט'ן „צעטערע", ביזט דאך א שוטה, א נארישע יודענע. איך האב דיר באלד געזאגט. א גלאז טהע וועט איהר טרינקען ה'... ליטוואק?

ער דערמאנט זיך, אז ער ווייסט נישט דעם נאמען פון דעם „ליטוואק", מיט וועלכען ער נעכטיגט צוזאמען אין קעלער-שטוב און וואס האט איהם אנגערעדט צו נעהמען צוזאמען א לאטעריע-צעטיל, און דאס מאכט איהם אונרוהיג. אין מח דרעהען זיך פערשידענע מעשיות, וואס ער האט זיך אנגעהערט אין דער היים וועגען די ליטוואקעס און ער טאפט אן אין דער קעשענע דאס צעטיל, געפינט איהם און ווערט רוהיג.

היינט איז ער עקסטרא ארייגעגאנגען אין א קאפיינע, געוויזען עטליכע מענשען דעם צעטיל, און אלע האבען איהם געזאגט, אז דאס צעטיל איז א ריכטיגס, אז אין פינף טעג ארום וועט מען ציהען, און אז ער קאן געווינען צעהן טויזענד רובל.

אויף מיין חלק פינף טויזענד... און דער אראבגעלאזטער קאפ פון דעם געבויגענעם, דורכגעפרוירענעם גוף ארבייט שנעל און לעבעדיג, און נישט זעלטען לעגט זיך א שמייכעל אויף די ליפען.

נאר אט האט זיך פלוצלונג פערלאשען די עלעקטרישע לאמפ, די רעשט געסט געהן ארוים פון רעסטאראן, פון דער

אנדערער זייט געהען א קענען צווייַ מערלעך, טאנצענדיג און שמייכלענדיג, און אויף חיים ברוך'ן פאלט ווידער אן די מרה שחורה, דאס בענקעניש נאך דער היים, די דאגה וועגען די זעקס רובל וואס ער האט אויסגעגעבען אויפ'ן צעטיל, און וואס וועלען איהם פעהלען אויף דער הוצאה אהיים אויף פסח... ער מערט בעז אויף זיך, אויפ'ן ליטוואק...

— דא מוז עפּיס זיין — טראכט ער אויפ'ן וועג, געהענדיג א היים — דאס איז נישט גלאט אזוי — און דער געדאנק, אז ער האט זיך אזוי מאוס געלאזט אבנארען, אז ער וועט איבער דעם נישט זיין אין דער היים פסח, ריהרט איהם ביז צו טרעהרען.

— חיה לאה לעב — דיקטירט ער אין מח א בריעף צו זיין ווייב, — איך בין גארנישט שולדיג, איך זאג דיר אויף מיין נאמנות! א ליטוואק האט מיך אנגעקריגען, אז דו ווייסט נישט, וואס א ליטוואק איז, א שטיין קאנען זיי איבעררעדען. איך זאג דיר אויף מיין נאמנות, איך בין גארנישט שולדיג, און זיי מיר מוחל, חיה לאה לעב, און גריס די קינדערליך...

אין קארידאר, וואס פערהאַנינגט א גאנצע שורה קעלער־שטו־בען, איז פינסטער. חיים ברוך דערטאפּט די טהיר, ריהרט אן די קלאמקע נישט זיכער, נאר דאס קעסטיל, וואס הענגט איהם פארענט, און וואס איז איהם יעצט פלוצלונג געווארען אונגעהייער שווער צו טראגען, קלאפּט זיך אן אין דער טהיר, און א ווידער־קול רופט זיך אן פון דער אנדערער זייט קארידאר.

דער ליטוואק עפענט איהם די טהיר, ער געהט אין בלויזען קאפּ, אין די אויבערשטע מלבושים. ער איז נאך נישט געשלאפען:

— „וואש" „עפּיש" אזוי שפּעט? — פרעגט ער.

חיים ברוך ווארפט פון זיך אראב דאס קעסטיל, און פאלט אנידער אויפ'ן בענקיל, דאס מידקייט און די פראסט טרעטען יעצט ערשט צו און נעמען איהם דורך, אין די פיס שטעכט ווי מיט שפּילקעס, ער ציהט אראב פאמעליך די שטיוועל און ברומט עפּיס בעז.

— פאַר „וואָש" ענטפערט איהר נישט? — פרעגט נאָך אַמאָל דער ליטוואַק, זיצענדיג אויפ'ן בעט.

חיים ברוך, וואָס האָט געהאַט בדעה איהם אויסצווזידלען, זאָגען איהם, אַז ער איז אַ ליטוואַק, אַז ער האָט אַ צלם אין קאָפּ און האָט אין זיך נישט קיין יודישקייט, בלייבט אַלץ שטום. די „וש" פון ליטוואַקס ווערטער רוישען איהם אין די אויערן, און איהם דאַכט זיך, אַז אין דעם שוויסטש פון דער „וש" ליעגט בעהאַלטען דער גאַנצער תמצית פון רמאות, איהם דריקט אַם מעהרסטען דאָס וואָס ער קאָן דעם ליטוואַק נישט אויסזאָגען, אַז ער ווייסט, אַז ער האָט איהם אָבגענאַרט.

— „פאַר וואָסוש, פאַר וואָסוש?" — שפעט ער נאָך, אַראָבציהענדיג דעם אַנדערען שטיוועל.

— אָבער זאָגט נאָר, פינף טויזענד קאַרבוינים וועט זיין! אַהאַ! וואָס זאָגט איהר? פינף טויזענד קאַרבוינים! פערשטעהט איהר מיך וואָס איך רעד?

חיים ברוך, וואָס די „פינף טויזענד" האָבען איהם ווידער אָנגעמאַכט אַ געריוש אין מח שמייכעלט און שעלט אין געדאַנק דעם ליטוואַק.

אַנ'אייזערנע גבורה האָט עס: אַ שטיין קאָנען זיי איבערר{ע}דען"!

— פערשטעהט איהר מיך, צו ניין? — רעדט וויטער דער ליטוואַק און שטעלט זיך אויף — דעם צעטיל האָט איהר? אַ נו וויזט אַקאָרשט, אַי זייט איהר אַנ'„איטשע מאיר"! מורא האָט איהר? וואָש?

— ליטוואַק חזיר! — זאָגט חיים ברוך אַביסעל מיט אַ שמייכעל — איך הייס נישט איטשע מאיר, ער נאַרט אויס און לאַכט נאָך.

— שטראָף מיך גאָט! וואָס לאַך איך? איך זאָג אייך, עס וועט גוט זיין, פערשטעהט איהר ווערטער? צעהן טויזענד קאַרבוי-

נים. קנאַקענדיגע, זאָג איך אייך. אַ־האַ־האַ! — ענדיגט ער און רייבט די הענד.

חיים ברוך שמייכעלט, קוקט אויפ'ן ליטוואַקס בלאַס פּנים, אויף די פינקעלדיגע אויגען, און פיהלענדיג עפּיס אַ צוטרויען צו איהם זאָגט ער:

— איהר האָט מיך נישט אויסגענאַרט? זאָגט די וואָהרהייט.

— איי זייט איהר אַ שוטה! אַ גרויל, אַ גרויל! אַז איך גיב פון מיין בייטעלע זעקס קאַרבען און גיב איהם דעם צעטיל, האָט ער נאָך טענות! אַ גרויל, וואָס דאָס איז פאַר מענשען! בהמות איז דאָס, פאַנאַטישע בהמות, פאַנאַטישע און נאַר!

חיים ברוך ווערט אָן דעם מוט, ער בעט זיך אוים אויף דער ערד און לעגט זיך, ער וואַלגערט זיך נאָך לאַנג אויפ'ן געלעגער און קאָן נישט איינשלאָפען. דער ליטוואַק לעשט אוים דאָס לעמפיל און לעגט זיך אויפ'ן בעטיל.

— ווי האָט איהר געזאָגט? פאַנאַטישע? — פרעגט חיים ברוך פון בעט. יעדעס וואָרט פון ליטוואַק, וואָס ער פערשטעהט נישט, בעאונרוהיגט איהם.

— פאַנאַטישע האָב איך געזאָגט, איהר פערשטעהט?

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— דאָס איז, פערשטעהט איהר מיך, ווילדע אַזעלכע אין אַמעריקע, וואָס געהען נאַקיט...

— אַהאַ! — זיפצט חיים ברוך אָב. „המפיל חבלי שנה" הויבט ער אָן צו לעזען און שלאָפט איין, באַלד הייבט ער אָן צו שנאָרכען, דער ליטוואַק בייזערט זיך און ברומט:

פאַנאַטישע! פאַנאַטישע און נאַר! אַ נאָז ווי אַ שופר!

אין פינף טעג אַרום, אין דעם זעלבען טאָג, ווען דער צעטעל האָט געבראָכט צו געווינען די צעהן טויזענד רובל, האָט חיים ברוך אויפגעוואַכט פון שלאָף פריהער ווי אַלע מאָל, און נישט פיהלענדיג קיין שום מידיקייט און פוילהייט, גוי יערען אין

דער פריה, איז ער גלייך אראב פון בעט און גענומען זיך אנטהון, ווי יעדער מענש, וועלכען עס ערווארטעט עפּיס א שארפע ענדערונג אין זיין לעבען, איז ער געווען אויפגערעגט, און גרייט צו טהון. אין דרויסען האט ערשט געטאגט, און אין דעם קעלער, וואס האט געהאט א קליין פענסטער אויפ'ן הויף ארויף, איז נאך אין גאנצען טונקעל געווען. פון בעטיל האט זיך אנגערופען דער ליטוואק:

— א שווארץ יאהר, גארנישט געשלאפען, עס איז שוין טאג, וואס?

און נישט בעקומענדיג קיין ענטפער, האט ער געזאגט:

— היינט, ווייסט איהר, ציהט מען. א-א א טעלעגראם וועט קומען. ס'וועט ארויס; פערשטעהט איהר? וואס וועט איהר טהון מיט די געלד? איי, זאגט א קארשט, צו'ם רבין וועט איהר פאהרען מיט א פדיון? הא? איך וואלט זיי געגעבען! אט!

און מאכענדיג א פייג, האט ער אויסגעשטרעקט די האנד אין דער לופט.

חיים ברוך האט שטארק מורא פאר אפיקורסות, וואס שטעלט זיך איהם פאר ווי עפּיס א גרויס אונגליק, א'נ'אנשטעקענדע קרענק, פאר וועלכער מען מוז זיך היטען. ער ווייסט, אז מען מוז שווייגען, ער ווארפט א קרומען בליק אויפ'ן ליטוואק, וואשט זיך און נעמט לעגען טלית און תפילין.

דער ליטוואק חאפט זיך אויך אויף. זיינע צעשויבערטע האר ווארפען זיך ארום אויפ'ן פנים, ער איז נישט אויסגעשלאפען, געניצט און קווענקעלט זיך, צוגעהענדיג צו'ם קראן זיך וואשען.

אין דער אנדערער שטוב ברענט נאך א לעמפיל, און דער שוסטער, וואס וואהנט דארט קלאפט מיט'ן האמער און פייפט עפּיס א ליעדעל.

— חנה! — האקט ער אב דאס ליעדעל און וועקט דאס ווייב — חנה, שטעה אויף, מאך פייער.

באלד הויבט זיך אויך חנה אויף. א יונג ווייבעל, א בלאסע און א הויכע, וואס ווען זי שטעהט ביי׳ם אויווען און מאכט פייער, דערמאנט זי חיים ברוך׳ן אן חיה לאה.

— א גוט מארגען אייך, באבוניו! — זאגט דער ליטוואק דרייסט אויפהויבענדיג די אויגען פון ראמאן, וואס ער האט גענומען לעזען ביז די טהע וועט פערטיג זיין, און שטוב איז נאך גענוג טונקעל געוועזען, און איהם איז שווער געווען צו לעזען.

— א גוט מארגען, א גוט מארגען אייך, וואס זייט איהר אזוי פריה אויפגעשטאנען? זאגט חנה. זי רייבט א שוועבעלע און קאן נישט אנצינדען.

— א לאזט נאר! — לויפט דער ליטוואק צו און מאכט פייער.

„א טייוועל טראכט חיים ברוך, אבלעגענדיג טלית און תפילין און קוקענדיג אויפ׳ן ליטוואק. ער איז איהם מקנא, וואס ער איז אזוי דרייסט צו יעדען, זאגט חנה׳ן „באבוניו"... ער פיהלט זיך קעגען איהם שוואך, אונבעהאלפען און נישט דרייסט. ער פערשטעהט נישט, ווי אזוי חנה, א פרומע יידענע איז צו איהם אזוי פריינדליך, בשעת זי ווייסט, אז ער איז אנ׳אפיקורס, דאוועגט נישט, און ער, חיים ברוך, איז א פרומער ייד...

„דאס איז אזא קליפה", בלייבט ביי איהם אין געדאנק, און דערמאנענדיג זיך, וואס ס׳ווארט אויף דעם ליטוואק אויף יענער וועלט, פיהלט ער זיך גליקליכער און קליגער פאר איהם, און לעגט אריין די אויגען אין סידור אריין מיט ערנסט און גאוה, ווי איינער זאגט: „אט דא בין איך א תקיף".

עפיס האבען זיי ביי׳ם „אנבייסען" נישט גערערט וועגען דעם צעטיל, גלייך ווי זיי וואלטען זיך געהאט אבגעשמועסט נישט צו רעדען וועגען דעם, און זיי זענען ארויס אויף דער גאס.

ביז פינף דעם זייגער איז דער טאג דורך ווי געוועהנליך, ניכער נאך ווי געוועהנליך, פינף א זייגער האט חיים ברוך שוין נישט געקאנט איינשטעהן אין דער גאס, ער האט זיך געמאכט

אַנ׳אויסרעד, אַז ער וויל אָנטהון נײַע שקאַרפּעטען, און איז אַהיים געגאַנגען, אומגעקוקט זיך אין שטוב, געוואַרט עפּיס, אַז עמיצער זאָל איהם זאָגען, און האָט שוין געוואָלט אַרויסגעהן. די טהיר האָט זיך געעפֿענט, און דער ליטוואַק איז אַרײַנגעקומען:

— וואָס טהוט איהר דאָ, ר׳ חיים ברוך? האָט ער געפֿרעגט פֿרעהליך און דרײַסט.

— וואָס טהוט איהר דאָ? — האָט חיים ברוך איבערגעפֿרעגט.

— אַזוי, איך בין זיך געקומען, פֿערשטעהט איהר...

— ע — האָט חיים ברוך זיך געקרימט — נײַע שקאַרפּעטקעס...

און פֿון צעטיל האָט מען דערווײַל נישט גערעדט.

דאָס ציהען האָט געדויערט מעהר ווי צוואַנציג טעג, עס איז געוואָרען נעהנטער צו פּסח. און מיט יעדען טאָג איז בײַ חיים ברוך קלענער געוואָרען די אמונה אינ׳ם געווינס, און גרעסער איז געוואָרען די שנאה צו׳ם ליטוואַק.

„אַזאַ עובר, אַזאַ פּושע ישראל!” פֿלעגט ער איהם שעלטען אין געדאַנק, נאָר גערעדט האָט ער נישט. דער ליטוואַק האָט אויך אויסגעזעהן צו זײַן פֿערטראַכט און טרויעריג. יעדער פֿון זיי האָט געוואָלט שפּעטער אַהיים קומען, כּדי צו טרעפֿען שוין דעם אַנדערען, אפשר וועט ער איהם אַקעגען לויפֿען מיט אַ שמחה, מיט אַ מז״ט און אין דער היים זײַענדיג, האָט מען וועגען צעטעל פֿער־שוויגען.

חיים ברוך איז געוואָרען בלאַסער אויפ׳ן פּנים, און אײַנגע־הויקערט איז ער עפּיס געגאַנגען. ער האָט אַהיים געשריבען, אַז ער קאָן נישט קומען. ער האָט געוואָלט אויסגיסען זײַן האַרץ פֿאַר חיה לאה׳ן אויפ׳ן ליטוואַק, אַז ער האָט איהם אויסגענאַרט, נאָר עפּיס איז איהם שווער אָנגעקומען צו שרײַבען וועגען דעם, און די שנאה צום ליטוואַק איז איהם געבליבען אין האַרץ און האָט גענאָגט.

אין דעם לעצטען טאָג פֿון ציהען איז חיים ברוך אַהיים גע־

קומען פריהער, ער האט שוין געטראכטען ליעגען דעם ליטוואק אויסגעצויגען אויפ'ן בעטיל, און האט זיך אויף איהם אנגעווארפען און גענומען זידלען:

— ליטוואק חזיר! איך האב דען נישט באלד געוויסט?! געזוינען האט ער מיר געוואלט איינרעדען! זעקס רובל פאר זיין טרפה'נער קעשענע האט ער מיר געברויכט אויסצונארען! „גיט אב זאג איך אייך! איך האב נישט אויף דער הוצאה א היים! איהר הערט?!”

— א וואש שרייט איהר, ר' חיים ברוך? וואש טויג דאש שרייען? זעצט אייך בעסער, וועלען מיר שמועסען... האט ער געענטפערט שטיל.

— גיט אב די זעקס רובל, זאג איך אייך! — נאר ביי חיים ברוך'ן איז נישט ארוים דער שטרענגער טאן, וואס ער האט געוואלט, כדי איבערצושרעקען דעם ליטוואק. אינערליך האט ער געפיהלט, אז דער ליטוואק האט, ווי ער, פערשפילט זעקס רובל, און ער האט בעשולדיגט נאר דערמיט, וואס ער איז א פרייער פויגעל, האט קיין ווייב און קינדער נישט, און זוכט צו פטר'ען פרעמד געלד צוזאמען מיט זיין אייגענם.

— א פרייער פויגעל! האט ער געשריגען — וואס שאדט דאס איהם, דעם אפיקורס, אז איך וועל נישט זיין אין דער היים פסח?! האט ער ארויסגעווארפען געלד! וואס שאדט דאס איהם? ווייב און קינדער האט ער?! א מכה האט ער, א קדחת, א...

דער ליטוואק האט איהם נישט איבערגעהאקט, ער האט אין מיטען נאר אריינגעווארפען א פראזע: „בייזערט אייך נישט, ר' חיים ברוך”. חיים ברוך איז אם ענדע שטיל געווארען און האט זיך געלעגט, נאר געשלאפען איז ער ביינאכט נישט; ביים טאג האט ער זיך ארומגעדרעהט ווי א שאטען. דאס בענגעניש האט גענאגט ביים הארץ; איהם האט זיך געוואלט צום ווייב, צו די קינדער, וואס ער האט עטליכע חדשים נישט געזעהן, און שטעהענדיג מיט

די פּאַפּיראָסען אויף דער גאַס, האָט ער אַ סך מאָל דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט און געווישט די פייכטע אויגען.

און אָט איז געקומען פּסח. געגעסען האָט חיים ברוך אין עפּיס אַנ'אָרימער רעסטאָראַציע, וואו מיט איהם האָבען געגעסען אַ סך יונגע לייט, „אָרימע דייטשען", טהייל מיט געגאָלטע בערד, טהייל אָהן די היטלען. איהם איז געווען אומעטיג און טרויריג. ער האָט מורא געהאַט, אַז ער זאָל אין מיטען דער הגדה נישט וויינען. עפּיס איז דער גאַנצער סדר דורכגעגאַנגען וואָלקענדיג, געדויערט אין גאַנצען אַ שעה, ער האָט פאַר עגמת נפש נישט געקאָנט עסען, און מיט אַ שטומען וועהטאָג האָט ער זיך געשלעפּט אַהיים. ער האָט געפיהלט, אַז ער ברויך צו עמיצען אויסלאָזען זיין ביטער האַרץ, און ער האָט זיך צוגעגרייט אַנצופאַלען אויפ'ן ליטוואַק און איהם אויסזידלען. אין מח ביי איהם זענען שוין געוועזען גרייט אַ סך שילט ווערטער, זידלערייען, וואָס ער האָט נאָר געדענקט.

נאָר אַריינקומענדיג אין צימער, איז ער געבליבען שטעהן פערוואונדערט: דער ליטוואַק איז געלעגען אויפ'ן בעט, די אויגען זיינע זענען געווען פייכט, דאָס פּנים פערווייגט. ער האָט זיך פערשעמט און איינגעשטעקט דאָס פּנים אין קישען.

— וואָס איז אייך? — האָט חיים ברוך געפרעגט ווייך.

— עט, גאָרנישט — האָט דער ליטוואַק געענטפערט און געוואָלט זיך בערוהיגען — אַזוי... עס בענגט זיך, פערשטעהט איהר, אַהיים, צו ווייב און קינדער... עט, גאָרנישט...

— איהר האָט אַ ווייב און קינדער? — האָט זיך חיים ברוך פערוואונדערט.

דער ליטוואַק האָט זיך, קענטיג, געפונען בעליידיגט מיט דער פראַגע, ער האָט אויך געברויכט זיך צו בייזערען, עמיצען אויסזידלען און האָט געענטפערט בייז:

— וואָס דען מיינט איהר, איטשע מאיר?

– בייזוערט אייך נישט, בייזוערט אייך נישט... האט איהם חיים ברוך איבערגעבעטען און האט זיך אין גאנצען געשאקערט.

זיי זענען געווארען שטיל, און האבען זיך שטום איינגע־הארכט אין די פערשיעדענע נגונים פון אלע קעלער־שטיבען. אין דער אנדערער שטוב האט מען געהאלטען ביי „שפוך חמתך“, ביי וועלכען דער שוסטער האט זיך אזוי צעגאסען, אז ביידע: חיים ברוך און דער ליטוואק, האבען זיך שיעור נישט צעוויינט הויך אויפ'ן קול. דאס ליכטעל האט אנגעהויבען צו צאנקען און איז אויסגעגאנגען. דורכ'ן פענסטער האט אריינגעשלאגען א בלויע ליכט. דער ליטוואק איז געלעגען אויפ'ן בעטיל. איהם האט זיך געוואלט אבזיפצען, וויינען, אז ער איז געבליבען אליין. ער האט אין דער מינוט גאר ווי פערגעסען זיין לאגע און האט געטראכט וועגען דעם ליטוואק, וועגען דער ליטוואטשקע מיט די קליינע ליטוואקלעך, וואס געפינען זיך יעצט ערגיץ אין א פערווארפען געגענד אין ליטא, און איהם איז א גרויס רחמנות אנגעגאנגען אויף זיי.

צוריקקומענדיג האט זיך דער ליטוואק אנגערופען צו חיים ברוך'ן מיט א קול, אין וועלכען עס איז שוין ניט געווען צו דער־קענען די פריהעריגע ערענד.

– וואס פאר א שענער מאנד אין דרויסען איז!

נאר דערמאנענדיג זיך, אז חיים ברוך איז א פאנאטישער, אז ער פערשטעהט אודאי נישט דאס ווארט „מאנד“, און מיטפיהלענ־דיג איהם אין זיין ערענד, האט ער צוגעגעבען:

– די לבנה דרעהט זיך ארום און ארומעט...

– יא, אודאי... האט חיים ברוך צוגעברומט פון זיין געלע־גער.

– אט אזוי, האט גערעדט דער ליטוואק, דרעהענדיג זיך איבער'ן צימער – אז די געלד איז נישט דא, איז ביטער, זאג איך אייך... זיי יא פרום, זיי נישט פרום – אלץ איינס זאג איך אייך, איהר מיינט, איך בין נישט פרום געווען? מיין ווייבע איז געווען א

רב, אויך געשטאָרבען פאַר הונגער! אַלין איינס, זאָג איך אייך...

נאָר היים ברוך דערהערענדיג, אַז ער האָלט ביי אַפּיקורסות האָט איהם איבערגעהאַקט און געזאָגט:

— נו, נו... מאָרגען, מאָרגען... און האָט זיך אויסגעדרעהט צו דער וואַנד.

אֵלִיִּין.

אין דער ענגער קעלער-שטוב ציטערט א שוואכע ליכט, וואס צעטראגט זיך פון דעם האלב צעבראכענעם טישעל עפעס ווי מוטה-לאז, ווי שעמענדיג זיך. דאס קליינע לעמפיל רייכערט; דאס גע-פלאצטע געלעכערטע גלעזעל איז פערקלעבט מיט וויים פאפיער, פון וועלכען עס צעלעגט זיך איבער דעם שטיבעל א שווארצער שא-טען, וואס בעדעקט א טייל פאדלאגע און חאפט זיך אויך ביז אין דער מיט פון דער וואנד ארויף.

ביי דעם טישעל שטעהט איינגעבויגען אנ'אלטער דערשלאגע-נער ייד און לאטעט א שלאפראק. ער דרעהט איהם פון איין זייט אויף דער אנדערער, רוקט איהם איבער דעם טיש אהין און אהער, און זיינע אלטע, פערגאסענע אויגען בעוועגען זיך נאך זיינע הענד נאך.

טיילמאל בלייבט ער שטעהן, אנהאלטענדיג מיט ביידע הענד דעם שלאפראק, וואס וויל זיך אראבגליטשען אויף דער ערד, ער דריקט איהם פעסט צו'ם טיש, און שטעהט אזוי א וויילע.

האט ער זיך פערטראכט?

זיין בליק בלאנדזשעט א ווייליע איבער די לעדיגע פיער וועגד, שלאגט זיך אב אויף א סעקונדע אין זיין געל-אבגעשיילטעם בעט, רוקט זיך איבער אויף דעם אנדער בעט, און דא ווערט דער בלאנ-דזשענדער בליק אבגעהאלטען, ווי מיט א מאגנעט צוגעצויגען. די אויגען ווערען לענגער און ברייטער, און עפעס א מעכטיגעס, נאר בעהאלטענעס געפיהל, דאכט זיך, האט אין די אלטע אויגען אויפ-געבליצט; א פונק כעס, דאכט זיך, האט א בלישטש געטהון פון אונטער די לאנגע ברעמען.

וויל דער אלטער זיפצען און קאן נישט?

ער געהט אב איניגע טריט פון טישעל, שלעפענדיג די פיס און קלאפענדיג מיט די געשמידטע שטיוועל אויף דער פאדלאגע, ער בלייבט פלוצלונג שטעהן אין מיטען שטוב, ווי ער וואלט זיך וועלען דערמאנען, וואס ער זוכט, צו וואס ער איז פון טיש אוועקגעגאנגען; ער נעהט באלד צוריק, נעמט זיך ווידער רוקען דעם שלאפראק איבער דעם טיש אהין און אהער, ווי דער שלאפראק זאל איהם פערוויילען אין זיין איינזאמקייט.

ער נעמט ארוים די נאדעל פון אונטער דער קלאפע, רוקט אוים דאס שופלעדעל, וויקעלט אב א שווארצען פאדעם, רייסט איהם איבער און פרובט איהם אריינציהען, נאר די צוויי דארע הענד ציטערען איינע אקעגען דער אנדערער, און דער פאדעם האט זיך ווי איינגעשפארט נאר אין א זייט צו געהן -- ער וויל אויף קיין פאל נישט דורך.

ער פרובט דאס פלעמיל פון דעם לעמפיל ארויפצוציהען, דאס לעמפיל האט אנגעהויבען שפרינגען ארויף און אראב, און איבערגעגעבען די בעוועגונג דעם שאטען, וואס האט גענומען ווילד טאנצען איבער דעם שטיבעל, דא ארויפגעחאפט זיך אזש ביז צו'ם באלקען, דא זיך אראבגעלאזט ביז צו דער פאדלאגע.

ער האט מיט ציטערדיגע הענד אויפגעהויבען דאס לעמפער, בעטראכט א סעקונדע. דאס לעמפיל איז פוסט, עס געהט אוים,

— „הם" — האט זיך דורכגעדרענגט דורך זיינע בלאהע ליפען אנ'אונבעשטימט קול, ווי ער וואלט איבערקלערען זיין צושטאנד, און ער האט דאס לעמפיל צוריקגעשטעלט אויף דעם טיש.

„וואס טהוט מען?" האט זיך איהם פלוצלונג א פראגע אויסגעפארמירט אין מח.

„וואס טהוט מען?" האט ער זיך שוין געפרעגט מיט זיינע ליפען, בעטראכטענדיג דאס צאפלענדיגע פלעמעל; די ציטערדיגע ליכט האט געבלענדעט זיינע אויגען, און זיינע ברעמען האבען זיך בעוועגט נאך יעדען שפרונג פון דעם פלעמעל.

זײַן בלאַנגרױשענדער בליק האָט זיך װידער אָנגעשלאָגען אין זײַן בעט.

זאָל ער זיך שלאָפֿען לײגען? ס'איז שױן לאַנג צײַט, עס דאַכט זיך, אַ שטיק נאָך האַלבער נאַכט. נאָר אַ שױדער ציהט דורך דעם אַלטענס גליעדער בײַ דעם געדאַנק פֿון לײגען זיך.

דרײַ נעכט נאָך אײנאַנדער װאַלגערט ער זיך אין זײַן בעט אַרום און קאָן קײן אױג נישט צו מאַכען. אױ, װי שרעקליך איז די לאַנגע, לאַנגע נאַכט פֿאַר דעם עלענדען, אײנזאַמען אַלטען אין זײַן בעט! זי ציהט זיך און ציהט זיך גאָר אָהן אױפֿהער; אומזיסט דרעהט ער זיך פֿון אײן זײַט אױף דער אַנדערער, אומזיסט קװעטשט ער מיט געװאַלד די אױגען, — עס שלאָפֿט זיך נישט, חאָטש די אױגען ברעכען פֿאַר שלאָף.

דרײַ נעכט, דרײַ פֿינסטערע אומענדליכע נעכט האָט ער שױן דורכגעלעבט, צײַט דאָס אומגליק האָט איהם געטראָפֿען, צײַט זײַן אײנציגע טאָכטער איז אַװעק! אַװעק, גאָט װײס, װאו אַהין, אין די װײַטע, װײַטע לענדער... און מיט װעמען?! צו װאָס?!... נײן, דער אַלטער מח קאָן דאָס אַלץ נישט דורכקלערען, ער װײס נאָר, אַז ער איז געבליבען אַלײן, אײנער אַלײן אױף דער װעלט; ער שפּירט נאָר, װי אַ שװערע לאַסט בײגט איהם מיט געװאַלד דאָס געזיכט מיט די אױגען צו דער ערד...

שטומפּיג, נאָר אונגעהױער איז דער װעהטאָג, װאָס קלעמט זײַן האַרץ די דרײַ טעג. נאָר די לעצטע נאַכט איז שרעקליכער, פֿינסטערער און אומענדליכער געװען װי די פֿריהערדיגע. ער איז עטליכע מאָל פֿון בעט אױפֿגעשטאַנען, געשלעפּט די פֿיס איבער די שטוב, מיעד געװאָרען און צוריק אין בעט אַרײַן, ביז — ביז גאָט האָט זיך דערבאַרעמט און אַ דינע מאָרגענשײַן האָט דורכגעשלאָגען דורך די שמוציגע שױבען, און ער האָט זיך אָנגעטהון און אַרױס „אױף דער גאַס"...

שרעקליך איז דער געדאַנק װעגען לײגען זיך אױפֿ'ן בעט.

אָט, האָט ער זיך אויסגעזוכט אַנ׳אַרבייט ביי דעם שלאָפראָק, וואָס אַנ׳אַנדער מאָל וואָלט ער איהם אין האַנד אַריין נישט גענומען, דאָס איז אַנ׳אייגען אַלט מלבוש, וואָס אויף דער וואָלעווער *) וועט ער קיין גראָשען פאַר איהם נישט קריגען... נאָר דער קעראָסין, דער קעראָסין געהט איהם אויס, און ער... „אוי וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען?!" — האָט ער ווילד געוואָרטשעט, און געדריקט נערוועז דעם שלאָפראָק מיט די הענד.

פאַר 15 יאָהרען האָט איהם אויך אַנ׳אומגליק געטראָפען: זיין ווייב איז איהם געשטאָרבען, נאָכדעם ווי זי האָט די מאַשין מיט דעם איבריגען „ביסעל בעטעל" פערקרענקט, און ער איז פון אַ שניידער אַ לאַטוטניק געוואָרען... נאָר דאַמאָלס איז ער נישט אַליין געבליבען; זיין ווייב האָט איהם אַ יתומה איבערגעלאָזט, איין אויסגעבעטען קינד... און זי, זיין שרה׳לע איז אַ לייטיש מעדעל געווען, זי האָט אין אַ טאַנדעט ווארשטאַט אויף דער וואָלעוו נאָס מאַנדעטערייַ געלערנט, און אין אַ פּאָר יאָהר נאָך דער מוטע טוידט אָנגעהויבען פערדינען 2, דערנאָך 3 און אויך 4 רובעל אַ וואָך. אמת, די אַרבייט איז נישט זעהר לייכט געווען, זי האָט געאַרבייט פער שטיק, 3 קאָפּ. פאַר אַ פּאָר הויזען געקריגען, און געמאַכט 20 פאָר טאַנדעט טעגליך! דאָך האָט די קליינע פאַמיליע געלעבט קבּצניש־גליקליך... שרה׳לע איז געווען אַ לעבעדיג פרעה־ליך מיידעל, און דער אַלטער האָט נישט זעלטען נחת געקליבען ביי דער נאַכט, ווען שרה׳לע האָט וועטשערע געקאָכט און דערביי אַ פרעהליך, לוסטיג ליעדעל געזונגען, אָדער שבת נאָכ׳ן עסען, ווען צו שרה׳לע זענען געסט געקומען, און מען האָט געטאַנצט. דער אַלטער האָט זיך נישט געקאָנט זאַט קוקען פון בעט אַרויס ווי זיין שרה׳לע טאַנצט, — זי האָט אַלע קאָמאַנדירט, ער האָט צו־געשמייכעלט פון בעט, און איהם האָט זיך נישט זעלטען געדאַכט,

*) דער וואַרשעווער אַלטוואַרג־מאַרק.

אַז ער איז גליקליך... אמת ער פֿלעגט זיך אויך אָפֿט פֿאָרוואַרפֿען אַז ער עסט אויף זײַן טאָלטער׳ס נדן... נאָר אין גאַנצען גליקליך קאָן דאָך קײן מענש נישט זײַן... און דאָ פֿלוצלונג אַזאַ אונגערעלט אומגליק.

פֿון דער וואַרשטאַט אויף דער וואָלעוועד גאַס זענען דרײַ מעדלעך אַוועק... מען האָט געזאָגט, אַז מען האָט זײ אַוועקגעפֿיהרט... אײן רײַכערער פֿאָטער פֿון די מעדלעך איז טאַקי נאָכגעפֿאָהרען און זײַן טאָכטער פֿון דער גרעניץ צוריקגעבראַכט, און שרה׳לע האָט דורך איהר צו׳ם פֿאָטער בעפֿוילען, אַז „ער זאָל נישט זאָרגען, אַז איהר וועט גוט זײַן”...

דרײַ טעג און דרײַ נעכט געהט ער אַרום דערשלאָגען און מורמעלט פֿאַר זיך: „נישט זאָרגען! נישט זאָרגען” ער קאָן זיך אויף קײן פֿאַל נישט דערמאָנען די ריכטיגע בעדײַטונג פֿון דעם וואָרט. „זאָרגען... איך זאָל נישט זאָרגען?” ער חזר׳ט עס איבער אַזוי הונדערט מאָל, רײַבט דערבײַ פֿעסט דעם שטערען, און קאָן אַלץ קײן גרונד אין דעם וואָרט נישט געפֿינען.

שוואַך און שטומפּיג איז דעם אַלטענס קאָפּ אום פֿאָרצושטעלען זיך זײַן לעבען ווײַטער אָהן איהר — עפּעס דאַכט זיך איהם, אַז פֿאַר איהם ליגט אַ פֿינסטערער טיעפֿער אָבגרונד, און ער מיט זײַנע שוואַכע מידע פֿיס שלעפּט זיך אַהין... שפּירט נאָר אַז מיט איהר איז פֿון איהם אַ האַלבע נשמה אַוועק. אַז ער איז האַלב טוידט געבליבען. . . . .

. . . .

דאָס לעמפּיל האָט אָנגעהויבען מעהר צו שפּרינגען, און די ציטעריגע ליכט האָט געשטאָלען דעם אַלטענ׳ס אונאויסגעשלאָפֿענע אויגען, ער האָט זיך אומגעקעהרט מיט׳ן געזיכט פֿון טיש און איז ווילד דערשראָקען געבליבען: דער טאַנצענדער שאָטען האָט איהם גאָר צעמישט, איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער ברויך צו וויסען, וואָס דאָס איז אַזוינס, נאָר ער קאָן זיך נישט דערמאַנען... און

פלוצלונג האָט ער זיך געכאַפּט צו דער טהיר, ער האָט געװאָלט אַנטלױפען, דערבײַ אָבער איז זײַן בליק אונגערן געפאַלען אױף דעם פערקלעקבטען גלעזעל און ער האָט אָבגעלאָזט די האַנד פון דער קליאַמקע.

ער האָט זיך געזעצט אױף'ן בענקעל בײַ דעם טישעל, אָנגע= רעהנט דעם קאָפּ אױף אײן האַנד, און ער האָט זיך טיעף פער= טראַכט, קוקענדיג אױף דעם ציטערינגען פלעמיל.

עס האָט אָנגעהױבען קלענער צו װערען, האָטש די שפּרינ= גען, האָט זיך געדאַכט, זענען געװען נאָך ענערגישער, נאָך האַס= טיגער װי פריהער; ער האָט געזעהן, װי דאָס פלעמעל צאַפּעלט זיך, ער רײַסט זיך, עס װיל װײַטער לײַכטען... „הם" — האָט ער געמורמעלט, — „עס האָט קעראָסין געפעהלט" און דערבײַ האָבען בײַ איהם אין מח אַרומגעשװעבט האַלבע געדאַנקען: װאָס װיל דאָס פלעמעל? װאָס רײַסט עס זיך?

ער האָט די אױגען פערמאַכט און אײַנגעהאָרכט זיך צו דעם צאַפּלען, איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער שפּירט עפּעס אַ פער= גניגען דערבײַ... ענדליך האָט ער שױן גאָרניט געהערט און ער האָט די אױגען געעפענט: אַרום איז געװען שטאָק=פינסטער; אױף דער קנױט נאָר איז נאָך געבליבען אַ רױטער רײַף, און אַ גלײַכער רױך האָט זיך אַרױסגעצױגען דורך דעם גלעזעל...

„פערלאָשען" — האָט ער װי פון חלום אַרױסגערעדט.

און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז עמיץ רױמט איהם אײַן אין אױער: „אומזיסט געצאַפּעלט, אומזיסט זיך געמאַטערט!"...

דָאס גְלִיק.

דָאס גְלִיק.

(אַ מעשה).

אין אונבעגרענצטען וועלטאַל, אין אונגעהייערען קאָסמאָס איז געפלויגען אַ מלאך.

שוין לאַנגע יאָהרען האָט ער זיינע פליגעל נישט צוזאַמען גענומען; שוין לאַנגע, לאַנגע יאָהרען פליהט ער און פליהט אָהן אויפהער.

וואָס אַ זון, וואו אַ שטערען, וואו אַ פערבראָנזשעטער קאָמעט שטעלט ער זיך אָב און פרעגט: „זאָגט מיר, זייט מוחל, ווייסט איהר ניט, וואו די ערד געפינט זיך?" און קוים דערהערט ער דעם ענטפער „ניין", פליהט ער באַלד ווייטער.

אַ שאָד אַ מינוט, איין איבעריגע סעקונדע!

שוין פאַר גאָר־גאָר לאַנגע יאָהרען האָט דער מלאך געהערט וועגען דער נויט פון די אומגליקליכע מענשען אויף דער ערד, וועגען דעם ווי שווער און ביטער עס לעבט זיך זיי — און זיין מלאכ'יש האַרץ איז פול געוואָרען מיט רחמנות. דעמאָלט איז ער אַנידערגעפאַלען מיט אַ געוויין פאַר'ן כסא־הכבוד און געבעטען פאַר די מענשען דאָס גליק, און גאָט האָט זיין תפלה אָנגענומען, און באַלד האָט ער איהם דאָס גליק איבערגעגעבען צו ברענגען עס צו די אומגליקליכע מענשען אויף דער ערד.

פון דעמאָלט אָן איז ער אַראָב פון זיבעטען הימעל און בלאָנזשעט צווישען זונען, שטערען און קאָמעטען און זוכט זי — די ערד.

אין זיין רעכטער האַנד האַלט ער דאָס גליק, לייכט בעווע־

גען זיך זײַנע ווײַסע פֿליגעל אין דעם דינען עפּיר. טויזענדער יאָהרען זענען שוין איבערגעגאַנגען, מיליאָנען סיסטעמען איז ער שוין דורכגעפֿלויגען, — קײנער ווײס ניט, וואו די ערד מיט איהרע אונגליקליכע מענשען געפֿינען זיך!

צײַטענווײַז קאַפּעט פֿון דעם מלאך׳ס אויג אַ טרעהר, אַ, ווער ווײסט, צי זײַנע ליכטיגע פֿליגעל טראָגען איהם נישט אוועק פֿון דער ערד:?

און דאָך — אַ מלאך!

נישט אויף זײַן לאַנג פֿערוואָגלען זיין, נישט אויף זײַנע לאַנגע מיה אָהן נוצען, קאַפּעט זײַן טרעהר, נאָר אויף די אָרימע מענשען, וואָס דאָרשטען און שטרעבען צו דעם גליק, וואָס ער, דער מלאך, טראָגט אין זײַן רעכטער האַנד.

— זאָגט מיר, זײַט מוחל, ווײסט איהר ניט, וואו די ערד מיט איהרע אונגליקליכע מענשען געפֿינען זיך?

— נײן.

און פֿליהט באַלד ווײַטער, בעגײַסטערט מיט זײַן אידעאַל.

די וועלט דערווײַל ווערט אַלט און נײַ, עס וועקסלען זיך מענשען, אידעאַלען און רעליגיאָנען — און דאָס אונגליק הערשט אין איהר איבעראַל!

— וואו נעמט מען דאָס גליק?! זיפֿצען די אונגליקליכע מענשען. —

אַ מאָל האָט אַן׳אַלטער שטערען־זעהער, אַן׳אַסטראָנאָם, נאָכגעקוקט אַ פֿערבלאָנזשעטען קאָמעט; אַ לאַנגע צײַט האָט ער זײַן אויג נישט אוועקגענומען פֿון שפּאַקטיוו, וועלכען ער האָט נאָכגעקערעוועט, וואו אַהין נאָר דער קאָמעט האָט זיך געווענדעט; אַפֿילו בײַ׳ם עסען אָדער שלאָפֿען, האָט ער זײַן השגחה נישט אָבגעטהון פֿון איהם; דעמאָלס האָט ער זײַן יונגען זוהן אויף זײַן אָרט געשטעלט, און קוים נאָר געענדיגט עסען — ווײַטער זיך צוריק אַלײן גענומען קוקען דורך דעם שפּאַקטיוו.

דעם קאַמעט האָט עס זעהר פערדראָסען: „וואָס וויל דאָרט דער אַלטער מכשף פון מיר?! וואָס ס'טײַטש, אַ גנב בין איך, אַז מען זאָל פון מיר קײן אויג נישט אראָבלאָזען? דער אַסטראָנאָם אָבער האָט דאָס זײַניגע געטהון. דער קאָמעט איז נאָך מעהר בעז געוואָרען.

פלוצלונג פליהט צו צו איהם דער מלאך און פרעגט מיט זײַן טרויעריג זאַנפטיגער שטימע:

— זאָגט מיר, זײַט מוחל, רבי קאָמעט, ווײסט איהר נישט, וואו די ערד מיט איהרע אונגליקליכע מענשען געפינען זיך?

— אויף דער ערד מענשען? ענטפערט דער קאָמעט בעז — דאָרט זענען פאַרהאַנען נאָר אַלטע מכשפים און יונגע רוצחים.

— אָך, די אָרימע מענשען! — האָט דער מלאך געזיפצט, — אַלס, נעביך, פאַר גרויס אומגליק! נײן, רבי קאָמעט. בײַזערן זיך טאָר מען נישט, פײַנד האָבען איז אַן עבירה...

און דאָס גליק אין זײַן רעכטער האַנד האָט געגלאַנצט און גע־בלישטשעט, אַז אפילו דעם קאָמעט, קוקענדיג דערויף, איז ליב־טיג געוואָרען אין די אויגען, און לײַכטער אויף דער טריבער מיזאַנטראָפּישער נשמה.

וואו איז די ערד?

דער קאָמעט האָט איהם אָנגעוויזען מיט אַ לאַנגען דיקען שטראַהל, אויף דעם אָרט, וואו די ערד געפינט זיך.

— אַח, ווי ווײַט פון הימעל די ערד האָט פערבלאָנזשעט! האָט שטילערהײד געזיפצט דער מלאך — און אַלס פאַר גרויס אונ־גליק!

און ער האָט זיך באַלד געלאָזט אין וועג אַרײַן.

אויף דער ערד דערווײַל האָט דער אַסטראָנאָם בעמערקט דעם מלאך, און געזעהן דורכ'ן שפּאַקטיוו אַ גלענצענדע זאַך אין זײַן רעכטער האַנד, און אַזוי ווי אַ נביא האָט שוין לאַנג נביאות געזאָגט, אַז עס פליהט אַ מלאך מיט גליק, האָט זיך דער שטערנ־

זעהער באַלד משער געווען, אַז דאָס טראָגט יעצט דער מלאך דאָס גליק פאַר די מענשען. און באַלד האָבען די צייטונגען צעטראָגען דאָס נייעס אויף דער גאַנצער וועלט.

— עס פליהט אַ מלאך מיט גליק, — האָט מען געשמועסט, וואו נאָר עס געפינען זיך מענשליכע מיילער.

אַלע שטערען־זעהער האָבען אָנגעשטעלט זייערע שפאַקטיפען און געזעהן בעשיינפערליך, ווי דער מלאך קומט אַלץ נעהנטער און נעהנטער צו דער ערד.

זיי האָבען גענומען רעכענען און אויס גערעכענט, אַז אין דעם און דעם טאָג, אין דער און דער שעה, די און די מינוט, אויף דעם און דעם גראַדוס וועט דער מלאך אַראָבקומען צו דער ערד.

אַז עס איז אָנגעקומען דער בעשטימטער טאָג, זענען זיך צוזאַמענגעקומען מענשען פון אַלע לענדער אויף דעם בעשטימטען אָרט.

עס האָט אָנגעהויבען ווערען ענג. מען האָט אָנגעהויבען איינער דעם אַנדערען דריקען, קריגען זיך, טהיילען פעטש... עס איז געקומען דערצו, אַז מען האָט גענומען זיך הרג'נען איינער מיט'ן אַנדערן אויף טוידט מיט מעסער...

טייכען מענשען־בלוט האָבען געפליסט אויף דעם אָרט אין דאָס יאָמערן און קרעכצען פון די גוססים איז אויפגעגאַנגען ביז צו'ם הימעל.

דער מלאך האָט דערזעהן פון ווייטען ווי די מענשען דריקען און פרעסען איינער דעם אַנדערען, און פון דער הויך האָט ער גענומען שרייען מיט די לעצטע כחות:

שלאָגט אייך נישט! איך האָב גליק פאַר אַלע, פאַר אַלע.

נאָר זיי האָבען נישט געהערט.

אַז דער מלאך איז געקומען נעהנטער צו דער ערד, אַז זיינע ליכטיגע אויגען האָבען דערזעהן די דערשטאַכענע גוססים און דאָס

מענשען=בלוט, און אַז זיינע אויערען האָבען דערהערט דאָס יאָ=מערן און יאָלצען — האָט געקאָפּעט אַ טרעהר פון זיינע ליכטיגע אויגען און איז געפאַלען אויף דעם גליק.

פון דעמאָלט אָן איז דאָס ליכטיגע גליק בעפלעקט געוואָרען.

מען דערצעהלט, אַז דער מלאך; וואָס איז מיעד און מאַט געוועזען פון זיין לאַנגער נסיעה און פון דעם, וואָס זיינע אויגען האָבען געזעהן אויף דער ערד — איז פערחלשט געוואָרען און דאָס גליק איז אַרויסגעפאַלען פון זיין רעכטער האַנד.

די געטליכע בלום.

פארהאן א בלום, א געטליכע בלום. גלויבט דאס!

אויף מזרח זייט פון גרויסען ים, וויט, זייער וויט פון דער יבשה און פון אלעם, וואס לעבט אויף דער יבשה — קוקט ארויס פון וואסער אנ'אלטער, הארטער, גרויער שטיין, אליין שטעהט ער און רוהיג איז ארום איהם און שטיל, אזוי רוהיג און שטיל, ווי די וועלט עהדער זי איז בעשאפען געווארען.

הוליעט דער שטורם־ווינד איבער'ן ים, און די חוואליעס רוישען און שוימען — בלייבט דער פעלז־שטיין אלץ רוהיג. עס שלאגט נישט קיין חוואליע, עס ריהרט זיך דאס וואסער נישט פון ארט דריי מייל ווייט פון דעם פעלז אויף יעדער זייט.

דארט, אויפ'ן שפיץ פון דעם אלטען, הארטען, גרויען פעלז האט גאט איינגעפלאנצט זיין בלום, די געטליכע בלום, אין דעם זעלבען טאג, ווען דער מענש איז בעגאנגען די ערשטע זינד אויף דער וועלט און איז פערטריבען געווארען פון גן־עדן.

דעמאלט, ווען גאט האט דעם מענש געמאכט פאר דעם האר איבער דער גאנצער וועלט און איבער אלע לעבעדיגע בעשעפענישען און איבער אלע בוימער און גראזען, און האט איהם געהייסען, ער זאל יעדען בעזונדער געבען א נאמען — דעמאלט האט דער מענש געזינדיגט קעגען דער בלום, קעגען דער געטליכער בלום.

אזוי האט אדם הראשון געזאגט ווען ער האט בעטראכט די בלום:

— וואס פאר א נאמען זאל איך דיר געבען, דו טויגסט דאך צו גארנישט, און קיין שום נוצען קאן מען דאך פון דיר נישט האבען.

און ער האָט געטראַכט און געטראַכט און איז מיעד געוואָ=וואָרען צוטראַכטען אַ נאָמען פאַר איהר, און ער האָט זיך צערבע=זערט אויף דער קליינער ברום, וואָס טויג צו גאָרנישט און וואָס מען קאָן פאַר איהר קיין נאָמען נישט געפינען. און געזאָגט מיט כעס: „דו ביזט גאָרנִיט!"

אזוי האָט אָדם הראשון געלייקענט און געזינדיגט.

פון דעמאָלט אָן וואַקסט די ברום אויפ'ן שיפּין שטיין. אַנ'=עבּינער טהוי דערפרישט איהרע בלעטער, און זי געניסט פון אַנ'=עבּינען פריהלינג.

ווי זעהט אויס די ברום, און וואָס פאַר אַ געשטאַלט האָט ?'. — ווער ווייס דאָס, ווער קאָן דאָס בעשרייבען!

יעדע נְשָׁמָה בענגט צו איהר, יעדעס האַרץ לעכצט נאָך איהר, און עס ווייס נישט, צו וואָס עס בענגט און לעכצט.

עס שטאַרבּט אַ דור. און עס שטעהט אויף אַ נייער דור, און נאָר די בעסטע און שענסטע פון מענשליכען געשלעכט ווייסען דאָס און דערצעהלען עס זייערע קינדער, אַז ס'איז פאַרהאַן אַ געטליכע ברום, וואָס קיינער האָט זי נישט געזעהן, און וואָס אַלע בענקען צו איהר, זייט דער מענש האָט געגעסען פון עץ הדעת און האָט זיך פערזינדיגט.

* * *

פאַרהאַן אַ ברום, אַ געטליכע ברום, גלויבּט דאָס!

יעדען פריה=מאָרגען, ווען עס עפענט זיך די טויערען פון הימעל, קומען מַלְאָכִים מיט פייערדיגע ריטער און הייסען די זון אַרויסגעהן לייכטען אויף דער וועלט. דעמאָלט וויינט די זון ביטער און וויל נישט פאָלגען.

— אַח, ווי איבערדריסיג דאָס איז — וויינט זי, — וואָס פאַר אַ מאַטערניש דאָס איז, טאָג=טעגליך דורכצוגעהן דעם איינענעם וועג! יעדען טאָג צו שלעפּען זיך פון מזרח צו מערב, צו הערען יעדען

טאג די זעלבע זיפצען און קרעכצען, און זעהן יעדען טאג די זעלבע טרעהרען און אונרעכט אויף דער דאזיגער ערד.

אזוי ווייגט די זון, און די מלאכים מיט די פייערדיגע ריטער שלאגען זי און שרייען! „געה ארויס לייכטען!"

נאך ביטערער וויינט דעמאלט די זון, און אין אלע זיבען הימלען ציטערען איהרע זיפצען.

נאר אין דעם העלען אבגלאנץ, וואס צעגיעסט זיך פון מזרח־זייט אויף דער ערד, בעוויזט זיך די ווונדערליכע בלום. איהרע פערשלאסענע קנאספען עפענען זיך, און זי שפרייט אויס איהרע בלעטער קעגען די זון. דעמאלט געשיעהט דאס גרויסע וואונדער: ווי נאר די זון דערזעהט די בלום, פערגעסט זי איהר שווער געמיטה, פערגעסט אלע קוואלען און אלע אונרעכט, אלע טרעהרען און אלע זיפצען, וואס זי האט געזעהן אויף דער וועלט. און ווי נייגעבוירען מיט נייע פרישע האפנונגען, מיט א נייעם גלויבען און מיט נייער ליעבע געהט זי ארויס צו לייכטען אויף דער ערד און צו וועקען נייע האפנונגען, נייע ליעבע און גלויבען.

אזוי געהט זי דורך איהר וועג פון מזרח צו מערב. נאר וואס נעהנטער זי קומט צו׳ם אונטערגאנג, אלץ שוואכער ווערען איהר האפנונג און ליעבע און גלויבען, אלץ מעהר דערוועקט זיך איהר אלטער פערדרוס. און ווען זי האלט שוין ביי׳ם אונטערגעהן, וואקסט איהר האס צו דער בלום, וואס נארט זי ארויס יעדען טאג, און זי צעפלאמט זיך פאר כעס, און דער הימעל ווערט רויט. —

דאס איז דער וועג פון דער זון, פול האפנונג געהט זי אויף פול פערדרוס געהט זי אונטער.

* *

*

פארהאן א בלום, א געטליכע בלום, גלויבט דאס!
און עס וועט קומען א צייט, ווען די וועלט וועט פול ווערען

וויסען און גערעכטיגקייט, אַזוי ווי דער ים־וואַסער. די בלום וועט דעמאָלט איינגעפּלאַנצט ווערען אין מענשליכען ישוב, און מענשען וועלען זי זעהן, און עביג פריש וועט זיין זייער ליעבע און האָפנונג און גלויבען, און העלער וועט די זון לייכטען, און אַ וואָרף מיט אַ שעפּס וועלען זיך פּאַשען צוזאַמען, אַזוי ווי ישעיהו בן אָמוץ האָט נביאות געזאָגט.

מען וועקט.

איבער דעם קליינעם איינגעשלאפענעם שטעדטעל שוועבט א העלע, פראסטיגע ווינטער-נאכט. די לבנה אין בלאען הימעל איז קיילעכדיג און ריין, און א בלאהיבלע, דינע ליכט דערפילט די לופט, און בעדעקט די קליינע, איינגעבויגענע הילצערנע הייזלעך. נאר דער קוימען פון דער איינציגער גרויסער פאבריק אין שטעדטעל און דער הויכער טהורם פון דער קירכע רייסען זיך אין דער הויך און מאלען שווארצע פלעקען אין דער ריינער לופט.

אקעגען די טויזענדער שטערען, וואס פינקלען אין ריינעם הימעל, שיקען די געפרוירענע שניי-שטערענדליך צוריק פון דער ערד מיליאנען שטראהלען, וואס ציטערען אין דער לופט. די לופט איז קאלט, שטייף און רוהיג, עס בעוועגט זי נישט קיין מינדסטער ריהר, און שטיל איז ארום. די קליינע, הילצערנע הייזלעך בייגען זיך צו צו-דער ערד, איינגעשלאפען און פערחלומ'ט, און פון זייערע פענסטער קוקט ארויס די שווארצע פינסטערניש. פון עפיס א פענסטער שלאגט ארויס א שוואכע, ציטריגע שיין, און פון דארט דערהערט זיך טהיילמאל א וויינענדיג, דערשטיקט קול: א קראנק קינד וועקט זיך און וויינט. באלד דערהערט זיך פון דארט דאס געקלאפ פון וויעגעל, וואס בעוועגט זיך מיט א גלייכען טאקט. דאס קול פערשטומט, דערנאך אויך דאס געקראפ פון וויעגעל — און די רוהיגע, פראסטיגע נאכט הערשט ווידער שטיל און רוהיג.

און פעסט ארומגענומען פון דער נאכט, שווייגט שטיל די וועלט, א שטייגער, זי וואלט מורא האבען א מויל צו עפענען פאר דער שענער מעכטיגער נאכט קעניגין; נאר דער פערשייטער

שטאָדט־זייגער איז נישט איבערגעשראָקען. יעדעס פֿירטעל־שעה קלינגט ער אָן, און גיעט איבער דער נאַכט אַ קורצע לאַקאָנישע בעריכט, ווי שפּעט ס'איז, ווי לאַנג זי, די נאַכט, האָט נאָך צו הערשען איבער דער וועלט.

— קרום... קרום... עס האָט פֿיר געשלאָגען. נאָר די נאַכט, ווי זי וואָלט קיין זייגער־לשון נישט פֿערשטאַנען, און ווי זי וואָלט איבערגעצייגט געווען, אַז זי וועט אויף עביג הערשען — בלייבט ווידער שטיל, רוהיג און מאַיסטעטיש.

מענשען שלאָפֿען שוין לאַנג מיט אַ פֿעסטען נאָך־האַלבען נאַכטיגען שלאָף, רוהען אויס די מידע ביינער און דעם דאַרען מוח יעדער אויף וואָס ער קאָן: דאָס יונגוואַרג ליגט אויף האַלב צו־בראָכענע בעטלעך, צוגערוקט איינעם צו'ם אַנדערען, אום צו דער־וואַרעמען דעם קאַלטען גוף, און דאָס אַלטוואַרג ציטערט אויף די אָבגעקיהלטע אויבענס. אין די יידישע הייזער איז דער אויבען לער, פֿאַר דאָס ליגען צוזאַמענגעפּרעסט, ווי סחורה אין אַ קאַס־טען איינגעפּאַקט, אין מאָדנע שלאָף־בענק, פֿערוויקעלטע הענטלעך און פֿיסלעך; עטליכע קליינע, בלייכע קינדישע פּנים'ער קוקען אַרויס, און יאַרמעלקעס וואַרפֿען זיך דערנעבען אַרום. און אויף די אַלע פּנים'ער, אין די בעטען און אויף די אויבען, אין יידישע און אין קריסטליכע הייזער, ליגט אויסגעגאָסען עפּעס אַ מין צופֿריע־דענהייט, און מיט די נעזער שנאָרכען זיי אויס אַ לויב־ליעד צו דעם גוטען דערבאַרמהאַרציגען בעשעפֿער, וואָס האָט בעשאַפֿען פֿאַר זיי אַזאַ מין גוטע נאַכט, אַזאַ מין זיסען שלאָף.

דער קליינער ווייזער פֿון שטאָדט־זייגער רוקט זיך אָב פֿון דער 4 און גיעדט נעהנטער צו דער 5. פֿון די טרעפּען פֿון אַ געוועלב הייבט זיך אויף דער מאַרק־וועכטער, געניצט אָב מיט אַ ברייט־אָפֿען־מויל און געהט אַ היים שלאָפֿען. דער רוהיגער לופֿט צוריידעט אַ שריישענדיגער „קוקעריקו".

עס דאכט זיך די נאכט האט אין גאנצען א ציטער געגעבען זי שרעקט זיך פאר איהר סוף.

— קלום... קלום... — עס האט 5 געשלאגען.

און אין דער זעלבער סעקונדע דערהערט זיך א לאנג אויסגע־צויגען פייפען פון דער פאבריק. דאס פייפען ציהט זיך דורך דער לופט, בעוועגט זי אין דער לענג און אין דער ברייט, און דרינגט אריין דורך די פענסטער אין די שטיבער און וועקט:

— פססס... שטעהט אויף מענשען! שטעהט אויף צו דער ארבייט!

און עטליכע סעקונדען ארום הייבט זיך דאס יונגוואַרג אן צו הייבען אויף די בעטען, דרעהען זיך נאך עטליכע מאל איבער פון איין זייט אויף דער אנדערע, גענויצען און שטעהען אויף.

א יונגע מוטער, וואס האט ערשט די אויגען געעפענט, האפט איהר קינד אנזייגען, שטופט מיט געוואלד דעם קינד די ברוסט אין מויל אריין: דאס קינד ברויך דאס זייגען געניג צו האבען ביז 12, ווען זי קומט א היים אויף מיטאג. דאס יונגוואַרג וואשט זיך איילענדיג, לעגט אין די טאשען דאס ברויט, וואס ליעגט אנגע־גרייט אויף די טישען פון נעכטען.

די לופט אין דרויסען איז ווידער שטיל; נאר דער קירכען־גלאק הייבט זי יעצט אן צו בעוועגען.

גלייך און געלאסען קלינגט ער; באלד רופט זיך אן א צווייטער, וואס קלינגט נידריגער פאר'ן ערשטען, נאר גיכער, און די שטימען פעראייניגען זיך אין א טרויעריגער הארמאניע.

און דאס קלינגען טראגט זיך אין די לופט, גנבה'ט זיך דורך די פענסטער אין די שטובען אריין און וועקט:

— קלום־קלום־קלום... קלום־קלום־קלום... שטעהט אויף, שטעהט אויף מענשען גאט צו דיענען!

עס רודערט זיך אויף די אויבען די אלטע קראצען זיך, גע־ניצען און שטעהען אויף.

אויף דער גאס הייבט זיך אָן צו ריהרען, עס דערזעהען זיך מענשליכע פיגורען: אלטע און יונגע, מענער און ווייבער אײלען אין צוויי זייטען: די יונגע אין דער פאבריק, און די אלטע אין דער קירכע.

עס עפענען זיך די יידישע געוועלבער, דער שמש שלאָגט מיט'ן האמער און וועקט דעם עולם דאַווענען. בעלי־מלאָכות מיט טלית און תפלין אונטער'ן אָרום אײלען אין בית־המדרש אריין.

נאָך אין א צייט ארום האָט דער שטאָדט־זייגער אויסגעקלונגען 7 און האָט פערצעהלט, אז באלד וועט די זון זיך בעווייזען.

און פון אונטער די נידריגע הייזער איז ארויס די זון, רויט און פריש, און האָט צושוקט אין אלע זייטען ליכטיגע, דערקוויקענדיגע שטראַהלען, און די שטראַהלען האָבען דורכגעוועבט מיט מאָרגען־ליכט די לופט, און דורך די שויבען אין די שטובען אריין געשלאָגען און געוועקט:

— שטעהט אויף מענשען, שטעהט אויף צו דינען זיך זעלבסט! הייליג איז דער מענש!

נאָר די שטראַהלען האָבען שוין קיינעם אין בעט נישט גע־טראָפען, מענשען דינען שוין לאנג: ווער ביי לייטען ווער ביי גאָט.

די זון האָט א בעזען בליק געוואָרפען אויף דער ערד און זיך בעהאלטען אונטער א שווערען וואָלקען...

דאָס בוימעל.

(אַ מעשה).

דאָס קליינע, דאַרע בוימעל בויגט זיך צו מיר די פערטרי־קענטע צווייגען מיט דעם רעשט פערוועלקטע בלעטלעך, און קלאָגט זיך:

— שלעכט! — זיפצט עס — אין מיינע בעסטע יאָהרען, אין דער יוגענד מיינער, דאַר איך און וועלק־אָב און געה אויס. נישט קיין שוואַך בעשעפעניש האָט מיך די מוטער־ערד געבאָרען, גאָט האָט מיך אַזוי נישט בעשאַפען. אָ, ניין! שטאַרק און געזונד בין איך געווען און האָב געהאַט אַ שעֿנע יוגענד, גוטע האָפנונגען און ליעבע חלומות; דער רעגען האָט מיך געשפייזט, די זון גע־האָדעוועט, און איך בין געווען יונג, פריש, לוסטיג — און גליקליך.

זעהסט דו דעם גרויסען בוים, וואָס וואַקסט דאָ נעבען מיר? זעה, ווי הויך, ווי שטאַרק ער איז! שטאָלץ ציהט ער זיך קעגען הימעל און רוישט מיט זיינע פולע צווייגען און מאַכט פול מיט זיין גערויש די גאַנצע לופט אַרום... מיר זענען צוזאַמען געוואַק־סען, ווי אַ צווילינג, און צוזאַמען האָבען מיר געחלומ׳ט גוטע זיסע חלומות.

מיין יוגענד! נאָך איידער זי צובליהט, איז זי שוין פער־וועלקט.

איך האָב געחלומ׳ט און געהאָפט. יעדעס יאָהר אַ נייע שאָל אַרום זיך בעקומען, דיקער און העכער געוואָרען, און מיינע וואָרצלען האָבען זיך טיעף איינגעגראָבען און געזויגען פייכטקייט פון דער ערד. פרישע יונגע כחות האָב איך אין מיר געפיהלט, און

אונגעדולדיג האָב איך געוואַרט אויף דעם טאָג, ווען איך וועל אויס קינד ווערען, איך וועל ווערען אַ גרויסער, געזונדער, דערוואַקסענער בוים, וואָס שפּרייט ווײַט אויס זײַנע צווײַגען, וואָס פֿערשפּרייטען אַרום זיך אַ גרויסען געדיכטען שאָטען... אַ בוים בין איך אין מײַנע בעסטע יאָהרען, איך וועל וואַקסען און וואַקסען, צונעהמען אין דער דיק און אין דער הויך; ווער עס וועט מיך זעהן, וועט זיך קוויקען מיט מיר, יעדער פֿערבײַגעהענדער וועט זיך אָברוהען אין מײַן שאָטען און וועט מיך בענשען...

די גוטע יונגע גליקליכע יאָהרען! — ליעבען און געליעבט זײַן האָב איך געוואָלט...

עס בלאָזט אַ קאַלטער פֿײַכטער ווינד. דאָס בוימעל גיט אַ ציטער און קאָרטשעט זיך אײַן פֿאַר קעלט.

— מיר איז קאַלט — קלאָגט עס זיך ווײַטער — איך קאָן נישט פֿערשטעהן, צו וואָס טויגען די ווינדען? אַבי נאָר צו בעאונרוהיגען...

אַזוי — הייבט עס אָן צוריק צו דערצעהלען — איך האָב געחלום'ט און געהאָפֿט, און איך געדענק אַ שענעם וואַרעמען הייסען זומער־טאָג נאָך אַ רעגענדיגער נאַכט. די זון האָט מיך בעשאָטען מיט איהרע שטראַהלען, און מײַנע וואָרצלען האָבען געזויגען די פֿײַכטקײַט פֿון דער ערד. גליקליך בין איך מיר געשטאַנען און געקוקט אויף מײַן שאָטען, וואָס איז געלעגען אַרום מיר. די לופֿט איז געווען רוהיג, קיין ווינטעל האָט נישט געבלאָזען, און איך בין געשטאַנען און האָב געקוקט אויף מײַנע צווײַגען און מײַנע בלעטער, וואָס זענען אויסגעמאָלט אויף דער ערד: און האָב נחת געקליבען. דאָס אַלץ איז מײַן, דאָס בין איך" — האָב איך געטראַכט. איך האָב אומישנע בעוועגט אַ צווײַג און בין צופֿריעדען געווען צו זעהן, ווי באַלד האָט זיך אויך דער שאָטען אויף דער ערד בע־

ווענט. אזוי האָב איך זיך געשפּיעלט, אזוי איז דורך דער שענער טאָג.

און פאַרנאַכט האָב איך דערזעהן פון דער וויַיטען אַ יונג שען פּאָר קומט אָן, פערליעבטע, דאַכט זיך. זיי זענען מיעד געוועזן און האָבען געזוכט וואו אָבצורוהען זיך אין שאָטען.

מיַין האַרץ האָט אַ ציטער געגעבען — פאַר פרייד. צי נישט וועלען זיי מיַין שאָטען אויסקלייַבען, ביַי מיר אָבּרוהען? אַ גרויסער־דערוואַקסענער בין איך; גאָט דו מיַינער, ווי שען, ווי קרעפטיג־פריש איך בין!

און זיי זענען נאָהנט צוגעקומען און געזעצט זיך אָבּרוהען אין מיַין שאָטען!

מיַין האָפנונג איז ערפילט געוואָרען, אַ בוים בין איך!

צווישען מיַינע צוויַיגען האָט אַ פויגעל געזונגען, פון אונטער מיר האָב איך געהערט אַ שטיל גערוימעריַי פון די פערליעבטע. פון זייערע אויגען האָט דאָס גליק געשטראַהלט, נאָר איך האָב זיי נישט מקנא געוועזן. אָ, ניין! דער גליקליכער איז נישט מקנא.

די זון האָט זיך נידריגער אַראָבגעלאָזט, דער הימעל איז בעגאָסען געוואָרען מיט פּורפּור; מיַין שאָטען איז אַלץ לענגער געוואָרען, געצויגען זיך איבער דער ערד און האָט זיך צרויפגעכאַפּט אויפ׳ן פלויט דאָרט... זעהסט?

איצט וואַרפט מען דעם פלויט איַין. אַהויז וועלען זיי דאָ אויפבויען. צו וואָס? פרעג איך. אַבי נאָר צו בעאונרוהיגען!...

דאָס בוימעל פערטראַכט זיך אומעטיג, שוויַיגט אַ וויַילע און דערצעהלט וויַיטער:

איך בין גליקליך געוועזן. שכּור פון גליק בין איך געשטאַנען און בעהערשט פון ליעבליכע געדאַנקען. פּלוצלונג דערפיהל איך אַ וועהטאָג אין אַ וואָרצעל. „דאָס גראָבט זיך דאָס בלינדע בעשעפעניש איַין טיעף אין דער ערד״ — האָב איך געטראַכט און גאָר זיך

נישט געמאַכט דערפֿון. נאָר דער וועהטאָג האָט נישט אויפֿגע־הערט, נאָר נאָך גרעסער געוואָרען פֿון מינוט צו מינוט. עפּעס אַ שאַרפֿע האַרטע זאַך דריקט און פּרעסט מײַן וואָרצעל און הערט נישט אויף. וואָס זאָל דאָס זײַן? עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אײַנער פֿון די וואָרצלען פֿון אַט דעם בוים, וואָס שטעהט נעבען מיר, איז אַרײַן אין מײַן רשות און שטופּט מיך.

— וואָס ווילסט דו, מײַן שכן? — האָב איך איהם געפֿרעגט גאַנץ רוהיג.

אין אָנהויב האָט ער זיך געמאַכט נישט הערענדיג. נאָר אַז איך האָב שוין עטליכע מאָל געהאַט געפֿרעגט, האָט ער ערשט געענטפֿערט:

— אַהאַ דו ביזט דאָס, מײַן שכן! און איך האָב נישט גע־וואוסט. בײַנאַכט האָט געדעגענט, און די זון האָט הײַנט געשאָטען מיט ליכט — אַ פֿערגעניגען! זעה נאָר די יונגע דאָ אונטער דיר — ווי שען זיי זענען! אויף מײַן עהרליך וואָרט, אַ פֿערגניגען צו זעהן ווי זיי שפּיעלען זיך. חאַ, האַ, חאַ!...

נישט ווילענדיג האָב איך בעטראַכט דאָס יונגע פּאָר און האָב געקליבען נחת.

נאָר דער וועהטאָג הערט נישט אויף. מײַן וואָרצעל ווערט געדריקט.

— וואָס ווילסט דו דען דאָ? — פֿרעג איך מײַן שכן.

— גאָרנישט, מײַן ליעבער חבר, ענטפֿערט ער מיר גוטער־הייד — מיר איז ענג, פֿערשטעהסט דו מיך. נאָכ'ן רעגען איז מײַנס אַ צווײַג אויסגעוואַקסען מיט אַ גאַנץ צאָל... אַנ'אינטערעסאַנטער פּאַר, נישט אמת? און איך מוז לענגער מאַכען מײַנע וואָרצלען. זײַ אַזוי גוט און פּערבויג דײַן וואָרצעל אָן אַ זײַט. דו ביזט דאָך אַ גוטער חבר, איך קאָן דיר, טהו אַ טובה פֿאַר אַ שכן און אַ גוטען פֿרײַנד.

און רעדען קאָן ער, אַ געשליפֿענע צונג האָט ער, אַ טאַ־

לעֶנט, זאָג איך דיר. פֿערעל שיטען זיך איהם פֿון מויל.

עֶר האָט מיך איבערגערעדט און איך האָב איהם צוליעב געטהון און פֿערבויגען מיין וואָרצעל אָן אַ זייט, חאָטש איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אַז מיר וועט דערפֿון אַרויסקומען אַ שאָדען, עס וועט מיך קאָסטען עטליכע בלעטלעך, וואָס וועלען אָבוועלקען אָהן היונה.

עטליכע טעג זענען פֿערביי, ער קומט ווייטער און נעהמט דריקען אַ וואָרצעל מיינעם.

— וואָס ווילסט דו ווידער? — פֿרעג איך שוין בעז. ער אָבער ענטפֿערט מיר אַרץ ווייך און גוט:

— גאָרנישט, אויף מיין ערליך וואָרט: אַט דער צווייג מיינער איז אויפֿגעוואַקסען מיט אַ גאַנצער האַלבער איל, קאָנסט זעהן, אויב דו גלויבסט מיר נישט. פֿערבייג, איך בעט דיך, אַ ביסעל דיין וואָרצעל אָן אַ זייט. מיר זענען דאָך עפּעס חברים.

און ער לויבט מיך זעהר. נישט ער וויל מיר שלעכטס טהון, מיך אָנטהון אַ וועהטאָג, חלילה! אַדרבא, ער האָט מיך זעהר ליעב.

— היינטיגע צייטען — זאָגט ער — ווערען וואָס אַ מאָל ווענינער אַזעלכע פֿיינע, גוטע הערצער ווי דו האָסט. אַ מאַטעריאַליסטיש דור. איך האַלט עס מיר פֿאַר אַ כבוד, וואָס דו ביזט מיין שכן.

ער בעט ביי מיר פֿערצייהונג, וואָס ער בעאונרוהיגט מיך, נאָר איך האָב שוין אָנגעהויבען צו פֿיהלען, אַז ער ברויך קיין פֿער־צייהונג נישט צו בעטען און צו רעדען ווייך, אַז ער איז שטאַרקער פֿאַר מיר, און איך — שוואַכער.

— קאַלט — קאַלט — קלאָגט זיך דאָס בוימעל און דערצעהלט ווייטער — עפּעס מאָדנע ווינדען בלאָזען. מען זאָגט, אַז דער פֿריה־לינג איז נאָהענט. דעם אמת וועל איך דיר זאָגען, איך גלויב נישט, וואָס מען רעדט דאָרט... וועגען דעם גרויסען בוים האָב

איך דיר דערצעהלט? יאָ, מיין לאגע איז געוואָרען ערגער פון טאָג צו טאָג. מיינע צווייגען האָבען אָנגעהויבען דאַרען, די בלעטער־וועלקען. איך האָב אָנגעהויבען צו קרענקען, צו טריקענען. איך בין געוואָרען בעז, אויפגערעגט; האָב געשריען, געשאָלטען, און ער האָט געטענה'ט דאָס זעניגע: — וואָס שרייסט דו, נאַרעלע? צי מיין איך דען דיר שלעכטס צו טהון? דאַרפסט דאָך אַליין פערשטעהן: מעהר צווייגען, מעהר וואָרצלען, זעה נאָר ווי דיק, ווי גרויס איך בין! מיינע צווייגען האָבען זיך פערמעהרט, מוזען זיך אויך די וואָרצלען פערמעהרען, איך מוז זאָרגען חיונה פאַר אַלע. דיר גלויב מיר, האָב איך ליעב, זעהר ליעב...

איינמאָל האָב איך איינגעדרעמעלט פאַר שוואַכקייט, און ער האָט זיך צוגע'גנב'עט און גענומען בויגען מיינס אַמיטעלסטען וואָרצעל. איך בין אויפגעוואַכט געוואָרען פון דעם אונגעהויערען שמערץ און האָב גענומען שרייען צו'ם הימעל מיט אַ פערביטערט קול.

אויף מיין געשריי איז געקומען צופליהען פּריאל, דער מלאך, וואָס האָט צושאַפען איבער אַלע פלאַנצען. דער מלאך האָט מיך אָנגעקוקט מיט זיינע לויטערע אויגען, מיט גרויס רחמנות. „ליידער — האָט ער געזאָגט — קאָן איך גאָרנישט העלפען".

— גערעכט ביזט דו, אָרים, דאַר בוימעל נעבאַך! — האָט ער מיך געטרייסט — נאָר די וועלט פיהרט זיך אַזוי, און איך קאָן נישט ענדערן די פיהרונג פון דער וועלט.

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען האָב איך אויסגעהערט אַזאַ טרייסט.

אַנ'אַנדער מאָל האָב איך פאַר גרויס פערביטערונג אָנגעהויבען צו וויינען מיט טרעהרען פאַר מיין שכן:

— האָב רחמנות — האָב איך געבעטען — לאָז מיך לעבען! אָך, גאָט דו מיינער! לעבען וויל איך, לעבען!

און ער האָט געענטפערט:

— וואָס קאָן איך דיר העלפֿען, בידנע בוימעל? וואָס שרייסט דו דען אזוי און מאַכסט געוואַלטען אַזש ביז צו'ם הימעל? דו מיינסט, דו ביזט איינער אַזעלכער אויף דער וועלט? זעה: דאָ, דאָרט! זיי וועלקען אויך. וואָס טויגען קליינע דאַרע קראַנקע בוימלעך? גאָט האָט זיין וועלט בעשאַפֿען פֿאַר גרויסע, דיקע, געזונדע און שטאַרקע בוימער. אַזוי איז זיין ליעבער ווילען, און קלאָגען זיך קעגען איהם איז אַ זינד. אַזוי איז גאָט'ס גערעכטיגקייט...

— ליגנער דו — האָב איך אויסגעשריען מיט כעס — גערעכט בין איך, נישט דו, אַזוי האָט דער מלאך געזאָגט...

— דער מלאך האָט געזאָגט — האָט ער געשמייכעלט — דו וועסט האָבען עולם הבא...

און רעדענדיג האָט ער גענומען בויערן מיין וואָרצעל.

אַזוי, מיין פֿריינד, וועלק איך און דאַר אָב און געה אויס. קאַלט! מיין איינציגע נחמה איז, אַז גערעכט בין איך, אַז איך וועל שטאַרבען מיט אַ רוהיג געוויסען.

דאָס בוימעל איז שטיל געוואָרען, ווי עס וואָלט זיך פֿערטראַכט און דערמאָהנט זיך די יונגע יאָהרען, די יאָהרען פֿון גליק און האָפֿנונג, און פּלוצלונג ערוואַכט עס און וויינט ביטער:

— ער איז דאָ! ער בויערט! גאָט דו מיינער, לעבען וויל איך, לעבען! אַ שוואַרצע קראָה פֿליהט דורך אויף דאָס געשריי און מאַכט פֿול די לופֿט מיט איהרע געשרייען.

לידער.

די פערלאָזטע כלה.

(פאָלקס מאָטיוו).

I.

ברעטליך קויף איך מיר פאַר געלד.
שלאָג איך זיי צוזאַמען,
בוי איך מיר אַ שיפעלע
צו פאָהרען איבער ים׳ען,

לאָז איך מיך אין וועג אַריין,
אין וועג אין ווייטען;
שפּרייט איך מיר אַ זעגעל אויף,
אַ לאַנגען און אַ ברייטען.

שפּרייט איך מיר אַ זעגעל אויף,
בלאָזט איהם אויף דער ווינד. —
ווינד, דו ווינד, מיין שיפעל טראָג
צו יענעם ברעג געשווינד.

אויפ׳ן ברעג פון גרויסען ים
איז אַ שטאָדט פאַרהאַן
געהט זיך דאָרט שפּאַציערענדיג
אַ בלאָנדער יונגערמאַן.

רעדט און שמייכעלט חנ׳עוודיג,
לאַכט און זינגט אַ ליעד...

וויסט ער האָטש, אוי פיהלט ער האָטש
מיין הארץ, מיין שווער געמיטה?!

II.

צווישען טאָג און נאכט ביי'ם גרעג
בלייבט מיין שיפעל שטעהן;
זעה איך איהם שפאציערען דאָרטען
מיט א מעדעל געהן.

האָט ער מיך דערזעהן און שרייט:
„רחל'ע דו־מיין!"
לויפט ער צו און שפּרינגט צו איהר
אין שיפעלע אריין;

קושט ער מיך און האלזט ער מיך
נעמט ער מיך ארום...
פלוצלונג לויפט דאס מעדעל צו
און קעהרט מיין שיפעל אום!

פאלען מיר אין ים אריין,
שלינגט א פיש אונז איין...
שווימט אוועק מיין שיפעלע
טרויעריג, אליין.

שווימען שווימט עס טאָג און נאכט
ביזע ווינדען יאָגען...
ווער עס וועט מיין שיפעל טרעפען,
זאָל ער קדיש זאָגען.

* * *

אשא עיני אל ההרים וגו׳.

(תהלים קכ״א).

טרױעריג שטעה איך אין דעם טהאָל.

וואו בעגראָבען ליעגט מײן גליק;

אויף די הויכע וויסטע בערגער

פאַלט מײן טריבער שווערער בליק.

וואו אהין, אוי, זאָגט מיר בערגער,

פליעסט מײן לעבען טרויריג, שטיל?

אוי, די הויכע פעלזען, זאָגט מיר,

וואָס איך האָב און וואָס איך וויל?

און עס גלאָצען שטום די פעלזען

צו דעם הימעל, ווי פערקלערט,

אוי זײ קלערען טיעף און טראַכטען,

וועגען תכלית פון דער ערד!

אַ תְּפִלָּה.

בעלײַכט מײן נשמה, דו עביגעס ליכט.

און לאָז זי נישט אויסגעהן אין חשך און שווערען,

וואָס האָט זיך צערלעגט אזוי שוואַרץ און געדיכט,

און האָט אויסגעלאָשען אין הימעל די שטערען.

ווי שווער איז מיין מזל! נאר וואנדרען און געהן
אהן ליכט און אהן וועג, אהן א הימעל און שטערען
מלחמה צו האלטען מיט זיך נאר אליין,
נישט זינגען און קיינמאל בעזינגט נישט צו ווערען.

ווי דארשט און ווי שטרעבט מיין נשמה אין מיר
א ליכט צו דערזעהן און די פליגעל צושפרייטען!
אמין איינציגען שטראהל טהו איך בעטען ביי דיר,
די ליכטיגע זון פון די פינסטערע צייטען!

עס בלייכט אויפ'ן הימעל מיין שטערן
און בלאנזשעט, ווי איך אויף דער ערד,
א, פרעג מיך נים — ווינקט ער מיר טרויריג,
איך וויים נים — וואס דיר איז בעשערט.

ווילסט וויסען, וואו ס'טראגט דיך דיין מזל?
דו זעהסט דאך, איך בלאנזשע אליין;
אוי, טונקעל איז היינט אין די הימלען,
נישט דא מעהר די געטליכע שיין!

מיר בלאנזשען, ווי שאף אהן א פאסטוך,
אין אייביגען וועלטאל ארום...
אח, פרעג נים קיין שאלות, מיין קינד, —
עס בלאנזשעט היינט אלץ אומעטום!

* *
*

נו, קום שוין, פערלאָז שוין דיין צולטהויז,
געפאַנגענעם קינד,
איך איַל אין מיין וועג, דאָך בעפרייען
דיך וויל איך אצינד.

און קורץ איז מיין לעבען! ווי שאָטען
פערשוואונדען די טעג;
און יאָהרען פערפליהען ווי וואָלקען, —
און וויַיט איז מיין וועג.

און וויסט און מיט דערנער בעוואַקסען...
דאָך שרעק דיך נישט — קום!
און וויקעל די הענדעליך דיינע
אין האַלז מיר אַרום!

איך טראָג דיך מיט אָפענע אויגען,
מיט מעכטיגע הענד,
וואָס ברעכען, ווי שאַרבען, די ריזיגע
מויערען און ווענד.

עס טרינקט זיך און זינגט דיין נשמה
אין קאָמפאָרט אין פוץ!
נישט דאָ איז דיין אָרט, וואו עס בראַנקט
און עס שפּיגעלט — דער שמוץ.

נישט דאָ איז דיין אָרט! אָ, דו האָסט נאָר
פערבראַוזשעט צו זיי!
נו, קום שוין און זאָל שוין דיין ברוסט
בעוועגען זיך פריי!

* * *

מיר ברענגט נישט קיין רוה
די פינסטערע נאַכט;
איך שטעה ביי דעם טייכעל,
איך שטעה און איך טראַכט...

עס ציהט זיך דאָס טייכעל,
געדרעהט ווי אַ שלאַנג,
און פליעסט זיך און געהט זיך
זיין עביגען גאַנג.

עס מורמלען די וועלען
און טאַנצען אוועק...
עס ציהט זיך דאָס טייכעל
איך שטעה און איך טראַכט...

עס שלאָפט ניט דער שטן,
ער כּשפט און רופט...
אַ ווילדער בית־עלמן
ערשיינט אין דער לופט.

עס שטעהען די בוימער
געהויקערט און קרום,
עס בראָנזשען פערדאַרטע
סקעלעטען אַרום.

און פלוצלונג, מיר דאַכט זיך,
איך האָב זיי דערקענט:
זיי האָב איך בעגראָבען
מיט אייגענע הענד...

— — — — — — — — — — — —

אוי וועה און חאַ-חאַ-חאַ, אוי-אוי.

(קאַפּלעטען).

I.

אַ שאָטען איז דעם מענשענס לעבען, —
אוי יאָ! עס איז אזוי.
ער יאָגט דאָס גליק און טרעפט דאַנעבען
און יאָגט און פּאַרט. אוי-אוי!
חאַ-חאַ! ער יאָגט און לויפט!
אוי-וועה! דאָס גליק אנטלויפט!
די צייט
פערגעהט;
אליין
בלייבט שטעהן
דער מענש און זעהט: דער קאָפּ איז גרוי!
ער פרעגט ערשטוינט: „וואו איז דער ציעל?"
און לאַכט מיט נאַר: „דער סוף פון שפּיעל!"
אוי-וועה און חאַ-חאַ-חאַ, אוי-אוי!

II.

די וועלט איז נאַריש און פערדאָרבען, —
אוי יאָ! עס איז אזוי.
זי האָט פיעל האַב און גוטס ערוואָרבען
און נויט — נאָך מעהר, אוי-אוי!
חאַ-חאַ! דאָס געלד בעגליקט!
אוי-וועה! די נויט דערשטיקט!
איך שעלט
די וועלט

מיט האַק
און פּאַק
און טראַכט דערביי מיר שטיל אַזוי:
און שלאָגט די וועלט זיך קאָפּ אין וואַנד,
בלייב רוהיג, הארץ! זיי קלאָר, פערשטאַנד!
אוי=וועה און חאַ=האַ=חאַ, אוי=אוי.

III.

מיין מעדעל איז אַ ליעד פון ליעדער, —
אוי יאָ! עס איז אַזוי.
אַ קרוין אַ קאָפּ, געטאָקטע גליעדער
און אויגען צוויי — אוי=אוי!
חאַ=חאַ! זי לאַכט און שטיפט;
אוי=וועה! זי בייסט מיט גיפט!
איהר בליק
גיעט גליק,
זי קושט —
דערפרישט,
איהר מילדקייט איז פריה=מאָרגען טהוי —
דאָך שפּיעלט זי יעצט אויף יענעמ׳ס שוים!
זיי רוהיג, הארץ, און לאַך דיך אוים!
אוי=וועה און חאַ=חאַ=חאַ, אוי=אוי!

פון מיכה ו'.

עס ציטערן טהורמען און וועררן צעשטערט,
עס וואַקעלט זיך שכור די זינדיגע ערד.
און איהר אַ, צופריעדענע, רוהיגע לייט,
פערמאַנצט און פערהוליעט די ביטערע צייט!
און זעהט ניט וואָס ס'טהוט זיך, און ווייסט ניט וואָס שאַפט
אויף מאָרגען די רויהע, די אייזערנע קראַפט;
און ליעגט אייך בערוהיגט אויף בעטען פון ביין,
ערוואַכט נאָר צו'ם פרעסען, צו'ם זויפען דעם וויין.
אויך האַרפען, ווי דוד, פערשאַפט איהר אייך פיעל
די צייט צו פערטרייבען אין לוסטיגען שפיעל.
נאָר טאַנצען, נאָר הוליען, נאָר זויפען און פרעסען,
אין פרעמדען אין אייגענעם לעבען פערגעסען!

„נישט צו שטראָפען אייך האָט
„מיך געשיקט אונזער גאָט! —
„אייך וועט טרעפען זיין שטראָף,
„ווי אַ דונער אין שלאָף...
„נאָר בעפוילען מיך האָט
„דער אלמעכטיגער גאָט:
„אייך אין פנים צו שפייען,
„אין די גאַסען צו שרייען:
„אוי, איך האַס און פעראַכט
אייער לעבען און פראַכט!...

דער נביא.

העם ההולכים בחשך

און זאל דער וואלקען זיין ווי דיק,
דאך שניידט איהם דורך מיין שארפער בליק.
און ווען דער עולם זאגט: „ס'איז נאכט”,
און ליגט פער'חשכט און פערשמאכט,
דען זעה איך געהן אין הימעל פריי
די ליעבע זון. און וועק און שריי:
ס'איז טאג! א וואלקען נאר פערשטעלט
די זיסע ליכט פון אייער וועלט.

עס בלאזט א ווינד. איך ווייס, איך הער:
קוים קומט דער שטורם נאר אהער
צערייסט ער באלד די שווארצע דעק
און טראגט די וואלקען ווייט א וועק.
דאס בלינדע פאלק! א העלע ליכט
בעשיינט מיין וועג און מיין געזיכט...

* *
*

און עס ציעהט מיך, און עס רייסט מיך
צו דעם טריבען, גרויען וואלד.
וואו די אלטע בוימער רוישען,
וואו די לופט איז שטארק און קאלט.

ווי דער שטורעם, וויל איך לויפען
פריי און ווילד און אונגעשטערט,
אלע פוילע, דארע בוימער
רייס איך גרויזאם פון דער ערד.

אהן רחמנות קעהר איך איבער
אלץ וואס איז פערפוילט און אלט;
בליהען זאל און וואקסען הויך
א געזונדטער פרישער וואלד!

איך קאן א מעדעל זעהר א שענס,
איך זיץ ביי איהר גאר גערן:
זי האט א לאנגען שווארצען צאפ,
א שבאלען גלאטען שטערן.

א מויל א קליינס, א פרישס, א רויטס,
וואס עפענט זיך גאנץ אפט;
צוויי ברוסטען קליינע, און א הארץ,
וואס ציטערט, און האפט.

ביי איהר אין שטוב איז אויפגערוימט,
דאס בעט איז צוגעבעט...
מיר זיצען, רעדען שעהן־לאנג —
איך ווייס נישט וואס מען רעדט:

די ליפען איהרע ריהרען זיך;
— וואס האט מארי געזאגט? —

„הײַנט האָט די מאַמע אונזער דינסט
פֿון שטוב אַרויסגעיאָגט".

— אַזוי? די דינסט? — פֿאַרטראַכט איך מיך
אוי־וויי! אַ מאָדנע זאַך...
איך וואָלט די ליפּען אויסגעקושט,
און זיך און רעד און לאַך.

און דרויסען פֿאַלט די נאַכט שוין צו;
„וואָס האָט איהר אײַך פֿאַרטראַכט?"
איך כאַפּ מיך אויף: וואו בין איך דען?
און זאָג: אַ גוטע נאַכט.

✽ ✽
✽

קאָן איך דען פֿאַרשטעהן,
וואָס עס איז מיט מיר,
אַז מײַן שטאָלצע קאָפּ
בייג איך אײַן פֿאַר דיר?

קאָן איך דען פֿאַרשטעהן,
וואָס בײַ דיר דערוועקט
מײַן פֿאַרליבטער בליק,
ווען ער בעט און פֿרעגט?

ריהרט ער שטיל דײַן האַרץ,
אָדער שרעקט ער דיך?
האָסט דו מיטלייד, קינד,
און בעדויערסט מיך?

אָדער לאַכסט דו נאַר
קינדיש, ווילד און פרײַ? —
. . . .
זײַ געזונד, מײַן קינד.
ל׳ליעב דיך מײַ-ווי-סײַ.

אַוויעג-ליעדעל.

ס׳לויפען, ס׳יאָגען שווארצע וואָלקען,
ס׳פײַפט און ברומט דער ווינד, —
פון סיבירען שיקט דײַן טאַטע
דיר אַ גרוס מײַן קינד!

נאָר דער ווינד, ער ברענגט אונז גרוסען
פון דעם קאַלטען לאַנד;
דאָרטען שטעהט ער אַ לאָפּאַטע
האַלט ער אין דער האַנד.

און ער גראָבט אַלץ טיעפער, טיעפער,
וואַרפט די ערד אַרויס,
ניט געזאָרגט דאָך! פאַר׳ן שקר
גראָבט ער קברים אויס.

ניט דער ערשטער, ניט דער לעצטער
פאַלט ער אויפ׳ן פעלד!
זאָרג ניט קינד מײַנס, דיך געבאָרען
האָט אַ גרויסער העלד.

אונ א העלד וועסטו אויסוואקסען,
שלאף זשע, שלאף אצינד;
זאמעל כחות פאר דער צוקונפט,
זאמעל, איינציג קינד!

וואָרום.

(פון הייגע).

וואָרום זענען די רויזען פערטרויערט און בלאס,
צי ווייסט דו נישט, ליעבסטע, פארוואס?
וואָרום ווייגען די פייכלעך מיט ציטריגע טרעהרען
און טוליען די קעפּעלך אין גראז?

וואָרום ביי'ם ליכטיגסטען שיין פונ'ם זונער
זינגען טרויעריג די פויגעל אזוי?
וואָרום שטעהען אין טרויער די בוימער,
איינגעהילט אין א בלאָהליכען טהוי?

וואָרום איז מיר דער ליכטיגער שטראהל
אזוי מאַט, אזוי טונקעל געוואָרען,
אז עס דאַכט זיך: די אָרימע וועלט
איז צו אנגסט נאָר און בענקשאפט געבאָרען?

וואָרום קלעמט מיר דאָס הארץ אָהן אנ'אויפהער
וואָרום פריהר איך אין פריהלינג פאר פראָסט?—
אָ, זאָג מיר מיין ליעבסטע, וואָרום דען וואָרום,
האָסט דו מיך פערגעסען, פערלאָזט?

האַפּיס*).

(אויסגעוועהלטע ליעדער).

1.

וואָס מיין הארץ טהוט מונטער קראַפּען?
וואָס דאָס זאָל בעדייטען? —
יאָ, עס ליעגט דער אַלטער האַפיס
היינט נאָך, ווי פאַר צייטען.

---

*) האַפּיס, דער גרעסטער פערסישער דיכטער, האָט געלעבט פאַר 600 יאָהר. זיין אייגענטליכער נאָמען איז מוחאַמעד-שעמס-עדין (זוהן פון גלויבען). האַפּיס (דער בעוואָרער) איז אַ טיטעל, אַ צונאָמען; מ'מיינט דערמיט דעם בעוואָרער פון קאָראַן. וואָס איז אַבקי אין איהם און געדענקט די מושלומאַנישע תורה אויסעוועניג. האַפּיס האָט פערבראַכט דעם גרעסטען טייל פון זיין לעבען אין אַ קלויסטער, צווישען דערווישען (פערסישע מאָנאַכען), און נאָך היינט ווערט ער גערעכענט צווישען די הייליגע פון מאַחאָמעד'ס גלויבען. זיינע ליעדער אָבער בעווייזען, אַז ער האָט געטראָגען אַ טיעפען האַס אין הארצען צו די פרומע און הייליגע. ער האָט ליעב געהאַט און האָט בעזונגען מיט ענטציקונג דאָס לעבעדיגע לעבען. עס רעדט פון זיינע ליעדער שפּאָט און פעראַכטונג צו די פערדרעהטע קעפּ וואָס האָבען פון גאָטס שענער וועלט געמאַכט אַ וויסטעניש און אַנ'אָבקומעניש.

מיט זיינע ליעדער איז געשעהן דאָס זעלבע, וואָס מיט אונזער שיר-השירים. די פרומע און הייליגע האָבען די ליעדער בעוואָרט, האָבען זיי פערהייליגט, נאָך דעם ווי מען האָט זיי אויסגעלעגט און אויסגעטייטשט. האַפּיס'עס ליעבע-ליעדער זענען געוואָרען משלים אויף טהעאָלאָגישע גריבלערייען, מען האָט אין זיי געפונען אַלץ מעגליכע, אויסער, פערשטעהט זיך, זייער דיכטערישער וואָהרהייט.

די איבערזעצונג איז געמאַכט לויט די דייטשע זאַמלונג פון בוימער און פרעטענדירט ניט אויף גענויאיגקייט. עס איז מיר געלעגען דערין, איבערצוגעבען האַפּיס'עס דיכטערישע פיזיאָנאָמיע, און צו בעקענען דעם לעזער מיט איינעם פון די גרעסטע וועלט-ליריקער.

וואָס שולמית*) אויגען גליהען?
ס'איז אַ שאַנד פֿאַר לײַטען! —?
האָפּ׳ס איז געבליבען, דער אַלטער,
הײַנט נאָך ווי פֿאַר צײַטען.

„ביזט שוין גראָה און אַלט געוואָרען,
ס'קומט דער טוידט צו'ם גרײַטען!" —
יונג איז דאָך מײַן הארץ, דאָס הײַסע,
הײַנט נאָך ווי פֿאַר צײַטען.

רופֿט דער טרויער-גלאָק מיך געהען
אינעם וועג, אין ווײַטען, —
כ'גײַה און זינג און קוש מיט פֿײַער
הײַנט נאָך, ווי פֿאַר צײַטען.

2.

און האָט דער טריבער קלויסטער
קײַן רוהע אונז געבראַכט. —
טאָ קומט צו'ם שענק יעצט, ברידער,
און זינגט און טרינקט און לאַכט!

3.

איך בין ווי יענער בעשעפֿעניש
סלמנדראַ: — כ'לעב אין פֿײַער.
און נאָר דאָס פֿײַער,
דאָס הײַסע, הײַסע,
איז מיר טהײַער;
און נאָר אין פֿלאַמען

*) דער נאָמען שולמית שטאַמט פֿון פּערסישען דיכטער, וואָס האָט זיך, קענטאג, בענוצט מיט דעם ביבלישען נאָמען.

װאָס בריהען, גליהען, ברענען,
בין איך בײַ זיך,
בײַ מיר צו הױז, —
איז מיך צו קענען.

4.

װילסט דו, שעהנע, מיט אַמאָל
אונז װײַזען עבּיג לעבען,
בעפעהל דעם מזרח־װינד
דײַן שלײַער אױפצוהײַבען.

5.

דער שטאַרקער, גרױסער גאָט
פון אונזער בּירנער װעלט
האָט אײַנגעפלאַנצט דײַן גײַסט
אין ערדישען געצעלט.

אומזיסט דאָס רײַסען־זיך,
דאָס שפּרינגען פון דער הױט;
ענטרינען װעסט דו ניט
פון ערדישען געצעלט.

געבענשט זאָל זײַן דײַן האַרץ!
און זאָרג ניט װעגען זינד,
װאָס שפּראָצט און װאַקסט מיט דיר
אין ערדישען געצעלט.

און גלױב: די ערגסטע זינד.
און מאַטערען דאָס האַרץ,
און שטענדיג רײַסען־זיך.
פון ערדישען געצעלט.

6.

איך פיהל קיין לוסט ניט מעהר, —
ווער האט זי צונעגומען?
איך זעה קיין זון ניט מעהר, —
וואו איז זי הינגעקומען?

פון פרישען פריהלינגס-הויך
איז מעהר קיין שפור געבליבען,
פערגיפטעט איז די לופט,
פערוועלקט — די שענע בלומען.

עס שווייגט די נאכטיגאל,
און שטאר און וועלק איז אלסדינג,
אהן ליעבע איז די וועלט,
און נאר די בייזע ברומען,

נאר קראהען שרייען ווילד, —
גאט'ס גנאד איז אויסגעראטען — —
אט איז א וועלט פאר זיי,
פאר זייער גייסט דעם פרומען!

7.

אך, יענע בלאע קלויסטער-העלדען
זיי קוקען גאליג-בייז אויף מיר,
איך לאך פון זיי, פון זייער שעלטען,
און קניה און בעט, מיין קינד, פאר דיר.

8.

ניט קומט צו מיין לויה
מיט טרעהרען און געוויין
קומט מיט בעכער!

קומט מיט וויין!
קומט מיט לוסט!
מיט ליעדער,
שענע, פרעהליכע,
פון דער פולער ברוסט
און זינגט און טרינקט:
פון אָרון דערהייב איך מיין גרייז=גראָהען קאָפּ
און הוליע מיט אייך מיט, פערלאפּט און גאלאָפּ
אין ווילדען טאנץ
פון טוידט און לעבען.

9.

דו געהסט אויף מיר, אָ, ראָד פון הימעל,
ניט הערען וועסטו קלאָגען מיך,
ווי קנעכט דערשלאָגענע געדריקטע,
פון נויט געשטיקטע!
איך געה אויף דיר, אָ, ראָד פון הימעל,
דער ריעז ער וועט צושלאָגען דיך,

10.

אָט איז אַ טיעפער ענין,
אַ קשיאָ, ניט פון אָרט צו ריהרען;
וואָס איז שולמית טאַליע? —
אַ גאָרניט קאָן מען זאָגען,
אַזוי דין און פיין און לייכט
און עפּים איז זי דאָך?
קאָנטראַסטען צוויי, אַ „יאָ” צוזאַם, מיט „ניין”,
ווי איז דאָס מעגליך?
ווי קאָן דאָס זיין? —

פֿערשטאַנד, פֿערשטאַנד, דו מײַן,
דו קלעהר און טראַכט דעריבער!

11.

וואָס שאַרלאַטאַנען ראַטען דיר
גיט הער, אַ קראַנקע וועלט!
דו נויג דײַן אויר צו האַפּיס'ען,
זײַן וואָרט איז פֿעסטגעשטעלט.

צוברעך די קייטען, רײַס די שטריק
און לאָז די ליעבע פֿרײַ:
דאָס איז אַ מיטעל אויסגעפּרובט
צו שמערצען אַלערלײַ.

12.

פֿאַר מיר איז נאָך אַ צווייפֿעל,
ווער ווערט איז מעהר, ווער־מינדערווערט
איך האָב געזעהן טײַוואָנים.
זאָס רײַטען אויפ'ן טוגענד־פֿערד.

און זאָגענדיג דעם אמת,
און אַלץ בעטראַכטענדיג גענוי:
פֿערדאָרבענהײַט און טוגענד –
אַלץ איינס! עס רעדט זיך נאָר אַזוי.

ליטעראטור-וויסענשאפט.

אין צוויי טייל

פערפאסט פון **א. ב. ראזענשטיין,** רעדאגירט דורך **מ. קרינסקי.**

די ליטעראטור-וויסענשאפט גיעט א פאלקאמענעם בעגריף וועגען די אלגעמיינע ליטעראטור בכלל און יידישע בפרט. זי בעטראכט יעדע ליטעראטור-פארם באזונדער און ערקלערט איהר בעגריף און אינהאלט, לויט די פערשידענע מוסטערן פון די בעסטע יידישע שריפטשטעלער.

די ליטעראטור-וויסענשאפט איז דעריבער אונגעהויער נוצליך פאר יעדען, וואס וויל זיך בעקענען מיט דער שענער ליטעראטור אין אלע איהרע פארמען, בכדי צו זיין אימשטאנד זעלבסטשטענדיג אבצושעצען דעם ווערט פון יעדען ליטערארישען ווערק.

די ליטעראטור-וויסענשאפט איז געשריבען אין א לייכטער אנציהענדער שפראך און ענטהאלט א גאנצע זאמלונג ווערק פון די בעסטע יידישע שריפטשטעלער.

די ליטעראטור-וויסענשאפט קאן דעריבער דיענען אי אלס לעזע-בוך, אי אלס לעהר-בוך אין שוהל און הויז צום אויסלערנען שרייבען מיט א ריינעם, גוטען ליטערארישען סטיל.

פארלויפיג איז ארויס פון דרוק דער ערשטער טייל.

פרייז 40 קאפ. פארטא 8 קאפ.

די אבאנענטען פון „ראמאנצייטונג", וועלכע שרייבען אוים דירעקט פון רעדאקציע, האבען פריי פארטא.

עס דרוקט זיך און אין גיכען

וועט ערשיינען דער צווייטער טייל.

פערלאג „ביכער-פאר-אלע" ווארשע, דלוגא 11.

טעלעפאן 90-87.

וויכטיג פאר אווענד-שולען

עס איז ערשיענען פון דרוק

דער יידיש-לעהרער

פון מ. קרינסקי.

ערשטער טייל.

פיערטע אויסגעבעסערטע אויסגאבע

פיבעל א פאלשטענדיגער קורס צום ערלערנען לעזען און שרייבען יידיש און העברעאיש, מיט פיעל איללוסטראציעס.

חרעסטאמאטיע פיעל ערצעהלונגען, בעשרייבונגען און לידער פון די בעסטע יידישע שריפטשטעלער, און נאטען.

בריעפענשטעלער מוסטערן פון אלערליי בריעף, וואס ווערען אפט בענוצט אין לעבען.

פרייז 40 קאפ'. פארטע 8 קאפ.

פאר אבאנענטען פון „ראמאנצייטונג" פריי פארטע.

פערלאג „ביכער-פאר-אלע", ווארשוי, דלוגע 11.—טעלעפאן 87-40.